שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

2258

03636 -

ISBN: 0-657-03134-8
Old Call#:, Vol.

בוכהאנדל. ה. בזשאזא ווארשע

BUKH FUN TSER

Sholem Asch

שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

זעקסטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03134

# DOS BUKH FUN TSER

## Sholem Asch

*Permanent preservation of this book was made possible*
*In honor of Jonathan Mest, Class of 2008 Lenape High School*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

## שלום אש

# דאס בוך פון צער

MADE in POLAND

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ ווארשע

קויפן און פארקויפן דאָס בוך אין אַמעריקע פאַרבאָטן

געדרוקט פון פריער צוגעגרייטע מאַטריצן
אין 600 עקזעמפלאַרן / ווארשע 1925

Copyright by Scholom Asch New-Jork 1921

דרוקעריי „די וועלט“ ווארשע, נאָוואָליפיע 7

SZ. ASZ SZRIFTEN

Wyd. „Kultur-Liga“ Warszawa 1925

Druk. „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7

# דער אידישער סאלדאט.

(ערצעהלונג)

דאס יאהר איז געווען דאס גרעסטע יאהר צייט מענשען גע־
דענקען, און די צייט איז געווען די הערליכסטע — דער רייפער זומער.
אלעס אויף די פעלדער און די לאנקעס, אין די גערטנער און אין די סע־
דער איז געווען רייף, אויסגעוואקסען און האט געווארט אויפ'ן שפיי־
כלער. די הויפען און די שפייכלערס זיינען געווען איבערפילט פון די
אראבגענומענע תבואות. די עפעל האבען געבויגען די צווייגען צו
דער ערד. די ברייט־בייכיגע ארבוזען און באנעס האבען זיך געבריהט
אין ווארעמען זאמד און נעגילדעט זייער אראנזשען קאליער אין דער
זונן, און די בלעטער פון וויין זיינען שוין געל געווארען פון רייפקייט.
די תבואות פון די פעלדער זיינען שוין געווען לאנג אראבגענומען און
צוזאמענגעלעגט אין קופעס אין די שפייכלערס און געווארט אויף
די דרעש מאשין. און די פעטע שעפסען זיינען געגאנגען אויף די
אבגעשניטענע פעלדער און אויפגעגעסען די פערגעסענע און
איבערגעבליבענע זאנגען. נאר בחנם האבען די תבואות געווארט אויף
די דרעש הענד, און מיט פערוואונדערונג האבען זיך די רייפע בלאהע
בעהויכטע פלוימען געוועקט יעדען פריה־מארגען און געקוקט אויף
זייערע געפאלענע חברים וואס פוילען אויף דער ערד, און נישט פער־
שטאנען פאר וואס דער גערטנער זאמעלט זיי נישט אין די טונען.
די פעטע וויין־הענגלעך האבען געבויגען זייערע דינע, געל אבגעברענטע
צווייגעלאך צו דער ערד און געווארט מיט אונגעדולד אויף דעם קלייבער.
אפילו די שעפסען, וואס דער קליינער שעפער־יונג האט יעדען פארנאכט

פון פעלד צוזאמענגעטריבען צום טייך, האבען זיך געליינט אין וואסער, גענארעט זייער געגרייזעלטע וואל אין וואסער זאמד און נישט גע־וואוסט פאר וואס עס קומט נישט דער שערער און בעפרייט זיי נישט פון די פעטע משא וואל וואס איז אנגעוואקסען אויף זיי.

בחינם האבען די תבואות אין די הויפען און די פרוכטען אין-די גערטנער געווארט אויף זייערע בעלי־בתים.

אין א שעהנעם נאכמיטאג איז דער גמינע שרייבער ארוים אין נאס פון דארף און מיט א טרומפייט צוזאמענגערופען די פויערים פון פעלד און זיי פארגעלעזען דאס פאפיער, וואס איז פון שטאדט צוגע־שיקט געווארען. און עס איז נישט אויסגעגאנגען קיינע פיער און צוואנציג שעה און דער פויער פון פעלד און דער גערטנער פון סאד, זיינען געווארען אין זעלנערשע מלבושים איבערגעטהאן. אלע האבען געקראגען איין אויסזעהן. עס איז שוין נישט געווען קיין פויער, נישט קיין פישער, נישט קיין קאוואל און נישט קיין טישלער — אלע זיינען זיי געווען סאלדאטען, בעלאדען פון קאפ ביז די פיס מיט כלי זין, אלע וועגען, אלע טייכען האבען זיי געפיהרט פון די דערפער, פון די שטעדט מענשען צו הרג'ענען, אדער אליין גע'הרג'עט צו ווערען.

דורך צעהנדליגער יאהרען האבען פאבריקען געהאלטען אין איין אויסארבייטען כלי משחיתים. צעהנדליגע טויזענדער מענשען זיינען געווען בעשעפטיגט דערביי, און זיי האבען מיט זייער חכמה און פלייס אויסגעגאסען פון מעטאל און בראנז גרויסע, גרויסע הארמאטען און צו־געפערטיגט צו זיי גרויסע גראנאטען, וועלכע זיינען געווען אנגעפילט מיט דינאמיט און אלערליי צושטערענדע מאטעריאלען. גרויסע חכמים זיינען געזעסען בעהאלטען אין זייערע חדרים און געקלעהרט טאג און נאכט ווי אויסצוגעפינען נאך גרעסערע כלי משחיתים און נאך גרע־סערע באמבעס, וועלכע זאלען זיין אנגעפילט מיט נאך געפעהרליכערע שטאפען וואס מעהר צו פערניכטען.

און יעצט פיהרען גרויסע שטארקע פערד, פיער געשפאנט, צו איין כלי משחית איבער די פייכטע, שווארצע פעלדער פון דער פוילישער פראווינץ קויאווע. נאך א טאג פריהער זיינען די לייכטע רייטער אויס־געריטען. געבראכט האט מען זיי פון דעם ווייטען זונענדיגען לאנד, וואס ליגט אין טהאל פון טייך טערעק, הינטער די קאווקאזע בערג. עס ציהען זיך אויף יענע ליכטיגע, פרעהליכע פעלדער ביי די טייכען פון דאן

און טערקּ פּרייע העלדישע יעגער, וועלכע רייטען אויף לייכטע פערד אין די סטעפּען ארום. און געפיהרט האָט מען זיי דאָ אהער און אויסגעשיקט פריהער אויסצוגעפינען דעם פיינד — מענש. דערנאָך האָבען זיך געצויגען גאנצע רייהען מענשען פון פארשיעדענע נאציאָנען: רוסען, רוטהענער, ליטווינען, פּאָליאקען, אידען — מענער פון פערשיעדענע לענדער. אלע האָבען זיי יעצט אויסגעזעהן גלייך, אלע אין די איינענע גראָהע ערדיגע יוניפאָרמען און אָנגעלאָדען מיט אַ ביקס אויף דער האַנד און מיט אַ ראַנעץ פון הינטען. און נאָך זיי פאָהרען די שווערע הארמאטען אין די פייכטע שווארצע ערד. די גרויסע, שטארקע פערד קרעכצען, שלעפּענדיג אין געשפּאַן די גרויסע וועגען, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעלאָדען אין מעטאלענע קאסטענס די באָמבען און די קוילען; און נאָך זיי, אין אַ אונענדליכע צאָהל, ציהען זיך וועגען קיכען, וואָס פּארשטעלען די לופט מיט זייער רויך. עס הויבט זיך אויף אַ שטויב פון די סטאדעס בהמות, וואָס מען טרייבט נאָך זיי. עס שלעפּען זיך וועגען פּאַר קראנקע פון רויטען קרייץ, איינצעלנע פערד, אויטאָמאָבילען, וועגען מיט ברויט, וועגען מיט קרויט און היי, אזוי אָהן אַ צאָהל, אָהן אַן ענד...

די אַרמעע פון גענעראל ל. וועלכע האָט נאָכגעיאָגט דעם פיינד אויף די פוילישע קויאווע, איז געבליבען רוהען אויף אַ גרוים פעלד אונטער קליינע בערגלאך. די ארמעע איז געבליבען אין רעזערוו און האָט געוואַרט אויף איהר רייהע צו געהן אין פראָנט. דערווייל אָבער זיינען די זעלנער געוואָרען אונגעדולדיג פון דער תמיד׳יגער בעוועגונג, פון לויפען פון איין פעלד אויפ׳ן צווייטען, אָהן צו געבען איין שאָס און אָהן אָנצוזעהן דעם פיינד אין די אויגען. ביז איצט האָט זיך די ארמעע געהאלטען אין איין איילען, אז עס איז נישט געווען קיין צייט נישט נור איבערצונעכטיגען אויף אַן אָרט, נאָר אפילו ווארעם געקעכץ צו עסען. מען האָט שוין איינינע מאָל אויף די ערטער, וואו מען איז געבליבען רוהען, אויסגעגאָסען פון די קיכען דאָס פּארטיגע געקעכץ, ווייל עס איז אָבגעגעבען געוואָרען דער בעפעהל זיך צו בעוועגען. עס האָט געהייסען, אז דער פיינד טרעט פלינק אָב אָהן אַ שלאכט און מען דארף איהם נישט לאָזען אָבשטעלען זיך, בעפעסטיגען. און די איילעניש און דאָס אייביגע ווארטען אויפ׳ן פייער און זוכען דעם פיינד, האָט די סאָלדאטען מעהר אויסגעמוטשעט און אויפגערעגט, ווי ווען זיי וואָלטען

זיך געפונען אונטערן פייער פון די הארמאטען. ערשט יעצט איז אָבגעגע־
בען געווארען דער בעפעהל אויפצושלאגען די געצעלטען און אוועק־
לייגען זיך אברוהען. די פארפאסטען האבען זיך דערוואוסט, אז דער
פיינד האט זיך פערשטארקט אונטער די בערגלאך און פערנעהמט א
שטארקע פאזיציע, וואס עס וועט נישט זיין אזוי לייכט איהם אוועק־
צושלאגען. די ארמעע איז אויך געווען צו מיעד יעצט צו מאכען אן
אטאקע, האט מען איהר געהייסען אברוהען אויף דער פאזיציע וואס זי
האט פערנומען, פארצובערייטען זי צו דער אטאקע וואס וועט פארקומען
אין א פאאר טעג.

---

אין א קליינע צייט ארום איז דאָס קריִיט פעלד, אויף וועלכען די
ארמעע האט זיך אבגעשטעלט, פערוואנדעלט געווארען אין א לאגער,
ווי די ארמעע סאלדאטען וואלט דא זיך פעסט איינגעפונדעוועט. עס
האט זיך געטראגען אין דער לופטען דאס רויך פון קיך ווענען, וועלכע
האבען זיך אבגעשטעלט אין מיטען דער ארמעע. דער געשטאנק פון גע־
געקאכטע פלייש און צולאזען פעטס האט זיך געהערט פון די קיך
און גערייצט דעם פערשלונגענעם אפעטיט. דא און דארט האבען סאל־
דאטען געשייערט מיט די ערד די צינענע טעפלאך, די כלים און די
בעקענס — און געשטיפט זיך מיט די כלים ארום דעם קעסעל. דא
און דארט האבען סאלדאטען אנגעווארפען ארום די געצעלטען זייער
אנגעטהועכטס, אויסגעטהאן די שטיוועל, איבערגעוויקעלט די אנר־
טשקעס און עס האט זיך געטראגען אינאיינעם מיט דעם געקעכטס דער
ריח פון מענשען־שוויים און דזשעגעכץ. די געשמאקען האבען הייםליך
געמאכט דעם לאגער און מען האט זיך געפיהלט ווי מען וועלט שוין
דא לענגס געוואהנט. וואו מען האט זיך ארומגעקוקט האט מען געזעהן
סאלדאטען, טהייל זיינען געווען פערנומען מיט אויפשלאגען געצעלטען,
טהייל מיט איבערטהאן זיך די שטיוועל — און אלע מיט די כלים פון
עסען.

צווישען די סאלדאטען וואס האבען זיך געשטיפט ביים קעסעל
פון דער פערטער ראָטע פון אכט און פיערציגטען שיסער־פאָלק האט זיך
אויך געפונען דער איין־יעהריגער איד אסנת, אז ער האט דער־
טאפט דאס אנגעפילטע קעסעלע האט ער זיך געלאזט צו זיין ווינקעלע

וואו זיינע האבען געוואהנט צוזאמען. נור עס האט איהם אבגעשטעלט פאלגענדע סצענע:

צוויי קליין רוסישע סאלדאטען אשמין און קאזלאוו האבען גע־האלטען דעם אידישען סאלדאט לעווין ביי די הענד און דער קאזאק ארבוז האט איהם א שטיק טריפענדיגעס חזיר געשטופט אין מויל. דער איד האט פערביסען די צייהן, די אויגען האבען איהם זיך ווייט ארויסגעזעצט און געקאפיעט די סאלדאטען מיט די פיס. — דער ריח פון טריפענדען חזיר האט איהם געריי צט צו ברעכען — און ער האט מורא געהאט די צייהן צו עפענען, נור דאס ווארימע שפייעכץ וואס האט זיך אנגעקליבען אין זיין מויל האט איהם געווארגען און דער איד האט ארום זיך געשפיגען און די סאלדאטען האבען געלאכט און גע־שריען:

— עס, דו מוזט עסען, גאט'ס שפייז פערשעהמסטו — פאר מענ־שען געמאכט, ניט פאר חיות.

— לאז איהם ניט אב, — ער מוז עסען — ער מוז — ער מוז...

אסנת איז געשטאנען א ווייל. עס האט איהם עפעס אזוי מאדנע אנגעריהרט דער ארימער אידעל אין די הענד פון די סאלדאטען, וואס האט זיך אזוי רחמנות'דיג געווארפען. ער האט ניט געקלערט א מי־נוט, איז צוגעגאנגען און אנגענומען דעם אידישען סאלדאט און ארויס־גענומען איהם אהן ווערטער פון זייערע הענד. די זעלנער האבען איהם פערוואונדערט אנגעקוקט; זיי האבען דערזעהן, אז ער איז אן איין יעהריגער, האבען זיי פאר איהם דרך ארץ געקראגען און אפגעלאזען דעם אידישען סאלדאט. ער האט איהם מיטגענומען מיט זיך און זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל. אסנת האט רוהיג געגעסען זיין געקעכטס. דער אידישער סאלדאט האט זיך א קורצע צייט אבגערוהט, געלעגען אויף דער ערד און אבגעאטהעמט פון דעם בארעוועץ זיך מיט די זעלנער, דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען און אוועקגעשטעלט זיך דאווענען שמונה־עשרה. אסנת האט איהם אנגעקוקט, געזעהן ווי דער אידישער סאלדאט שאקעלט זיך פרום און האט נישט קיין מורא, און עס אארט איהם נישט וואס די ארומיגע סאלדאטען קוקען אויף איהם פערוואונדערט, לאכען, און זאגען גראבע ווערטער. אסנת'ן איז עפעס יעצט איבערדריסיג געווארען דאס עסען. ער האט עס אויס־געגאסען, פערדרויכערט א פאפיראס און איז געלעגען.

אז דער איד האט אבגעדאווענט, האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל, אבגערוקט פון אנדערע, ארויסגענומען פון דער קעשענע א פלעשעל וואסער, געוואשען זיך די הענד, און גענומען זיך צו טרוקען ברויט מיט א שטיקעל קעז, וואס ער האט געהאט ביי זיך.

אסנת'ן האט פערוואונדערט די פרומקייט פון'ם אידישען סאלדאט אין דער צייט פון מלחמה. האט ער זיך צוגערוקט צום איד און איהם געפרעגט:

— וואס, לעווין, איהר זיינט א רב, וואס איהר זיינט אזוי פרום?

— א רב — האט לעווין געלאכט — מען מוז דען זיין א רב, כדי א איד צו זיין?

— אבער ווי קענט איהר דאס אויספיהרען יעצט, אין דער צייט פון מלחמה?

— וואס איז דען דא אזעלכעס אויסצופיהרען? דער רבונו של עולם העלפט דעם, וואס וויל איהם דיענען. אט געפינט זיך דער איד, דער פאדריאטשיק, שיקט ער מיר צו א אידיש מאכל, מען קומט דורך.

— און וואס טהוט איהר אז מען איז אין וועג?

— דאוועט איך אין וועג, ווי ווייט איך קען.

אסנת האט א מינוט גשוויגען.

לעוויז האט זיך אפגערופען ערנסט:

— אז נישט יעצט, ווען מען איז יעדע מינוט אין סכנה, טא ווען דען זאל מען דאס אידישקייט אבהיטען? אז יעדען אויגענבליק קען מען, חלילה, אהין גערופען ווערען...

אסנת האט איהם אנגעקוקט, האט געזעהן, אז דער איד גלויבט זיכער אין יענער וועלט; אז עס וועט אויסקומען, וועט ער זי האבען פארטיג, און ער האט איהם מקנא געווען.

— איהר האט א פרוי?

— א פרוי מיט צוויי קינדער — קרעכצט דער איד.

— נו? — פרעגט אסנת.

— נו, און אזוי איז מען דען נישט אין גאט'ס האנד? אז עס איז באשערט צו לעבען, וועט דאך דאס פייער מיידען: נעבען דיר וועסטו עס זעהן, און עס וועט ניט האבען קיין שליטה אויף דיר. און אז חלילה נישט, וואס וועט דיר העלפען, אז דו וועסט דיך בעהאלטען? אין א

לאַך וועט עס דיך געפינען, אַז עס וועט קומען דיין צייט — האָט רער איך געזאָגט מיט זיכערהייט און רוהיגקייט.

אסנת האָט איהם בעוואונדערט און מקנא געווען, — דעם אידען, וואָס היט אָב זיין אמונה אפילו אונטער'ן פייער פון שונא, צווישען גויים, גלויבט אַז אַ בעזונדערע קראַפט פיהרט זיין וועג און בעשטימט זיין גורל.

— הייסט עס, אַז איהר האָט נישט קיין מורא פאַר'ן טויט?

— נישט קיין מורא! — וואונדערט זיך לעווין, — אודאי האָב איך מורא פאַר'ן יום הדין. נאָר וואָס דען זאָל מען טהאָן? מילא דאָס מיינינגע טהו איך אַזוי ווייט ווי איך קען. אַז מיר געהען אַרוים אין דער פריה, זאָג איך אָב ווידוי, איך בעט נאָר דעם רבונו של עולם, אַז ווען שוין יאָ, זאָל איך די זכיה האָבען צו קומען צו קבר ישראל און, ווען דאָס איז מיר נישט באַשערט, זאָל איך כאָטש ביים שכל זיין „שמע ישראל" צו זאָגען. — וואָרים מען זאָגט: דעם פיינד'ס קוילען נעהמען אָב דעם שכל. די זעלנער שטאַרבען אָהן חושים. איז עס וואָהר?

— איך האָב נישט געהערט דערפון — זאָגט אסנת.

אַ מינוט האָבען זיי ביידע שטיל געשוויגען און צוגעקוקט זיך צו די אונטערגעהענדע זונן. פון דאָ און דאָרט האָבען זיך געריכערט פייערלאַך פאַר די געצעלטען, און די זעלנער זיינען געווען אויסגעזעצט אַרום די פייערלאַך. פון טהייל פייערלאַך האָט זיך געהערט אַ טרויעריג בענקענדיג ליעד, וואָס האָט דערמאָנט אַן דער היימאַטה. פון טהייל פייערלאַך איז דערגאַנגען אַ געזונד לאַכען און אַ פרייד פון יוגענד. דאָס גאַנצע לאַגער האָט געשטעקט אין אַ וואָלקען פון שטויב און רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די פייערלאַך אַרום די געצעלטען, און דער וואָלקען פון רויך האָט זיך אָבגעשלאָגען אַן די רויטע אונטערגעהענדע זונן.

אסנת האָט זיך אָבגערופען:

— און אַ ציצה־כנפות טראָגט איהר?

לעווין האָט זיך פערשעהמט:

— וועגען וואָס פרעגט איהר דאָס? אודאי טראָג איך אַ ציצה־כנפות.

— מען זאגט אז א איד שטארבט בעגראבט מען איהם אין טלית. אפילו דעם שלעכטסטען איד בעגראבט מען אין א טלית, דאס איז, אזוי צו זאגען, די אידישע פאהן. איז עס וואהר?

— געווים איז עס וואהר. און אז חלילה עס וועט אויסקומען און זיין ווילען וועט געשעהן, וועל איך מיר פארשטעלען מיט׳ן ציצת כנפות די אויגען, כדי מען זאל מיר דערנאך דערקענען, אז איך בין א איד — ווייזט לעווין אויף די ציצית, וואס ער האט ארויסגעצויגען פון אונטער׳ן מונדיר.

— הייסט עס: אונטער דער אידישער פאהן? — שמייכעלט ערנסט אסנת און פערקלעהרט זיך.

דער פארנאכט איז קאלט, טהייל פייערלאך ווערען אויסגעלאשען, דא און דארט ווערט שטיל, און די נאכט רוקט זיך צו איבער׳ן לאגער.

זיי האבען נאך פערבראכט א ווייליע אין שווייגען. עס איז טונ־קעל געווארען. באלד האט זיך דערהערט א טרומפייטער׳ן, און די סאל־דאטען האבען זיך איינציגווייז אויפגעהויבען און זיך צונאנגען אין די געצעלטען אריין שלאפען, האבען זיי זיינען אזוי אויך שוין מיעד געווען און שלעפעריג.

---

אז די סאלדאטען זיינען אוועק, איז אסנת געבליבען אליין זיצען פאר דער שוועל פון זיין געצעלט. עס איז שוין געלעגען די נאכט ארום דעם לאגער. געווען א ליכטיגע און א קאלטע נאכט. די צוויי אהן־בלעטערדיגע טאפאלען אויפ׳ן בערגעל האבען אין לבנה־ליכט אויסגע־זעהן ווי שרעקעדיגע שדים, און די געצעלטען אויף דעם גרויסען פעלד האבען געווארפען זייערע שאטענס. דא און דארט האבען זיך געררוי־בערט די פייערלאך, עס זיינען ארומגעגאנגען צווישען די געצעלטען ווי שאטענס, איינצעלנע זעלנער אין מאנטלען געהילט. עס האבען זיך געהערט איינצעלנע שטימען רופען. אסנת איז מיעד געווען און שלעפעריג, כאטש דער געשפרעך פון די סאלדאטען האט איהם דענער־ווירט און געמאכט איהם עפעס אונרוהיג. ער איז אריין צו זיך אין גע־צעלט. די חברים זיינע, פון די איין־יעהריגע, זיינען שוין געשלאפען ארומגעהילט אין זייערע מאנטלען, און אין געצעלט איז געווען געננג

ווארים פון דער פארע, וואס האט געיאגט פון זייערע יונגע, געזונטע
שלאפענדע קערפערס.

אסנת האט זיך געווארפען אין זיין ווינקעל, עפּעס דארט אונטער־
געלייגט אונטער זיך, גוט זיך איינגעוויקעלט אין זיין מאנטעל, פערגר־
רעט ערגעץ וואו דאס פנים און נישט דערפיהלט דאס פייכטקייט פון
דער ראסע, וואס נישט קוקענדיג אויפ'ן געצעלט, האט זי זיך דאך
אריינגעקראגען אויף די ציטערענדע בלעטער פון קרויט, — און ער
איז באלד איינגעשלאפען.

ער איז אבגעלעגען א פּאאר שעה. די ראסע אבער, וואס זעצט זיך
אויף דער שווארצער טארף־ערד, איז אזוי געדיכט און פייכט, אז זי
צוקנעט די ערד ווי ליים. אסנת האט באלד אנגעהויבען דערפיהלען
די פייכטקייט, וואס האט דורכגענעצט זיין מאנטעל, זיינע מלבושים
און איז דערגאנגען ביז צום לייב. צוערשט איז די פייכטקייט געווען
אנגענעהם, ווייך. באלד אבער האט ער זי דערפיהלט, עס איז איהם
קאלט געווארען אין לייב און די פיס האבען געציטערט. דער דורשט
נאך שלאף איז אבער געווען אזוי גרויס, אז ער האט מלחמה געהאל־
טען מיט דער פייכטקייט און איז זי ביינעקומען. אסנת האט זיך אי־
בערגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט, אויסגעזוכט אן עק פון דער
קאלדרע, וועלכע איז נאך נישט פייכט געווארען, ארונטערגערוקט זיך
אונטער'ן לייב און איז ווידער איינגעשלאפען. באלד אבער איז דער
עק אויך נאס געווארען, און אסנת האט דערפיהלט, ווי עפּעס א ווארעם
וואלט געלעגען אונטער איהם און בייסט איהם. ער האט זיך אויפגע־
הויבען, ארויסגענומען דעם לאמטערן, וואס איז געהאנגען אין געצעלט,
און בעלויכטען זיך זיין געלעגער. האט ער דערזעהן ווי זיינע פיס דרעפּ־
שען זיך אין א נאסער בלאטע, וואס איז געווארען צוזאמענגעקנאטען
פון שווארצער ערד, פון צוטראטענעם גראז און וואסער. דאס האט
איהם אבגעשטויסען, און ער האט זיך שוין נישט געוואלט אוועקלייגען.
ער האט אבער גע'חלש'ט שלאפען, האט ער זיך איינגעקארטשעט אינ־
טער א ביכעל שטרוי, אויף וועלכע עס זייגען געשטאנען די ביקסען.
דארט איז אבער אזוי ענג געווען, אז ער האט געמוזט האלטען די פיס
מיט די הענד צוזאמענגעדריקט און אוועקגעלעגט דעם קאפ אויף די
ביקסען. אזוי איז ער איינגעשלאפען און אבגעשלאפען א מינוט צעהן
פופצעהן, וואס האט זיך איהם אויסגעדאכט ווי א לאנגע, לאנגע ווייל.

ער האט אבער דערפיהלט מיט אמאל אזא קעלט, אז ער האט אויפגער־סען די אויגען. זיין שלאף איז איננאנצען פערשוואונדען. ער האט אויפ־געדעקט דעם שפאלט פון דעם געצעלט און ארויסגעקוקט. אויב עס טאגט שוין.

די נאכט איז געווען שווארץ. די לבנה איז ערגעץ וואו פערשוואונ־דען. און א שווארצקייט איז געלעגען ארום. די געצעלטען האבען נאך מעהר יעצט אויסגעזעהן ווי שדים, און די איינצעלנע זעלנער, וועלכע האבען זיך געדרעהט ארום די געצעלטען, — ווי אבגעריסענע אברים פון געשפענסטער. פון גאנץ ווייט האט זיך יעצט געזעהן אויפ'ן האריזאנט אן אבשיין פון א ליכט־ווארפער, וואס ער האט נישט געוואוסט, אויב עס קומט פון רוסישען אדער פון שונא'ס לאגער. דאס ליכט האט איהם געגעבען עפעס א שטאך אין הארץ און דערמאהנט איהם אן די סכנות, אין וועלכער ער געפינט זיך. די אימה פאר'ן טויט, וואס בייטאג, אין לאגער, אין גאנג, צווישען די לעבעדיגע סאלדאטען האט ער זי גאר ניט געפיהלט, איז איהם יעצט, אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין שלאף ארום, מיט אמאל בעפאלען. ער האט זיך געשראקען פאר דעם ליכט־שיין, וואס קומט פון ליכט־ווארפער. ער האט פערמאכט צוריק די זעק פון געצעלט, אוועקגעזעצט זיך אויפ'ן קאסטען און געפרובט איינשלאפען. אבער יעצט האט ער שוין ניט געקענט איינשלאפען. דער שלאף איז אוועק — ער האט אנגעהויבען צו קלעהרען: אבגע־ריסענע געדאנקען און עראינערונגען זיינען איהם געקומען אויפ'ן מח. ער האט זיך דערמאהנט אן דעם געשפרעך פון די סאלדאטען. דערמאנט זיך אן זיין קינדהייט, און זיין גאנץ לעבען איז יעצט דורכגעגאנגען פאר איהם אין דער פינסטער פון דער נאכט.

ער האט זיך דערמאהנט אן זיין קינדהייט וואס איז דורכגעגאנגען אהן פרייד. ער האט קיינעם נישט געליעבט, ווייל ער האט נישט געהאט קיינעם ליעב צו האבען. די מוטער איז געווען פערנומען איהר גאנץ לעבען מיט קינדער האבען, געהאט האט זי א צוועלף קינדער, איז קיינ־מאל נישט קיין צייט געהאט צו זיי: איז געווען פערנומען מיט איהר קראנקהייט וואס די דאקטוירים האבען בשום אופן ניט געקענט שטעלען די דיאגנאזע און געהאלטען אין איין שיקען זי פון איין פראפעסאר צום צווייטען. און דער פאטער זיינער איז געווען אן עגאאיסט און ליעב געהאט זיך און זיינע געשעפטען — אין וועלכע ער איז געווען פערנומען

די קינדער זיינען זיך אליין געוואָרען איבערגעגעבען. די גאַנצע זאָרג פון פּאַטער'ס און מוטער'ס ערציהונג איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכעס, אַז זייערע קינדער זאָלען ווערען אין גימנאַזיע אַנגענומען, נור קוים אָבער האָבען זיי דאָס גליק געהאַט זייערע קינדער אין גימנאַזיסטישע קליידער צו זעהן, האָבען זיי געמיינט, אַז זיי האָבען שוין דעם חוב צו דער ערציהונג פון זייערע קינדער אָבגעטהאָן. פון צייט צו צייט אינטערעסירען זיי זיך מיט די צייכענס וואָס ער האָט געקראָגען אין דער שוהלע, און דאָס ניט דערפאַר ווייל זיין לערנען און זיינע פעהיגקייטען האָבען דעם פאַטער אינטערעסירט. ניין, עס איז געווען דערפאַר, אויב ער וועט האָבען אַ גאָלדענעם מעדאַל וואָס וועט איהם אריינפיהרען אין די טהויערען פון אוניווערזיטעט.

און ער געדענקט דעם גרויסען אונגליקליכען טאָג, וואָס איז געווען אין זיין פאַמיליע, ווען ער האָט אהיים געבראַכט פון דער שוהלע אַ 2 פאַר רוסישע גראַמאַטיק — און מען האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע מעגליכקייטען צו בעקומען אַלס רעפּעטיטאָר פאַר איהם פון דער רוסישער שפּראַך טאַקע זיין לעהרער אליין פון גימנאַזיום פון דער רוסישער שפּראַך.

גאַרנישט האָט ער געהאַט אין זיין קינדהייט דאָס ער זאָל ליעבען, ניט די לעהרע, וועלכע מען האָט זי באַלד פאַר איהם געמאַכט אַ לייטער צו זיין קאַריערע; ניט די אמונה, פון וועלכע זיין פאַטער דער „ליבעראַל" האָט זיינע קינדער אָבגעהיט און נור פון פאַרמע ווענען האָט ער זיי גע־פיהרט ראש השנה און יום כפור אין דער רעפאָרמירטע שוהל אריין און די אידען אין די טלתים און די געבעט אין אַן אונפערשטענדליכער שפּראַך — האָט זיי געלאַנגווייליגט.

ער געדענקט, אַז ער איז אַ קינד געווען האָבען איהם זעהר אינטע־רעסירט די העלדען פון דער רוסישער געשיכטע. ער האָט געשלונגען די קינדערשע ביכלאַך, וועלכע ער האָט געלעזען, פון די גרויסע טהאַ־טען פון די רוסישע העלדען, פון צאַר פּיאָטער, קוטוזאָוו, קאַזאַקען. און ער מיט זיין קינדערשע נאַאיוויטעט איז שטאָלץ געווען אויף זיי... און געקלעהרט אַלץ פון דעם, אַז ער וועט נרויס זיין, וועט ער אויך אַ העלד זיין.

נור איין מאָל האָט איהם דער פאָטער דעם טרוים און דאָס גליק אבגענומען. ער געדענקט דאָס ווי עס וואָלט ערשט היינט געשעהן.

ער האָט געלעזען אַ ביכעל פון נאפּאָלעאָן אין רוסלאנד, ווי קוטוזאָוו האָט בעזיעגט נאפּאָלעאָן'ען. ער איז אריינגעפאלען צום פאָטער אין קאבינעט אריין און אויסגעשריען:

— פּאפּאטשקא, ווייסט ווער עס האט בעזיעגט נאפּאלעאָן'ען? קוטוזאָוו, פּאפּא...

דער פאטער האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— און וואָס איז מיט דיר די שמחה אז קוטוזאָוו האָט בעזיעגט נאפּאָלעאָן'ען?

— ווי הייסט, פּאפּאָ, ער האָט געראַטעוועט רוסלאנד!

— א גוטע בשורה זאָל מיר ווערען אנגעזאגט. דו הערסט, חנה, — האט ער זיך אבגערופען צו זיין ווייב. — קוטוזאוו האט בעזיעגט נאפּאָלעאָן'ען. פרעה דיך, חנה, פרעה דיך.

ער איז געבליעבען שטעהן אין מיטען שטוב, און געפיהלט זיך עפּעס אזוי מאָדנע... ער וועט דאָס געדענקען דעם גאנצען לעבען.

נאר קוים איז ער אביסעל עלטער געווארען, האָט ער שוין אליין פערשטאנען, אז ער האָט זיך ניט מיט וואָס צו פרעהען מיט קוטוזאוו'ן און מיט די אנדערע רוסישע העלדען וואס האָבען געשלאגען די פאליאקען, די קאווקאזער, די סיביריאקעס. עס זיינען ניט זיינע עלטערן. דאָס לעבען האָט איהם דערפון דערצעהלט, אז ער איז אַ איד, און ער האָט גאר נישט אין לעבען, וואס זאָל איהם פרעהען, וואס זאָל איהם שטאָלץ מאַכען. ניטאָ קיין אייגענע געשיכטע און די פרעמדע איז איהם פרעמד, און אפילו דאס לערנען, דאס דערוויסען זיך פון פערשיעדענע זאכען — זיינען נור פאר איהם דאָ, כדי ער זאל דורך זיי קריגען דעם 5, וואס איז איהם נויטיג איבערצוגעהן אין אַ העכערען קלאָס, און פון דארט צום גאלדענעם מעטאל.

אזוי איז זיין יוגענד אדורך אָהן פרייד, אָהן ליכט און אהן ליעבע. ער געדענקט אז ער האָט געהאט דאס געפיהל, פאר זיינע חברים אין דער שוהלע, אז ער איז געבוירען געוואָרען אַ קאליקע, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט אין וואס עס בעשטעהט זיין פעהלער. אזוי יונג, געזונד און פרעהליך איז ער געווען ווי אלע זיינע חברים, און גארנישט האָט איהם געפעהלט וואָס זיי האָבען געהאט, — נאָר דאָך האָט ער

געהאַט זיך צו שעהמען מיט עפּעס פאר זיינע חברים. ער האָט ניט געהאַט צו קיינעם קיין פּרעטענזיע, קיינער האָט איהם דעם פעהלער ניט געשאַפען. ער איז אַזוי געבוירען געוואָרען, נאָר דאָך פיהלט ער נאָך ביז היינטיגען טאָג, אַז ער קען פאר דעם פעהלער ניט מוחל זיין זיין פאַטער. און זיין פאַטער האָט ער ניט אַזוי ליעב ווי אַנדערע קינדער האָבען ליעב זייערע פאַטערס, אָדער ווי ער וואָלט געוואָלט זיין פאַטער ליעב האָבען. דערנאָך, געדיינקט ער, האָט זיך עפּעס אין איהם איבערגעביטען. ער איז עלטער געוואָרען. איהם און זיינע חברים, די אידען, האָבען די לעהרער פיינד געהאַט אין דער שוהלע און געמאַכט זיי שוועריגקייטען — און דאָס האָט איהם צוגעבונדען צו זיינע חברים, די אידען. און ניט נור בלויז זיינע חברים, די תלמידים נור. ער געדענקט, ער האָט אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען זיך מיט דער אַלטער אידענע, וואָס טראָגט אין זייער הויז פוטער און אייער, און מיט די אידען וואָס קומען צו זיין פאַטער און דרעהען זיך ביי איהם אַרום אין קאַבינעט, כאָטש ער האָט זיי קיינמאָל ניט פער־שטאַנען און קיינמאָל זיי ניט ליעב געהאַט.

דענסמאָל איז אנגעקומען די טרויעריגע צייט.

ער איז נאָך דענסמאָל אַ איינגעל געווען, אָבער ער האָט דאָס אַזוי טיעף געפיהלט... מען שלאָגט די אידען... שרעקליכע און ווילדע זאַכען האָט ער זיך אָנגעהערט דענסמאָל. עס האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אויפ'ן גאַנצען לעבען. פון דענסטמאָל אָן איז דאָס לעבען נאָך טרויעריגער געוואָרען, נאָר עפּעס אינטערעסאַנטער. ער האָט ליעב געקראָגען די געשלאָגענע, די פערשעהמטע, און צווישען זיי איז אויך ער. און פון דענסמאָל אָן האָט לערנען און דאָס לעבען געקריגען אַן אַנדערען טעם. — מען דאַרף לעבען און מען דאַרף זיך לערנען פאר די וואָס מען שלאָגט... און אַן עקשנות האָט איהם אַרומגענומען, און ער האָט זיך שוין מעהר ניט געשעהמט פאר יענע חברים, און ניט מעהר געפיהלט זיך אַ קאַליקע, אדרבה, ער האָט נאָך מעהר פון זיי, ער איז שטאַרקער פון זיי און בעסער פון זיי. ער איז דער געשלאָגענער. און פון דענסמאָל אָן האָט עפּעס אַלעס אין לעבען געקריגען אַ טעם, ער האָט דערפיהלט, אַז עס איז נישט אַזוי פּראָסט, נור מען דאַרף עפּעס זוכען. ער האָט זיך גענומען ערנסטער צו לערנען — ניט פאַר'ן טאַטען, און ניט פאַר'ן גאָלדענעם מעדאַל, נאָר פאַר זיך, און ערנסטע

ביכער געלעזען, און מיט אמאל האט ער זיך דערפיהלט א דערוואק־סענער. און מיט א פעראנטווארטליכקייט אז א מענש דארף עפּעס האבען — וואס האט ער נאך קלאהר נים געוואוסט, — נאר נים זיין גאלדענעם מעדאל, וואס דער טאטע מיינט, נער עפּעס טיעפערעס, איניגעס און גרעסערעס — און ער האט דערפיהלט אז ער קריגט דאס.

געלערענט האט ער שוין וויסענדיג אז אין אוניווערזיטעט וועט ער נים אריינגעהן. און די לעהרער מיט די חברים, מיט די גאנצע שוהלע איז איהם שוין מעהר נישט אנגעגאנגען און אז ער האט גע־ענדיגט דאס גימנאזיע אהן דעם גאלדענעם מעדאל, וואס דער טאטע מיט דער מאמען האבען געמיינט, אז ער איז א פערפאלענער, איז ער אוועק אין אויסלאנד. דארט האט ער זיך געטראפען מיט נאך אזעלכע ווי ער איז, וואס דענקען אזוי ווי ער — נאר צונויף געערדט האט ער זיך נים מיט זיי. ער האט דאס אלעס געפיהלט פאר זיך, און מיט זיך אליין געלעבט.

ער איז אריין אין א עסטרייכישען אוניווערזיטעט, וואו עס זיינען געווען פיעלע רוסישע און דייטשע אידען. חברים האט ער געהאט ווענים, און צו קיין פארטיי האט ער נים געהערט. ער האט זיך עפּעס נים געקענט געפינען צווישען זיי קיין אָרט. דענסמאָל האט זיך פאר איהם אנגעהויבען א אונפערשטענדליכעס איבערלעבען.

זייענדיג אין רוסלאנד האט ער געפיהלט צו איהר א טיעפע שנאה, צו אלעס וואס איז רוסיש. ער האט געשמעקט דערפון דאס פערגליווערטעס אידישעס בלוט, און געווארט מיט אונגעדולד דעם טאג פון נקמה, וואס וועט קומען אויף איהר פאר אידישע בעליידיגונג און צרות. נאר הערענדיג דאס רעדען פון זיינע חברים די עסטריי־כישע, גאליציאנער אידישע סטודענטען, — האט ער זיך אונענדליך געפיהלט פערוועהטאגט און עפּעס א אונפערשטענדליך עקשנות האט איהם ארומגענומען, דוקא אין זייער געגענווארט, צו ריהמען רוסלאנד, און ארויסווייזען זיך פאר'ן ווארעמסטען פאטריאָט.

דאס עקשנות פערשטעהט ער נאך נים ביז היינטיגען טאג, אין הארצען האט ער געוואונשען אלעס שלעכטעס רוסלאנד, נור קוים האט ער דאס געהערט אויסרעדען פון א פרעמדען סטודענט — האט עס איהם געקרענקט, און ער האט געפּרואווט אויפווייזען מיט אלע מעג־

ליבקייטען, אז די אידען אין רוסלאנד איז נאָך פיעל בעסער, ווי די אידען אין עסטרייך. און אין צוהיצטקייט פון דיסקוסיאָן האָט ער אנגעהויבען צו בעזינגען די ברייטקייט פון דער רוסישער נשמה.

זיין האַלטען זיך האָט איהם אנגעמאַכט פיעל פיינד, עס האָט איהם דערוויטערט פון אלע. צוריק אין רוסלאנד האָט ער ניט געוואָלט פאָהרען, ער האָט ניט געהאַט צו וואָס. גיט מען וואָלט איהם דאָרט אין אוניווערזיטעט אריינגענומען, און ניט ער וואָלט דאָרט געהאַט וואָס צו טהאָן — האָט ער געמוזט ליגען דאָ. און די חברים האָבען געוואוסט זיין שוואכקייט און דאָס אויסגענוצט.

ס'איז אנגעקומען די צייט פון פּאָליטישע רייבענישען צווישען רוסלאנד און עסטרייך. ניט איינמאָל האָט ער געהערט ווי די עסטרייכישע אידישע סטודענטען גארען נאָך א קריעג מיט רוסלאנד. זיי זעהען אין רוסלאנד גיט נאר בלויז דעם פיינד פון זייער לאַנד, נאָר אויך זייער אייגענעם, נאציאָנאַלען אידעשען פיינד. נור איהם איז דאָס אלעס אזוי גלייכגילטיג וואָס טהוט זיך ארום איהם. אין די טעג האָט ער זיך גאָר בעהאַלטען, ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהאָן. אין שטוב איינזיצען האָט ער גיט געקענט. ער האָט מקנא געווען די עסטרייכישע אידישע סטודענטען, וואָס קענען אזוי רעדען, וואָס האָבען פאַר וועמען זיך צו שלאָגען, אין זיך האָט ער געפיהלט ווי ער שטעהט איינער אליין אין גאַס. קיינער איז ניט מיט איהם. נור ער, אסנת, אליין איז א פאָלק, איז א נאציאָן, א נאציאָן פון איינעם.

רענסמאָל איז געשעהן דאָס, וואָס האָט איהם געבראַכט צו דעם איצטיגען צושטאַנד.

עס איז געווען אין דעם פּאָדער־הויז פון דעם אוניווערזיטעט. די בעציהונג צווישען רוסלאנד און עסטרייך איז געוואָרען זעהר אַן אנגעצויגענע. מען האָט גערעדט, אז ענגליך ברעכט עס אויס. ער האָט געזעהען ווי די סטודענטען זיינען אויפגערעגט, זינגען פּאַטריאָטישע ליעדער, געהען זיך פערשרייבען אין דער ארמעע, אלע, די אידען אויך. ער האָט זיי מקנא געווען, ווייל זיי האָבען א היימאַט, א לאַנד פאַר וועלכע זיך צו שלאָגען. ווי וואָלט ער גליקליך געווען צו זיין ווי זיי, — און דאָ שטעהט ער אליין, די וועלט געהט אום, — אלעס בעוועגט זיך, און עס איז איהם אלעס גלייכגילטיג.

וואו וואהנט איהר? ניט אויפ'ן ערד־קוגעל? און פאר וואס פיהלט ער זיך פערלאזען, איינער אליין? קיינער איז ניט מיט איהם און ער איז נים מיט קיינעם. און ווי ער שטעהט אזוי, קומט צו א חבר, א אידישער סטודענט פון גאליציע, זיינער א גוטער פריינד, א גוטער איד און א נאציאנאליסט א אידישער ווי ער, און לעבט אזוי ווי ער, און קלאפט אסנת'ן אויפ'ן פלייצע און זאגט אזוי:

— אסנת, מיר וועלען זיי בעצאהלען פאר אלעס. פאר אידישע פאגראמען, פאר די שאנד פון אידישע טעכטער, פאר דעם גאנצען בלוטיגען אונרעכט און פאר דער לאנגער מלחמה, וואס זיי פיהרען מיט אונז, פאר אלעם, פאר אלעם וועלען מיר זיי בעצאהלען. אסנת, עס איז געקומען דער יום הדין.

און די אויגען בלישטשען איהם פאר פרייד און נקמה, און ער זעהט אז דאס אידישע הארץ ברענט אין איהם.

און אסנת שרייט אויס:

— אז מיר וועסטו נקמה נעהמען, מיך וועסטו טרעפען אויף דער צווייטער זייט.

— אסנת, וואס טהוט זיך מיט דיר? מיט אונז בלייב, מיר געהען אידישע נקמה נעהמען.

— אויך איך וויל האבען א היימאטה, אויך איך וויל צו וועמען געהערען, איך בעשטעה אויך פון עפעס.

מיט'ן ערשטען צוג איז ער צוריק געפאהרען נאך רוסלאנד,
דארט האט ער זיך אנגעגעבען אלס פרייוויליגער.
נאר דאס אלעס איז שוין אזוי לאנג געווען.

---

דער פריהמארגען איז אויפגעגאנגען אין א נאסער ראסע. כאטש די זונן האט אנגעהויבען אויסצוטריקענען די נאכטליכע פייכטקיים, דאך איז זעהר קאלט און פריש געווען. אסנת איז ארויס פון זיין נעצעלט און געקוקט אויף דעם רויטען פריה־מארגענדיגען הימעל, און געפרעהט זיך, וואס ס'איז טאג. אין לאגער האט זיך שוין אנגעהויבען א בעוועגונג. דא און דארט האבען זעלנער אויסגעשפרייט אין דער זונן זייערע פייכטע מאנטלען צו טריקענען. דא און דארט האט מען

זיך געוואשען, געשייערט די צינערנע ראנדעלעך. דער אפּעטיט צום עסען האָט זיך אינאיינעם געוועקט מיט דעם מאָרגען. אָבער ניט האָבענדיג צו פערבייסען, האָבען זיך די זעלנער דערווייל די ראנדעלעך געשייערט.

פון פריהמארגען אָן האָט זיך געהערט פון דערוויַיטענס א בעשטענדיגע שיסעריי פון פעלד־הארמאטען, וואס זייער עכאָ האָט אין פרישען מאָרגען טעמפּ אָבגעשלאָגען. אויף די סאָלדאטען האָט דאָס שיסען צום ערשטען מאָל פון אזא נאָהענטקייט געמאַכט אַן איינדרוק. זיי האָבען זיך געוועקט, און אין גאנצען לאַנגער זיינען געוואָרען קופקעלאך און מען האָט זיך גע׳סור׳עט.

דער מארגען איז געווען אזא שעהנער, די זונן האָט אזוי געוואַרעמט דאס גרינס ארום, אז דאָס נאָהענטע שיסען אין דעם רוהיגען פריעדליכען זונענדיגען לאנדשאפט האָט געמאַכט אויף אסנת׳ן א מאָדנעם איינדרוק. ער איז ניט געווען אויסגעשלאפען, צופרוירען פון קעלט, האָט ער זיך אויסגעזוכט א שטיקעל פּלאַץ, וואס די זונן האָט דאָרט געלויכטען, און האָט זיך אריינגעזעצט צווישען די שטראַהלען, וואַרימענדיג זיך אין דער זונן.

באלד זיינען צוגעקומען לעווין מיט נאָך צוויי אידישע סאָלדאטען פון דעם זעלבען פאלק, לעווינזאָן און קאהאנאָווסקי, איינגעהילט אין דורכגעווייקטע, צוקנייטשטע מאַנטלען. זיי זיינען אויך ניט געווען אויסגעשלאָפענע, אָבער אויסגעזעהן האָבען זיי מונטער, אויפגערעגטע פון שיסען. ביי לעווינזאָנ׳ען האָבען די אידישע אויגען אויסגעדריקט שרעק, זיי זיינען פּשוט ווי וואסער צוגאנגען אין די ווייסע גריבעלאך וואס אונטער זיי; די נאָז איז ביי איהם געווען בלייך, און ער האָט זיך פערקלעהרטערהייט געצופּט זיין קורץ בערדעל. לעווין האָט געקוקט תמ׳עוואטע, נאכדענקענדיג, און דאך איז ווי עפּעס געווען צו מערקען א חסידיש שמייכעלע אויף זיינע בלייכע דינע ליפּען. אנדערש האָט אויסגעזעהן דער אינגערער פון זיי, קאהאנאָווסקי. אויף זיין געזונטען, טונקעלען פּנים האָט דאָס שיסען פון די הארמאטען ארויסגערופען א צורייצטע נייגעריגקייט, זיינע שווארצע אויגען האָבען געלויכטען, און זיין פּנים און זיינע בעלעבטע בעוועגונגען האָבען אויסגעדריקט אַן אונרוהיגקייט, ווי די אונרוהיגקייט פון א יונגער הונד, ווען ער זעהט, אז זיין בעל־הבית נעהמט די ביקס אין האנד.

— איהר הערט, אסנת, איהר הערט? — האט לעווינזאן געזאגט, מיינענדיג דאס הארמאטען־שיסעריי.

אסנת האט געשוויגען.

— אוראי הערט ער. וואס איז ער איז דען ניט קיין סאלדאט?

— זאגט קאהאנאווסקי פרעהליך.

— און וואס איז אויף דיר די שמחה? — פרעגט לעווינזאן אויפ־געגרעגט.

— מען הערט קנאקען, — ענטפערט קורץ אב קאהאנאווסקי מיט א וואונק.

לעווינזאן איז געווען דער אינטעליגענט פון פאלק. ער האט פאר אלע אידישע סאלדאטען בריעף געשריבען און די בריעף געלעזען, דערצעהלט זיי פון פאליטיק—און געוואוסט פון אידישקייט. און קאהא־נאווסקי פערקעהרט איז געווען בעקאנט אין פאלק אלס גראבער יונג, וואס קומט ארויס פון גראבע עלטערען. און געוואהנט איז געווען לעווינזאן, אז קאהאנאווסקי זאל איהם פאלגען און האבען דרך־ארץ פאר איהם. איצט, ביים שיסען פון די קאנאנען, ווען ער אליין, לע־ווינזאן, איז אזוי דערשראקען געווארען, האט איהם קאהאנאווסקי'ס דרייסטינקייט נאך מעהר דענערווירט.

— וואס איז מיט דיר די שמחה אזוי? דו געהסט אויפ'ן זיכערען טויט. געהסט, ס'ארא הנאה ער האט, מען הערט קנאקען. פרעה, דיך־פרעה דיך.

— און איך האב נישט קיין מורא, — שרייט אוים קאהאנאווסקי. איך בין א סאלדאט און אלע מיינע ברידער זיינען געווען סאלדאטען. און קוים ביזטו א סאלדאט, מוזט דו זעהן דיך ארויפצוארבייטען אויף א בענדעל און אויף צוויי, נישט ווי אראנאוויטש, וועלכער האט זיך די צייהן אויסגעריסען, ווייל ער וויל ניט דיענען, אדער ווי די אידלאך ביי אונז אין שטעדטעל, וואס זיינען אויף גאנצע נעכט פאר'ן פריזיוו און זאגען תהילים און פייניגען זיך, אז מען זאל זיי אין סאלדאטען נישט נעהמען. מיין טאטע האט געדיענט ביי ניקאלאי'ען אין סאלדאטען; און מיר פינף ברידער, אלע האבען מיר געדיענט אין סאלדאטען, און אז מען האט מיך גענומען אין סאלדאטען האט מיר מיין טאטע א זאק געקויפט, אריינגעלעגט א פאאר נייע שטיוועל, א פאאר העמדער, א נאדעל מיט פאדעם און מיטגעגעבען א דריי־רובעלדיגען אויפ'ן וועג און

נעזאָגט: „געה, דיען עהרליך דעם קייסער און הער נאַטשאַלסטוואָ, און זעה צו זיין אַ גוטער סאָלדאַט, וועט דיר גוט זיין און אַלע וועלען דיך ליעב האָבען. און אַז דו וועסט קומען אין אַ שטאָדט אריין, זוך דיר אויף אַן אָרענטליך מיידעל פון בעל־הבתיש הויז, געה אין הויז אריין, שדכן זיך, וועסטו צו עסען קריגען, די מויד וועט דיר די וועש וואשען, נאָר זעה, דו זאָלסט די מיידעל ניט אומגליקליך מאַכען, עס איז אַ אידישע טאָכטער". אָט וואָס מיין טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט, הים איך. איך בין אַ גוטער סאָלדאַט, כ'האָב געקראָגען אַ בענדעל, נאַטשאַלסטוואָ האָט מיך ליעב. אָט אַזוי ברידער, האָט מען דיך איינמאָל אָבגעגעבען אין סאָלדאַטען, טאָ זיי געטריי דעם קייסער!

— אָבער פאַר וואָס? — צוקאָכט זיך לעווינזאָן — פאַר די פּראַ־וועס, וואָס מען ניט אונז? פאַר די פּאָגראָמען, וואָס מען מאַכט אויף אונז? וואָס מען שיקט אונז פון די דערפער ארויס און מען טרייבט אונז פון די שטעדט, ווי די ווילדע הינד? די גוים געהען אין מלחמה, שלאָגען זיך — זיי ווייסען פאַר וואָס: זיי האָבען אַ פאַטערלאַנד, אַ קייסער. — פאַרוואָס זאָלען מיר דינען? פאַר וואָס זאָלען מיר זיך דאָס לעבען איינשטעלען? אַז מיר וועלען געווינען, וועלען מיר דען עטוואָס האָבען דערפון? אדרבא, מען וועט אונז דערנאָך ניט לאָזען וואָהנען אין די איינגענומענע לענדער.

דער עולם האָט געשווינען.

— און איך ווייס נישט דארט יאָ פּראַווּעס אָדער נישט פּראַוּועס. איך ווייס נישט מעהר, איך בין אַ אידישער סאָלדאַט, און איך מוז פאָלגען מיין נאַטשאַלסטוואָ. און אַז מיין נאַטשאַלסטווּאָ זאָגט מיר: געה אין מלחמה אריין פאַר'ן קייסער און פאַטערלאַנד, געה איך. איך וועל זיך שלאָגען, ביז עס וועט נאָר כח זיין. זאָלען זיי יאָ דערנאָך געבען פּראַוועס, זאָלען זיי נישט געבען — זאָל אויף זיי די שולד זיין. איך טהו דאָס מייניגע — איך שלאָג זיך פאַר מיין פאַטערלאַנד.

— פאַר'ן פאַטערלאַנד, — שמייכעלט לעווינזאָן און ווענדעט זיך צו לעווינ'ען וועלכער האָט זיך דערווייל, ווי די האָבען גערעדט, די הענד געוואשען, ארויסגענומען זיך די תפילין, וועלכע ער האָט גע־טראָגען ביי זיך, און געשטעלט זיך אין אַ ווינקעל אריין דאַווענען.

— לעווין, ווילסטו זיך שלאָגען פאַר'ן פאַטערלאַנד?

לעווין האָט געדאַווענט און ניט אָבגעענטפערט.

אסנת האָט געקוקט אויף לעווין'ען און האָט איהם מקנא געווען און זיך אבגערופען אין דער שטיל:

— איהם איז בעסער פאר אונז אלע. ער האָט מעהר פאר אונז אלע.

— וואָס מיינט איהר? — פרעגט לעווינזאָן.

— ער האָט א גאָט.

— אָט דאָס איז זיין נאַטשאַלסטווא, דאָס איז זיין היימאטה! לעווין, — רופט ער זיך אָן צו לעווין'ען וועלכער איז פונקט אויסגע־גאנגען שמונה־עשרה, — וואָס מיינט איהר, לעווין, ווען מען לאָזט אייך יעצט אזוי אב אהיים, און דערפאר זאָלט איהר זיצען טאָג און נאכט אין בית המדרש און דאווגען, הא, וואס וואלט איהר געוואלט? א שטיקעל הארטען רמב"ם אדער פאר „פאטערלאנד" געהן א כפרה ווערען, הא?

— נו, זעהסטו שוין, וועלכעס איז דעם איד'ס נאַטשאַלסטווא, וועלכעס איז דעם איד'ס היימאטה, — זאגט ער צו קאַהאַנאָווסקי'ן. א איד האָט ניט קיין היימאטה — די אידישע היימאטה איז דער אידישער גאָט, ניט וואהר, לעווין? — רופט זיך אָן לעווינזאָן, וועלכער איז מיט א מאָל פרום געוואָרען.

— אוודאי אזוי, — שטימט איין לעווין, — אלע פעלקער האָבען מלכים בשר ודם'ס, און אונזער מלך איז גאָט.

קאַהאַנאָווסקי האָט א מינוט געשוויגען, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען; דער יונג האָט געציטערט פאר אויפרעגונג; נאָך דעם האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און שרייט אויס:

— אָבער לעווינזאָן, פון וואנען זייט איהר אזוי פרום געוואָרען? איהר האָט דאָך שטענדיג געלאכט פון גאָט.

— עס איז ניט אמת, — זאגט לעווינזאָן — איך האָב קיין מאָל ניט געלאכט פון דעם אידישען גאָט.

נור אסנת האָט זיך א מינוט פערקלעהרט:

— האָט שוין דער איד מיט אן אמת קיין אנדער היימאטה ניט, באר די גייסטליכע, געטליכע? איז דער איד מיט אן אמת היימאטהלאָז? און וואָס טהוט דער איד, וואָס גלויבט שוין ניט אין גאָט?... — האָט ער געזאָגט פאר זיך.

עס איז אָנגעקומען אַ בלייכער און אַ דערשראָקענער אראנאָ־וויטש. דאָס איז געווען אַ הויכער שטאַרקער יונגער מאַן, מיט אַ מויל אָהן צייהן, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון זיין געזונד געזיכט ווי אַן אויסגעהאַקטע פענסטער פון אַ הויז. צוגעקומען איז ער אַ שטילער און געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי מען זאָגט אָן דעם טויט.

— איהר ווייסט? מען בעגראָבט דאָ אונטער אונזער לאַגער די טויטע אויפ'ן פעלד.

— פון וואַנען ווייסטו עס, אראנאָוויטש?

— אָט געהען דאָך די סאָלדאַטען ארוים קוקען. מען לאָזט זיי ניט. נאַ, זעהט, פון יענעם בערגעל זעהט מען עס.

זיי האָבען זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַ צעהנדליג סאָלדאַטען שטעהען אויפ'ן בערגעל און קוקען אין טהאָל אַראָב.

— זעהט זיך אוים, אַז מיר זיינען אָנגעקומען גאָר נאָהענט, און היינט־מאָרגען וועט אויסקומען זיך צו שלאָגען. ניט געריכט זיך אַזוי גיך — זאָגט לעווין — געמיינט עס וועט פריהער שלום זיין.

— וועסט, ברודער, געהן אין פראָנט אריין, אין עסטרייכער שי־סען, — קלאָפּט איהם קאָהאַנאָווסקי אין דער פּלייצע.

— און וואָס פרעהסט דו זיך אַזוי? — פרעגט איהם אראָנאָ־וויטש.

— פאַר וואָס זאָל איך זיך נישט פרעהען? אונזער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר אַ סאָלדאַט צו געהן אין פראָנט. דער סאָלדאַט, וואָס בעהט אין פראָנט, אויף איהם פער־לאָזט זיך דער קייסער אליין, און דער קייסער אליין ווייס פון איהם — פאַר וואָס זאָל איך זיך נישט פרעהען?

— גיב נאָר אַ קוק די שמחה וואָס ער האָט, נע'הרג'עט צו ווערען אָדער אַן אַנדער אידען צו הרג'ענען, — ווייזט אויף איהם לעווינזאָהן.

— איך פערשטעה נישט, איהר האָט נישט געוואוסט צו וואָס מען האָט אייך דאָ אהער געשיקט? — שרייט אוים אסנת, וועלכען ס'האָבען זעהר געריהרט די לעצטע ווערטער, וואָס לעווינזאָהן האָט געזאָגט. — מיר זיינען סאָלדאַטען און מיר זיינען געגאַנגען אין מלחמה אריין. מיר ווייסען נישט, ווער דאָרט אויף יענער זייט ליגט, צו אַ איד, צו אַ קריסט. מיר ווייסען נאָר, אַז דאָרט אויף יענער זייט ליעגט דער שונא, — דער שונא פון אונזער לאַנד. און דער סאָלדאַט. וואָס שיסט

נישט דאָרט אהין, דער איז אַ פּעררעטהער פון זיין לאנד און איהם קומט די שטריק. קאהאנאָווסקי, איהר האָט רעכט, גיט די האנד, מיר וועלען אין איינעם שיסען די עסטרייכער און מיר וועלען זיך פּערדיענען דעם געארגיעווסקי, איהר האָט רעכט, ביזטו איינמאָל אַ סאָלדאט, מוזטו זיין אַ גוטער סאָלדאט. אז נישט, איז עס נישט נור בלויז אַ שאנדע פאר זיך, נאר אַ שאנדע פאר דער גאנצער נאציאָן, פון וועלכער דו קומסט ארויס.

— זעהט איהר, מיט דעם האָט איהר רעכט, — זאגט אראנאָוויטש, — מיר, אידישע סאלדאטען, דארפען זיך גום שלאגען, כדי זיי זאָלען נישט קענען זאגען, אז אידען זיינען פּחדנים. מיר דארפען זיך שלאָגען און ארויסווייזען מוטה, כדי צו ווייזען די אנטיסעמיטען.

— נישט פאר די אנטיסעמיטען, — שרייט אויס אסנת — דארפען מיר זיך שלאגען, נאר פאר אונז אליין. דערפאר ווייל מיר זיינען מענשען, און מיר ווילען, אז מען זאל אונז פאר אזעלכע האלטען.

— אודאי, אודאי דארף מען געטריי דיענען דעם קייסער, — רופט זיך צום לעצט אויך אָן לעווין, — דער רב האָט מיר אָנגעזאגט, ווען איך האָב זיך מיט איהם געזעגענט, אז איך זאל געטריי דיענען דעם קייסער, עס איז אַ גרויסע מצוה און אַ חוב.

אלע האָבען אַ מינוט געשוויגען.

נאר אראנאוויטש האָט נאָך געציטערט פאר שרעק און געזאגט מעהר מיט דער האנד, ווי מיט'ן מויל:

— געהט אהין, נעהט, זעהט ווי מען בעגראבט. ווי די הינד בעגראבט מען זיי. זעהט, זעהט, — האָט דער יונג אויסגעשריען אין ציטערניש, פערמאכענדיג די אויגען.

— אודאי וועלען מיר געהן, — רופט זיך אָן קאהאנאָווסקי. — קומט, אסנת, איהר געהט זעהן, ווי מען בעגראבט די עסטרייכער?

— אודאי געה איך, — האָט זיך אסנת אויפגעהויבען.

— ווארט, איך געה אויך מיט, — שמייכעלט לעווינזאָן, — לאָמיר זעהען, ווי מיין קבורה וועט אויסזעהן, — האָט ער זיך אויפגעהויבען.

— מען טאר נישט רעדען אזוי, — האָט לעווין אין דער שטיל געזאגט.

— נו, און דו, אראנאָוויטש, קומסט מיט ? — האָט קאַהאַנאָווסקי געשמייכעלט צום בלייכען יונגען מאַן.

זיי זיינען ארויף אויפ'ן בערגעל. דארט זיינען שוין געשטאַנען פיעל אַנדערע זעלנער און האָבען אראבגעקוקט אויף אַ בדייטע פעלד. פון דערוויטענס האבען זיי געזעהן פריש אויפגעגראָבענע ערד אין לאַנגע, לאַנגע שורות. אידען אין שווארצע קאַפּאָטעס, מיט קליינע אידישע היטעלעך, זיינען געשטאַנען מיט שאָפלען אין די הענד און האָבען פערדעקט די ערד. נעבען זיי זיינען געשטאַנען סטראַזשניקעס מיט ביקסען אין די הענד, און אָנגעיאָגט די אידען צו דער ארבייט. פיעל זעלנערשע זאכען, קליידער, ביקסען, זיינען געלעגען ארום דער אויפגעגראָבענער ערד, און זעלנערשע פוהרען זיינען ארומגעפאָהרען און אויפגעקליבען די זאכען. דאָס גאַנצע פעלד איז צוטראָטען, ארום די בוימער ליגען אָבגעבראָכענע צווייגען, האַלב אָבגעשאָסענע שטאַמען. די פערוואונדעטע בוימער האָבען מעהר דערצעהלט פון דער גרויסער הריגה, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, ווי די אָנגעוואָרפענע זאַכען אויף דער ערד. עס האָט עפּעס אויסגעזעהן, ווי די בוימער, געבראָכען אין מיטען בעסטען בליהען, וואָלטען געווען קינדער, וואָס ווייסען גאָר נישט, פאַר וואָס און צו וואָס דאָס איז אַלעס פאָרגעקומען, און זיי האָבען געמוזט שטעהן אויף איין אָרט און ניט געקענט אַוועקגעהן.

נאָר לאַנג קוקען האָט מען די סאָלדאָטען נישט געלאָזט. מען האָט זיי פון בערגעל אראבגעטריבען: נאַטשאַלסטווע האָט מורא געהאַט, אז דער טויט זאָל נישט אָבשרעקען די יונגע מלחמה־לייט.

אז אָסנת מיט די חברים זיינען צוריקגעקומען אויף זייער פריהער־דיגען אָרט, האָבען זיי געטראָפען אראָנאָוויטש'ן זיצען מיט לעווין'ען. לעווין האַלט אַ סידור אין האַנד און זאָגט תהילים, אראָנאָוויטש בויגט אויך זיין קאָפּ אין סידור אריין און זאָגט נאָך לעווין'ען וואָרט ביי וואָרט, ווי אַ תלמיד נאָך'ן רבי.

דאָס האָט אויף די סאָלדאָטען געמאַכט אַ ווילדען איינדרוק. זיי האָבען געקענט אראָנאָוויטש'ען, וועלכער האָט שטענדיג געלאַכט פון לעווין'ס פרומקייט און אָפטמאָל געשטערט איהם צו דאַווענען און אָנגע־רעדט איהם פון קעסעל צו עסען. אראָנאָוויטש זאָגט מיט אַמאָל תהילים! זיי האָבען אַלע דערפיהלט אין דעם תהילים־זאָגען דאָס

ערנסטקייט, וואס קומט אָן, און זיי זייען זיך צוגאַנגען יעדער אהן ווערטער, נישט וועלענדיג זיי שטערען.

---

אסנת איז געווען אויפגערעגט דעם גאַנצען טאָג און איז ארומגעגאַנגען א ניעדערגעשלאַגענער און נישט געקענט געפינען זיך קיין ארט. ניט דער טויט אויפ'ן ברייטען פעלד האָט אויף איהם גע־מאכט דעם איינדרוק, נאר ער האָט פערלארען דעם טעם פון זיין שריט, וואס ער האָט זיך אליין אבגעגעבען אין סאלדאטען. צווערשט האָט ער איהם אויך נישט ריכטיג פערשטאַנען, נאר ער האָט געפיהלט, פאר וואס ער טהוט דאָס. יעצט האָט ער דאס געפיהל אויך פערלארען, און עס האָט זיך איהם געדאכט, אז עס איז געווען א נארישקייט. דאָס געשפרעך מיט לעווינזאָן'ען האָט איהם דערמאָנט אן פיעלע סצענעס פון אידישע בעליידיגונג, ווי מען טרייבט זיין פאטער פון דעם וואלד, וואס ער האט געקויפט. דער פאטער, דער גרויסער וואלד־סוחר, איז פערשריבען פאר א סוביעקט ביי אן ארימען שיכור'ן גוי, וועלכען ער צאָהלט דערפאר וואכען־געלד... פיעלע סצענעס, נישט פון כעס. נאר פון קליינליכע נקמה און שלעכטקייט... און אפשר האָבען זיי רעכט, אז דער איד האָט ניט קיין פאטערלאנד, און וועט עס קיינמאָל ניט האָבען, און זאלען די פעלקער עסען איינער דעם צווייטען, וואס געהט עס דעם איד אָן? ער דארף זיך בעהאלטען אין קעלער און מיט א גלייכגילטיגער מינע צוקוקען, ווי ער געהט איבער, ווי א שקלאף פון איין האר צום צווייטען. ווארים וואס איז דער חילוק, ביי וועלכען פריץ ער וועט זיך מאטערען?...

און עס איז איהם געווען א שאד נישט זיין יונג לעבען, וואס ער האָט איינגעשטעלט אין סכנה פאר גאר נישט, נאר זיין געפיהל. עס האָט זיך איהם געדאכט, אז נאטשאלסטווא אליין לאכט פון איהם, וואס דער איד אסנת האָט זיך א פרייוויליגער אָנגעגעבען אין סאָלדאטען מלחמה צו האלטען פאר זיין „פאטערלאנד“.

---

אסנת איז געלעגען אויפ'ן פעלד און צוגעקוקט ווי אראָנאָוויטש, קאהאנאָווסקי און נאך א סך אידישע סאָלדאטען, פון וועלכע ער האָט

געוואוסט, אז זיי האָבען קיינמאָל ניט געדאווענט — קומען צו לעווין'ען. דאס דאווענען ווערט וואס א מאָל מעהר ווארימער און פרומער. לעווינזאָן, דער אינטעליגענט, דער וואס האָט תמיד געלאכט פון גאָט, קומט אויך צו, נעהמט אויך א סידור אין האַנד אריין, — ער איז אויך פרום געווארען; און זראנאוויטש וויינט, מען זעהט, ווי דעם יונגעס זיך די טרעהרען און ער פערקרימט דאָס פנים, ווי ער וואָלט גרויס רחמנות געקראגען אויף זיך אליין.

די קופקע סאָלדאטען ווערט שטילער; לעווין זאגט הויך אויפ'ן קול ודוי, און אלע סאָלדאטען זאגען איהם נאָך, קלאפען זיך אין הארץ. א טהייל וויינען, א טהייל זיינען פערקלעהרט און א טהייל שווייגען, נור אלע זיינען ערנסט. נאָך דער ודוי האָבען זיך די סאָלדאטען געקושט איינער מיט'ן צווייטען און געגעבען זיך די הענד, און עס זעהט ביי זיי אויס, ווי עס וואלט געווען יום כפור צו כל־נדרי.

לעווינזאָן קומט צו.

— נו, אסנת, גיט אהער די האַנד און זייט מוחל, כאָטש איהר גלויבט נישט אין דעם.

אסנת האָט איהם שטיל־שווייגענדיג די האַנד געגעבען.

נאָך'ן דאווענען ביי די רוסישע און נאָך ודוי ביי די אידישע סאָלדאטען איז אויפ'ן פעלד אביסעל לייכטער געווארען. די סאָלדאטען האָבען אויפגעלעבט, געווארען עפּעס מונטערער, און איינער האָט זיך ברודערליך מיט'ן אנדערען אדומגענומען. דעם מיטאג האָט מען געגעסען אינאיינעם, אין גרופּעס, און די רוסישע און אידישע סאלדאטען האָבען זיך געהאלטען אין איין קושען און געזונגען מיט אנאנדער, איינער האָט דעם צווייטען גליק געוואונשען, און א גרויס ברודערשאפט האָט געהערשט אויפ'ן פעלד. אויך די אפיצערען און דער פאלקאווניק אליין זיינען אריין צווישען די סאָלדאטען, געקושט זיך מיט זיי און געזעגענט זיך. די אפיצערען זיינען אויך צוגעגאנגען צו די אידישע־סאָלדאטען, געזעגענט זיך מיט זיי, און גרויסע ברודערשאפט האָט געהערשט צווישען זיי. ארבוזאָוו, אביסעל שיכור פון אויפרעגונג, איז צוגעגאנגען צו לעווין'ען, געקושט זיך מיט איהם, מיט נאָך אנדערע אידישע סאָלדאטען און געהאלטען אין איין רעדען:

— בעט'ס צו אייער גאָט, בעט'ס, אידישע סאָלדאטען, ער איז אונזער גאָט אויך, זאָל ער אונז העלפען, זאָל ער אונז מציל זיין.

און צו די חברים, די רוסישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען צוגעקומען מיט איהם, האָט ער גע׳טענה׳עט:

— יעדער האָט זיין גאָט און זיין ארט בעטען צו איהם.

— עס איז נאָר דאָ איין גאָט אויף דער וועלט פאר אונז אלע — האָט א אידישער סאָלדאַט געזאגט.

— נאר איין גאָט, — האָבען די רוסישע סאָלדאַטען מיטגע־שאָקעלט.

— נו, לאמיר זיך געזעגענען, ברידער.

— אלע זיינען מיר ברידער.

און די אידישע סאָלדאַטען האָבען זיך צוקושט מיט די רוסישע, מיט די „דיאדקעס", מיט די „דענשטשיקעס".

— דו האָסט איהם נעכטען בעליידיגט, — זאגט ארבוזאוו, וויי־זענדיג אויף לעווין׳ען, צום סאָלדאַט, וואָס האָט נעכטען אריינגעשטופּט א שטיק פליַיש אין לעווין׳ס מויל, — גערה, איוואנאוו, גערה, בעט איהם איבער, האָסט איהם בעליידיגט.

— בעט איהם איבער, איוואנאוו, בעט איהם איבער, — האָבען די אנדערע סאָלדאַטען מיטגעשאָקעלט.

עס איז ארויס איוואנאוו, דער גרויסער, שטארקער גוי, א פער־שעהמטער, און דערלאנגט לעווין׳ען די האַנד.

— קוש זיך מיט איהם, — האָט ארבוזאוו געשריען, — צוקושט זיך.

איוואנאוו האָט זיך צוקושט מיט לעווין׳ען.

— אָט אזוי איז רעכט, — האָבען די סאָלדאַטען צוגעשטימט.

---

אסנת איז געלעגען אויפ׳ן פעלד אליין. ער האָט געזעהן דאָס ברודערשאפט און די אמת׳ע מענשליכקייט, מיט וועלכע דער שווידער־ליכער טויט בינדט צו איין מענשען צום צווייטען, און ער האָט ניט געקענט קיין אָנטהייל נעהמען אין דעם. עס האָט איהם פערדראסען אויף זיך, וואָס ער קען נישט אראָבוואַרפען פון זיך דאָס גאנצע קלעהרען און ווי לעווינזאָן זיך אריינוואַרפען אין דער אלגעמיינער ברודערשאפט און אין איין מינוט אַן אלעם פערגעסען. ער האָט אויך געוואָלט צו־קושען זיך מיט די סאָלדאַטען, נאָר ער האָט ניט געקענט. איהם האָט

זיך געדראכט, ווען ער וואָלט דאָס געטהאָן, וואָלט דאָס געפיהל ניט געווען קיין עכטעס, און ער וואָלט זיך עפּעס געוואָלט צו׳חנפ׳ענען צו די סאָלדאַטען. אליין האָט ער זיך געפיהלט, ווי דאָס הארץ איז אויך געווען איבערלאָפען, און איהם האָט זיך אויך געוואָלט אין דעם מאָמענט, איידער מען געהט אוועק אפשר זיך ניט מעהר צו זעהן איינער מיט׳ן צווייטען — ווענען די האַנד צו דריקען. נאָר ער האָט קיינעם ניט געהאָט. דעם אינטעליגענט לעווינזאָן האָט ער פיינד געהאַט און לעווין איז געווען צו רעליגיעז פאַר איהם. נאָר לענגער ליגען אליין אויפ׳ן פעלד האָט ער שוין ניט געקענט. די סאָלדאַטען האָבען איהם שוין בעמערקט און ער האָט מורא געהאָט, אז מען זאָל איהם ניט האַלטען פאַר א בעל גאוה. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק פון די אידישע סאָלדאַטען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן קאַהאַנאָווסקי׳ן און געזאָגט צו זיך: יאָ, מיט איהם דאַרף מען זיך געזעגענען. ער איז איהם געגאַנגען זוכען. צום סוף האָט ער איהם געפונען. יענער איז געזעסען מיט אראַנאָוויטש׳ען אין א ווינקעל און עפּעס אין איהם אריינגערעדט. אראַנאָוויטש האָט שוין יעצט ניט געוויינט, נאָר געזעסען און געטרייסעלט זיך פאַר שרעק. די אויגען זיינע האָבען אויסגעדריקט א אָהן־האָפענדיגע פערצווייפלונג, און ער האָט געשאָקעלט אויף זיך אליין מיט׳ן קאָפּ. קאַהאַנאָווסקי איז געזעסען נעבען איהם, געטרייסט איהם און מיט איהם גערעדט.

— אָט איז אסנת אויך דאָ, — זאָגט ער צו אראַנאָוויטש׳ען, — ער איז געבילדעטער פון אונז און איז א רייכערער פון אונז, אָט געהט ער אין קריעג און האָט גאַר ניט קיין מורא, און קיינער פון די סאָלדאַטען האָט ניט קיין מורא. זעהסטו ווי מוטהיג זיי זיינען. מיר אלע געהען. דו מוזט דאָך האָפען, אז דו וועסט לעבען, און אז דו וועסט יענעם שיסען, וועט דיר קייז קויל ניט טרעפען. מוטהיג מוז מען זיין. ביזט דאָך ניט קיין קינד.

— אָבער איך האָב דאָך א קליין מיידעל אין דער היים און איך וואָלט אזוי געוואָלט זעהן ווי זי וועט אויפוואקסען, ווי זי וועט אויסזעהן ווען זי וועט גרויס זיין. איך וואָלט אזוי געוואָלט זעהן — און איך וועל זי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט זעהן. — האָט דער יונג געזאָגט אין אַן אונענדליכע פּערצווייפלונג.

— אבער, אראַנאָוויטש, מיר אלע האָבען דאָך טאַטעס מיט מאַ־

מעס! מען שטארבט דאך נאך ניט, וואס טהוט זיך מיט דיר? קוק אויף מיר, קוק אויף אסנת, אויף אנדערע אידישע סאלדאטען.

אז קאהאנאווסקי איז אוועק פון אראנאוויטש'ען, איז אסנת צו־געגאנגען צו איהם און געזאגט מיט א מאדנעם שמייכעל:

— נו, קאהאנאווסקי, גיט די האנד, אפשר וועלען מיר זיך שוין מעהר ניט זעהן. איהר זייט דאכט זיך אין דער זיבעטער ראטע?

— יא, — האט קאהאנאווסקי אבגעענטפערט. דערביי איז ער אויך בלייך געווארען און געגעבען די האנד.

— איהר האט ווטמען? — האט אסנת געפרעגט.

— איך האב א כלה, וואס איך ליעב זי.

— זיינט איהר גליקליכער פון מיר: איך האב קיינעם ניט.

— קיינעם ניט?

— יא, א קליין שוועסטעריל, וואס איך ליעב זעהר.

— גיט איהר דאס קייטעל, אז איהר וועט אהיים קומען, — זאגט קאהאנאווסקי, און נעהמט אראב זיין קייטעל פון זייגער.

אסנת האט עפעס געזוכט אין זיינע קעשענעס, וואס איהם צו געבען. ער האט גאר נישט געפונען, נאר דאס קליינע בענדעל, וואס זיין שוועסטערעל האט איהם מיטגעגעבען אלס אנדענקען. עס איז איהם אבער א שאד געווען דאס אוועקצוגעבען. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין גאלדענעם זייגער, די מתנה פון זיין פאטער צו זיין ענדיגען גימנאזיום, האט ער איהם ארויסגענומען פון ראנעץ און אוועקגעגעבען קאהאנאווסקי'ן.

זיי האבען זיך צוקושט און זיינען זיך צוגאנגען.

אסנת איז אריין אין פאלאטקע, ארויסגענומען פון זיינע זאכען דאס האנד־טוך, וואס ער האט זיך מיטגענומען פון דער היים, אז ער זאל עס האבען נעבען זיך, ווען ער וועט דארפען (ער האט ניט געוואלט שטארבען אויף א פרעמדע טוך אדער אויף זאמד), ארומגעוויקעלט דאס האנדטוך ארום הארץ, געמאכט זיך גרייט אין וועג אריין.

אין א האלבע שעה ארום האט דער פאלק דאס קרויט פעלד פער־לאזט און איז געגאנגען אין פייער אריין.

זיי זיינען געגאַנגען איבער'ן פעלד, וואס זיי האָבען פריהער גע־זעהן פון בערגעל. אויף דעם פעלד האָט געמוזט נעכטען עהער־נעכטען פּאַרקומען אַ גרויסע שלאַכט. דאָס גאַנצע פעלד איז געווען צוטראָטען, צופּאַהרען; עס זיינען געווען אָנגעוואָרפען דאָ און דאָרט לאַנגע רייהען פריש אויפגעגראָבענע ערד. אַרום האָבען זיך געשאָקעלט די האַלב־אָב־געבראָכענע בוימער, וואָס זיינען געשטאַנען אין זייערע אָבגעשאָסענע, נאָך גליהענדע צווייגען, ווי הרוגים אין זייער בלוט. עס איז געווען אַ בוריקעס־פעלד, און עס איז נאָך ניט געווען אָבגעריינינגט פון די בוריקעס. די רויטע און ווייסע בוריקעס זיינען געוואָרען אַרויס־געקאָפּיעט פון דער ערד מיט די טריט. זיי זיינען געלעגען האַלב צו־טראָטען, און דאָס גרינס אויף זיי האָט זיך ווי שמאַטעס נעוואַלגערט אונטער די פיס. צווישען זיי האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט הפקר זעל־נערשע קליידער, היטלען, ראַנצעס, ביקסען, שווערדען, טהייל מאָל אַ מענש, און טהייל מאָל אַן אבר פון אַ מענשען... אַלטע פּויערים, פּויערטעס, שיקסעס האָבען די בוריקעס אויסגעקליבען צווישען די אָנגעוואָרפענע זאַכען און צונויפגעלעגט אין קופּעס, און אידען, אין שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט קליינע היטעלעך, האָבען צווישען די בוריקעס צונויפגעקליבען די טויטע קערפּערס און געטראָגען זיי אין די פּריש־אויפגעגראָבענע גריבער. די גאַנצע בוריקעס האָט מען געקליבען אין קופּעס צום נוצען, און די צוטרעטענע זיינען געבליבען אויפ'ן פעלד אינאיינעם מיט די מענשליכע גופים צו בעמיסטיגען די ערד...

די סאָלדאַטען זיינען געגאַנגען שווייגענדיג, כאָטש מען האָט גע־הייסען זינגען. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַן איינצעלנע שטימע, נאָר קיינער האָט ניט אונטער געכאַפּט דאָס געזאַנג, און די איינצעלנע שטימע איז אויך צום סוף אַנטשוויגען געוואָרען. זיי זיינען אָנגע־קומען צו די גרויסע גריבער, ביי וועלכע די אידען מיט די שאַפלען זיינען געשטאַנען. די אידען האָבען זיך אויף אַ מינוט אָבגערוקט, געשטעלט זיך אַן אַ זייט און האָבען מיט די שאַפלען אין איין האַנד אָבגעגעבען דעם פּאַלק „טשעסט“. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען צו שפּרינגען איבער איינע פון די גריבער, זועהענדיג אינוויניג קופּעס סאָלדאַטען, אָנגעלעגט איינער אויפ'ן אַנדערען, אַ טהייל נאַ־קעטע, אַ טהייל אין זעלנערשע קליידער, טויטע פּנים'ער האָבען אַרויס־געקוקט מיט אָפענע קליינע גלאָזיגע אויגען. די טויטע ערנסטע פּנים'ער

האבען זיך ווי ארויסגעריסען פון די גראבע זעלנערשע קליידער. א טהייל סאלדאטען האבען זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט קוקען אין גרוב, אבער די אנדערע הינטער זיי האבען זיי באלד אבגעשטופט. אזוי זיינען זיי אריבערגעשפרונגען איבער דעם טויטען־גרוב.

זיי האבען אויפ'ן וועג אנגעטראפען גרויסע שווארצע לעכער וואס האבען אויסגעזעהן פון דער ווייטענס ווי בלאטעס. אז זיי זיינען אבער צוגעקומען צו די לעכער און אריינגעקוקט אין די בלאטעס, זיינען זיי אפגעשפרונגען: זיי האבען דערינען דערזעהן עפעס ווי א אפ־געשטאנען געקעכטס... אויפגעריסענע מענשליכע איינגעווייד אינאיינעם מיט פערדישעס. פון א שווארצער צונויפגעקאכטער מאסע, וואס זיי האבען נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס, האבען ארויס־געשטארט מענשליכע פנים'ער, מענשליכע אברים און פון אויבען אויף איז אן אויפגעריסענער פערד מיט די איינגעווייד ארויס געלעגען אויף דעם אלעמען...

צוערשט האבען זיי אזוינע שווארצע גריבער געטראפען איינציג־ווייז, נאר וואס אמאל זיינען זיי געדיכטער געווארען. דאס גאנצע לאנד איז געווען פול מיט אזעלכע בלאטעדיגע גריבער, און די סאלדא־טען האבען זיך געמוזט זוכען א וועג צווישען זיי. זיי האבען געוואוסט אז די גריבער ווערען געמאכט דורך די באמבעס פון די שווערע האר־מאטען פון דעם שונא, נאר יעדער איינער האט זיך עפעס געטרייסט, אז איהם וועט אזא שווארצע בלאטיגע גרוב מיידען. פאר וואס — האט קיינער נים געוואוסט, אבער די יונגע געזונדע לעבענס האבען פראט־טעסטירט און נישט געוואלט אונטערגעהען אין אזא ברודיגען קעסעל, וואו דער טויט איז אזוי שמוציג: זייערע פאנטאזיעס האבען זיך פארגעשטעלט א פרייען און בעסערען טויט...

די זונן האט זיך אנגעהויבען צו זעצען ביי'ם עק הימעל: דער לאנדשאפט איז געווען א גלייכער, א ברייטער, און דער הימעל איבער'ן לאנדשאפט איז געלאפען רונדיג ארום, און דער גאנצער זוים פון'ם הי־מעל איז געווען בעגאסען מיט א רויטען ליכט, וואס האט רויטליך אבגע־שפיגעלט אומעטום.

דאס לאנד האט זיך ביי'ם עק הימעל געבלייכט, עס האט זיך עפעס וואס געוויזען, וואס מען האט נישט געקענט פון דערווייטענס אונטער־שיידען, צו דאס זיינען הייזער, בערג אדער ווייטער וואלד. וואס נעהנ־

מער מען איז געקומען, האָט זיך דייטליכער ארויסגעוויזען, אז דאָס זיינען וואלקענס רויך, וואס געהן אויף פון דער ערד אין הימעל אריין. די סאלדאטען האבען פערשטאנען, אז דארטען איז עס. ביי א טהייל האבען די הערצער אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען, א טהייל זיינען שוין גלייכגילטיג געווארען. דער וועג איז יעצט גראדע געווען א בע־סערער, די גריבער האבען זיך שוין מעהר ניט געוויזען, אויף די לאנגע שורות אויפגענגראבענע ערד האבען זיך געזעהן זעלטענער, נור פון צייט צו צייט איז אויסגעקומען איבערצושפרינגען א טוידטען זעלנער, וואס איז געלעגען א פערלאזענער אין פעלד. דער טוידטער זעלנער, מיט דעם ביקס אין דער האנד און דאָס, וואָס מען האָט איהם אָנגעטראָפען אזוי פלוצלונג, אונערווארטעט — דאָס האָט נאָך מעהר אָבגעשראָקען, ווי די שווארצע גריבער. די פאַנטאזיע ביי יעדען סאָלדאט האָט גע־ארבייט: איך קען אויך אזוי זיין ווי ער...

דער וועג איז שווערער געווארען, די ערד שרעקליך צוטראטען און צופאהרען, די זעלנער זיינען געגאנגען אין טיעפער זאמדיגער ערד דורכ־געפלאכטען מיט אזא מין גראז, ווי קוניטשינע, וואס האט זיך געבונדען אן די פיס. עס איז אויך טונקעלער געווארען, עס איז אבער געווען פיעל היימישער און פערהליכער. מען האָט אָנגעטראָפען פיעל, פיעל וועגען, פערד, אויטאמאבילען. הויכע נאַטשאלסטווא איז געשטאנען אויף א בערגעל און גערעדט. מען האט זיך מיט אמאל ארומגעזעהן, אז מען איז זעהר, זעהר פיעל, און נישט זיי אליין געהען, נאר פון אלע זייטען קומען אן פאלקען, סאלדאטען און סאלדאטען: פיעכאטע, רייטערס. ארטילעריע. זיי האָבען ניט געוואוסט, פון וואנען דאָס האָט זיך גע־נומען מיט אמאל אזוי פיעל סאלדאטען, נור זיי האט זיך געדאכט. אז די גאנצע וועלט און די גאנצע ערד איז פול מיט זיי, ווארים וואו דאס אויג האט נור געקענט דערגרייכען, האט מען געזעהן און געהערט אונזעריגע. פאקלען האבען געברענט. ליכט־ווארפער האבען געשיינט. בעלויכטען אמאל דא און אמאל דארטען, און וואו זיי האבען געווארפען זייער ליכט, זיינען בעלויכטען געווארען סאלדאטען. פון דערוויטענס האט זיך געהערט א בעשטענדיגעס שיסען: קראך: קראך, קראך, נאר עס האט שוין קיינער דאס ערשט ניט בעמערקט און נישט געהערט. דאס שיסען איז פערטויבט געווארען אין דעם רעש פון די סאלדאטען, פון די וועגען און פערד, פון די אויטאמאבילען וואס זיינען פערביי־

געפלויגען ווי די טייוואלים, איז פרעהליך געווען, און מען האט שוין גאר נישט זיך געשראקען און מורא געהאט. אזוי פיעל אנדערע!

נאר זיי האט מען נישט אפגעשטעלט אויף א מינוט. זיי זיינען דורך אין דעם רעש, צווישען דעם געיאג פון די סאלדאטען, איבערגעגאנגען א דארף, וואו די הייזער זיינען געווען צוגעשלאסען, די לאדען פערהאקט, קיין מענש האט זיך נישט געזעהן, נור אין עק האט זיך דער שפיץ פון די קירכע געברענט און קיינער האט נישט געלאשען.

זיי זיינען אנגעקומען אונטער דעם דארף — האבען זיי פלוצלינג דערזעהן פאר זיך א שווארץ פעלד, בעוואקסען מיט עפעס: עפעס שטעהט פאר זיי, ווי בוימער אדער ווי מענשען. נאר עס איז אזוי טונקעל אז מען זעהט נישט.

פלוצלינג פאלט איבער'ן קאפ דער שיין פון א ליכט ווארפער. עס בעלייכט זיך א וואלד אין גרינעם, מען זעהט אינ'ם ליכט, ווי די בלעטער רוישען, איינצעלנע סאלדאטען שטעהען איבער א לאנקע. באלד ווערט וויעדער פינסטער, און פלוצלינג פליהט עפעס פערביי אין דער לופטען איבער די קעפ.

ער רוישט און קאכט אויף די לופט, און וויל דעם קאפ ארונטעררייסען. מען הערט, ווי עס פאלט און גיט א טעמפען קלאפ אז דער ערד. בוימער פאלען...

מען געהט ווייטער, אז אויטאמאביל פליהט פערביי, ווי א שד וואלט געריטען... טריט פון פערד הערען זיך נאהנט, מען זעהט נישט ווער, מען ווייס נישט וואס... עס איז פינסטער. די פיס קלאפען זיך אן עפעס אן, מען ווייס נישט אין וואס. אין א שטיין, ניין, עס איז ווייך, עפעס אן אונבעקאנטע זאך...

עס איז פינסטער. מען געהט ווייטער. פלוצלינג פאלט א ליכט איבער'ן קאפ. מען זעהט די חברים ווי ביי טאג: ארנאוויטש'עס הויכער בלייכער פנים — די אויגען ווערען פערבלענדט. מיט אמאל א ווינד איבער'ן קאפ, און עפעס פאלט...

עס ווערט א קליינער רעש, זעלנער פאלען אין א גרוב אריין. חברים נעבען דיר פאלען, די פיס גליטשען זיך, נאר מען געהט ווייטער. וויעדער גיט עס א בליטץ אין די אויגען און א ווינד איבער'ן קאפ. דער קאפ וויל פון קערפער ארונטערפליהען, און עפעס פאלט אריין. חברים ווערען אריינגעזוינגען, מען הערט רופען: גאט, ראטעווע... נאר מען געהט

ווייטער, ווייטער, — ביז מען קומט אָן צו גריבער. דאָרט געפינען זיך שוין אונזערע. מען הייסט זיך לייגען אין די גריבער, גראָבען נייע, און אַלע סאָלדאַטען וואַרפען זיך אויף דער ערד.

אַרום איז שטיל. מען הערט יעצט שאַרף אין דער שוואַרצער נאַכט דאָס קראַכען פון שיסען, און איבער די קעפּ פליהט ליכט פערביי און נאָך דעם — אַ רוישען, ווי מען וואָלט די לופט אויפגעוואַכט.

לאַנג זיינען די זעלנער אין די גריבער געלעגען, בעשיצענדיג זיך די קעפּ מיט זאַמד. פון דערוווייטענס האָבען זיך געזעהן קליינע, קליינע פייערלאַך — דאָרט איז דער פיינד. נאָר מען האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נישט שיסען, ביז מען וועט נישט הייסען, וואָרים עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אויסנאָרען דעם שונא פון זיין פערפעסטיגטער פּאָזיציע. מען האָט געדאַרפט, דער שונא זאָל גלויבען, אַז אונזערע, אויף וועלכע ער האָט ביי טאָג אָנגעשטעלט זיין שווערע אַרטילעריע, האָבען אָבגעטראָטען. דערווייל האָבען אונזערע ביינאַכט שטילערהייד פערמעהרט זייערע קרעפטען, כדי אַזוי ווי דער שונא וועט נאָר וואַגען אַרויסצוטרעטען פון זיין פּאָזיציע צו מאַכען אַ טריט נעהנטער, זאָלען זיי איהם נעהמען אויף די באַיאָנעטען, וואָרום אין אַזאַ קאַמפּף האָבען זיך אונזערע געפיהלט אַ סך שטאַרקער. אָבער די סאָלדאַטען האָבען זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטען און איבערגעטוישט זיך מיט'ן פיינד מיט איינצעלנע שיסע, וואָס האָבען ווי טויטע עבאָ'ס אָבגעקלונגען אין דער פינסטערער נאַכט.

אַז אסנת האָט זיך געפונען אין זיין גרוב, האָט ער דערפיהלט עפּעס וויכעס אונטער זיך. ער איז אין דער ערשטער מינוט אויפגעשפּרונגען פאַר שרעק, דערנאָך האָט ער דערהערט אונטער זיך אַ קול: „האָב רחמנות, ברודער". ער האָט זיך צוגעבויגען און דערזעהן אַ סאָלדאַט אונטער זיך:

„גיב צו טרינקען, ברודער, — האָט יענער געקרעכצט, — איך שטאַרב פאַר דורשט".

ער האָט איהם דערלאַנגט זיין פלאַש, פון וועלכער דער קראַנקער זעלנער האָט געטרונקען.

„וואָס איז דיר, ביזט פערוואונדעט?" — האָט איהם אסנת געפרעגט, — פאַר וואָס האָבען זיי דיר פון דאַנען ניט אַוועקגענומען?"

— „נישטא קיין צייט, קיינער איז נישט געקומען פרעגען. אלע אונזערע דא אין גרוב זיינען טויט אדער פערוואונדעט — א גאנצען טאג זיינען די באמבעס געפאלען, ווי די דונערס פון הימעל. גאט'ס קללה, ברודער, גאט'ס קללה איז אויף דער וועלט אויסגעגאסען געווארען".

— און ווי אזוי האט מען אונז אריינגעלאזט טרעטען אויף מענשען, אויף לעבעדיגע מענשען? — האט אסנת אויסגעשריען.

— מיר האבען אויך געטראטען אויף מענשען. נא זעה, אונטער מיר ליגט אויך ווער. א גאנצען טאג איז ער נאך ווארעם געווען, דאס וואסער מיינס האט ער אויסגעטרונקען: דאס גאנצע העמד האב איך איהם אין דער וואונד פערשטעקט. יעצט איז ער שוין קאלט. דאס בלוט איז איהם אויסגערונען. פון פארנאכט אן איז ער קאלט, גאט האט אויף איהם רחמנות געהאט. א קאטאליק געווען, וואלעסטין סטעכאוויטש האט ער געהייסען, פון 87טען סטרעלקאווען פאלק, גערענק עס גוט. ער האט מיר געבעטען פאר'ן טויט, אז איך זאל זיין נאמען גערענקען און איבערגעבען אין פאלק, אז מען זאל זיין מוטער שרייבען. יעצט וועל איך דיר דעם נאמען איבערגעבען: גערענק איהם, איך האב איהם גע'חזר'ט א גאנצען טאג. און מיינעם גערדיינק: איוואן מאלאדעץ, פון 14טען סטרעלקאווען פאלק, 6טע ראטע. גערענק איהם גוט, גערענק איהם...

— דו וועסט נאך לעבען, ברודער! אונזערע זיינען געקומען, פיעל זעהר פיעל, מיר וועלען פאר אייך אלע נקמה נעהמען!

— ניין, ליעבער ברודער, ניין. איך וועל עס שוין ניט דורכלעבען — קרעכצט דער קראנקער סאלדאט. — דו אפשר יא, איך שוין ניט! דאס גאנצע בלוט רינט ארויס. אט לויפט עס פון דער זייט איבער דער האנד, ווי א ווארימער טייכעל. און קיין וואסער איז שוין ניטא. דיינס איז אויסגעטרונקען און עס דורשט שוין ווידער.

— לאז, וועל איך איהם ארויסטראגען פון גרוב, וועט דיר בעקוועמער זיין צו ליגען, — זאגט אסנת.

— ניין ברודער, טהו דאס ניט, דא איז ער זיכערער! אין דרויסען וועלען איהם די גראנאטען אזוי צוהאקען, אז גאט וועט איהם ניט דערקענען, גאט'ס געזיכט וועלען זיי צושטערען. אין הימעל וועט ער ניט קענען ארויפקומען. לאז איהם ליגען. עס איז א רחמנות.

— וואו האסטו די וואונד, גיב אהער. איך וועל זי דיר פערבינדען
— זאגט אסנת.

— שוין ניטא מיט וואס: אלעס, וואס איך האב געהאט האב איך צונעלעגט, נאס, דאס בלוט לויפט. אלעס איז שוין פארנעצט.

— איך האב ביי מיר א האנדטוך — זאגט אסנת און ציהט ארויס דאס היימישע האנדטוך, וואס ער האט געהאט ביי זיך די ברוסט צו פערבינדען, — גיב אהער.

דאס האנדטוך האט אבער ניט געהאלפען. דארט, וואו די וואונד איז געוועזן איז ארום און ארום, אויף דער ערד, אויף די קליידער און אויפ'ן קערפער געווארען א פערגליווערטע מאסע, וואס האט פערבונדען דעם קערפער מיט דער ערד. אין א מינוט ארום האט שוין דאס האנדטוך געהערט צו דער פערגליווערטער מאסע.

אסנת האט זיך דערפיהלט מיט דעם פרעמדען סאלדאט פערבונדען דורך דעם, וואס ער האט איהם אפגעגעבען זיין האנדטוך. און דאס געפיהל האט איהם גוט געטהאן. ער האט זיך קיינמאל ניט פערגעשטעלט, אז א מלחמה איז אזוי שרעקליך און אכזריות'דיג, נאר עס האט איהם אויף איין מינוט ניט באנג געטהאן וואס ער האט דערקענט די שרעקען פון מלחמה.

שטאלצער און צופריעדענער איז ער געוועזן יעצט מיט זיך, קיין שפור איז ביי איהם יעצט ניט געבליבען פון דעם מיאוס'ען געפיהל און פון דעם אבערגלויבען, וואס האבען איהם געמאטערט בייטאג. איצט האט ער שוין ניט איבערגעקלעהרט און ניט נאכגעגריבעלט, נור ער איז געלעגען אין דער פינסטערער נאכט און געפיהלט די ערד אונטער זיך, די שווארצע, קאלטע ערד, און ער האט דאס געפיהל געהאט, אז פאר קיינעם איז ער ניט געגאנגען אין דער מלחמה אריין, נאר פאר די ערד דא. פאר די ערד, אויף וועלכער ער איז געבארען געווארען און זיין פאטער'ס פאטער איז געבוירען געווארען, און אויף וועלכע זיי האבען זיך תמיד געפונען. — פאר איהר און צוליעב איהר ליעגט ער דא יעצט אין גרוב, ניט לאזענדיג קיינעם זי אוועקנעהמען. דאס פערבינדט איהם מיט דעם קראנקען סאלדאט דא, וואס ער קען איהם ניט. און וואס ער איז מיט איהם אפשר שונאים. און וואס ער האט אפשר אמאל איהם אדער זיינע ברידער בעליידיגט, אדער גאר אנטהייל גענומען אין די פאגראמען אויף אידען. דאס פערבינדעט איהם מיט

דעם סאלדאט. דא, וואס זייביידע, ניין, זיי אלע דריי — ער האט זיך דערמאָהנט אז וואלענטין סטעכאוויטש — געהן בעשיצען דעם שפאן ערד, אויף וועלכען זיי זיינען אלע דריי געבוירען געווארען.

ער האט געקוקט אויף דער שווארצער נאכט, וואס ליגט אויף דער ערד, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער געהט בעפרייען זיין שפאן ערד פון דער שווארצער שרעקענדער נאכט. פון דערווייטענס האבען זיך אלץ געוויזען די פיינדליכע פייערלאך, וואס פינקלען ווי די אויגען פון א גיפטיגער שלאנג, וועלכע קריכט אויף דעם האלז פון זיין מוטער. ער, אסנת, איז געקומען בעפרייען דער מוטער פון דער גיפטיגער שלאנג. ער האט דאס געפיהל געהאט, אז די ערד איז קראנק; דורך דעם איז זי אזוי שלעכט צו איהם, ווייל עס קריכט אויף איהר די שלאנג. מען דארף זי בעפרייען פון די גיפטיגע ברענענדיגע פייערלאך, וואס ווייזען זיך פון דער ווייטענס. יעצט האט ער געפיהלט אין זיך די קראפט און דעם מוטה דארט אהין צו געהן און צוטרעטען די פייערלאך מיט זיינע פיס. ער האט געפיהלט, אז ער איז יונג און שטארק און ער האט די קראפט זיין קראנקע מוטער פון דער גיפטיגער שלאנג צו בעפרייען.

אזוי איז ער אפגעלעגען א האלבע נאכט אין גרוב, פערבראכט אין די געדאנקען, און געקוקט אין דער שווארצער נאכט, אין די פייערלאך געגענאיבער. דער קראנקער סאלדאט האט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען און צו בעטען וואסער. אסנת האט שוין איבערגענומען די פלאשען וואסער פון זיינע שכנים, נור דארטען האבען זיי אויך געהאט קראנקע חברים, וועלכע זיינען געשטארבען פון דארשט. א געוויסע צייט איז דער קראנקער גאר פערשטילט געווארען: עס האט זיך גע־דוכט, אז ער איז איינגעשלאפען. אסנת האט איהם ניט געוואלט וועקען. פלוצלינג, אין א צייט ארום, רופט ער זיך אפ:

— ברודער, איך פיהל: עס איז שלעכט, צלם מיך, פאר'ן טויט.

אסנת האט געקלעהרט א מינוט, גע'צלמ'ט דעם קראנקען און זיך אנגערופען: איך בין ניט קיין קריסט, נור דאך...

א מינוט האט דער סאלדאט געשוויגען.

— וואס, א מוסולמאן? — פרעגט פלוצים דער קראנקער סאלדאט.

— ניין, א איד, — האט אסנת אבגעענטפערט.

— אַ איד, — האָט דער קראַנקער סאָלדאַט ווי געזאָגט פאַר זיך
— נו, אַלץ איינס. איין גאָט איז דאָ אויף דער וועלט. קוש דיך מיט מיר. עס טהוט באַנג אַליין צו שטאַרבען.

אסנת האָט זיך צוקושט מיט איהם.

— און פאַרגעס ניט וואַלענטין סטעכאָוויטש אַ קאַטאַליק, און איוואַן מאַלאַדעץ אַ פּראַוואָסלאַווני, חזר איבער, וועסט פאַרגעסען.

— און אסנת מאיר אַ איד, — האָט אסנת געזאָגט פאַר זיך.

דערויף איז דער סאָלדאַט שטיל געוואָרען.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָט אסנת דערפיהלט אַ קעלט. ער האָט זיך איבערגעדרעהט און אַנגעשטויסען אויף'ן קראַנקען סאָלדאַט, נאָר דער לעצטער האָט זיך שוין גאָר ניט אָפּגערופען. אסנת האָט איהם געשטופּט מיט דער האַנד און געפרעגט: „וואָס איז דיר? דו הערסט?“ ער האָט ניט געענטפערט. אסנת'ען האָט אַ שרעק אַרומגענומען. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט פון דעם טויטען, אָבער ליגען רוהיג האָט ער שוין ניט געקענט. עס האָט זיך איהם זעהר געוואָלט זעהן דאָס געזיכט פונ'ם סאָלדאַט. דורך דער גאַנצער צייט וואָס יענער האָט גערעדט מיט איהם, האָט ער געהאַלטען זיין פּנים איינגעגראָבען אין דער ערד, אָבער אסנת האָט מורא געהאַט צו צוקעהרען זיך צו איהם, כאָטש ער איז געוועזען זעהר נייגעריג. אַ צינד־העלצעל אָנצינדען האָט ער ניט געטאָרט: מען האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל זיך ניט דערוועגען אָנצוצינדען קיין ליכט, כדי דער שונא זאָל ניט וויסען, וואו זיי געפינען זיך. צום סוף האָט ער דאָך אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון טויטען חבר און געקוקט איהם טיעף אין פּנים אַריין ביים שוואַכען ליכט פון די שטערן. ביינאַכט, אינ'ם אונקלאָהרען ליכט, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַרבוזאָוו פון זייער ראָטע, און עס האָט זיך אסנת'ען געדאַכט, אַז דאָס ליגט אַרבוזאָוו נעבען איהם...

די רעשט נאַכט האָט ער פערבראַכט אין קעלט און אין געפיהל פון פערלאַזענקייט...

---

מיט די ערשטע מאָרגען־שטראַהלען האָט זיך אָנגעהויבען דער לאַנדשאַפט צו בלייכען. צוערשט האָט אסנת דערפיהלט אַ פייכטקייט אַרום, וואָס ער האָט ניט געוואוסט, צי עס איז טהוי אָדער עס איז בלוט

פון'ם טויטען סאלדאט. דערנאך איז דער ראנד פון הימעל רויט גע־ווארען און אלעס איז געווען בעדעקט מיט א נעבעל. באלד האבען זיך פון נעבעל אנגעהויבען ארויסווייזען פעלדער, איינצעלנע בוימער, דער־נאך א הויכער וואל אנגעשאטענע ערד מיט ווייסע ווייזלאך. באלד איז אבגעגעבען געווארען דער בעפעהל צו שיסען. עס האט זיך אנגע־הויבען א שיסעריי פון גאנצען פראנט. די אויערען זיינען פערטויבט געווארען פון דעם קנאקען, די חושים פערשטאפט. מען האט גאר ניט געפיהלט, גאר ניט געוואוסט, נאר דאס אויג האט געזעהען א ווייסען שטריך און אהין האט מען געציעלט. עפעס איז געפלויגען איבער'ן קאפ, אין די זייטען — נאר קיינער האט אויף דעם ניט אכטונג געגעבען. ווי אין א חלום האט מען נאר געהאט דעם בעוואוסטזיין פון א דורכ־פליהען, ווארים אלע געפיהלען זיינען געווענדעט צום ווייסען שטריך ביי די בערגלאך.

אין א צייט ארום האט מען געגעבען דעם בעפעהל איבערצולויפען א פאאר מעטער צו די נעקסטע גרובען. אסנת האט געזעהן, אז אנדערע סאלדאטען לויפען, איז ער אויך נאכגעלאפען און אריין אין די צווייטע גרובען, וואס די זעלנער פון זיי זיינען ארויס און ווייטער געלאפען. שפעטער האט מען ווידער אנגעהויבען צו לויפען. אסנת האט זיך מיט אנדערע סאלדאטען געווארפען אויף דער ערד, אויסגעגראבען א גריבעל און אנגעשאטען א בערגעל כדי צו פערשטעלען זיין קאפ, און האט ווידער געציעלט.

אסנת האט געקוקט אויף דער פאהן פון זיין פאלק, וואס איז גע־גאנגען פאראויס אין דער מיט. וואוהין די פאהן איז געגאנגען, אהין האט ער געוואוסט, דארף ער אויך מיטגעהן. דאס בעוואוסטזיין איז ביי איהם געווען, און ער האט אלעס נאכגעטהאן. אבער געפיהלט האט ער גארנישט; אלע זיינע חושים זיינען געווען געווענדעט צו איין ציעל. די פאהן האט זיך אלע ווייל‌ע אויפגעהויבען איבער די קעפ און געלאפען פאראויס, ער נאך איהר. אבער יעדעס מאל זיינען אלץ ווייניגער זעלנער געלאפען נאך איהר: זיי זיינען איינגעזונקען געווארען אין די גריבער, וואס האבען זיך געעפענט אונטער זייערע פיס. באלד זעהט ער, ווי די פאהן בויגט זיך, פאלט אויף ארונטער צו דער ערד. עפעס פליהט איהם אין קאפ פערביי דער געדאנק:

לעווין מיט'ן טלית־קטן, די אידישע פאהן, יעד'ער איד ווערט

בעגראַבען איינגעוויקעלט אין פאָהן... און ער לאָזט זיך לויפען פון זיין גרוב צו דער פאָהן. עפּעס פליהט פערביי, עס גיט אַ ברען, ווי ער וואָלט זיך אָבגעבריהט... ער לויפט ווייטער. ער האָט דאָס געפיהל, אז ער לויפט ראטעווען עפּעס זעהר א נויטיגע זאַך, נישט קיין מענ־שען, נאָך מעהר פון אַ מענשען, און אז ער וועט דאָס ראטעווען, וועט ער האבען געראטעוועט די ערד אונטער זיך. ער לויפט. עפּעס פליהט ווידער פערביי, עס גיט ווידער א ברען; ארום קאָפּ צינדט זיך עפּעס אן א הייסער רייף, נאר ער פיהלט דאס נישט, איהם דאכט זיך אז ער הויבט אויף די גאנצע ערד אונטער זיך מיט אלע איינגעזונקענע סאלדאטען, ער פאכט מיט דער פאהן איבער'ן קאָפּ און לויפט ווייטער.

ווייטער יאגט עפּעס פערביי, עס גיט ווידער א ברען. יעצט דאכט זיך איהם שוין, אז דער קאָפּ ברענט איהם, עס ברענען די האאר, עס ברענט דאס פּנים, נאר ער לויפט. ער קוקט זיך ארום, אויב ווער לויפט מיט איהם. ער זעהט קיינעם נישט הינטער זיך: אלע זיינען ווי איינגעזונקען אין דער ערד. און אט איז ער שוין באלד ביים ווייסען שטריך; פון דארטען ריהרט מען זיך, ער זעהט, ווי מען הויבט אן צו לויפען צו איהם. א סעקונדע בלייבט ער אליין שטעהען אין פעלד, מיט דער פאהן אין האנד. קיינער איז נישטא ארום, אלעס איז איינגעזונ־קען. און דער קאָפּ ברענט ביי איהם, אט וועט זיך באלד אויך די פאהן אנצינדען און ברענען.

פון דער ווייטענס ווינקט ווער, מען טראָמייטעט. ער דערמאָהנט זיך, אז ער לויפט צום פיינד. אט זעהט ער שוין, ווי די קליינע מענ־שעלאך דאָרטען הויבען אָן לויפען צו איהם, זיי קומען וואָס נעהענטער. ער דרעהט זיך אום און הויבט אן צוריק צו לויפען מיט דער פאהן.

איבער'ן קאָפּ פליהען פייערלאך, עס בריהט ווידער. פול מיט לעכער אין דער ערד, פול מיט גריבער. אין אַ גרוב דאָרט ליעגט אוים־געשפּרייט אַ טלית־קטן. ער וויל אָנהויבען שרייען: לעווין! נור ער שפרינגט איבער די גריבער מיט דער פאָהן אין דער האנד. אָט האָט ער זיך שוין אויסגעגליטשט, נאר ער לויפט אלץ ווייטער.

עפּעס ווערט איהם לייכטער, לייכטער; עס דאכט זיך איהם, אז ער האט פליגעל געקראגען; און ער לויפט מיט דער פאהן פאראויס און נאך איהם פליהען די סאלדאטען, אויף פייערדיגע פערד פליהען זיי

און ער האט אויך א פייערדיגען פערד. ער שפרינגט אריבער מיט זיין פערד די טויטע שווארצע גריבער.

אט האט ער מיט אמאל געגעבען א פאל אראב פון פערד, ער וויל זיך אויפהויבען, לויפען, ווייטער לויפען... אויף דער ערד אראב... נור ער איז שוין געווען אויסער'ן פייער. צוויי סאלדאטען האבען איהם געכאפט אונטער'ן ארים און צוגעטראגען איהם מיט דער פאהן אין האנד, בעלאפען מיט בלוט פון קאפ ביז די פיס, צום גענעראל.

דער גענעראל האט ארויסגערעדט צו איהם, אבער ער האט ניט פערשטאנען. ער האט געקלערט וועגען דעם, אז שפרינגענדיג איבער די גריבער האט ער דערזעהן עפעס צוגעדעקט מיט א טלית קטן. דער טלית־קטן האט ארויסגעקוקט צווישען א סך פנים'ער...

אז ער האט אויפגעעפענט די אויגען, האט ער זיך געפונען אין א גרויס פעלד, פול אנגעשטעלט מיט בעטלאך. זעלנער אין ווייסען אנ־געטהאן קוקען ארוים פון אלע בעטלאך. עס איז א גרויסער טומעל; פון אומעטום הערט זיך קרעכצען. ערגעץ דארט אין א ווינקעל קלאגט א סאלדאט הויך אויף'ן קול. אסנת'ן האט זיך געדאכט, אז ער געפינט זיך אויף'ן שלאכט פעלד און אז די סאלדאטען אין ווייסען האט מען אוועקגעלעגט אין די „טרענשעעס" אין די בעטלאך. ער האט געקוקט אויפ'ן באלקען און האט געוואוסט אז עס זאל פון דער הויך עפעס אראב־פאלען, און א אינערליכער אינסטינקט האט איהם באוואויגען אז ער זאל זוכען נעבען זיך דעם ביקס. ער האט זיך האסטיג א ריהר געטהאן — און מיט אמאל האט ער דערפיהלט א שטאך אין קאפ, אין די זייטען, אין די פיס ווי מען וואלט איהם מיט שפיזען געשטאכען. ער איז געבליבען ליגען רוהיג, גלייכגילטיג און דער קאפ און דאס הארץ איז געווען פוסט.

עס האט ווער גערעדט צו איהם פון דער צווייטער בעט.

— סאלדאטשיק, פון וועלכען פאלק? פון וועלכער שלאכט?

ער האט פערשטאנען די פראגע, דאכט זיך אז ער האט עפעס אב־געענטפערט, נאר יענער סאלדאט האלט אלץ אין איין איבערפרעגען:

— סאלדאטשיק פון וועלכען פאלק? אין וועלכער שלאכט? וואס דו הערסט נישט?

— א קאטאליק, א רוס, און א איד, האט אסנת געשטאמעלט פאר זיך, אזוי אז יענער האט נישט געהערט.

באלד איז צוגעקומען צו איהם א מיידעל, אַנגעטהאָן אין ווייסען (אַלעס האָט ביי איהם אין די אויגען אויסגעזעהן ווי סאָלדאטען), און האט גערעדט צו איהם פשוט אידיש:

— איהר וועט לעבען, אסנת, איהר וועט לעבען. דער פראפעסאר אליין גיט זיך אב מיט אייך. די אפעראציע איז גליקליך דורך. די דאקטוירים גיבען זיך אלע מיה.

אסנת האט נישט פערשטאנען וואס זי רעדט און זיך געוואונדערט.

ער האט אויסגעטרונקען פון איהר האנד עפּעס א געטראנק. די אויגען זיינען איהם ליכטיגער געווארען און ער האט דערקענט אז ער געפינט זיך נישט אויף א פעלד, נאר אין א גרויסער, גרויסער שטוב אנגעשטעלט מיט בעטלאך.

— וואו בין איך? — האט ער שטיל געפרעגט.

— איהר געפינט זיך אין ווארשויער אידישען האספיטאל. מיר אלע ווייסען דא פון אייך, די צייטונגען האבען געשריעבען פון אייך. איהר זייט א העלד, אסנת, א העלד, מיר אלע זיינען שטאָלץ מיט אייך.

אסנת האָט נאָך ניט ריכטיג פערשטאנען איהרע ווערטער, נאר ער האט זיך געפיהלט גוט, ווען די מיידעל האט גערעדט צו איהם.

— און דער גובערנאטאר אליין איז געקומען פרעגען אויף אייך, דער גענעראל און הויכע נאטשאלסטווא, אלע קומען זיך נאכפרעגען אויף אייך. אט האט מען אייך אויפגעהאנגען דעם „געארגיעווסקי” צו־קאפּענס, דער גענעראל האט איהם געבראכט און האט איהם אליין אנגעהאנגען איבער אייער בעט. מיר אלע זיינען שטאלץ מיט אייך, אסנת, וואס איהר זייט א איד. אלע אידען פרעהען זיך.

אסנת האט יעצט אנגעהויבען צו פערשטעהען, נאר ער האט געהאט עפּעס א מאדנע געפיהל. איהם האט זיך געדאכט, צייט ער איז גע־קומען צו זיך, אז עפּעס פעהלט פון איהם, א שטיק פון זיין קערפּער פעהלט, — נור נישט דאס האט איהם אזוי געאארט. ער האט געהאט דאס געפיהל, אז דאס שטיק אבר, וואס פעהלט פון איהם, ציטערט, בעוועגט זיך, זוכט צוריק זיין ארט, און דער ציטער איז דארט, וואו זיינע פיס זיינען געוועזן...

ער האט פאמעלאך אין דער שטיל געטאפּט מיט זיין האנד אונטער זיין קאלדרע, און עפּעס א מאדנע זאך: ער האט זיינע פיס נישט געקענט געפינען... דאכט זיך, אט זיינען זיי דא, ער פיהלט זיי... זיי

ציטערן... נור וואו זיי זיינען, ווייס ער נישט. עפּעס זיינען זיי בע־האלטען אין אן אנדער ארט. עס איז איהם אזוי וואונדערליך פאר־געקומען: ער ליעגט אין איין בעט און די פיס זיינען אין א צווייטע בעט... קען מען דען פיס אוועקנעהמען פון לייב?... און פונדענסטוועגען פיהלט ער זיי דאך... ער פיהלט דעם נערוו... עס קיצעלט איהם אין קליינעם פינגערל פון זיין לינקען פוס און ער וויל קראצען. ער זוכט מיט דער האנד, פאמעלאך, פאמעלאך די פיס...

וואס אמאל ווערט עפּעס בולטער דער געדאנק. ער ציטערט אויף, פרעגט דאס מיידעל אונרוהיג:

— וואס, מען האט מיר די פיס אבגעשניטען?

דאס מיידעל איז בלייך געווארען, צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך איהר בעוויזען אין איהרע אויגען. זי האט אנגעבויגען איהר קאפ אויף זיין געזיכט און געקושט זיין שטערען. איהרע טרעהרען האבען נאס געמאכט זיין געזיכט און זי האט געמורמעלט פאר זיך:

— איהר זענט א העלד, אסנת, איהר זענט א העלד.

נאר באלד איז צוגעקומען דער דאקטאר, ער האט געזעהען די סצענע פון דערווייטענס, ער האט אראבגענומען דעם געארגיעווסקי צלם פון וואנד און איבערגעגעבען איהם אסנת׳ן, זאגענדיג מיט א פייערליכען טאן:

— דער גענעראל האט מיך בעאויפטראגט דאס אייך איבערצוגע־בען אין קייזער׳ס נאמען ווען איהר וועט קומען צו זיך.

אסנת האט א מינוט געהאלטען דעם שטאלענעם צלם אין האנד; אונטער דער קאלדרע האט ער אלץ נאך געפיהלט דעם נערוו פון די אבגעשניטענע פיס... ער האט געקלערט: וועט ער שוין טאקע נישט קענען געהן? און ער האט דאך דאס געפיהל, אז אט שפּרינגט ער ארויס פון בעט, אזוי לעבעדיג פיהלט ער זיינע פיס...

---

אין א פּאאר וואכען ארום האט מען אסנת׳ן ארויסגעלאזט פון האספּיטאל. ער איז דורך דער צייט אויס מיוחס געווארען: עס זיינען געקומען אנדערע אזעלכע העלדען, ווי ער, און די אויפמערקזאמקייט האט זיך איבערגעטראגען צו זיי. דורך דער צייט האט ער זיך אביסעל צוגעוועהנט צו זיינע צוויי הילצערנע פיס און צו זיינע צוויי קוליעס,

מיט וועלכע ער האט זיך אנגעהויבען בענוצען נאך אין האספיטאל. די געוועגהייט צו לעבעדיגע פיס האט זיך אויסגעלאשען און האט זיך ביסלעכווייז אנגעהויבען איבערצוטראגען אויף די הילצערנע פיס. ער האט זיי ליעב געקראגען... אפטמאל האט ער געהאט א מאדנע גע־פיהל: דער נערוו פונ'ם לעבעדיגען אדער האט אנגעהויבען ציטערן אין דעם קאלטען האלץ — און ער האט דאס האלץ ליעב געקראגען.

לאנג פערבלייבען אין האספיטאל האט ער ניט געקענט: אויף זיין ארט האבען געווארט הונדערטער און טויזענדער. מען האט איהם איבערגעשיקט אין א קלענער שטעדטעל, ווייט ארויף אין רוסלאנד. דארט איז ער אויך נאך געוועזען א חידוש. ער האט געווארט ביז דער טאטע וועט קומען און איהם אהיים נעהמען. ער האט איהם שוין אייניגע מאל טעלעגראפירט, אבער פון דער היים האט ער נישט בעקומען קיין אנטווארט. געהערט האט ער נאך אין האספיטאל, אז זיין שטעדטעל יאנאוו, וואס ליגט נישט ווייט פון דער גרענעץ, איז א פאר מאל שוין איבערגעגאנגען פון די רוסען צו די דייטשען און פארקעהרט, און אז דאס שטעדטעל איז חרוב. אבער וואו איז דער טאטע? וואו איז די מאמע? וואו איז די קליינע שוועסטערל?

אידען פון דעם שטעדטעל, וואו ער איז איצט געלעגען, האבען צו־זאמענגענומען א פאאר רובעל און איהם אבגעשיקט אהיים. צוויי וואָ־כען האט ער זיך געוואלגערט אויפ'ן וועג, אין פראכט־וואגאנעס, ביז ער האט זיך דערשלאגען קיין יאנאוו. ער האט דאס שטעדטעל נישט דערקענט: די בוימער פון די סעדער ארום זיינען געוועזען אויסגע־האקט; די פעלדער און די וועגען פערוויסט; דער מארק איז געוועזען אבגעברענט; די קוימענס האבען ווי שווארצע שדים ארויסגעקוקט צווישען די ווייסע ווענד. דא און דארט זיינען איבערגעבליבען גאנצע הייזער מיט אויסגעהאַקטע שויבען און ארויסגעשטעלטע טהירען. עס האט זיך קיינער ניט געוויזען אויפ'ן גאס, א חוץ א פאאר זעלנער, וואס האבען אין מיטען מארק אנגעלעגט א פייער, געזעסען ארום איהם און געווארעמט די הענד. ער האט געזוכט צווישען די חורבות זיין פאטער'ס הויז און האט פון דערווייטענס דערזעהן די וואנד פון זיין מוטער'ס שלאף־צימער: ער האט זי דערקענט אן די ווייסע טאפעטען: א רעמעל פון א בילדעל איז נאך געהאנגען אויף דער וואנד. דער הויף איז געוועזען אנגעווארפען מיט שטיקער וואנד, שטיינער, שטרוי האט זיך

ארומגעוואלגערט, און צווישען די שטיינער דער מאמע'ס אטלאסענע קלייד, א שייטעל, א ספר, א צובראכענער טיש.

ער איז אוועק פון דארט און זיך ארומגעדרעהט אין גאס, געזוכט וועמען. ער האָט אָבער קיינעם ניט געזעהן, נאָר אַ פּאָאַר הונגעריגע הינד האבען זיך ארומגעדרעהט אין מארק און געקוקט מיט משוגענע אויגען און נישט פערשטאנען, פאר וואס איז דאס אלעס געווארען אזוי...

אין אן עק גאס האט ער באמערקט דאס אלטע בית־המדרש'ל. ער שטעהט נאך גאנץ, ווי עס איז געווען, און פון די שויבען שיינט א ליכטעל ארויס. ער איז אריינגעגאנגען. פאר'ן עמוד האט זיך איינזאם א ליכט געברענט, און אַ פּאָאַר אַלטע אידען, אין לייכטע צוריסענע קאַפּאטעס, האבען געציטערט פאר קעלט, פאר שרעק און הונגער ארום דעם קאלטען גרויסען אויווען.

זיין אריינקומען האט די אידען אויפגעוועקט. זיי האבען זיך אנגעהויבען קלייבען ארום איהם, צוערשט מיט שרעק, מיט אונצוטרויען, דערנאך האבען זיי איהם דערקענט און ער האט זיי אנגעהויבען צו דערקענען: ר' יוסף ראזענקראנץ, דער נגיד פון שטעדטעל, ר' חיים סאָכאָטשעווער, דער מחותן. ער האָט זיי קוים דערקענט: בעלי־בתים זיינען דאָ פריהער געווען, די שעהנסטע אידען פון שטאָדט. איצט זעהען זיי אויס ווי אורחים, ווי אָרימע לייט.

א מינוט האבען זיי אלע געשוויגען. ר' יוסף האט זיך געווישט די אויגען מיט אן ארבעל און געזאגט:

— אזוי, אסנת, אזוי זעהן מיר אויס!

— און וואו איז דער טאטע? — האט אסנת געפרעגט.

די אידען האבען געשוויגען, איינער דעם אנדערען אנגעקוקט.

פלוצים האט זיך ליב שמש אבגערופען:

— וואס איז דא צו בעהאלטען? ער דארף עס וויסען, ער דארף קדיש זאגען. אסנת, דער טאטע לעבט נישט.

— פאר וואס? — האט אסנת אויסגעשריען.

— זיי האבען איהם זיין רעכט געטהאן. קוים ארויסגעקריגען דעם גוף צו קבר ישראל.

— ווער?

— די קאזאקען.

— האבען זיי איהם געשאסען?

— נאך ערגער.

— וואס ? זאגט ! — שרייט אסנת.

— זיי האבען איהם צום טויט געשמיסען !

אסנת האט זיין ליפּ געביסען און איז שטיל געווארען.

א לאנגע צייט האבען זיי אלע געשוויגען.

— און וואו איז די מאמע ?

— די מאמע איז אויבען אין דער ווייבער־שוהל מיט די ווייבער. אונזערע ווייבער קאכען פאר אונז אויבען אביסעל געקעכטס.

עס איז נישט אוועקגעגאנגען קיין צוויי מינוט, און פון דרויסען האט זיך דערהערט א ווילד געשריי, ווי א חיה וואלט געשריען, ווען מען פערוואונדעט זי: דאס איז געווען אסנת'ס מוטער, וואס איז אריין אין בית המדרש מיט א ווילד, אויסגעמאטערט געזיכט. זי האט שוין אויבען געהערט, אז איהר קינד איז צוריקגעקומען, און האט אנגעפילט דעם גאנצען בית-המדרש'ל מיט א ווילד־מוטערליך געשריי.

— מיין קינד, מיין קינד איז צוריקגעקומען !

זי האט זיך געווארפען אויף איהם פון איין זייט, דאס שוועסטערעל פון דער צווייטער זייט, און א לאנגע צייט האט זי קיין ווארט פון מויל נישט געקענט ארויסברייגנגען.

פלוצים האט זי דערזעהן די הילצערנע פיס, און מיט א שטארקען אימפּעט האט זי זיך געגעבען א ווארף צו דער ערד און ארומגענומען די הילצערנע פיס און געשריען מיט נישט קיין מענשליך קול:

— זעהט, זעהט וואס זיי האבען פון מיין קינד געמאכט ! מיינע פיס, מיינע גאלדענע פיס ! ! — און זי האט די הילצערנע פיס געקושט. ארומגענומען, געדריקט זיך צו זיי מיט איהר פנים און בענאסען מיט מוטערליכע טרעהרען.

אסנת איז געשטאנען ווי א דונער וואלט איהם געטראפען. ער האט געריסען דעם שטאלענעם קרייץ פון זיין מונדיר און געהאלטען איהם אין האנד און געזאגט ווי פאר זיך:

— די פיס פארלארען, מאמא, — אבער דערפאר א מעדאל געקריגען.

די מוטער האָט אָבער געריסען דאָס צלמ'ל פון זיין מונדיר און געשריען ווי א פערוואונדעטע טיער:

— וועהס מענשען. מיינע פיס, מיינע צוויי לעבעדיגע פיס — פאר א צלמ'ל...

# יעדער איינער מיט וואָס ער קען.

(אַן ערצעהלונג אויס די מלחמה־טעג).

אַז זי איז דורכגעגאַנגען דורך דעם געסעל האָט זי איבערגע־לאָזט נאָך זיך אַ געשמאַק פון פּערפיום, און די אידען וואָס זיינען גע־שטאַנען פאַר חיים בוימוואַל׳ס גאַלאַנטערי געוועלבעל, וואו עס איז גע־ווען די „בערזע“, האָבען געשמעקט דעם זיסליכען פעפער געשמאַק פון די פיילכען פּערפיום, זיינען ביי אַ טייל שלעכטע געדאַנקען גע־קומען אויפ׳ן זין און איינער האָט צום אַנדערען געוואונקען: ריח־נחוח... אפילו דער אַלטער שוין אין פּענסיאָן־איבערגעבליבענער ריכטער, וועלכער איז געקומען גאַס־אַראָפּ, אַנגעלעהנט אויף זיינע צוויי קוליעס, נאַכשלעפּענדיג די רומאַטיזם־קראַנקע פיס, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, בלייבענדיג הענגען אויף זיינע קוליעס — און איהר נאָכגעקוקט, און אריינגעאָטעמט אין זיך דעם פּערפיום־געשמאַק... אפילו לייבוש מעקלער, דער אַלטער שוחט, וואָס איז געוואָ־רען אויף דער עלטער אַ מעקלער, ווייל די הענט האָבען איהם געציי־טערט צו האַלטען דעם חלף, אַז ער האָט זי אַנגעטראָפען אויפ׳ן טראָ־טואַר, האָט ער מיט זיין בלאַבערנע־קלומפּערדיגע, פון בלאָטע פאַרהאַר־טעוועטע קאָפּאָטע אָפּגעטראָטען איהר דעם וועג. און די פאַרקאַלטע־וועטע באָרד, וואָס איז געווען אויסגעמישט און צוזאַמענגעפּלאָנ־טערט מיט די האַלב־פּערפוילטע וואַנצעס — איז פאַרגאַנגען דער גע־שמאַק פון פּערפיום — האָט ער געצויגען מיט דער נאָז, און באַוואויגען מיט דער באָרד, טראַכטענדיג דערפון, אַז קול באשה ערוה....

זי איז אַנגעקומען אין איינעם מיט דעם „פאַלק“ פוס־געהער סאָלדאַטען, וואָס איז אַראָבגעקומען „שטעהן“ אין שטעדטעל אריין. פון דער פּראָפעסיע איז זי געווען, אַזוי ווי מען האָט געזאָגט, אַן „אַקר־

שערקע", נאר גע'חבר'ט האט זי זיך ניט מיט קיין ווייבער, ווי עס פאסט פאר אן אקושערקע, נאר מיט וואנצעס־באוואקסענע אפיציערן. איז וועמענס בעגלייטונג מען האט זי שטענדיג געזעהן. און אידען האבען ניט געקענט פארשטעהן פארוואס זי איז אראפגעקומען אין שטעדטעל אריין מיט'ן פאלק און געפרעגט קשיות: „וואס, צו זעלנער דארף מען האבען אן אקושערקע אויך?" און זיי האבען איהר א נאמען געגעבען „די אפיצערסקא", און אזוי האט זי געהייסען.

דאס פאלק איז געווען א גוטס, די אפיציערען רייכע און דאס שטעדטעל האט פון פאלק פרנסה געהאט. די סאלדאטען און אפיצערען האבען זיך איינגעלעבט מיט די בעלי־בתים פון שטאט. מען האט ליעב געהאט דעם פאלק'ס ארקעסטער, דעם פאלקאווניק, וואס האט געגעבען צו פארדינען, די אפיציערען מיט זייער קאסינע—האבען דאס שטעדטעל לעבעדיג געמאכט. די סאלדאטען האבען פארקעהרט מיט די איינוואהנער, טייל חתונה געהאט פון שטאדט, עס איז געווארען דעם שטעדטעל'ס פאלק. זעלבסטפערשטענדליך, איז די „אפיצערסקא", אלס א טייל פון פאלק, אויך בעליעבט געווארען ביים שטעדטעל. זי איז געווארען דעם שטעדטעל'ס „אפיצערסקא", זי האט געמאכט די מאדעס פאר דעם שטעדטעל'ס שעהנעם געשלעכט, און אויסגעלערענט די יונגע ווייבלאך ווי צו געפעלען די מענער. זי איז געווען די ערשטע, וואס האט איינגעפירט אין שטעטעל די „רעפארם" קלייד מיט'ן טיפען אויסשניט אויפ'ן קארק, דראפירט מיט א בלויען טולענעם שלייער. די ווייבלאך זיינען געקומען צו דער מארישטקע און בעשטעלט אזעלכע קליידער ווי די „אפיצערסקא" טראגט. זי האט אבגעשאפט פון שטעדטעל די אלט־מאדישע קארעקאווע קופקע, וואס איז איבערגעגאנגען א טראדיציע פון מאמע צו טאכטער, און זי האט אויסגעלערנט די אידישע ווייבלעך צו ווייזען זייערע שעהנע האר. אז די אפיצערסקא האט זיך אמאל בעוויעזען אויף דער גאס מיט געקרייזעלטע לאקעלעך אויפ'ן נאקען און געקרייזעלטע גרשיבעלעך אויפ'ן שטערן — האבען איהר שעהנע ווייבלאך נאכגעטאן (פיעל טראגעדיעס זיינען אין אידישע הייזער איבער דעם ארויסגעקומען). זי האט אויסגעלערענט די ווייבלאך צו באנוצען פערפיומען, צו פוצען זייערע האר, זייער ווייבליכען חן, מיט איין ווארט, זי איז געווען דער מלאך פון ליעבע פאר'ן שטעדטעל...

אז די מלחמה האט אויסגעבראָכן און דאָס פאָלק האָט דאָס שטעדטעל פערלאָזען פאר'ן שלאַכטפעלד, האט דאָס שטעדטעל, סיי אידען, סיי די קריסטען, זעהר בעדויערט די סאָלדאַטען און די אָפיצי־ערען, וואס האָבען זיך געהאַט אזוי היימיש איינגעלעבט מיט די איינ־וואהנער. גאָלדבערג דער באַנקיער פון שטאָדט, מיט די צוויי דאָר־זערצעס האבען צונויפגעקליבען געלד און מען האט דעם פאָלקאָווניק דערלאַנגט א מתנה פאר די סאָלדאטען. דער פאָלקאָווניק האָט דאָס געלד ניט געוואָלט צונעהמען און איבערגעלאָזט, אז מען זאָל עס פער־ווענדען פאר'ן האָספיטאָל.

דאָס פאָלק איז אוועק פון שטעדטעל. ביי דער באַהן איז געווען א גרויס געוויין פון די ווייבער, און די אידען האָבען בעגלייט די סאָלדאטען מיט א ספר תורה און דאָס שטעדטעל איז טרויעריג געוואָ־רען. פון פאָלק איז נאר געבליבען דער אלטער פּאָפּ מיט די לאַנגע גראָהע האָר, וואס איז געווען צו אלט אין מלחמה מיטצוגעהן. אז אויסגעדיענטער, אין מערטורע־איבערגעבליבענער סוכאטשניקער דאָק־טאָר און די אָפיצערסקא, וועלכע דער פאָלקאָווניק האָט איבערגעלאָזט, אז זיי זאָלען דאָס מיליטער־שפּיטאָל איינריכטען. דאָס שטעדטעל האָט זיך אפילו געוואונדערט וואס די אָפיצערסקא איז ניט מיט'ן פאָלק מיטגעגאַנגען, איז געוואוהנט געווען זי אזוי צו בעהעפטען מיט'ן פאָלק. נאר „מלחמה איז ניט קיין שפּיעלכעל“, האָבען זיי געזאָגט.

אוים געוואוהנהייט, כדי ניט צו פערגעסען איהר פראַקטיק, האָט זי אין גאָס שפּאַצירט מיט דעם קראַנקען דאָקטאָר, וועלכער האָט גע־טראָגען די איינציגע שליפעס. און דאָס שטעדטעל אידען האָבען זי בעדויערט און זי גערופען די „עגונה“.

אין שטעדטעל האָט זיך געבילדעט א קאָמיטע, בעשטעהענד פון דעם קראַנקען סאָלדאטען־דאָקטאָר, פון דעם ריכטער, דעם פּאָפּ און דעם באַנקיר גאָלדבערג. וואס האָט געקליבען געלד פאר א סאָלדאטען־שפּיטאָל, און עס איז אראָבגעקומען א יונגער דאָקטאָר פון דער גרוי־סער שטאָדט און פאַרוואַנדעלט דאָס אלטע שטעדטישע האָספּיטאָל אין א סאָלדאטען־האָספּיטאָל. און די „אָפיצערסקא“ איז געוואָרען די ערשטע קראַנקען־שוועסטער.

אז די אידען פאר חיים'ס בוימוואָל־גאַלאַנטרי געוועלבעל האָבען זי געזעהען אין איהר נייעם קאָסטיום אלס קראַנקען־שוועסטער, מיט

דעם ווייסען טיכעל אויפ'ן קאפ און מיט'ן רויטען צלם אויפ'ן האלז, האט זיך נאטע פאקטאר (וואס איז געווען אן איינגעהער ביי די אפי־ציערען) אבגערופען:

— איך האב עס באלד געוואוסט.

האט איהם א צווייטער אבגעענטפערט:

— איך האב עס אויך געוואוסט.

---

אין אנפאנג פון קריעג איז דאס שטעדטעל געווען ווייט פון פראנט און דאס שטעדטישע האספיטאל האט לאנג געמוזט ווארטען ביז ער האט בעקומען די ערשטע קראנקע. דער האספיטאל, איינגעריכטעט מיט דאקטארשע כלים, וואס מען האט צוגעשיקט פון דער גרויסער שטאדט, איז געשטאנען לעדיג און די „אפיצערסקא" האט גאר ניט געהאט וואס צו טאן, נאר ארומשפאצירען איבער די גאסען פון שטעד־טעל אין איהר קראנקען־שוועסטער קאסטיום און איבערלאזענדיג נאך זיך דעם זינדיגען פערפיום־געשמאק. זי האט „אפיציעל" מיטגעמאכט אלע צערעמאניעס, וואס דאס שטעדטעל האט געפראוועט. געקומען אין דער אידישער שוהל אריין אין איינעם מיט'ן דאקטאר און „נא־טשאלניק" אויסהערען דאס געבעט פאר'ן קייסער, און פאר זיין נצחון איבער'ן פיינד. און איז עפעס געקומען נייעס אין שטעדטעל אריין, וואס דער נאטשאלניק האט געלאזט אויספויקען פאר'ן ראטהויז — וואו דאס גאנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעקומען — איז זי אין איהר קראנקען־שוועסטער יוניפארם געשטאנען מיט „נאטשאלסטווא". אי־בעראל, וואו „נאטשאלסטווא" איז געווען איז זי געווען. און איבעראל האט זי איבערגעלאזט נאך זיך דעם געשמאק פון פערפיום, וואס האט געבראכט צו זינדיגע געדאנקען... נאר באלד זיינען אין דעם האס־פיטאל אנגעקומען פיעל קראנקע סאלדאטען פון פראנט, וואס האבען זיך געשלעפט אין באהנען וועי וויים ווי לאנג, ביז זיי האבען דער־גרייכט דעם שטעדטישען האספיטאל, וואוהין זיי זיינען געווען בע־שטימט. די ערשטע קראנקע זיינען נאך געווען „העלדען". מען האט זיי אריינגעלעגט אין די בעטלאך און אבגעגעבען זיך מיט זיי. דער אלטער סאלדאטען־דאקטאר, וועלכער האט ניט געהאט געזעהן א

קראנקען צייט ער איז אין פאלק, און זיין צייט מעהר פערבראכט אין „פרעפעראנס“ שפיעלען מיט’ן פאלקאווניק’ס ווייב, איידער מיט מעדיציין, האט זיך ארומגעדרעהט צווישען די קראנקע סאלדאטען, געטאפט זיי דעם דופק, אויסגעהערט דאס הארץ, און פארשריבען עפעס מעדיצינען. די „אפיצערסקא“, וואס האט געזאלט די מעדיצינען איינגעבען, האט זיי אפטמאל פערטוישט... די סאלדאטען האט מען געהיילט אין דעם האספיטאל מעהר מיט תפלות איידער מיט מעדיציין. יעדען פריהמארגען און אבענד איז אריינגעקומען דער אלטער פאפ אין קראנקען זאל אין זיין קירכען־קלייד מיט’ן צלם אין האנט, געדאווענט פאר די סאלדאטען, איבערגע’צלם’ט זיי און בעגאסען מיט היילינגען וואסער.

נאר וואס נעהענטער דער „פראנט“ האט זיך גערוקט צו דער שטעדטעל, אלץ מעהר איז דאס האספיטאל איבערגעפילט געווארען מיט קראנקע, וואגאנען־ווייז זיינען זיי אנגעקומען, ביינאכט זיינען זיי אנגעקומען געהיימערהייט, ווען דאס שטעדטעל האט נאך געשלאפען, האט מען פון די באהנען אויף פוהרען און וועגען איבערגעפיהרט איבער די גאסען פון שטעדטעל האלב־טוידטע, פערבלוטיגטע סאלדאטען. די וואגאנען, אין וועלכע מען האט זיי געבראכט, זיינען געווען מיט בלוט פארשמירט, ווי מען וואלט געפיהרט אין זיי געשאכטענע בהמות. די „אפיצערסקא“ האט זיי געהאלפען אראבטראגען פון די באהנען אויף איהרע הענד, אויף וועגען ארויף, ביי ליכט פון שטולקאצען און לאנטערנעס, אין דער טויבער נאכט, וואס איז געלעגען איבער’ן שטעדטעל האט זיך געהערט דאס אונמענשליכע ברומען און קרעכצען.

דער האספיטאל איז געווען צו קליין פאר זיי, ניט געווען גענוג בעטלאך, און ביידע דאקטוירים, סיי דער אלטער, סיי דער יונגער וואס איז אראבגעקומען פון דער גרויסער שטאדט צו העלפען דעם אלטען, האבען זיך ארומגעדרעהט צווישען די שטארבענדע סאלדאטען און ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיי. דער יונגער איז אייגענטליך נאך געווען א סטודענט אין מעדיצינישען פאקולטעט, האט מורא געהאט צו פערלאזען אויף זיך, און ער האט אלץ געפרעגט ביים אלטען. דער אלטער, ווידער, וואס האט שוין אזוי לאנג ניט פראקטיצירט, האט גרויס דרך־ארץ געהאט פאר’ן יונגען, וועלכער קומט פון

דער גרויסער שטאדט, וואו אלע נייע ערפינדונגען אין מעדיצין און כירורגיע זיינען בעקאנט, איינגעפיהרט, און ער האט געהאלטען אין איין פרעגען ביים יונגען, ווי איז מען זיך נוהג ביי אייך דארט אין דער גרויסער שטאדט מיט אט אזעלכעם? פלעגט ער פרעגען, אנ־ווייזענדיג אויף א קראנקען.

— איך בין ערשט אן אנפאנגער, קאלעגע, און נאך ווייניג פראקטיק געהאט — זאגט דער יונגער צום אלטען — איך פערלאז זיך אויף אייך — איהר מיט אייער לאנג־יעהריגע ערפאהרונג אין מע־דיצין — האט דער יונגער אבגעגעבען כבוד דעם אלטען.

— א, ניין, די יונגע וויסען היינט פיעל מעהר פון די אלטע, וואס קען מען, משטיינס געזאגט, לערנען אין אזא קליין שטעדטעל, אין דער פראווינץ? דארט ביי אייך אין דער גרויסער שטאדט, זיי־נען אלע ערפינדונגען פון דער וויסענשאפט בעוואוסט.

נאר דער אמת איז געווען, זיי האבעןביידע ניט געוואוסט. די קראנקהייטען זייכען געווען אזעלכע פערשידענע און מאדנע, פון וועל־כע זיי האבען קיינמאל ניט געהערט. א טייל סאלדאטען זיינען געלע־גען מיט אבגעשאסענע אברים, אנדערע מיט פערקרימטע פנים'ער, בלינדע, פער'סם'טע פון גאזען, אדער אויפגעריסענע שטיקער פלייש איבער'ן קערפער פון אזא מין פולווער. אנדערע האבען געהוסט און גערעדט מיט אזא שטימע ווי אינוועניג וואלט אליץ געווען אפגעריסען אין זיי — ווי עס וואלט געקומען פון א הוילען פאס... אדער צוגע־קיהלטע, קראנקע אויף לונגען, וועלכע האבען זיך געפייניגט אין הוי־כער שווערער היץ און גערעדט אוים'ען וועג...

די ביידע דאקטוירים האבען זיך ארומגעדרעהט צווישען די פיעלע קראנקע, און ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיי. דער יונגער דאק־טאר האט געפרופט מאכען פערשיעדענע עקספערימענטען מיט די קראנקע פאר צייט־פארטרייב, און דער אלטער האט געפרופט זיי היילען מיט אלע באבסקע רפואות, וועלכע ער האט געדענקט פון זיינע יונגע יאהרען. נור דער איינציגער, וועלכער האט ניט געצווייפעלט אין זיינע רפואות איז געווען דער אלטער פאפ. יעדען פריהמארגען און אבענד האט ער געראווענט פאר די סאלדאטען, בע'צלם'ט זיי, און בעשפריצט זיי מיט הייליג וואסער, און אבגעשיקט זיי צום גענאד פון הימלישען מלכות, וואו זיי וועלען געפינען טרייסט און בעלוינונג

פאר זייער געטריישאפט צום קייסער, און יעדע נאכט איז אן אנדער סאלדאט אוועק אין הימעל זוכען זיין טרייסט און בעלוינונג פאר זיין געטריישאפט צום קייסער...

די „אפיצערסקא" האט זיך געהאט פארגעשטעלט די זאך גאנץ אנדערש. געמיינט האט זי, אז עס וועט אזוי זיין ווי אין די ראמאנען שטעהט, וועלכע זי האט געלעזען. אז אויפ'ן קראנקען בעט אין ווייסען האספיטאל וועט ליגען א פערוואונדעטער פרינץ, אדער פירסט, וועו ניט כאטש גלאט אזוי א העלדישער קאווקאזטשיק מיט א קינזשאל, וואס איז פערוואונדעט געווארען אין שלאכט (נאכדעם ווי ער האט געראטעוועט דאס פאטערלאנד מיט א גרויסער העלדענטאט) און זי, די קראנקען־שוועסטער זיצט ביי איהם אויפ'ן בעט און זי האלט אין איהר האנד דעם געארגיעווסקי קרייץ וואס דער צאר האט צוגעשיקט פאר דעם העלד. דער העלד האלט נאך פערמאכט די אויגען און ווייסט גארניט דערפון, און זיווארט ביז ער כאפט זיך אויף פון לאנגען שלאף, דאן נעהמט זי דעם געארגיעווסקי קרייץ און טוט אן אויף דער ברוסט פון דעם העלד, און זאגט צו איהם:

— דאס האט דער צאר דיר צוגעשיקט פאר דיין העלדישקייט.

און דער גראף אדער דער פירסט, אדער גלאט אזוי דער שעהנער קאווקאזטשיק מיט'ן קינזשאל, קוקט זי אן מיט זיינע שווארצע פינקעלדיגע אויגען, מיט זיינע שעהנע שווארצע וואנצעלעך, און פרעגט זי:

— און דו מיין מלאך, ווער ביזטו?

— איך בין דיין שוועסטער, וואס האט געראטעוועט דיין לעבען.

— איך וועל עס דיר קיינמאל ניט פערגעסען, — נעמט ער איהר האנד און קושט זי.

און דערנאך פאהרט זי מיט איהם אין דעם שעהנעם לאנד קאווקאז, און ער ברענגט זי אהיים און פיהרט זי צו צו זיין אלטע מוטער, און זאגט צו איהר:

— דאס איז דער מלאך, וואס האט געראטעוועט דיין זוהנ'ס לעבען!

און וואס ווייטער עס געשעהט, וויל זי שוין ניט קלערען — נאר עס איז אזוי אינטערעסאנט...

נאר אנשטאט דעם שעהנעם קאווקאזטשיק מיט די שעהנע וואנ־

צעלער, איז דער האספיטאל פול געווען מיט אנגסטיגע וועהטאגדיגע געשרייען. דער דארט וואס ליעגט מיט א פערבונדענעם קאפ וואס דער דאקטאר וואגט ניט אנצוריהרען די פיעלע פערבלוטיגטע באנ־דאזשען וואס זיינען פערגליווערט געווארען אויף זיין קאפ, ליעגט שוין צוויי מעת־לעת איינגעוויקעלט דעם קאפ און דאס פנים אין דער קאלדרע און שריים. צוערשט זיינען זיינע געוואלדען נאר געווען איבערצוטראגנען, ווייל ער האט געשריען ווי א מענש, נאר וואס אמאל האט זיך זיין שטימע געענדערט, ער האט אנגעהויבען צו ברומען, און יעצט מרוקעט ער עפעס ווי א חיה, נישט ווי א מענש, און דאס שרעקט אזוי, אז עס איז אן אימה צוצוגעהן צו איהם... און דער, וועל־כען מען האט נעכטען אריינגעבראכט פערבונדען דעם בויך, האלט זיך אין איין בעטען, ווי א קאפריזנע קינד: גוטע מענשען, ראטעוועט מיך. מען האט מורא צוצוגעהן צו איהם. היינט אין דער פריה האט ער אנגעכאפט דעם דאקטאר ביים ווייסען פארטוך און ניט אוועקגע־לאזט איהם, געקושט איהם דעם ראק און געבעטען זיך ביי איהם: „ראטעווע מיך!“ דערנאך האט ער דעם פאפ ביים קלייד געכאפט. און טאמער קומט זי צו נאהענט צו זיין בעט, כאפט ער זיך אן ביי דער שירץ און בעט זיך: ראטעווע מיך! נור צום שרעקליכסטען איז אט יענער, דער פרעמדער, דער אונגאר, וואס ליעגט דארט ביים פענס־טער. ער שטאמעלט עפעס אין אן אונפערשטענדליכע שפראך: מאגדזשי, מאגדזשי און מאגדזשי, און קיינער ווייסט ניט וואס „מאג־דזשי“ איז. זי האט רחמנות אויף דעם פרעמדען, און געהט אפט צו צו איהם, פרואווט איהם געבען מילך, וואסער, אנדערע געטרענקע, און ער האלט אין איין שאקלען מיט'ן קאפ אויף ניין, און ברומט צו איהר מיט בעטענדיגע אויגען: „מאגדזשי!“ און פרעגט איהם דער דאקטאר וואס איהם איז, ענטפערט ער: „מאגדזשי“. היינט האט ער געחאונקען צום פאפ, ער זאל צוקומען צו זיין בעט, דער פאפ האט געמיינט, אז ער וויל זיך צלם'ען. האט ער איהם צוגעלעגט דעם צלם צום הארץ, נור דער אונגאר האט אוועקגערוקט דעם צלם מיט דער האנד און געבעטען זיך ביים פאפ מיט די אויגען און מיט זיין גאנצען לעבען: „מאגדזשי!“ זי האט איהם שוין אין געהיים געגעבען קאניאק צו טרינקען, מיינענדיג, אז ער וויל שנאפס, נאר דער קראנקער האט אויך דעם קאניאק אוועקגעשארט מיט דער האנד און געבעטען זיך:

„מאנדזשי“. און קיינער ווייסט נים וואס מאנדזשי איז. אבער אס שרעקליכסטען איז דער בליק פון דעם אידעל, וואס ליגט דארט אין יענעם טונקעלען ווינקעל. די דאקטוירים זאגען, אז אלעס מוז ביי איהם אינוועניג זיין אבגעריסען. זיי פיהלען קיין פולס נים, און דאך לעבט ער. ער קאן נים רעדען, פארזוכט גאר נים, נאר קוקט פון בעט ארוים מיט זיינע אויגען. די אויגען זיינען ביי איהם געשוואלען, די ווייסלעך פון די אויגען זיינען געל מיט פיעלע רויטע בלוט־אדערלעך דורכגעוועבט, און די שווארצע אויג־אפעל זיינען קליין, קליין ווי קעפ־לעך פון שווארצע שפילקעס, און ער האלט אין איין קוקען, גאר נים בעוועגט זיך ביי איהם. אין גאנצען איז ער טוים, נור בלויז די אויגען בעוועגען זיך און געהען נאך יעדען, ווי א שאטען. זי האט מורא זיך צו בעוויזען דארט וואו ער איז, ווייל טאמער דערזעהט זי איהם בע־העפטען זיך זיינע אויגען מיט איהר און בעגלייטען זי וואו זי געהט. די דאקטוירים האבען געמיינט, אז ער איז שוין געשטארבען און מען האט איהם געוואלט צונעהמען אין טויטען־שטיבעל, האט ער אבער אנגעהויבען צו בעוועגען מיט די אויגען און נאכגעקוקט די דאק־טוירים וואס זיי טוען, האבען זיי איהם אבגעלאזט... אז ער זאל נים רעגערווירען די „שוועסטער“ און די קראנקע מיט זיין שטומען טויטען בליק, האט מען איהם פאררוקט אין א ווינקעל, און פארדרעהט איהם מיט׳ן פנים צום וואנד, אבער מיט אמאל האט מען דערזעהן פון טונ־קעלען ווינקעל גלאצט אהער דער טויטער בליק...

אין אנפאנג, אז זי האט דערזעהן די שרעקליכע קראנקהייטען, איז זי פארצווייפעלט געווארען. זי האט געוויינט פאר רחמנות צו די סאלדאטען. נור באלד האט זי זיך צוגעוועהנט צו די קרעכצען און צו דעם ברומען, אבער זי האט נים געוואוסט וואס צו טהון. זי האט אכטונג געגעבען, אז די האספיטאל דיענער, וועלכע זיינען געווען אונ־טער איהר בעפעהל זאלען טון וואס מען הייסט, אבער זי האט געזעהן, אז זי קאן גאר נים העלפען. פונקט ווי די דאקטוירים קאנען נים העלפען. זי פלעגט פון צייט צו צייט צוגעהן צו דעם אדער יענעם סאל־דאט (וועלכע זיינען נאך געווען מעהר אדער ווייניגער מענשליך. צו די שווערע קראנקע האט זי מורא געהאט צוצוגעהן) און זי האט געפרופט רעדען, גלעטען, דערלאנגען עפעס, אדער פארברענגען מיט דעם סאל־דאט אין א שמועס. און זעהענדיג, אז זי פערלייכטערט מיט עפעס דעם

ארעמען סאלדאט, איז זי גליקליך געווען. ווארים זי האט מיט אן אמת געפיהלט א גרויס רחמנות און ליעבע צו די סאלדאטען, נור זי האט ניט געוואוסט מיט וואס זיי צו העלפען.

איינמאל איז זי צוגעגאנגען צו דעם אונגארישען סאלדאט, וואס האט געהאלטען אין איין רופען „מאגדזשי", און זי האט איהם גע־פרופט צו פעררייכטען דאס קישען. דער פרעמדער סאלדאט איז גע־ווען א מאן אין די דרייסיגער, מיט א פאר שטארקע וואנצעס און א געשוירען בערדעל, וועלכעס איז איהם אין דער צייט פון זיין קראנק־הייט ווילד פונאנדערגעוואקסען. כאטש קראנק, האט זיין פנים, וואס איז געווען אבגעברענט פון דער זון, אויסגעזעהן פון א יונגען קרעפ־טיגען מאן. אויגען האט ער געהאט שווארצע, פייכטע, אריענטאלישע, און א פאר שטארקע נאז־לעכער. צופלאמט אין הויכען פיבער, האט זיין פנים אויסגעזעהן נאך מעהר צוהיצט און רוי. זי האט אויף דעם פרעמדען מאן, וואס קיינער האט איהם ניט פערשטאנען און געפינט זיך א שווער־פערוואונדעטער אין געפאנגענשאפט, ווייט פון זיינע אייגענע, מעהר רחמנות געהאט, ווי אויף די אנדערע סאלדאטען. דער מאן האט געקוקט אויף איהר מיט זיינע גרויסע אויגען, ווען זי איז צוגעקומען צו איהם, וועלכע האבען עפעס געבעטען, און בעוואוי־נען מיט זיינע פליישיגע ליפען: מאגדזשי! זי האט איהם פעררייכט דאס קישען, ארויפגערוקט איהם דעם קאפ, גלייך געמאכט עפעס דארט, און דאס טוענדיג האט זי ניט בעמערקט, ווי זי האט מיט איהר פולע ברוסט, פון וועלכער עס האט זיך אימער געהערט דער זיס־פע־פערדיגער פארפום, אנגעלעהנט אויף דעם פרעמדען מאנ'ס פנים. דער פרעמדער מאן האט זיין פנים איינגעגראבען אין איהר ברוסט און איינגעאטעמעט אין זיך דעם פארפום געשמאק. זי האט דערפיהלט א ווארעמען לעבעדיגען אטעם שלאגען אויף איהר ברוסט, און אויס רחמנות פאר'ן קראנקען האט זי איהר ברוסט געהאלטען לענגער אי־בער זיין געזיכט, עפעס פארענדיג זיך ביים קישען פון בעט...

אזוי אז זי האט זיך אוועקגעבויגען פון זיין פנים, האט זי בעמערקט ווי דעם מאנ'ס אויגען זיינען ליכטיג, און אנשטאט דער גרימאסע אויף זיין האלב־פערקרימטע ליפ, וועלכע האט אויפגעדעקט זיינע ציין, ליגט א רוהיגער שמייכעל. ער האט הויך געאטעמט מיט די נאז־לעכער, און ער האט האלב פערמאכט זיינע אויבערשטע הייטלער פון די אויגען, ווי

ער וואלט איינגעזונקען אין א זיסען טרוים. זיין פנים האט זיך נאך מעהר צוהיצט, און אויך איהר פנים האט זיך געראויטעלט. זי האט איהם אנגענומען ביי דער האנד, איבערפיהרענדיג איהרע ווייכע פינגער מיט א לייכטען גלעט איבער זיין שטארקע מענליכע האנד, און זי האט איהם געפרעגט אין א שמייכעל:

— מאגדזשי?

— מאג—דזש—י! — האט דער פרעמדער לאנג געצויגען דאס ווארט, אין א פערצוקטען זיסען שמייכעל אויף די ליפען, און זיינע אויגען האבען זיך טרוימעריש פערגלייזט...

פון דענסטמאל אז אין דעם מאנ'ס שרייען „מאגדזשי" געווא־רען פערשטענדליכער... עס האט אויפגעהערט זיך צו הערען פון דעם געשריי די פיזישע ליידען, און עס איז געווארען א רוף נאך ליעבע, א קרעכץ פון בענקשאפט. עפעס טרוימערישעס איז געווען אין דעם רוף, ער איז אויסגעוואקסען צו א נאמען פון א פרוי, פון א געליעבטע. און ווען די „אפיצערסקע" האט געהערט דעם מאן רופען מיט זיין בענקענדיג־טרוימערישער שטימע, איז זי צוגעגאנגען צו איהם און גע־קוקט איהם אין די האלב־פערגלייזטע אויגען, און אראבגעבויגען זיך צו פערריכטען זיין קישען, און אנגעלעהנט איהר פארפומירטע יונגע ברוסט אויף זיין פנים. און דער פרעמדער מאן האט איינגעגראבען זיין פנים אין איהר ברוסט, ווי א קליין קינד נארעט זיך צו א מוטער, און איז בעפרייט געווארען פון אלע ליידען און וועהטאגען, און איז איינגעשלאפען אין א זיסען חלום. „מאגדזשי!"

נעבען דעם אונגאר איז געלעגען א קאזאק, אן עלטערער שוין. די פיס זיינע זיינען ביי איהם געווען אבגעשאסען, און ער איז געלעגען ווי א שטיק פלייש און האט זיך ניט געקענט בעוועגען. אבער דאך האט דער קאזאק ניט געהאט פערלוירען זיין פרעהליכקייט. ער האט מעהר געבענקט נאך א טרונק בראנפען, וואס די דאקטוירים האבען, איין גאט ווייסט פארוואס איהם פערזאגט, איידער נאך זיינע פיס. יע־דער מאל, ווען דער דאקטאר, סיי דער אלטער סיי דער יונגער, איז צוגע־קומען צו זיין בעט, האט ער אנגעכאפט זיין האנד און געבעטען זיך:

— האט רחמנות, דערבארם זיך, פאטערל, נור איין איינציגען שלוק, די נשמה געהט אויס.

דער דאקטאר האט איהם פערזאגט און פערשריבען איהם מע־

דיציז, וואס דער קאזאק האט ניט געוואלט נעמען. די „אפיצערסקע“, וועלכע האט איהם די מעדיצין איינגעגעבען, האט אין דעם גלעזעל, אנשטאט די מעדיצין, א פאר לעפעל קאניאק אנגעגאסען און איהם געגעבען צו טרינקען. דער קאזאק האט עס אויסגעטרונקען און אויפ־געעפענט זיינע אויגען מיט פערוואונדערטע פרייד, און האט געכאפט איהר האנד קושען:

— דו גוטער מלאך, דו נאמ'ס טייבעל דו!

זי האט געגעבען א וואונק צו איהם מיט איהרע קאקעטישע אויגען:

— פערשטאנען, — האט דער קאזאק אבגעענטפערט אין א מי־ליטערישען טאן — נאט זאל דיר בעצאהלען. האט ער צוגעלעגט אין זיין הארץ, נאכקוקענדיג איהר.

ווען זי האט נור געקענט, האט זי איהם איינגעגעבען אט דעם לעבענס־ערהאלטענדען נעקטאר, און דער קאזאק האט אנגעהאלטען זיין פרעהליכקייט, און געלאכט און אויפגעמונטערט זיינע חברים ארום איהם מיט וויצען און גוטמוטיגקייט...

---

אין איינע פון די בעטלעך איז געלעגען א דייטשער געפאנגע־נער, א אינגעל נאך, א יאהר אכטצעהן אין גאנצען, נאך ניט בעד־וואקסען געוועזען. געהערט, אז ס'קומט א דייטש אין האספיטאל, האבען זיך אלע, אם מייסטען די „אפיצערסקע“ פארגעשטעלט דעם שרעקליכסטען מענשען־מערדער, און ניט פערשטאנען צו וואס מען דארף נאך דעם פיינד שפארען דאס לעבען. געדארפט איהם איבער־לאזען פוילען אויפ'ן פעלד — ניט פערנעהמען א בעטעל. אז מען האט אריינגעבראכט דאס אינגעל און געזאגט, אז דאס איז א דייטש, האט זיך ניט געוואלט גלויבען. דער ערשטער דייטש, וואס זיי האבען געזעהן אין האספיטאל, איז געוועזען א אינגעל. פונ'ם טאג אן, וואס מ'האט איהם אריינגעלעגט אין בעטעל איז ער געלעגען, ניט גע־רופען קיינעם, ניט געשריען, ניט געקרעכצט, קיין ווארט ניט ארויס־גערעדט. אז די דאקטוירים האבען איהם געפרעגט, וואס איהם איז, האט ער זיי געקוקט אין די אויגען אריין און גאר ניט געענטפערט.

געוואוסט האט מען, אז עפּעס איז מיט זיין הארצען. דאס האַרץ איז ביי איהם געשוואלען, צי פון א קלאפּ צי פון עפּעס אנדערש. א פולס האט ער געהאט א הויכען, און מען האט זיך געריכט אויף זיין טויט יערע מינוט. מען האט איהם געלאזט צורוה און ניט צוגענאנגען צו זיין בעט. די „אפּיצערסקע" האט אויף איהם רחמנות געהאט פון דעם ערשטען טאג, וואס מען האט איהם געבראכט אין האספּיטאל. זיין יונג געזיכט האט זי געריהרט, נור מען האט איהם גאר ניט גע־קענט טון. זי איז צוגעגאנגען צו איהם, האט איהר האנד ארויפגע־לעגט אויף זיין געשווירענעם קאפּ זעהר מוטערליך. דאס איגעל האט פערמאכט די אויגען, און איז געלעגען א מינוט, ווי אין שלאף, דער־נאך האט זי זיין ברוסט דערזעהן פון זיין אפּען העמד, עס איז געווען א ברוסט, ווי פון א יונג מיידעל, ווייס און שטארק. זי האט אנגע־ריהרט מיט איהר האנד זיין ברוסט און געגלעט איהם איבער זיין הארץ. דער קראנקער האט פלוצים געעפענט זיינע אויגען, יונגע שעהנע אויגען, און זי אנגעקוקט ווי איבערראשט. זי האט זיך גע־רויטעלט און פלינק אוועקגענומען איהר האנד פון זיין ברוסט. דער קראנקער האט ווידער פערמאכט די אויגען, און זי האט ווידער פאמעלעך איבערגעפיהרט איהר האנד איבער זיין ברוסט, און געגלעט איהם. א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויפ'ן אינגעל'ס פנים, ער האט געשמייכעלט מיט פערמאכטע אויגען, בלויז מיט זיינע ליפּען, זיין פנים האט זיך גערויטעלט, ווי ביי א יונג מיידעל, און ער האט בעוואויגען מיט די ליפּען, זאגענדיג עפּעס.

— וואס ווילסטו? — האט זי איהם געפרעגט אויף דייטש, די איינציגע דייטשע ווערטער, וואס זי האט געקענט, צובויגענדיג איהר פנים צו זיינע ליפּען.

— קיסען, — האט דאס איננעל געשטאמעלט.

זי האט זיך ארומגעקוקט איבער קיינער זעהט ניט, און זי האט דאס איננעל געקושט אויף זיינע ליפּען...

---

אין א פארנאכט, ווען מען האט אין האספּיטאל די נאכט־לאמפּען מיט די ווייסע אבאזשורען אנגעצונדען, פון די פענסטער האט זיך בע־

וויזען דער שנעע, וואס איז געלעגען אויף די צווייגלעך פון די נאקעטע בוימער און אויף די פעלדער ארום, האט דעם אונגאר'ס רופען „מאגדזשי" געענדערט זיך. עס איז געווען ווי זיין שטימע האט זיך פערוואנדעלט אין א כארכלען, און עס האט אזוי מאדנע אבגעקלונגען איבער'ן גאנצען האספיטאל, אז עס האט אויף די קראנקע א שרעק אנגעווארפען. די „אפיצערסקע" איז צוגעגאנגען צו איהם, זיינע ליפען זיינען געווען בלוי, די האר פון זיין בארד שטייף, די אויגען פערגלייזט, נור די נאז און דער אטעם האבען שווער געארבייט כארכלענדיג דאסווארט „מאגדזשי". זי האט געוואוסט וואס דאס איז, געמיינט אז ער ליידט אזוי שרעקליך און געוואלט פערגרינגערען זיינע ליידען. פאר רחמנות האט זי זיך ווידער אריבערגעבויגען איבער זיין פנים מיט איהר ברוסט. און קוים האט דער קראנקער דערפיהלט אויף זיין פנים איהר בוזים, האט זיין כארכלען אויפגעהערט, ער האט אנגעהויבען שוואך צו ברומען „מאג־דזשי", מאג־דזשי", אבער וואס אמאל איז זיין ברומען אויך אויסגעלאשען געווארען. ער האט זי געהאלטען ביי דער האנד, קראמפהאפט געדריקט זי, און געבעטען זיך מיט א ברומענדיגע, תאוה'דיגע שטימע, וואס אמאל שטילער, „מאגדזשי". זי האט געפיהלט זיין שוואכען אטעם שלאגען אויף איהר ברוסט. ער האט אנגעלעהנט זיין קאפ אויף איהר ברוסט און געזוכט עפעס אן ארט אין איהר, וואו צו בעהאלטען זיך; האט זי אונטערגעהאלפען מיט דער האנד, אוועקזעצענדיג זיך אויף זיין בעט און ארומנעהמענדיג זיין קאפ מיט איהר האנד און אנלעהנענדיג איהם אויף איהר ברוסט, ווי מען טוט עס א קליין קינד. די האר פון זיין בארד האבען איהר געשטאכען, און זיין שטימע איז וואס אמאל שטילער געווארען. אויסגעלאשענער, ביז ער איז איינגעשלאפען אויף איהר ברוסט מיט דעם ווארט „מאגדזשי" אויף זיינע ליפען.

א גאנצע נאכט איז ער געלעגען צווישען די קראנקע אין האספיטאל־זאל, קיינער האט ניט געוואוסט, אז ער איז געשטארבען. צומארגענס אין דער פריה, אז מען האט ענטדעקט זיין טויט, האבען זיך אלע פערוואונדערט איבער דער רוהיגקייט און די גליקליכע זעליגקייט, וואס איז געווען אויסגעגאסען אויף זיין פנים. זיין פנים איז ניט געווען פון א טויטען מענשען, נור פון א שעהנעם שלאפענדען מאן. זיינע באקען זיינען נאך געווען רויט, ווי ווארעם. זיינע אויגען האלב

צונעמאכט מיט די איבערשטע הייטלער, און די נאזלעכער ברייטע, שטארקע, נור אביסעל בלייך. נור איבערהויפט האבען זיך אלע פערוואנדערט איבער דעם רוהיגען, גליקליכען שמייכעל. יא, מען האט געזעהן ווי דער טויטער שמייכעלט. זיינע שטארצע וואנצעם האבען זיך אויסגעצויגען, און די ליפ איז געווען פערשפרייט, און זיין מויל איז אפען געווען אביסעל. א שרעקליגע צייכן האט מען געזעהן, און א שטיקעלע צונג, ווי ער וואלט געשמייכעלט פון שלאף ארויס — „מאגדזשי!"

די דיענער פון האספיטאל האבען געזאגט, אז דאס איז צוליעב דעם אלטען פאפ'ס תפילה אבריכטען, וואס ער דאווענט מיט די שטארבענדע סאלדאטען, ער בערוהיגט זייערע נשמות פאר'ן טויט. דורך דעם שטארבען זיי ווי צדיקים.

---

און אזוי איז אויך געשטארבען דער יונגער דייטש, איינשלאפענדיג אויף איהרע קניען. גלעטענדיג מיט איהרע הענד אויף זיין נאקעטע ווייסע ברוסט איז ער איינגעשלאפען, ווי א קינד, מיט א קוש אויף זיינע ליפען. זיינע אויגען זיינען אפען געווען, גרויס, און זיי האבען געשמייכעלט, און זיינע ליפען האבען זיך פאנאנדערגעצויגען, ווי צום קושען. אז די דיענער האבען איהם געפונען אזוי ליגענדיג א טויטען אויף זיין בעטעל, האבען זיי זיך איבערגע'צלם'ט פאר דעם וואונדער וואס זיי זעהען, און דערצעהלט וועגען דעם אין שטעדטעל.

און אזוי איז אויך געשטארבען דער קאזאק, א פרעהליכער, ווי זינגענדיג א ליעד, מיט קליינטשיגע איינגעקארטשעטע אויגעלעך, לאכענדיג. מען האט געזעהן ווי די געזיכטסציגע זייטע זיינען פערגלייווערט געווארען לאכענדיג.

דעם סוכאטנישען פאלאק האט מען געפונען מיט אויסגעשטרעקטע הענד, ווי ער וואלט וועמען געוואלט ארומנעמען מיט זיינע ארעמס דענסטמאל ווען ער איז געשטארבען. זיינע אויגען זיינען געווען שטארק אפען, און זיין מויל האט אויסגעדריקט פערציקונג... אפילו דעם סאלדאט מיט'ן ארומגעבונדענעם קאפ, וואס מען האט מורא געהאט אויפצואוויקלען זיינע באנדאזשען, און וואס האט געהאלטען

אין שרייען. האט מען געפונען נאכ'ן טויט מיט פערביסענע ציין אויף זיינע ליפען. נור די גרימאסע האט ניט אויסגעדריקט קיין פיזישען צער. ווארים זיינע אויגען זיינען אפען געווען און האבען געשמייכעלט. אפילו דעם אידעל, וואס האט אלעמען נאכגעפאלגט מיט זיין שטארען שרעקענדיגען בליק, האט מען געפונען נאכ'ן טויט שלאפענדיג א זאנפטען שלאף, ווי שמייכלענדיג אין זיך. זיינע אויגען זיינען צו געווען, זיין נאז בלייך, אויסגעצויגען, זיינע אידישע ליפען, און דער קנייטש ארום זיין מויל האט אויסגעדריקט זיסקייט און פרייד, ווי ער וואלט עפעס געזעהן געזעהן א גוטע זאך אין זיין טויט... דעם הויכען קאווקאזער קאזאק האט מען געפונען א שטייפען, ווי א פערשטיינערטען. נור די דינער האבען געזאגט, אז זיינע באקען זיינען געווען אזוי צעהיצט און זיין גאנצער לייב אזוי ווארעם געווען ווי מען וואלט איהם פון א וואנע ארויסגענומען. אפילו אין דר'ערד אריין האט מען איהם געלעגט א ווארימען...

---

פון שטעדטעל האט עס זיך דערטראגען אין דער גרויסער גובערנסקער שטאדט, און פון דארט צום פראנט, וואו די 12טע ארמעע איז געשטאנען, אז אין גאמבאווער אויעזד געפינט זיך א האספיטאל אין וועלכען מען שטארבט גרינג. דער פאפ פון דעם האספיטאל, אן אלטער הייליגער פאטערל, בעפרייט די זינדיגע שטארבענדע מיט זיינע תפילות פון אלע ערדישע ליידען, און פיהרט זיי איבער גרינג פון דער וועלט גלייך אין גן עדן אריין. מען האט אויך דערצעהלט, אז אויף די פנים'ער פון די שטארבענדע סאלדאטען זעהט מען די פרייד פון דעם הימלישען מלכות, וואס די טויטע זעהען נאך זייער טויט. יעדער סאלדאט האט זיך געוואונשען, ווען עס וועט אויסקומען, זאל ער שטארבען אין יענעם האספיטאל, בעפרייט פון די ערדישע זינד, וואו ער וועט קענען לייכט איבערגעהן פון דער וועלט אין גן־עדן אריין. די קראנקע סאלדאטען פון די האספיטעלער פון פראנט, וואו עס האט זיך דערטראגען דער געהערד, האבען זיך געבעטען, אז מען זאל זיי איבערשיקען אין יענעם האספיטאל שטארבען. די זאך איז דערגאנגען צו „הויכע נאטשאלסטווא“, און דער צאר האט אראבגעשיקט

אין יענעם האספיטאל א קאמיסיע, אז מען זאל פערגרעסערען דעם
האספיטאל און מאכען פון איהם א זאמעל־פונקט פאר אלע שטאר־
בענדע סאלדאטען פון פראנט: אז מען זאל אויפבויען א געבעט־
קלויסטער אין גארטען פון האספיטאל, א דאנק פאר גאט, און איבער־
געשיקט דורך דעם מיטראפאלים, וועלכער איז געפאהרען אן דער
שפיץ פון דער קאמיסיע. זיין דאנק און אונטערטעניגקייט צום היי־
ליגען פאפ: בעפוילען, אז מען זאל איהם איבערפיהרען צום העכס־
טען ראנג פון דער ארטאדאקסישער קירכע און ערקלערען איהם אלס
היילינגען.

ביי דער צערעמאניע, וואס דער מיטראפאליט האט אבגעריכט
ביים איבערפיהרען דעם אלטען „פאפ“ אין היילינגען שטאנד, האט
געקניט ביי דער טיר פון דער קירכע די „אפיצערסקע“ און געשלאגען
זיך אין הארצען און געוויינט מיט ביטערע טרערען, וואס אין דעם
היילינגען האספיטאל, וואו דער געטליכער מאן בעווייזט זיינע וואונ־
דער, געפינט זיך אזא זינדיגע ווי זי...

# א הינטישע נשמה.

(א מעשה מיט א הונד).

אין די נאכבארשאפט, הינטער פאריז, וואו איך האב געוואהנט בעפאר דער קריעג האט אויסגעבראכען האט זיך געוואלגערט א הונד, וועלכער איז מיר נאכגעלאפען יעדעס מאל ווען ער האט מיך דערזעהן. געווען איז עס דער הונד פון אונזער'ן א שכן, דעם גערטנער. וועלכער איז געשטארבען אהן יורשים. די רעגיערונג האט צוגענומען זיין פערמעגען, אבער ניט בעזארגט זיין יורש, דעם הונד. דער הונד האט געפונען פאר נאטירליך צוגעהן צו מיר, אלס צו דעם נאהענטסטען שכן, אז איך זאל איהם צונעהמען.

אבער איך האב קיין גרויסען חשק ניט געהאט ארייןצונעהמען אין מיין הויז נאך א לעבעדיגע זאך. א לעבעדיגע זאך קען אוועקשטארבען. דאן האט מען א צובראכען הארץ. פלעג איך דעם הונד פון דער שוועל אוועקיאגען.

האב איך אבער א איינגעל, איז ער א פריינד פון אלעם לעבעדיגען. אלע הינד, אלע קעץ און אלע פייגעל אין דער נאכבארשאפט קענען איהם און ער קען זיי ביים נאמען. און איידער איך האב זיך ארומגעקוקט, איז מיין זוהן ארייגעריטען אויפ'ן הונד'ס רוקען אין מיין הויז אריין. ער האט איהם ערגעץ־וואו פערשטעקט אין געהיים אין דער קיך, אז איך זאל ניט וויסען. דערנאך, אז איך בין געוואהר געווארען פון דעם הונד, איז ער שוין געווען ביי מיר אין הויז א מיטגליעד, אלע האבען זיך שוין געהאט צוגעוואהנט צו איהם. ער האט זיך שוין געהאט ארייגנע'גנב'עט אין אונזער לעבען אריין. ער איז

געווארען א משפחה'דיגער, און איהם ארויסשיקען פון שטוב איז שוין געווען אונמעגליך.

דאס איז ניט געווען א קליין הינטעלע, א אונבעהאלפענס, וועלכעס מען האט ליעב דערפאר, ווייל מען האט דארויף רחמנות. ניין. דאס איז געווען א גרויסער שטארקער הונד, א געמישטער בערנאנדינער, שוין ניט קיין יונגער, האט שוין געמוזט פיעל דורכמאכען אין זיין לעבען, ווארים זיין בעל הבית איז געווען אן אוואנטוריסט און האט דורכגערייזט מיט זיין הונד פראנקרייך, און איז געווען מיט איהם איבער ימים און איבער וועלדער.

דער הונד האט זיך אויך ביי זיין נייעם בעל־הבית, ביי מיר, געזוכט צוערשט עהרליך צו פערדיענען זיין שטיקעל ברויט, מיט דעם װאס ער האט געוואלט ניצליך זיין אין דער בעל־הבית'ישקייט. אבער ער האט זיך ביי מיר גאר ניט געקענט ניצליך מאכען. צו היטען איז ניט געווען וואס. מיר האבען געוואהנט אין א קליינע ארימע הייזקע, און עס איז ניט געווען וואס צו גנב'ענען. און אריינגעקומען זיינען צו מיר אויך נור היימישע בעקאנטע און פריינד, צווישען וועלכע דער הונד האט צוערשט בתנם געזוכט א פיינד, אויף וועלכען זיך ארויפ־צוּוואַרפען. אבער נאכדעם ווי ער האט א פאאר מאל געקריגען קלעפ דערפאר וואס ער האט מיר פעריאגט מיינע פריינד, מיט זיין האסטיגען בילען, האט ער זיך איינגעשטילט און בעקאנט געווארען מיט מיינע פריינד. אויף געיעג האב איך איהם ניט גענומען, קיין גנבים, אויף ווע‏מען אנצופאלען, האט ער ניט געהאט — איז איהם קיין אנדער זאך ניט איבערגעבליבען, ווי נור צו שפיעלען זיך מיט מיין קינד, וועלכער איז אייגענטליך געווען זיין איינציגער פריינד און האט אויף איהם אויפגעפאסט. ער איז געווארען זיין שפיעל־קאמעראד. עס איז געווען א רחמנות צו קוקען, ווי דער שטארקער גרויסער הונד נים זיך אב מיט אזעלכע נארישקייטען, ווי ציהען מיט'ן עק א גאנצען קאסטען מיט קעץ, אין וועלכען מיין אינגעל האט איהם איינגעשפאנט ביים עק. ער האט געדולדיג איבערגעטראגען די חרפה. ווע‏לענדיג זיך מיט עטוואס ניצליך מאכען און עהרליך פערדיענען זיין עסען — האט ער מיטגעמאכט די אלע קינדערשע נארישקייטען, צו וועלכע מיין אינגעל האט איהם געטריבען. און עס האט אויסגעזעהן ווי אן ערוואק־סענער ערנסטער מענש פערקויפט קינדישע שפיעלצייג צוליעב פרנסה.

טהיילמאל שלעפענדיג מיט'ן עק דעם קאסטען מיט די קעץ און געדולדיג פערטראגענדיג די שמיץ פון דער בייטש, מיט וועלכער מיין אינגעל האט איהם געשלאגען, איז ער ערנסט געווארען. זיינע אויגען האבען זיך האלב פערגלייסט, די גרויסע אויערען האבען זיך איהם אראבגעלאזט און ער האט פעררויסען מיט די דעליקאטע פייכטע נאז אין דער הויך. אין זיין בליק איז דענסטמאל געלעגען א פער־אכטענדער, פילאזאפישער שמייכעל צו אלעמען און צו אלצדינג, ווי ער וואלט זאגען: איך ווייס ווי נאריש איהר זייט' נור איך טהו עס ווייל איך וויל פון אייך אייער ביסען ניט אומזיסט — איך וויל מיר איהם פערדיענען מיט אלע נארישקייטען.

איבריגענס איז ער געווען זעהר גוט פריינד מיט מיין קינד. א הונד איז אויך ניט מעהר ווי א לעבעדיגע זאך, און ער האט אונזער פערשאלטענע נאטור צונויפצואוואקסען זיך מיט לעבעדיגע נפשות. און קוים האט ער זיך צוגעוועהנט צו מיין אינגעל, האט ער איהם ליעב געקראגען. מען האט זיי תמיד געזעהען צוזאמען. און איך האב מיין אינגעל ניט געקענט אבנייסען פון הונד. אלעס וואס ער האט געהאט אויפ'ן הארצען, האט מיין אינגעל קיינעם ניט פערטרויט, נור זיין פריינד דעם הונד. קוים איז ער נור אהיים געקומען פון דער שולע האט ער זיך מיט'ן הונד ארומגעוואלגערט איבער'ן גראָז פעלד פאר מיין הויז און האט אין דעם הונד'ס אויער אריינגערעדט'.

— דו ווייסט, דער לעהרער האט אויף מיר היינט געשריען, און ער האט געזאגט, אז ער וועט שרייבען דעם טאטען.

אדער, אז איך פלעג אוועקפאהרען פון דער היים און א לאנגע צייט נישט שרייבען, און דער אינגעל האט דערפיהלט מיין ווייב'ס טרויעריגקייט, האט ער דעם הונד דאס דערצעהלט:

— דו ווייסט, דער טאטע איז אוועקגעפאהרען, קומט ניט אהיים, שרייבט ניט קיין בריעף, די מאמע איז זעהר טרויעריג.

און דער הונד, דערהערענדיג דאס, האט געקוקט אויף איהם מיט האלבע, פערגלייסטע אויגען, אראבגעלאזט די אויערען און אויסגע־שטעלט די נאסע דעליקאטע נאז, און אנגעהויבען פלוצלינג צו בילען:

— האב־האב. האב־האב. ווי ער וואלט זיך עפעס אויף וועמען זיך בייזערען.

נור מיין אינגעל האט איהם פערשטאנען, און ארומכאפענדיג דעם הונד ביים קאפּ האט ער זיך אנגעהויבען מיט איהם צו קוליען איבער'ן גראז, און זיי האבעןביידע געשריען:

— האב־האב, האב־האב.

און זיי האבען ביידע זיך פערשטאנען.

פון גאר ניט האבען וואס צו טהאן, איז דער שטארקער הונד פעט געווארען, און פויל. איבריגענס האט שוין די עלטער געפאדערט דאס איהריגע, און ניט האבענדיג מיט וועמען זיך צו שפּיעלען דעם ערשטען האלבען טאג, ווען דער אינגעל איז אין שולע, איז דער הונד געלעגען און געשלאפען. נור קוים איז געקומען דריי א זייגער, ווען די קינדער געהען פון דער שולע, האט מען דעם הונד שוין מעהר אין שטוב ניט געקענט איינהאלטען. ער האט געריסען די וואנד, די טהיר, מען האט איהם געמוזט אויס דער שטוב לאזען. דער הונד איז געלאפען צו דער שולע, אוועקגעלעגט זיך פאר דער שוועל פון דער שולע און אבגעווארט ביז דער אינגעל וועט ארויסקומען. אזוי איז עס געווען יעדען טאג. מיין אינגעל האט איהם שוין אנגעטראפען ביים ארויסגאנג און איז אהיים געקומען צו לויפען. און אזוי ווי דער הונד איז געווען פערנומען טראגענדיג אין מויל די שול־ביכער, האט מיין אינגעל פאר איהם געבילט, ארויסגעלאזט די פריידען־געשרייען. אזוי זיינען זיי געלאפען איבער דער גאס פון דער שולע אהיים, צוואוויסענדיג געבען, אז דער האלבער פרייער טאג איז אנגעקומען.

דערנאך האבען זיי זיך ביידע ארומגענומען און אנגעהויבען קוליען זיך איבער'ן גראז, ביז זיי זיינען מיעד געווארען, אוועקגעזעצט זיך אין א ווינקעל פון גארטען.

און אז איך האב געזעהן, ווי זיי זיצען אין א ווינקעל פון גארטען און רעדען צווישען זיך, האט זיך מיר געדאכט, אז דער הונד איז אן אלטער וואנדערער, וועלכער האט זיך אויף זיינע לעצטע טעג אבגעשטעלט ביי מיר אין הויז און דערצעהלט מיין קינד פון אלעם וואס ער האט דורכגעמאכט דורך זיין רעש'דיג לעבען.

און עס איז מיר קיין וואונדער ניט געווען וואס א הונד קען דערצעהלען...

אין א שעהנעם טאג האט אויסגעבראכען די מלחמה. און די דייטשען האבען זיך ווי א בייזער שטורמווינד געטראגען נאך פּאריז. און אינאיינעם מיט דער איבריגער בעפעלקערונג איז אויך אונז די פּאניק בעפאלען, און מיר האבען זיך געהיילט צו פערלאזען דאס ארט וואס איז געשטאנען אין געפאהר ארייננצופאלען צו די דייטשען. דער הונד האט דערפיהלט, אז עפּעס וואס האט פּאסירט איבער דער וועלט. ער איז אויך אנגעשטעקט געווארען מיט דער אלגעמיינער אונרוהיגקייט, און דער הונד איז געלאפען פון מיר צו מיין פרוי, פון מיין פרוי צו מיין קינד, האט אלעמען געקוקט אין די אויגען אריין, און געפרעגט: „וואס?“ קיינער האט איהם ניט געקענט זאגען, וואס עס איז געשעהן, און אפילו ווען מ'וואלט איהם שוין יא געקענט צו פערשטעהן געבען, האט קיינער צו איהם קיין צייט ניט געהאט. אז מיר האבען אנגע־הויבען איינפּאקען די זאכען (עס איז שוין די העכסטע צייט געווען. די דייטשען זיינען געווען צוואנציג מייל פון דארף), איז דער הונד נאך מעהר אונרוהיג געווארען. ער איז געלאפען פון איין ווינקעל צום צווייטען. צו יעדען צוגעגאנגען, געלעגט זיך אונטער די פיס און געשמעקט, און געפרעגט מיט די אויגען. צום סוף האט ער זיך אוועקגעלעגט ביים קאסטען, ביי וועלכען מיר זיינען געשטאנען און געפּאקט, אריינגעלייגט דעם קאפּ צווישען די פיס און אנגעהויבען צו קלאגען מיט אזא ריהרענדען שטומען געוויין, אז עס האט דאס הארץ צושניטען. מען האט דאס דייטליך געקענט הערען, ווי דער הונד רעדט אויף זיין לשון: „וואס וועט מיט מיר דער סוף זיין? און וואו לאזט איהר מיך?“ מיר האבען ווייטער גארניט געקענט טהאן. איך האב גענומען דעם הונד ביים קאַרק און ארויסגעגאנגען מיט איהם צו שכנים, און געבעטען זיך מען זאל דעם הונד צונעהמען. דער הונד האט געוואוסט וואוהין און צו וואס איך פיהר איהם, און צו יעדען שכן צו וועלכען איך האב איהם אריינגעפיהרט, האט ער זיך אונטערגערוקט, געקוקט אויף איהם מיט בעטענדע הינטישע אויגען, געלעקט איהם די פיס, ווי ער וואלט זיך בעטען: „נעהמט מיך צו, נעהמט מיך צו, איך וועל עהרליך דיענען..., נור קיינעם איז ניט דער קאפּ געשטאנען צום הונד. די מעהרסטע איינוואהנער האבען איינ־געפּאקט זייער האב און גוטס און פערלאזט דאס דארף פאר די אימה פון די דייטשען, וואס איז זיי בעפאלען. און די וואס זיינען

איבערגעבליבען, האבען זיך געריכט אויף שלעכטע טעג און ניט געוואלט נעהמען אויף זיך נייע פליכטען צו א לעבעדיגע זאך, וואס מען דארף געבען עסען, ווען מען ווייסט אליין ניט צו מען וועט האבען פאר זיך אליין דאס שטיקעל ברויט. איהם מיט מיר מיטנעהמען, האב איך ניט געקענט. איך האב ניט געוואוסט וואוהין צו געהן מיט מיין פאמיליע און וואוהין דער גורל וועט מיך פערטראגען אין די טרויעריגע טעג. און ווי אזוי זאל איך נאך מיט מיר מיטפיהרען אן איבריגע לעבעדיגע זאך, וואס בעדארף זיין פלאץ און זיין עסען? איך האב מיר ניט געקענט קיין עצה געבען. אוועקגעהן און איבערלאזען דעם הונד אין פערשלאסענעם הויז, האב איך אויך ניט געקענט—דער הונד האט יעדען אויגענבליק דערמאהנט, אז ער איז א לעבעדיג נפש און ער געהערט צום הויז. ער האט געהאלטען אין איין ליעגען אין ווינקעל און געקלאגט, געקלאגט מיט זיין הארצרייסענדען הינטישען שטום־לשון: וואו וועל איך מיך אהינטהאן? וואו וועל איך מיך אהינטהאן?

מיר האבען אבגעלעגט די רייזע אויף א טאג, אויף צוויי, עס האט אבער שוין ווייטער ניט געקענט דויערען. די דייטשען האבען זיך נעטראגען מיט א שטורם, און די פאניק איז וואס אמאל גרעסער געווארען. און איך האב זיך דעם אבענד געקריעגט מיט מיין פרוי, און געשריען אויף מיין אינגעל, פארוואס זיי האבען אריינגענומען דעם הונד אין שטוב אריין.

— מיט קיין לעבעדיגע זאך טאר מען זיך ניט פערבינדען. א לעבעדיגע זאך וואקסט זיך צו צו א צווייטע לעבעדיגע זאך, ווי פייער מיט פייער און וואסער מיט וואסער, און מען קען זיך דערפון ניט אבשיידען, — האב איך גע'טענה'ט צו מיין פרוי.

דער הונד איז דעם אבענד שטיל געווארען. ער איז געלעגען אין א ווינקעל, האלב פערגלייסט די אויגען און צוגעהערט זיך צו דעם געשפרעך וואס מיר פיהרען. ער האט פערנומען די בייזע בליקען, וואס מיר שיקען אויף איהם: וואס צוליעב איהם מוזען מיר דא פערבלייבען אין דעם פערשאלטענעם ארט, און נאך חלילה צו די דייטשען אריינפאלען — און אין דעם אבענד איז דער הונד גאר אנדערש געווארען. ער האט איינגעשטילט דאס בילען, געלעגען א געוויסע צייט און פערנומען געווען אין הינטישע פילאזאפישע נאכ־דענקען. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו מיר, גע־

לעקט מיר די האנד, בעשמעקט מיר און אוועקגעגאנגען. צוגעגאנגען צו מיין פרוי און דאס זעלבע געטהאן. לענגער זיך אבגעשטעלט ביי מיין פרוי, געקוקט איהר לאנג אין די אויגען אריין, בעטענדיג זיך עפעס. מיין פרוי האט איהם געגלעט איבער'ן קאפ, איז ער צופריעדען געווען און איז אוועקגעגאנגען, צוגעקראכען צו מיין שלאפענדען אינגעלע, איינגעקארטשעט זיך אין א ווינקעלע פון זיין בעט און לאנג געלעגען.

צו־מארגענס אין דער פריה, אז איך האב זיך אויפגעכאפט, האב איך געפונען דעם הונד אויסגעצויגען מיט אלע פיער אויף דער שוועל פון מיין טהיר, דעם קאפ אריינגעשטעקט אין דער שווערער טהיר פון קארידאר, און ביי די זאוויעסעס זיך פערטשעפעט און צוגעדישעט דעם האלז.

דער הונד האט זיך דאס לעבען גענומען, — האט עס מיר געגעבען א שוידער איבער די ביינער.

זיינע אויגען זיינען ניט געווען פערמאכט, נור געשוואלען און ארויסגעזעצט, אין זיינע שווארץ־אפעל האט זיך מיין פנים אבגעשפיעלט, און עס האט זיך מיר געראכט, אז דער הונד זאגט צו מיר: „דיך בעפרייט!“

און איך מיט מיין גאנצען מענשען שטאלץ בין פערשעהמט געווארען פאר א טויטען הונד.

# דער פויער און די ערד.

(א מעשה'לע וועגען דער נייער רוסלאנד).

---

דער פויער קאנסטאנטין בוריאן איז אוועק פון פעלד זיך שלאגען כמעט א נאקעטער. פון דער שטוב האט ער גאר ניט מיטגענומען, נאר זיין לייב־העמד און צוריסענע הויזען, מיט א דריי־פונטיגען דאזאוועז ברויט אונטער'ן ארעם. אזוי האט ער געשפרייזט פון זיין דארף צו דער נאהענטער סטאנציע וואו נאטשאלסטווע האט זיך געפונען — צו געהן זיך שלאגען פאר זיין צאר און פאטערלאנד. ער האט געוואלט מיטנעהמען זיינע שטיוועל וואס ער האט זיך געקויפט אויפ'ן יאהר־מארק ביים איד אויף פאסכא, זיין איינציגעס אייגענטהום — האט זיין אלטער פאטער, א קלוגער פויער, גענים אין לעבען, איהם אבגעראטהען דערפון:

— טאמער וועט מען דיך דער'הרג'ענען און דער פיינד וועט זיי דיר פון די פיס ארונטערציהען.

האט דער יונגער פויער איינגעזעהן דעם פאטער'ס קלוגשאפט, האט ער זיי איבערגעלאזט.

— זאל עס זיין א ירושה צו דעם ניי־געבוירענעם, אז עס וועט קומען אויף דער וועלט — האט דער יונגער מאן געשמייכעלט צו גרישע זיין יונג ווייבעל, וועלכע האט שוין געטראגען זיין קינד אונטער איהר הארץ.

— דאס איז קלוג, מיין קינד — האט דער אלטער גוט געהייסען דעם זוהן'ס בעשלוס.

ביי די בוריאנס האט מען זיך ניט געשראקען צו רעדען וועגען טויט. מען האט גערעדט וועגען איהם ביי די רוהיגע מאל־צייטען, און

נאָך מעהר האָט מען געקלעהרט וועגען איהם און געוואונשען איהם אַלס אַן אננגעלעגטען נאָסט. אַלע וואָס האָבען זיך געפֿונען אין דער אייגענער גרויסער כאַלופּע, די דריי בוריאַנס ברידער, די צוויי איידעמס, די ווייבער און די קינדער — אַלע האָבען געוואָרט, אַז דער אַלטער פּאָטער זאָל אוועקשטאַרבען, ניט צוליעב דער ירושה, נאָר עס זאָל ווערען אַ מויל ווינציגער אין שטוב, וואָס עסט און ברייננגט קיינעם קיין נוצען ניט. דער אַלטער האָט געוואוסט פֿון די קינדער'ס וואונש און ער אַליין האָט מיטבעדרויערט מיט זיי זיין לאַנגעס לעבען. נאָר העלפֿען האָט ער זיך ניט געקענט.

— וואָס קען מען טהאָן, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט.

ווארים פֿון די פֿינף דעסיאַטין ערד וואָס איז געווען פֿון דער גע־מיינדע פֿאַר דער משפּחה — האָבען זיך די בוריאַנס ניט געקענט דער־נעהרען. אַ שטאָדט און אַ פֿאַבריק איז ניט געווען אין דער נאָהנט, וואו מען האָט געקענט געהן פֿערדיענען. מאָסקווע איז געווען ווייט, און זיי האָבען געהערט דערפֿון, ווי פֿון אַן אַלטער בייקע... די שכנים אַרום האָבען געגנוג הענד געהאַט אַליין און ווייניג ערד. איז דער איינציגער רעט־טער געווען טהיילמאַל דער טויט, וואָס האָט די מענשען ווינציגער געמאַכט; און טהיילמאַל די נאַטשאַלסטוואָ וואָס האָט גערופֿען אין סאָלדאַטען, און אַרויסגענומען אַזוי אַרום אַן עסער פֿון שטוב.

קאָנסטאַנטין האָט זיך געזעגענט מיט זיין יונג ווייבעל, מיט זיין ניט זעהר בעזאָרגטע משפּחה, מיט זיינע זעהר בעזאָרגטע בהמות, מיט זיין פֿעלד און וואַלד און האָט געשפּרייזט אַ האַלב־נאַקעטער אָהן אַ היטעל, מיט אַ ברויט אונטער'ן אָרעם, צו דער סטאַנציע, צו די נאַ־טשאַלסטוואָ — אין סאָלדאַטען.

ביי די סאָלדאַטען איז קאָנסטאַנטינ'ען זעהר געפֿעלען געוואָרען. ווייניג אַרבייט און גענוג צו עסען, און פֿרעהליך איז אויך געווען. ער האָט זיך גוט געלערענט די דיענסט, וואָס איז בעשטאַנען אין געהאָרכ־זאַמקייט צו נאַטשאַלסטוואָ — ווייל געהאָרכזאַמקייט איז געווען זיין נאַטור.

לאַנג אין קאַזאַרמע האָט מען קאָנסטאַנטין'ען ניט געהאַלטען. עס איז געווען אַ צייט פֿון מלחמה — און ערגעץ־וואו האָט געוואָרט אויף איהם אַ רעהר פֿון אַ ביקס, אָדער אַ קאַנאָן. טויזענדע אַנדערע האָט

מען מיט קאָנסטאַנטין'ען איינגעפּאַקט אין וואַגאָנען, און מען האָט זיי אוועקגעפירט ווייט, ווייט צו שלאָגען זיך מיט'ן פיינד.

אויפ'ן וועג איז פרעהליך געווען. צו עסען גענוג, צו ארבייטען ווייניג און פרעהליכקייט א סך. מען האָט געזונגען, געטאַנצט, גע־שפּיעלט זיך אין פּאַטשען אין די געזעסער, אין ענגע דושנע וואַגאָנען, און מען איז געפאָהרען טאָג איין, טאָג אויס. פעלדער א סך, ברייטע, גרויסע לאַנקעס, וואַסערען און וועלדער, און הייזלאַך ווייניג. אָפּט־מאָל האָט זיך קאָנסטאַנטין אויסגעקליבען צווישען די גרויסע פעלדער זיין איין שטיקעל בערגעל, אויף וועלכען ער וואָלט זיך געוואָלט זיין הויז אויפשטעלען און זיין נחלה האָבען — און געטראַכט זיך: רוס־לאַנד איז גרויס — ערד א סך, נאָר דער פּויער איז אָרים.

— דאָס איז אַלץ דער דייטש שולדיג — האָט ער זיך דערמאָהנט וואָס מען האָט גערעדט אין קאַזאַרמע — דער דייטש און דער איד: גאָט וועט געבען, און מען וועט דעם דייטש פערטרייבען, וועט מען פון איהם די פעלדער אוועקנעהמען און די פּויערים צוטהיילען. אַ סאָלדאַט, אַ דאָפּעלטען חלק; אַ פּויער אין דער היים, איין חלק נאָר...

— אז נאַטשאַלסטוואָ וועט ערלויבען, וועל איך מיר אָט דעם בערגעל אויסקלייבען, מיט דעם ברעג וואַסער, אָט אַ־דאָ וועל איך מיר פּאַשע־פעלד פאַר די בהמות האָבען — האָט ער זיך געטראַכט ארויסקוקענדיג פון וואַגאָן אויף אַ שטיק לאַנד, וואָס איז איהם גע־פעלען געוואָרען.

— נאָר ערשטענס דאַרף מען דעם דייטש פערטרייבען; דעם דייטש־פיינד פעריאָגען און זיינע פעלדער ביי איהם צונעהמען. דער־נאָך וועלען מיר קריגען.

אין קאָפּ איז איהם אַפילו שווער געווען, ער האָט ניט פערשטאַנען צו וואָס מען בעדאַרף דאָס לעבען זיך איינשטעלען און ביים דייטש אוועקנעהמען — אז רוסלאַנד האָט אַזוי פיעל. נאָר צו פרעגען איז קאָנסטאַנטין ניט געוואָהנט געווען.

דער צאַר־באַטיושקאַ האָט אַזוי „געהייסען. נאַטשאַלסטוואָ ווייסט בעסער וואָס זיי האָבען צו טהאָן, אז עס זאָל מעהר ערד זיין.

און די מלחמה האָט ביי קאָנסטאַנטין'ען געקראָגען אַ פערשטענדניס און אַ טעם. ער האָט געוואוסט צו וואָס מען דאַרף זיך געהן שלאָגען מיט'ן דייטש און פאר וואָס מען דאַרף זיך דאָס לעבען איינשטעלען.

— אז מען זאָל פון דייטש די ערד צונעהמען און די פויערים צו־טהיילען.

---

לאַנג איז קאָנסטאַנטין געלעגען אין די גראָבענס, אין די פעלדער, און האָט געהאָלפען מיט אַנדערע דעם פיינד צו פערטרייבען. דער קריעג איז געווען גוט און היימליך. צו עסען איז געווען פּיעל און אר־בייט ווינציג. עס איז דורכגעגאַנגען דער זומער, עס איז דורכגעגאַנ־גען דער ווינטער — און דער דייטש־פיינד איז נאָך אַלץ ניט פערטריבען געוואָרען, און די ערד צוטהיילט מען נאָך ניט צווישען די פויערים. עס איז אָנגעקומען דער פריהלינג, דער גאַנץ פריהער פריהלינג. די ערד האָט אָנגעהויבען ענטפלעקט צו ווערען פון די שנעען. דאָ און דאָרט האָבען זיך געוויזען שוואַרצע שטיקער אויבערפלעכע וואָס האָבען זיך געשפּאָלטען און פאַרעם פון זיך ארויסגעגעבען, און געשמעקט מיט ערד־געשמאַק. קאָנסטאַנטין'ען איז דער קריעג שוין לאַנג פער'מיאוס'ט געוואָרען. ניט דער שרעק פאר'ן טויט — צום טויט איז ער צוגע־וואָהנט געוואָרען דורך דעם יאָהר און אַ האַלב וואָס ער איז אין די טרענטשעס געלעגען. נאָר עס איז איהם פער'מיאוס'ט געוואָרען דאָס, וואָס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טהאָן. צו עסען איז נאָך געווען, אָבער ארבייט ווינציג, און עס האָט זיך געבענקט עפּעס צו טהאָן. דער יונגער פריהער פריהלינג וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען איבער די לאַנ־קעס, האָט אָן עפּעס דערמאָהנט; אָן אַן אַלטע בעקאַנטע זיסע עראינע־רונג. און עס האָט זיך איהם פערבענקט נאָך ערד, צו בעאַרבייטען די פעלדער, איינצושפּאַנען די פערד צום אַקער און איבערוואַרפען דעם גרונד. דאָס יונגע פרישע גראָז, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט ארויסגע־וויזען, האָט איהם דערמאָהנט אָן די יונגע בהמות, אָן די קעלבלאַך אין שטאַהל, אָן די זשערעבקעס וואָס זיינען דורך'ן ווינטער געבוירען געוואָרען און מען בעדאַרף זיי צום ערשטען מאָל אין פעלד ארויספיהרען, אז זיי זאָלען גאָט'ס וועלטען דערזעהן. יעדען פריהמאָרגען, ווען קאָנ־סטאַנטין האָט זיך אין גרוב געוועקט, האָט ער דערפיהלט אַ נייעס

קוואַל פון ענערגיע, וואָס דער פריהלינג־הויך האָט אריינגעגאָסען אין די ערד אריין, און אויך אין זיינע ביינער אריין. אַה, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנשטאָט די ביקס, דעם שפּאַדעל אין האנד נעהמען און אויפקאָפּיען די ערד... געזעהן ווי די שראָפּנעלען גראָבען גריבער אין די ערד און די פעלד צודרעפּטשען זיי, האָט עס זיין הארץ צושניטען:
— פערזינדיגען זיך פאר גאָט... די ערד'ס פנים פערדאַרבען זיי...

---

וואָס עלטער דער פריהלינג איז געוואָרען, האָט די ערד אַלץ מעהר געבענקט נאָכ'ן פויער, און דער פויער נאָך איהר... די פויערים זיינען אָבער אין סאָלדאטען־מאנטלען אין די גריבער געלעגען, געגעסען א סך און גאָר ניט געטהאָן. קאָנסטאַנטין האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אז עפּעס איז ניט גלאַט אין דער וועלט, „צוהוליעט זיך די מענשען", האָט ער זיך געטראַכט, קוקענדיג אויף די פויערים וואָס ליגען אין די גראָבענס מיט די ביקסען אין די הענד, און געהען ניט ארוים די ערד בעאַרבייטען. מיט בעדויערען און רחמנות האָט ער געקוקט אויף דעם באָדען וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאר איהם א שווארצער און א פּייכטער און האָט געבענקט נאָכ'ן אקער, ווי א מענש נאָך א פּריש העמד, ווען דער פריהלינג קומט...

די ערד האָט זיך געשפּאָלטען, געפּאָרעט. דאָ און דאָרט האָבּען זיך גרעזלאך געוויזען, ווילדע שפּראָצען ארויסגעקומען, וועלכע זיינען באַלד צוטראָטען און צודרעפּטשעט געוואָרען פון די פערד, פון די שראָפּנעלען און פון די זעלנערשע פּיס... די פויערים זיינען פויל געוואָרען, און עס האָט זיי גאָר ניט פאר דער ערד געאַרט, און פאר'ן פריהלינג געקימערט. די פעלדער שטעהען אין הויכען פריהלינג וויסט, און די פויערים עסען און טהוען גאָר ניט...

---

קאָנסטאַנטין האָט זיך דערמאָהנט אַז זיין סווינינקא, אַז זיין דאָרף — שטעהען דאָרט אויך די פעלדער וויסט, און קיינער בעאַרבייט זיי ניט — ניט קיין קאַרטאָפּעלס פערזעעט, ניט קיין ווייצען אויפ'ן ווינטער, ניט די בהמות פון שטאַהל ארויסגעלאָזט... און דאָ איז שוין אזוי שפּעט אין פריהלינג — און ער זיצט דאָ אין א גרוב, מיט א ביקס

אין האנד, מיט נאך פויערים און מען רויכערט טיטון און מען טאנצט א קאמארינסקע, און גאר ניט — נאטשאלסטווא הייסט אזוי.

— צוהוליעט זיך, נאטשאלסטווא צוהוליעט זיך — טראכט זיך קאנסטאנטין — דעם פויער פויל געמאכט, די ערד פערדארבען, און פאר גאט פערזינדיגט זיך...

מיט אמאל האט זיך דערהערט אויף דעם פראנט, אין די גראבענס אז נאטשאלסטווא איז אויס געווארען; צאר באטיושקא אראבגעזעצט — און נאטשאלסטווא ניטא מעהר: רוסלאנד איז בעפרייט געווארען פון נאטשאלסטווא.

דער פויער קאנסטאנטין האט זיך פערטראכט וועגען די נייעס, און זיך צו די פויערים, זיינע חברים, אבגערופען:

— אויב אזוי, קומט אהיים, פויערים! גענוג געהוליעט, צייט די פעלדער צו בעארבייטען! רוסלאנד איז פריי פון נאטשאלסטווא!...

# חורבן פוילען

# חורבן פוילען.

1

## קינדער מאכען פיף־פאף!

עס האט געטהאן די צייט איהר פליכט, און ווען די זתן האט װארימער געשיינט, האט די פוילישע ערד אנגעהויבען ארויסצושפראצען פון זיך מיט גרינס, גראז און בלעטער. זי האט נישט געהערט די טעמפע הייזערינגע קרעכצען פון די קאנאנען, וואס האבען מיט יעדען געשריי א שטיק פייער פון זיך אויסגעשפיגען, און יעדעס מאל אין אן אנדער ארט גריבער אויסגעגראבען, הייזער אונטערגעצונדען אדער בליהענדע בוימער אונטערגעהאקט — זי האט ניט געהערט, זי האט ניט געזעהען און ווייטער, ווי נאט האט איהר געהייסען, האט זי בעגרינט די איבערפלאך פון די ערד און געפלאכטען גראזען אונטער דעם מענשען׳ס טריט. עס האבען זיך נור געשראקען פאר דעם הייזערדיגען ברום מענשען און בהמות. די מענשען זיינען שוין אבער לענגם פערשוואונדען פון די ערטער, איבערלאזענדיג פערוויסט זייערע הייזער און פעלדער פאר דעם פייער פון משחית, און די בהמות וועלכע זיינען פער׳יתום׳ט, פערגעסען געווארען אויף די פעלדער — האבען מיט א וויינענדיגען קינדערשען „מע״ גערופען זייערע בעלי־בתים. קיינער האט זיי ניט צוזאמענגעקליבען, און משוגע זיינען זיי געווארען פון דעם הייזערינגען ברום וואס הערט זיך ארום זיי און שפייט פלאמען פייער.

עס האט ניט געקוקט דער פריהלינג וואס עס איז מלחמה־צייט און געצווינגען זיך מיט א גרינעם סאמעטענעם בייט אין דעם קליינעם

פוילישען שטעדטעל אריין, וואו די איינוואהנער זיינען ארומגעגאנגען קראנקע מיט שלאף־דארשטיגע אויגען און פערשמאכטע מיילער, און בייטאג האבען זיי גאט געבעטען, אז די נאכט זאל קומען, און ביינאכט אז דער טאג זאל שוין אויפגעהן. עס ציהט זיך אזוי די ווייכסעל ווי תמיד, א סאמעטענער גאלדענער באנד צווישען סעדער מיט פלוימען, עפעל און קארשען בליהונג. דאס גרינס האט זיך אריינגעצווינגען אין שטעדטעל אריין, אריינגעכאפט זיך אויף זאמדיגע אידישע הויפען, צווישען אידישע הייזלאך. אויף די אלטע בוימער וואס שטעהען פאר די הייזער, און אין די שפאלטען פון די שטיינערנע בריק. עס האבען אויך נישט געקוקט וואס עס איז מלחמה. צייט די קינדערלאך פון שטעדטעל. בעשמוצט זיינען נאך די בעקלאך פון טרעהרען וואס זיי האבען ערשט פאר א מינוט ביי דער מאמען אויסגעוויינט א שטיקעל ברויט, און שוין שטראהלט אויף זייערע יונגע מיילכעלאך און פייכטע אויגען דאס גליקליכע לאכען פון ענטציקונג, ווי די זונן שיינט אויף א בערעקטער פעלד. דאס האט זיי די יונגע פריהלינגס זונן געכאפט אויף איהרע לייכטע שטראהלען און טראגט זיי ווי א ווינד איבער דעם גרינעם גראז צו דער ווייכסעל אראפ.

עס ווייקען אידישע קינדער זייערע נאקעטע פיסלאך און לאנגע קאפאטקעלאך אין דער ווייכסעל און בעשפריצען זיך איינס די אנדערע מיט וואסער. זיי האבען שוין פארגעסען אז הונגער, און טרינקען דאס ניכטערע שפייעכטס אין זייערע פערטריקענטע צוזאמענגעצווינגענע העלזלאך און פערגעסען דעם טוידט וואס האט טאטע־מאמע ארומ־גענהילט זייט אייניגע טעג. זיי פארגעסען אפילו דעם אנגסט, וואס איז די מאמען בעפאלען ווען זי האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען זיך ניט דערוועגען געהן צום ווייכסעל. די ווייכסעל איז אין סכנה. זיי קענען נישט פארשטעהן פאר וואס די ווייכסעל וואס איז שטענדיג אזוי צוגעלאזען צו זיי — זאל זיי מיט אמאל אזוי פרעמד ווערען, און מיט קינדערשע נייגעריגקייט הערען זיי זיך צו צו דעם טעמפען, הייזעריגען גארגלען, וואס עס הערט זיך פון גאנץ ווייט אין וואלד פון יענער זייט ווייכסעל אין ראדאמער גובערניע. זיי קוקען אויפ'ן הימעל און זוכען די קליינע ווייסע וואלקענדלאך, וואס שטייגען אויף אין דער לופטען נאך יעדעם מאל, ווען עס הערט זיך א שושקען. און מיט פרייד ענט־דעקט איינער פון זיי נאך א וואלקענדעל אן א זייט, און מאכען נאך

דעם שיסען פון די הארמאטען: פיף־פאף, פיף־פאף, און פרעהען זיך דעריבער.

אויף א שפיץ בארג ביים לינקען ברעג ווייכסעל, אין לובלינער גו־בערניע, שטעהט א הויכע באשניע וואס דער קעניג קאזימירז האט אויפ־געשטעלט, און צו פוסענס פון דער בארג ליעגט א אידישע שטעדטעל איינגעטונקט אין סעדער און אין גערטנער צייט שוין הונדערטער יאהרען.

אמאל, בעפאר די באהנען זיינען געגאנגען קיין ראססיי, איז דאס שטעדטעל געווען א בעריהמטע האנדעלס־שטעדטעל. די ווייכסעל איז געווען דער איינציגער וואסער־וועג וואס האט איבערגעפיהרט דאס ברויט פון די פוילישע פעלדער און דאס האלץ פון די פוילישע וועלדער אין דער וועלט אריין. און די אידען זיינען די סוחרים געווען.

דאמאלסט האט דאס שטעדטעל געהאלטען אין מיטען בליהען, און איהרע סוחרים זיינען בעריהמט געווען איבער דער גאנצער וועלט.

פון דאמאלסט שטאמט נאך די שעהנע אידישע שוהל, אויף וועל־כער מען זאגט, אז דער קעניג קאזימירזש, וואס איז געווען פאר די אידען ווי א פאטער, האט זיי נעהאלפען דעם שטעדטעל אויפצובויען.

און, ווירקליך, געפינט זיך נאך אין דער שוהל אן אלטער סידור, אין וועלכען עס שטעהט די ברכה אויף די פוילישע מלכים. די זיידענע פרוכת'ן און די אטלאסענע ספרי־תורות־קליידלאך טראגען נעמען פון בעלי־בתים, וואס לעבען שוין לאנג ניט, זייערע גערעכעניש איז שוין לאנג אפגעווישט געווארען פון די לעבעדיגע. נאר אויפ'ן אלטען בית עולם וואס ליגט אויפ'ן בארג, און תשעה באב, ווען די קינדער נעהען מיט די הילצערנע שווערדען ארויס, געפינט מען צווישען די גראזען איינגעפאלענע מצבות, וואס טראגען די נעמען פון די בעלי בתים.

און ר' שלמה קברן, דער אלטער הונדערט־יעהריגער איד, וואס וואהנט אין הקדש־שטיבעל אויפ'ן בית עולם ווייזט די קינדער וואו די עלטערען ליעגען ווען זיי קומען אויף קבר אבות.

אויפ'ן אלטען בית־עולם ליעגען צעהן דורות. יעדער דור מיט זיין רב. און אז עס קומט אן עת־צרה אויף אידען, קומט מען אויף דעם אלטען בית־עולם ארוים וויינען און קלאגען אויף די גוטע אידענס קברים.

היינט האט דאס שטעטעל פערלארען איהר גלאנץ. די וויכסעל־פיהרט שוין ניט איבער דאס ברויט און דאס האלץ פון פוילען. צו דעם זיינען שוין פאראן אייזען־באהנען, און די גרויסע שעהנע שפייכ־לערס שטעהען פוסט אויפ'ן ברעג פון ווייכסעל, און מען האט מורא צוצוגעהן צו זיי נאהענט, ווייל שרים וואהנען אין זיי.

די אלטע בכבוד'ע בעלי בתים, מיט וועלכע דאס שטעטעל האט אמאל געקלונגען, זיינען שוין אויך אויסגעשטארבען, און דאס איינציגע וואס דאס שטעטעל פערמאגט היינט, איז אן אייניקעל פון דעם אלטען רבי'ן, צו וועלכען חסידים קומען צופאהרען אויף יום טוב, און פרומע אידען מאכען דערפון א לעבען, וואס זיי נעהמען די חסידים א היים צו זיך אויף סטאנציע.

די פראסטערע אידען האלטען די סעדער. בעקאנט זיינען די פלוימען־סערער און עפעל סעדער וואס ציהען זיך ארום דאס שטעטעל אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל צייט הונדערטער יאהרען. דאס שטעטעל ענדערט זיך מיט יעדען דור, אבער סעדער בלייבען סעדער. יעדעס יאהר ברייננען זיי ארויס די פרוכטען און אידען דינגען זיי אפּ ביי די גויים, היטען זיי א גאנצען זומער, און צו סוכות צו, קלייבט מען אן די עפּעל מיט די בארנעס, די לעזועלקעס מיט די פלוימען אויף גרויסע בערלינקעס, און מען פיהרט עס איבער דער ווייכסעל קיין ווארשא צו פערקויפען.

אן אנדער טהייל אידען האלטען די סטאווען אין די הויפען, האָ־דעווען פיש און ציהען די העכטען מיט די שלייען אין גרויסע טונען וואסער און מ'פיהרט זיי אין גרויסע שטעדט. און אנדערע וואשען פעלכלאך פון שעפּסען, קעמען זיי אויס, און מאכען דערפון פויערית־פעלצען, און מען פיהרט זיי אין גרויסע וועגען אויף די יאהר־מארק.

קיין יונגענד איז דא נישטא, אחוץ א פאאר בית־המדרש בחורים'לאך, וועלכע זיצען אין שטיבעל און קנעלען ביי די גמרות, און ווארטען ביז רייכע בעלי־בתים וועלען זיי נעהמען פאר איידעמס.

די יוגענד צופאהרט זיך אין די גרויסע שטעדט: קיין ווארשא, קיין לאדז ארבייטען אין די פאבריקען. דאס שטעטעל קען זיי ניט בעשעפטיגען, און איז ווער פון זיי קלוג — זאמעלט ער זיך אן אויף א שיפס־קארטע און פאהרט אוועק קיין אמעריקא. שיקט ער אהיים אויף יעדען יום טוב, טאטע־מאמע געלד מיט פאטאגראפיעס, וועלכע

מאטע־מאמע טראגען ארום ווייזען. און אלע שכנים זיינען זיי מקנא, און מיינען אז זיי האבען קינדער אין אמעריקא מיליאנערען. און טאטע־מאמע מיינען אויך אזוי, און זיינען גליקליך.

אזוי האט זיך דאס שטעדטעל אויסגעלעבט זיינע יאהרען. קיינער האט ניט באמערקט ווי עס שטארבט אב, די יוגענד צופאהרט זיך, טאטע־מאמע לעבען פון אמעריקאנער געלד. דירות ווערען וואס אמאל בילינגער, חתונות — זעלטענער, די כלי־זמר זיינען זיך צופאהרען. קיין ברחן איז שוין אויך אין שטאדט ניטא, נור לויות זיינען וואס אמאל עפטער.

ביז עס איז אויסגעבראכען דער „באיקאט”.

אנגעהויבען האט עס זיך דערפון וואס דעם גלח'ס מוטער האט זיך אויפגעעפענט א געוועלבעל אין מארק צווישען די אידשע קראמען און דער גלח האט זונטאג אין דער קירכע געהאלטען א דרשה פאר די פויערים, אז עס איז א מצוה אז א פאליאק זאל קויפען ביי א פאליאק.

האבען אידען געמיינט אז זיי ווערען אונגליקליך, אז עס וועט ווערען א תל פון דער שטעדטעל. האבען אידען אנגעפאנגען צו קלעהרען עצות וואס צו טהאן. האבען זיי געמאכט א חברה „ציון” וואו מען איז זיך שבת צוזאמענגעקומען און גערעדט, און מען האט גערעדט וועגען ציון, און געצאהלט א שקל. און נאך א חברה האבען זיי געמאכט מיט דעם נאמען „הזמיר” וואו מען איז זיך שבת צו נאכט צוזאמענגעקומען, געזונגען ליעדער, געלעזען א צייטונג און געבארגט א אידיש ביכעל.

נאר דאס שטעדטעל איז נים אונטערגעגאנגען, ווייל די פויערים האבען סיי ווי סיי ניט געפאלגט דעם גלח: האבען ווייטער געקויפט אין די אידישע געוועלבלאך. ערשטענס, האבען זיי זיך געקענט אין די אידישע געוועלבלאך דינגען, אין פוילישען — נישט. און צווייטענס, האט דער איד דעם פויער גרויס כבוד אפגעגעבען. ער האט איהם גערופען „פאן” (וואס ארט עס איהם, עס קאסט איהם טייערער?) און אין פוילישען געוועלבעל האט מען זיי גערופען חלאפ.

נאר די שטעדטעל איז סיי ווי סיי אויסגעגאנגען, ווייל די יוגענד איז זיך צופאהרען קיין אמעריקא און די כלי־זמרים האבען ניט געהאט וואס צו טהאן.

אזוי האט דאס שטעדטעל אויסגעלעבט זיך זיינע יאהרען, ביז עס איז אויסגעבראכען די מלחמה.

קוים האט אויסגעבראכען די מלחמה איז יעדער פוילישער אינגעל געווארען א הערשער איבער אידען.

אזוי ווי מען האט פון שטעדטעל ארויסגענומען אלע געזונטע בעלי בתים און טאטעס זיינען פערוואנדעלט געווארען אין סאלדאטען; עס זיינען נאך ניט פערשוואונדען די טרעהרען פון דער מוטערס באקען, פון דער ווייב'ס אויגען, און דאס לעצטע אויסגעשריי „טאטע" פון קינד'ס מויל ביי דעם געזעגענען זיך מיט זייערע ברויט געבער, וואס מען האט פון זיי אויף דער מלחמה אוועקגעפיהרט, האט די אידישע בעפעלקערונג מיט אמאל זיך געפונען ווי געפאנגען צווישען פיינד. הפקר אויף די גאסען ארויסגעשטעלט, ווער עס וויל נאר הערשען איבער זיי האט געקאנט. אריינגעקומען זיינען די פוילישע שוסטער אין די אידישע הייזער אריין, געווארפען פרעכע בליקען אויף די מאמא און אויף די ערוואקסענע טעכטער, בעקוקט דאס זילבערוואַרג, די בעלי־בתישקייט, די ירושה פון די עלטערען און אויסגעפרעגט זיך מיט צוויי־פעלהאפטען שמייכעל, וויפיעל איז דאס ווערטה אזוי ווי זיי וואלטען שוין די בעלי הבתים געווען דערפון.

מיט א חניפה'דיג שמייכעל האט יעדער אלטער איד אפגעענטפערט יעדען פוילישען אינגעל אויף די פרעכסטע רייד, און אנגעבאטען איהם מיט אונטערטהעניגקייט זיין טיש, זיין מיטאג, די סחורות פון זיין גע־וועלבעל, אבי צו נושא חן צו זיין אין פאן'ס אויגען, אז ער זאל איהם נור קיין שלעכטס נישט טהאן. „מיר זיינען אין זייערע הענד, וואס קענען מיר טהאן?" האט דער איד געזאגט, און האט ערלויבט אז דער שוסטער־שגץ זאל זיין טאכטער גלעטען איבער דער באק און דער איד האט אונטערגעשמייכעלט מיט אונטערטהעניגקייט.

שווייגענדיג בייז זיינען די עלטסטע אנגעזעהנע פוילישע „פאנעס" איבער'ן שטאדט ארומגעגאנגען. פארלויפיג האבען זיי נאר די פוי־לישע אינגלאך און די שוסטער געזעלען געלאזט, אז זיי זאלען מיט'ן אידען זיך אפרעכענען. באלד האט זיך אבער דערהערט זייער ווארט. יעדען טאג איז דער שרייבער פון דער גמינע (א הויכער גוי מיט צוויי געדיכטליכע וואנצעס, וואס האט די אנפאנג שוהלע אין שטעדטעל גע־ענדיגט — דורך דעם איז ער א שרייבער געווארען) מיט'ן סטארשי סטראזשניק איבער אידישע געסלאך דורכגעגאנגען, געהיימניספול איז די אידישע הייזער אריינגעקוקט, מיט'ן סטראזשניק זיך גע'סוד'עט, און

אפט א אידען אפגעשטעלט וואס איז מיט'ן טלית־זאק פון דאווגען גע־גאנגען, און געפרעגט דעם אידען וואס ער טראגט אין זאק. און אז דער איד האט איהם זיין טלית און תפילין געוויזען, האט דער שרייבער מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט, געשושקעט זיך אין אויער אריין מיט'ן סטראזשניק און ווייטער געגאנגען, און אז אידען האבען דאס געזעהן, איז אן אנגסט און אן אימה זיי בעפאלען, און זיי האבען געריכט זיך אויף עפעס שלעכטס.

אזוי האט מען זיי די נשמות ארויסגעצויגען א פאאר חדשים. אידען האבען געזעהן, אז עפעס וואס גרייט זיך אויף זיי, און האבען נים געוואוסט וואס. זיי האבען מורא געהאט זיך אויף דער גאס צו ווייזען: שבת — אין דער שוהל צו געהן דאוונען. זיינען זיי געזעסען אין די הייזער, אין די קעלערס משפחות־ווייז. איין משפחה האט פון דער אנדערער אביסעל קארטאפעל, מעהל און ברויט געבארגט, און אלץ געהאפט אז די שלעכטע צייטען וועלען פאראיבערגעהן, די מלחמה וועט זיך ענדיגען און ס'וועט בלייבען ביים אלטען. איז אין א שעהנעם נאכמיטאג האבען זיך א סך מיליטער בעוויזען. דער פאלקאווניק איז צוגעפאהרען צו ר' ברכיה דאזענבערג'ס הויז, געהייסען זיך די שטובען רייניגען און אידען זיינען גליקליך געווען, וואס מען האט זיי אזא כבוד אנגעטהאן, וואס דער פאלקאווניק וואהנט ביי אידען, און זיי זיינען זי־כער געווען אז מען וועט זיי קיין שלעכטס ניט טהאן.

אין א שעהנעם מארגען זיינען זיי עס געוואהר געווארען. עוזר חסיד, וואס האט עס דער ערשטער דערזעהן, האט זיך דאס לעבען איינ־געשטעלט, געקומען צו לויפען, אריינגעקלאפט אין די צוגעמאכטע לאדענס פון די אידישע הייזער מיט א געשריי: „אידען, דער רבּ העננגט!״ אידען, ווייבער און קינדער האבען זיך אין גאס ארויסגע־לאזט. אויף דעם בוים, וואס שטעהט אין מיטען מארק האבען זיי דערזעהן, ווי איין פוס איז נאך געווען אין ווייסען זאק, און אן אנדערע פוס, א נאקעטע שוין, א בלייכע האט דער ווינד בעוואויגען. די אטלאסענע קאפאטע אראפגעריסען, נאר דאס ציצה־כנפות האט זיך ארויסגעזעהן, און דער ווינד האט די ציצית אויפגעהויבען, אויסגע־פאטשט איהם מיט די ציצית איבער'ן פנים, אויף דער בארד.

עס זיינען ארום געשטאנען פוילישע אינגלאך, צוויי פוילישע פרויען און יאנעק שוסטער און האבען געלאכט, וואס דער ווינד פאטשט מיט

די ציצית. דענסמאל איז ביי אידען אלעם מותר געווארען, אלעס הפקר. עס איז זיי שוין גאנץ גלייך געווען, צו מען וועט מיט זיי אלעמען דאס זעלבע טהאן, צו נישט. זיי האבען שוין פאר קיינעם נישט מורא געהאט. זיי זיינען ארויסגעקראכען פון די קעלערס, און אין גאס זיך געוויזען. זיי זיינען געגאנגען אין זייער שוהל אריין און פראנק און פריי געדאווענט. און צוויי בעלי־בתים, ר' ברכיה און ר' עוזר האבען נאך אפילו זיך אונטערגעשטעלט צו געהן צום פאלקאווניק און בעטען דעם רב'ס גוף צו קבר ישראל צו ברענגען.

דאמאלסט זיינען די קינדער פון די קעלערס ארויסגעגאנגען און דערזעהן, אז דער פריהלינג איז געקומען, און בארג אראפ צו דער ווייכסעל איז בעוואקסען מיט גראז, האבען זיי אויף גאר נישט געקוקט, נישט אויף די מאמעס געוואלדען און נישט אויף דעם זעלנער מיט'ן ביקס אין דער האנד, וואס האט זיך ביי דער ווייכסעל ארויף און אראב געדרעהט. זיי האבען זיך אנגעכאפט אן די שטראהלען פון די זון און מיט די בארוועסע פיסלאך האבען זיי זיך איבער'ן גרינעם גראז געלאזט צו דער ווייכסעל צו, גענעצט די נאקעטע פיס און די לאנגע קאפאטעס.

און ווען דער זעלנער מיט'ן ביקס אין דער האנד האט געמאכט פיף־פאף, האבען זיי געלאכט און נאכגעמאכט מיט קינדערשען פרייד: „פיף־פאף".

---

2

## דאס לעצטע דאווענען.

דריי טעג האבען זיי געווארט. זיי האבען אלע געמיינט, אז גאט וועט דאך טהאן א נס און די שרעקליכע גזירה וועט פערשווינדען. און זיי האבען גאר נישט געטהאן, ביז עס איז ניט געקומען די לעצטע מינוט.

אז דער קאמאנדיר האט צונויפגערופען אויפ'ן צווייטען טאג דערנאך, ווען מען האט געהאט דעם רב געהאנגען, ר' ברכיה דאזאר מיט ר' עוזר חסיד און זיי געזאגט, אז אין דריי טעג ארום זאל זיך קיין איד ניט געפינען אין שטאדט, האבען זיי ניט פערשטאנען וואס ער מיינט. זיי האבען זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז דאס איז מעגליך, אז א

גאנצע שטאָדט אידען מיט ווייבער און קינדער, מיט קראנקע אין די בעטען, מיט אלטע לייט, וואָס קענען שוין אליין ניט געהן — זאָלען די שטאָדט פערלאָזען. און וואוהין זאָלען זיי געהן? און וואָס וועט בלייבען מיט די הייזער, מיט'ן פערמעגענס, מיט דער שוהל, בית־המדרש, בית־הקברות און דער גאנצער שטאָדט? זיי האָבען גערעכענט, אז מען מיינט זיי נאָר אָבצושרעקען. און זיי זיינען ארויס פון דעם קאָמאַנדיר דערשראָקענע, טויטע. מיט קלאַפּענדע הערצער האָט זיי שוין געהאָט אָבגעוואָרט דאָס גאנצע שטעדטעל, אין מיטען מארק. א רעדעל פון בעלי־בתים זיינען געשטאַנען ביי דער פּלומפּ.

— אידען, עס איז ניט גוט! — האָט איינער פון רעדעל אויסגע־רופען, דערזעהענדיג דעם ראָזאַר מיט עוזר חסיד לויפען פון קאָמאַנדיר דערשראָקענע, מיט צופלאָשעטע קאַפּאָטעס און ציטערדיגע פּיאות.

— וואָס הערט מען? — זיינען די אידען אנטקעגען געלאָפען.

— ער הייסט אונז געהן! — האָט עוזר חסיד מיט שרעק אויס־גערופען, און ברכיה דער ראָזאַר האָט שוין גאר ניט געקענט רעדען פאר שרעק.

— ווי הייסט? — האָבען אידען געפרעגט.

—ווי הייסט? מיט ווייב און קינדער, מיט קראַנקע און אלטע לייט. ארויס, ארויס פון שטאָדט, דורך דריי טעג קיין שריט ופלים. ארויס, ארויס! דאָס הייסט עס! — האָט זיך עוזר חסיד צובייזערט, ניט וויסענדיג אליין פאר וואָס און אויף ווע̇מען.

אידען האָבען געשוויגען, אראָבגעלאָזט די קעפּ און זיינען זיך צוגאַנגען. אין א מינוט ארום איז שוין די גאנצע שטאָדט געוואָהר גע־ווארען פון'ם אונגליק. קיינער האָט עס אבער ניט געגלויבט. אז מען מיינט עס ערנסט; אלעמען האָט זיך געדוכט אז מען שרעקט נאָר אָב. זיי האָבען געהערט, אז אזעלכע זאכען טרעפען זיך טיעף אין ראָסיי, דארטען, וואו אידען טארען ניט וואהנען — דארט שיקט מען ארויס אי־דען, וועלכע קומען אהין. אָבער דאָ, ביי זיך אין שטעדטעל, וואו אידען זיינען צייט קדמונים און האָבען דאָ אזא אלטען בית־עולם, מיט די אוהלים פון אלע גוטע אידען, וואָס א וועלט מיט אידען קומען אויף זייערע קברים בעטען — זאָל מען אין מיטען טאָג נעהמען א גאנצע שטאָדט און ארויסטרייבען? און וואָס וועלען זיי טהאָן מיט די שטאָדט־הייזער, געוועלבען, מיט די שוהל און בית־המדרש, מיט די

קברים פון טאטע־מאמע, פון די רביים? זייערע הענד האבען זיך ניט אויפגעהויבען צו פאקען די זאכען. וואס וועלען זיי פאקען? דאס בעט־געוואנד. די וועש, די כלים? אז די טהייערסטע זאכען, די שטאדט מיט די הייזער בלייבען איבער. זיי קענען דאך דאס ניט מיטגעהמען אין קעשענע אריין. האבען זיי גאר ניט געפאקט, נאר זיינען ארום־געלאפען, געקלעהרט עצות, וואס צו טהאן.

צום גובערנאטאר פאהרען, אין די גובערנסקי שטאדט אריין, האב מען זיי ניט געלאזט. מען מוז האבען א שיין ארויסצופאהרען פון שטאדט. האט מען גענומען שרייבען א טעלעגראמע צום גובערנאטאר. מען האט זיך צוזאמענגעקליבען אין רב׳ס שטוב, ביי דער אלמנה, און לייזער שרייבער, דער „פראשעניע“ שרייבער, א איד, וואס קען אביסעל רוסיש, האט געשריבען א טעלעגראמע, און אלע אידען, וואס זיינען ארומגעשטאנען ביים טיש, האבען דיקטירט. איינער האט געזאגט, אז מען זאל אין דער טעלעגראמע אויסשרייבען אלעס, וואס אידען פיהלען איצט. און פאר וואס קומט זיי דאס אונגליק? מען זאל ניט קיין מורא האבען און אלעס ארויסשרייבען. און אויף קיין געלד זאל מען ניט קוקען, וויפיעל עס זאל ניט קאסטען.

די טעלעגראמע איז געווען א לאנגע און א ריהרענדע. לייזער שרייבער האט זיך דאס לעבען איינגעשטעלט און האט אלעס אויסגע־שריבען, וואס אידען האבען איבערגעלעבט, צייט די מלחמה האט אויס־געבראכען. און פארוואס יאגט מען זיי אזוי? פאר וואס האט מען זייער רב געהאנגען? זיי זיינען געטריי דעם קייסער, און זיי וועלען זיך געהן הרג׳ענען פאר׳ן קייסער, און זיי בעטען דעם גובערנאטאר, „וואס איז שטענדיג געווען א פאטער צו זיי“ — ער זאל זיך אננעהמען פאר זיי. מען האט די טעלעגראמע געטראגען צו דער פאסט. די גאנצע שטאדט אידען זיינען מיטגעגאנגען אויף דער פאסט אוועקשיקען די טעלעגראמע. דער פאסט־טשינאווניק, וואס האט צוגענומען די טעלעגראמע, האט זי דורכגעלעזען און געלאכט. דערנאך האט ער צוזאמענגערופען אלע טשינאווניקעס, אלע האבען דורכגעלעזען די טעלעגראמע הויך, אויפ׳ן קול, און האבען געלאכט פון לייזער שריי־בער׳ס שלעכטען רוסיש, און פון דעם, וואס אידעלעך שטעלען זיך איין און פער׳מסר׳ען דעם קאמאנדיר פאר׳ן גובערנאטאר. דער סוף איז געווען, אז ווען אלע טשינאווניקעס האבען זיך שוין געהאט גוט

אנגעלאכט — האט מען די אידען די טעלעגראמע צוריקגעגעבען: „מען קען ניט אוועקשיקען“.

— פאר וואס?

— דער קאמאנדיר דארף אונטערשרייבען. אלע טעלעגראמעס מוז דער קאמאנדיר אונטערשרייבען.

צום קאמאנדיר זיינען זיי שוין ניט געגאנגען. האבען זיך געפונען א טהייל בעלי־בתים, וואס זיינען אוועק צום גלח, אז ער זאל בעטען פאר זיי. אנדערע, ווידער, האבען געהאט א בעקאנטען פריץ. נאר אי דער גלח, אי דער פריץ האבען אבגעזאגט: זיי קענען גאר ניט טהאן. האט דער דיין גוזר תענית געווען. אידען האבען תהילים גע־זאגט. מען איז געלאפען אויפ'ן גוטען ארט, צום אלטען רבי'ס קבר. נאר געפאקט האט מען ניט, ווייל די הענד האבען זיך ניט אויפגעהויבען עפעס צו טהאן. און מען האט געווארט ביז דער לעצטער מינוט, טאמער וועט דאך געשעהן א נס. דערווייל זיינען אידען ארומגעגאנגען ווי פער'סמ'טע, מען האט ניט געוואוסט וואס מארגען וועט זיין. די ווייבער האבען געוויינט. די גוי'ישע שכנות האבען מיטגעוויינט. נאר די שוסטער געזעלען האבען געלעכטער געמאכט אויס זיי. און דער ראקטאר מיט דעם פוילישען אינזשעניער זיינען ארומגעגאנגען צו די קריסטען און גערופען עפעס א פערזאמלונג. און מיט א מאל האבען זיך געפונען קריסטען, וואס זיינען געווען א גאנץ יאהר טרעגער, שכורים, אדער האלבע גנבים, וועלכע האבען פארגעלייגט די אידען, אז זיי זאלען זיי פערקויפען די געוועלבען, די הייזלעך, און אז דער ראקטאר מיט דעם פוילישען אינזשעניער וועלען אויסצאהלען פאר זיי. נאר די אידען האבען ניט געוואלט הערען דערפון. זיי האבען אלע געווארט אויף א נס.

דער לעצטער טאג איז געווען א פרייטאג. אידען האבען ניט קיין קאפ געהאט צום שבת. זיי האבען שוין איבערהויפט ניט גע־וואוסט וואס פאר א טאג עס איז. געפאקט האבען זיי זיך אלץ ניט. זיי האבען געווארט. מיט אמאל איז געווארען א בהלה. ארום נאכ־מיטאג האבען זיך געוויזען זעלנער, זיינען אריין אין אידישע שטובען און האבען אנגעהויבען ארויסטראגען אין מארק אריין שטוב־זאכען, בעט־געוואנד, און טרייבען אידען אין מארק אריין. אז אידען האבען דערזעהן, אז מען טרייבט, איז געווארען א גרויסע יללה. די ווייבער

האָבען אָנגעהויבען צו זוכען די קינדער. מאַמעס זיינען ארומגעלאָפען איבער'ן נאָס מיט געוואלדען: „וואו איז מיין קינד! יאָסעלע איז נישטאָ!" נאָך קיינער האָט שוין קיין צייט נים געהאַט צו הערען זייער געוויין. יעדער איינער האָט זיך שוין אליין אַהיים געלאָזט, און גענומען פּאַקען. נאָר די הענד האָבען זיך ווידער נישט געהויבען. מען האָט נישט געוואוסט וואָס פריהער צו פּאַקען: שרענק, קאָמאָדען, אָדער בעט־געוואַנט. און ווי ביי אַ שרפה, האָט אַ איד געכאַפּט די ווייבערשע מלבושים פון דעם שראַנק ארויס, אַ פּאָאר שטיקלעך וועש, און איז מיט זיי ארויסגעגאַנגען אין מאַרק אריין. אַן אַנדערער האָט געהאַלטען אַ פּאָאר מעשענע לייכטערלעך מיט אַ שטויסעל, געמיינט, אַז דאָס איז דאָס טהייערסטע וואָס ער פערמאָגט. איינגלעך האָבען אין מאַרק געשלעפּט ספרים: אַ ווילנער געבונדענער ש"ס. דאָרט האָבען צוויי אידען געטראָגען אַ בעט, אין וועלכער עס איז געלעגען אַן אַלטער קראַנקער איד, מיט צוויי גרויסע אויגען. דאָס איז געוועזען ר' אהרן־ליב דיין, דער ל"ו צדיק, וואָס ליגט שוין צוואַנציג יאָהר אין בעט און לערנט די הייליגע תורה. אַ איינגעל האָט געפיהרט ביי דער האַנד אַן אַלטען בלינדען זיידען, און האָט איהם אוועקגעזעצט אויף אַ פּאַק זאַכען אין מיטען מאַרק. דער אַלטער בלינדער איד האָט ארומגעטאַפּט ארום זיך מיט'ן שטעקען און נים געוואוסט, וואו ער געפינט זיך, און עפּעס געררעדט, געמיינט, אַז עס איז ווער דאָ נעבען איהם. נאָר קיינער האָט איהם נים געהערט, ווייל אַלע זיינען געווען פערנומען מיט זיך.

וואָס אַמאָל איז די בהלה געוואָרען גרעסער. זי האָט געוואַקסען ווי אַ שרפה. די זעלנער האָבען געיאָגט, אַז די אידען זאָלען זיך צו־איילען. אין דער לעצטער מינוט האָבען אידען אַלעס איבערגעלאָזען, נאָר געכאַפּט זייערע קינדער און געלאָפען אין מאַרק אריין. יעדעס קינד האָט געהאַלטען אַ פּעקעל אין דער האַנד. אַ טהייל: חומשים, סדורים, ספרים, וואָס זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס איז דאָס טהייער־סטע, וואָס זייערע עלטערן פערמאָגען; אַנדערע — פּעקלעך בעט־געוואַנד, וועש, קאָרבס. די ווייבער האָבען גאָר נים געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי. זיי זיינען ארומגעלאָפען, געהאַלטען אין איין זוכען זייערע קינדער, וועלכע זיי האָבען אַליין געהאַלטען ביי די הענד, אויפ'ן שויס, נעבען זייערע פּאַרטיכער. נאָר די רוהיגסטע זיינען

געווען די אלטע אידען און די יונגע מיידלעך. שטיל האבען די יונגע מיידלעך צונויפגעפאקט די וועש מיט די קליידער אין פעק און געטראגען אין מארק אריין, און די פאטערס האבען פערשלאסען די טהירען מיט די לאדענס אויף די הייזער און אויף די געוועלבען, איבערלאזענדיג אלעס אין שטוב און זיי האבען זיך געשטעלט אין מארק.

אין א שעה ארום איז דער גאנצער שטעדטעלשער מארק פול געווען מיט אידען, ווייבער און קינדער. אלעס האט זיך אויסגעמישט. א קינד אויף א פעקעל. א פאאר מעשענע לייכטער זיינען ארויסגעפאלען פון א טלית, ספרים מיט ווייבערשע קליידער. אידען מיט בעטגעוואנד. ווייבער מיט קליינע זוינעדיגע קינדער. אלעס האט זיך צונויפגעמישט און געשריען און געוויינט, און ארום זיי זיינען געשטאנען די הייזלעך מיט צוהאקטע לאדענס, און די געוועלבער מיט צוגעהאקטע טהיר און טויער, ווי שבת, און א פאאר גוים מיט שיקסעס זיינען געשטאנען אויף די שוועלען פון די הייזלעך, צוגעקוקט זיך צו דער בהלה און געלאכט.

און עס איז נישט נאכט געווען, נאר אין דעם שעהנסטען זונניגען נאכמיטאג. די זונן האט געשיינט, ווי יעדען טאג, און הערליכער נאך ווי יעדען טאג, מיט א פרעהליכען פרייטאג'דיגען גלאנץ, ווען אידען געהען זיך צום וואסער באדען לכבוד שבת. זי האט ניט געוואוסט, אז עס איז מלחמה אויף דער וועלט, און מען פערטרייבט אידען פון שטאדט. עס האט געגליהט דער גאלדענער הויטער צלם פון דער קירכע אין דען זונן, ווי ער וואלט געווען א שטיק פערגליווערטער בלוט, און געשראקען דעם הימעל מיט דער זונן. :אר ארום דער שטאדט האבען זיך אויסגעשפרייט די גרינע פעלדער, און די בליהענדע סעדער מיט די ביימער. יעדעס בלעטעל און יעדעס בליה־בלימעל האט זיך געגלאנצט און זיך געוואשען אין דער הערליכקייט פון דער זונן, און אלעס, האט זיך געדאכט, רייצט זיך מיט די אידישע קינדער: די בוימעלאך, דאס גרינס, און די הייזער. זיי רייצען זיך מיט זיי: מיר שטעהען, מיר בלייבען און איהר געהט אוועק...

גאר די וויכסעל האט זיך ווייט אוועקגעצויגען ווי א זילבערנער באנד איבער'ן גרינס, און די קינדער האט זיך געדאכט, אז וואוהין זיי וועלען געהן, וועט זיי די וויכסעל מיטגעהן...

און דענסטמאל איז עס געשעהען... ווען מען האט די אידען אין מארק געטריבען, און אלעם האט זיך שוין געהאט אין מארק פערקליבען, האבען זיך א פאר אלטע בעלי־בתים פון די חברה תהלים דערמאהנט אן דער אלטער אידישער שוהל, אן די ספרי תורות. איינציגווייז, אהן אבצורערען זיך, האבען זיך איינצעלנע בעלי־בתים געלאזט צו דער שוהל. זיי האבען שוין געטראפען די שוהל אפען, און דער שמש איז געשטאנען פאר'ן ארון, ער האט ארויסגענומען די ספרי תורות, אייג־געהילט זיי אין טליתים... שטיל זיינען די אלטע אידען אריינגעקומען אין דער אלטער שוהל. אהן א ווארט צו רעדען, האט יעדער פון זיי גענומען א ספר תורה אויפ'ן האנד. צעהן אלטע אידען זיינען עס גע־ווען, מיט צעהן ספרי־תורות אויף די הענד. און ווי זיי האבען געוואלט פון דער שוהל ארויסגעהן מיט די ספרי־תורות, האבען זיי אויף די ווענט געקוקט. און עס האט זיך זיי געדאכט, אז די ווענט פון דער שוהל, מיט די לשון קודש'דיגע אויפשריפטען, קוקען זיי נאך, ווי זיי וואלטען געוואלט ווערטער רעדען און קענען ניט, ווייל זיי זיינען שטום. א מינוט האבען זיך די אידען אבגעשטעלט מיט די ספרי־תורות אין די הענד. און דער אלטער שמש האט זיך אבגערופען:

— דאכט זיך א מנין?

— א מנין — האבען די אידען זיך ארומגעקוקט.

— לאמיר דאוונען צום לעצטען מאל מנחה.

— צום לעצטען מאל!

— מיט די ספרי־תורות אין די הענד האבען זיי זיך אוועק־געשטעלט.

נאר קיין מנחה האבען זיי נישט געדאווענט.

דער אלטער שמש האט דעם תהלים אויפגעמישט און האט גע־זאגט דעם לעצטען געבעט:

— הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש!...

און די ווענד האבען מיטגעוויינט.

---

3

# דער ווייסער רב

ווי אַן אויפגעשראָקענער הירש האָט דעם אָסטראָווער רבי'ס טאָכטער גענעבען אַ ציטער אויף, אַ שפּרונג אריין אין דעם צווייטען צימער, ווען אין דער טהיר האָט זיך בעוויזען אַ רוסישער סאָלדאט, מיט אַ צושטאַלצען גלעכטערעל אויף די חיה'שע ליפּען, מיט אַ ברום: „דיעווקא יעסט", מיט אַ פייער־גלאַנץ אין די אויגען. דער רויטער פלעק פון איהר ספּאָדניצע און די שוואַרצע קודלעם האָהר פון דער יונגער מיידעל, וואָס האָבען זיך אין דער לופטען דורכגעוואָרפען ביי איהר ארויסלויפען, האָט דעם צוהיצטען רוסישען סאָלדאט נאָך מעהר אויפגערייצט. צייט מען האָט איהם אין די זומער־טעג פון די וואַרימע רוסישע פעלדער אראָבגענומען, ביז ער איז דערגאַנגען מיט זיין פּאָלק אין דער גאַליציאַנער קליינער שטעדטעל, האָט ער קיין ווייב ניט געהאט, און די אַנגסט פאַר'ן טויט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט, האָט זיין געזונדעם רוסישעם בלוט נאָך מעהר צואוואַרימט און אויפגערעגט איהם. די רויטע ווייבערשע ספּאָדניצע און די שוואַרצע קודעלם האָהר, וואָס האָבען זיך אין דער לופט דורכגעוואָרפען, האָט איהם אזוי צורייצט, ווי מען האָלט פאַר דער נאָז פון אַ הונגעריגע חיה פלייש דורכגעפיהרט... ער האָט זיך געגעבען אַ וואָרף צו דער טהיר אין וועלכער דאָס מיידעל איז אריין.

נור פּלוצים איז צווישען איהם און דעם רויטען ווייבערשען פלעק אויסגעוואַקסען אַ ריעזיג געשטאַלט פון אַ הויכען אלטען אידען, מיט גרויסע אויפגעריסענע ערשראָקענע אויגען און אַ ציטערדיגע לאַנגע באָרד. צוויי בלייכע, מיט אַדערען דורכגעצויגענע, ציטערדיגע הענד האָבען זיך אויסגעשטרעקט צו איהם און האָבען איהם פערשטעלט דאָס וועג צו זיין בעגעהר... דער גלאַטיגער קלאַנג פון באָרפישע פיס דערהערט זיך פון דעם צווייטען צימער, און אין זיינע אויגען פארבט זיך נאָך די רויטע פארב פון דער ווייבערישער ספּאָדניצע און אַ שוואַרצער פלעק פון די ווייבערשע האָהר. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין מענליכען פערלאַנג האָט ער אַנגעכאַפּט דעם אלטען, דערשראָקענעם אידען און געגעבען אַ וואָרף צו דער ערד, און אַ בינדעל ביינער האָט געגעבען אַ קנאַק, ווי אַן אלטער טאָפּ וואָלט צובראָכען געוואָרען.

דער צוהיצטער סאָלדאט האָט געוואָלט אריין אין דער צווייטער שטוב, נור ער האָט געפיהלט, ווי עפּעס שלעפּט זיך איהם נאָך צווישען זיינע פיס און האמערט איהם זיין טריט. מיט בייזקייט האָט ער זיך געגעבען א קוק אום און דערזעהען דעם אלטען ווייסען אידען, ווי ער האלגערט זיך ארום זיינע פיס. ער האלט איהם מעהר איין מיט זיינע דערשראָקענע, ארויסגעזעצטע אויגען איידער מיט זיין כח, אויסצופיה־רען זיין וואונש.

דער סאָלדאט האָט ארויסגעכאפּט דעם שטיק וואָס ער האָט גע־טראָגען ביי זיין זייט, און אריינגעפיהרט אין דעם אידען'ס ווייכע ברוסט, ווי אין פּוטער... א רויטער שטראָמעל בלוט האָט זיך געגעבען א גאָס אונטער די ווייסע ציטערדיגע האָהר פון דער באָרד, די אויגען האָבען זיך געגעבען א פערגלייז, זיינען שטעהן געבליבען, ווי זיי וואָלטען זיך אָנגעהאנגען אָן דעם זעלנער'ס פּנים, און א מורמלען פון אונפערשטענדיגע ווערטער האָט זיך ארויסגעכאָרכעלט פון די פער־קרימטע ביטערע ליפּען פון דעם אידען... דער זעלנער האָט ניט גע־קוקט דארויף. א ווייל'ע האָט ער אָבגעשטעלט זיין בליק אויף דעם רוי־טען שטראָמעל בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען אונטער די ווייסע האָהר פון באָרד. דאָס האָט אין איהם דערמאָנט עפּעס אנגענעהמעס, און מיט א געשריי פון אויפרעגונג האָט ער געגעבען א שפּרונג אריין אין דעם צווייטען צימער נאָכ'ן ווייבערשען רויטען פלעק פון דער פּאָאד־ניצע, און באלד האָט זיך פון דער צווייטער שטוב דערהערט א ווייבערשער קוויטש, וואָס האָט ארומגעבלאָנדזשעט אין די שטובען. דער־נאָך איז שטיל געוואָרען...

אין א צייט ארום איז דער זעלנער ארויס פון דער צווייטער שטוב א בערוהיגטער און א צופריעדענער. אויף זיין פּנים איז געלעגען אויס־געגאָסען א גוטער שמייכעל פון גענוס, איהם איז אויסגעקומען איבער־שפּרינגען איבער דעם קערפּער פון דעם אלטען אידען, וואָס איז גע־לעגען אין דער טהיר, און ניט ווילענדיג האָט ער אָבגעשטעלט זיין בליק אויף איהם, אזוי ווי דער אלטער איד וואלט איהם צוגעצויגען. די אויגען פון דעם אידען זיינען ווי פריהער אָפען געווען, דערשראָקען־פערגלייזט, און זיי האָבען זיך רוהיג איינגעקוקט אין דעם זעלנער'ס פּנים. ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט אָנהענגען אָן איהם. די לאנגע ווייסע האָהר פון דער באָרד האָבען זיך נאָך לייכט בעוואויגען אויף

דעם אויפגעריסענעם ווייסען העמד און אויף דער בלייכער טויטער ברוסט, און דאָס רויטע שטראָמעל בלוט וואָס האָט זיך געגאָסען פון אונטער די האאר פון דער בארד, האט נאך בלייכער און ווייסער געמאכט דאָס פנים, די באָרד און די ברוסט פון דעם אידען. אויף זיינע אָפענע ליפען האָט נאָך געשוועבט דער אונפערענדיגטער זאטץ פון דעם אונפערשטענדליכען שפרוך — און עס האָט זיך דעם סאָלדאט גע־דאכט, אז דער אלטער איד מורמעלט נאָך עפּעס אַ געהיימניספולען שפרוך אין דער באָרד אריין. דער סאָלדאט האָט זיך יעצט דערשראָקען אי פאר די אויפגעריסענע אויגען, וואָס האָבען איהם שטארק אָנגע־קוקט און אי פאר דעם שטערבליכען מורמלען וואָס דער טויטער רעדט אין זיין באָרד אריין... דער שמייכעל פון געווס איז פּלוצלונג פער־שוואונדען פון דעם סאָלדאט'ס פנים, ער איז פלינק ארויסגעשפּרונגען פון שטוב אין גאס ארויס, ווי ער וואָלט מורא געהאט, אז דער טויטער זאָל איהם ניט אָנכאפּען ביי די פּיס, ווי פריהער, און ער האָט צו זיך גערעדט:

— אַ ווייסער רבי!

---

אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז וואסיל איוואַנאָוויטש, פון כארקאָווער גובערניע, דער סאָלדאט, וואָס האָט ערמאָרדעט דעם אָסטראָווער רבי'ן און געשענדעט זיין איינציגע טאָכטער, געלעגען צוזאמען מיט זיינע חברים אין פּאָלק אויף די פייכטע פעלדער פון דער רויטער רוסינער ערד, וואָס האָבען יעצט אין פריהלינג געפּארעט פון זיך די פייכטקייט ארויס און געהילט זיך אין דעמפּיגע נאסע וואָלקענס. דער סאָלדאט, וועלכער האָט שוין די דריטע נאכט ניט געשלאָפען, און די פיערטע וואָך זיך ניט אויסגעטהאָן, און שטעהט שוין זייט דריי טעג זינט מען האָט דעם רעזערוו געשיקט אין פראָנט אריין, אין שרעק און אנגסט פאר'ן טויט, איז אזוי אויסגעמאָרעט געוואָרען, אז ניט קוקענדיג אויף דער געפאהר וואָס ער האָט זיך געפונען אין צוים פון פיינד'ס ארטי־לעריע, איז ער אנידערגעפאלען אונטער אַ בערגעל און איז איינגעשלאָ־פען. זיינע ליפּען האָבען אוים געוואָהנהייט געמורמעלט, אויך יעצט אין שלאָף די תפלה, וואָס איז ניט אראָב פון זיי זייט די לעצטע פּאָר טעג וואָס ער געפינט זיך אין פייער: „גאָט, האָב רחמנות!" און די אויגען, כאטש האלב פערשלאָסען אין דרימעל, דאָך האָבען זיי געזעהן די ווייסע

וואָלקענדלאַך, וואָס ברעכען אויס אין ווייטען האָריזאָנט און צושיטען זיך ווי צוריסענע ווייסע טיכעלאַך אויף דער ערד אַראָב. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די ווייסע וואָלקענדלאַך זיינען דעם טויט'ס שלוחים, דעם פיינד'ס אַרטילעריע, און דאָרט וואו זיי פאַלען שניידט דער טויט. די נאָהענטקייט פון טויט האָט איהם מונטער געמאַכט, און ער האָט זיך איינגעקוקט אין די ווייסע וואָלקענדלאַך ווי זיי ברעכען אויס אין פאַלק, איבער די קעפּ פון די סאָלדאַטען, און אין'ם האַלבען דרימעל האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט — אָן דעם „ווייסען רבי", ווי ער ליגט אַ בלייכער און זיין באָרד צושפּרייט זיך איבער זיין ווייס העמד און ברוסט, און פּלוצים האָט וואַסיל ענטפּלעקט, אַז די ווייסע וואָלקענדלאַך, וואָס ברעכען אויס אין האָריזאָנט, זיינען ענליך צו דעם געזיכט פון „ווייסען רבי'ן". אַט צופּלאַשעט זיך די באָרד און זי צופאַלט אין קליינע שטיקלאַך, ווי די האָהר פון דער באָרד וואַלטען פון דעם „ווייסען רבי'ס" פּנים אַרויסגעפאַלען און זיי צולאָזען זיך איבער דעם הימעל און פאַלען איבער די קעפּ פון די רוסישע סאָלדאַטען, און דאָרט וואו זיי פאַלען טויטען זיי מענשען.

און מיט אַמאָל איז איהם קלאָהר געוואָרען, פאַרוואָס זייט די ווייסע וואָלקענדלאַך האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען איבער'ן הימעל טרעט די רוסישע אַרמעע אָב, און רוסישע סאָלדאַטען מיט רוסישע אָפיצערען און רוסישע גענעראַלען אַנטלויפען פאַר זיי ווי פאַר'ן טויט — דאָס איז דער „ווייסער רבי", וואָס געהט און נעהמט נקמה, און פאַר דעם „ווייסען רבי" אַנטלויפען זיי... און קוים האָט ער דאָס דערקלעהרט, איז איהם אָן אַנגסט־שרעק בעפאַלען. אַ שרעק ניט פאַר'ן טויט (צום טויט איז ער צוגעוועהנט אָהן וואָרט דאַרויף). נור אַ שרעק פאַר דעם אונפערשטענדליכען „ווייסען רבי", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען איבער'ן הימעל נקמה נעהמען... ער האָט איהם געזעהן יעצט דעם „ווייסען רבי", ווי ער קריכט אַרויס פון אַ ווינקעל, אָט־אָט פון יענעם ווינקעל און פערשפּרייט זיך איבער'ן הימעל, ער האַלט די אויגען פערגלייזט. דער שוואַרץ־אַפּעל בעהאַלט זיך אונטער דער הייטעל און קוקט אויף איהם שטאַר און אונבעוועגליך, און די ליפּען מורמלען, מורמלען אונפערשטענדליכע ווערטער אין דער ווייסער באָרד אַריין, און אַט צופאַלט די באָרד פון „ווייסען רבי", דאָס גאַנצע פּנים צופאַלט און וואַרפט זיך אויף די קעפּ פון די רוסישע סאָלדאַטען.

און קוים איז איין פנים צופאלען — זעה, אז אנדער „ווייסער רבי'' קריכט ארויס פון אן אנדער ווינקעל, אט געהט ער, געהט ער, ער וועט באלד אנקומען צו איהם... וואסיל'ן איז בעפאלען אזא אנגסט, אז ער האט איינגעקארטשעט דעם קאפ אין דער ערד און איבערגעגעבען זיך דעם „ווייסען רבי'', און זיינע ליפען האבען געמורמעלט אונאויפהערליך: „גאט, האב רחמנות! גאט, האב רחמנות!''.

נור אט איז דער „ווייסער רבי'' דורכגעפלויגען נעבען זיין קאפ. ער געץ אנדערש־וואו אראבגעפאלען. וואסיל וואגט זיך אומצוקוקען. די נאכט איז א פייכטע, די ערד פארעט און פון איבעראל שטייגען אויף „ווייסע רבי'ס''. זיי נעהמען זיך אן איינער דעם אנדערען ביי די הענד און פליהען צוזאמען. אין יעדען ווינקעל זיינען זיי דא, און אט קומען זיי שוין אן צו איהם, פון דער היילער הויט איז אויסגעוואקסען א „ווייסער רבי'', ער שטעהט פאר איהם און קוקט איהם אן מיט זיינע שטארענדיגע אויגען. וואסיל'ן ציטערען די הענד, און מיט אן אנגסט־געשריי שרייט ער אויס צו די חברים:

— חברים, אנטלויפט, דער „ווייסער רבי'' געהט!

— ווער איז ער אזעלכער?

— איהר ווייסט נים ווער דער „ווייסער רבי'' איז? זעהט, זעהט, — ווייזט וואסיל אויף די ווייסע וואלקענדלאך — דאס איז ער, ער געהט ארויס נקמה נעהמען, אומזיסט שטעלען מיר זיך אנטקעגען איהם, ער איז א גייסט, ער איז א היילינגער, ער נעהמט נקמה. „גאט האב רחמנות! האב רחמנות!'' — פאלט וואסיל אויף די קניה — „חברים, אנטלויפט, ווארפט די ביקסען, בחנם, בחנם, דער „ווייסער רבי" געהט".

און דאס ווארט דער „ווייסער רבי'' האט זיך ווי א קרענק אנגעשטעקט צווישען די סאלדטען. איין סאלדאט האט דאס דעם אנדערען איבערגעגעבען, און אן אנגסט איז זיי בעפאלען — נים פאר'ן טויט, נור פאר דעם אונפערשטענדליכען „ווייסען רבי'', וואס איז ארויס נקמה נעהמען. איינער נאכ'ן אנדערען האבען די סאלדאטען געווארפען די ביקסען און אנטלאפען פון פעלד ארעב...

אזוי יאגט זיי נאך דער „ווייסער רבי'', און טרייבט די רוסישע ארמעע פון פעלד ארעב, און נעהמט נקמה ביז'ן היינטיגען טאג...

4

## שבת אין פעלד.

מיט בענקשאפט אין די זונן אבגעגאנגען אונטער דער וױיכסעל אין ראדאמער גובערניע און די פערשיעדענע־קאלירטע פענסטער פון די קירך האבען געברענט מיט א רויט פייער. דאס וואסער פון דער וױיכסעל איז מאט געווארען ווי מעטאל און א גערונצעלט פעלכעל האט זיך אויפגעצויגען איבער דער אויבערפלעך. די בוימער האבען זיך געהילט אין א טונקעל־בלויליכען שאטען און א טהייל װענד פון הייזלאך, וועלכע זיינען ווייס געווען אבגעקאלירט, האבען זיך געלויכטען אין די לעצטע זונען־שיין אין א געלבען אראנדזשען קאליער. אין דער לופט איז אזוי שטיל געווארען ווי יעדען פרייטאג פאר־נאכט, ווען דער שבת קומט אריין מיט רוהיגע שטילע טריט. ווי יעדען פרייטאג פאר־נאכט זיינען אויך דאס מאל די געוועלבלאך געווען פערמאכט. נור עס האבען דאס מאל דעם שבת אנטקעגען ניט געשיינט דאס שבת־ליכטלאך פון די אי־דישע הייזער. עס האבען זיך ניט געוויזען די בעלי־בתים פון שוהל און בתי־מדרשים אין די אטלאסענע קאפאטעס מיט די אורחים, מיט די אינגעלאך און די סדורים אין די הענד. אין א וואכעדיג שטעדטעל איז דער שבת אריינגעקומען. טהיר און טהויערען פערהאקט. עס הערט זיך נישט קיין לכה דודי, קיין שיר השירים געזאנג פון פענסטער ארויס. א שטילע מרה־שחורה האט ארומגעהילט דאס שטעדטעל. אויסגע־שטארבען איז דער מארק, נור די צוויי הינד, וואס שטעהען פאר'ן געוועלב בילען נאך א ביין...

פלוצים הערט זיך א געשריי אין א הינטער געסעל, א קאזאק גאלאפירט אויף א פערד. און די פערד'ס טריט שלאגען אפ אויף די שטיינער... א געוואלד פון אידען. א צוויי, דריי גויים קומען ארויס פון די הייזער, לויפען אין געסעל אריין, זיינען נייגעריג צו וויסען וואס דאס געשריי איז. אידען מיט ספרי־תורות אין די הענד לויפען פון דער שוהל איבער'ן געסעל אויפ'ן וועג ארויס, און צוויי קאזאקען אויף די פערד מיט באטעקעס אין די הענד יאגען נאך די אידען, שלאגען איבער די קעפ, איבער די לייבער. די אידען מיט די ספרי־תורות אין די הענד לויפען וויפיעל כח זיי האבען איבער דעם געסעל פון שטאדט ארויס.

אט האט זיך איינער אבגעשטעלט, געפאלען איבער א שטיין, שפרינגט פלינק צו דער קאזאק מיט'ן פערד און שלאגט דעם אידען, די בארד צי־טערט און די אויגען גלאנצען פון בעוואקסענעם בלייכען פנים מיט שרעק, און דער איד האלט די הענד מיט'ן ספר־תורה אין דער הויך אויסגעשטרעקט — האט מורא, אז דאס ספר־תורה זאל איהם פון די הענד ניט ארויספאלען און פסול ווערען, און שטארקט זיך מיט אלע קרעפטען פון דער ערד זיך אויפצוהויבען אזוי, אז דאס ספר־תורה זאל די ערד נישט אנריהרען; ער פערשטעלט מיט זיין רוקען, מיט זיין קאפ, מיט זיין לייב, אז די קלעפ פון קאזאק'ס באטעק זאלען אויף זיין לייב פאלען און נישט דאס הייליגסטע אנריהרען. אזוי הויבט ער זיך אויף און לויפט וויפיעל כח ער האט די אידען נאך.

עס זיינען געווען די צעהן אלטע אידען, וואס האבען זיך ביים לעצטען דאוונען אין די שוהל פערשפעטיגט. צואווינט זיך און פאר־געסען, אז די צייט איז אריבער, וואס זיי מוזען די שטאדט פערלאזען. אזוי האבען זיי אזוי לאנג זייערע הערצער פאר גאט אויסגעגאסען ביז די קאזאקען האבען זיי אין שוהל געפונען, און מיט די באטעקעס פון דער שוהל ארויסגעטריבען און איבער דעם געסעל אויס דער שטאדט געיאגט.

די אידען זיינען שוין געווען הינטער דער שטאדט. די קאזאקען האבען זיך אבגעשטעלט ווארטען און פון דער ווייטענס צו די אידען מיט די באטעקעס געשראקען, אז זיי זאלען פלינקער לויפען. די אידען זיינען געגאנגען וואס אמאל פלינקער, האלב לויפענדיג, און שווער געאטהעמט, געדיכעט און צוגעיאגט זיך אויס מורא פאר די קאזאקען. און זיי האבען געוואלט די עדה ארויסגעטריבענע אידען אניאגען. אבער די שטאדט אידען זיינען שוין געווען א שטיק ווייט אין וועג. זיי האבען דערזעהן אז די טריט פון קליינע קינדער, פון ווייבער, אז זיי זיינען פאראויס. אויך האבען זיי געפונען אויפ'ן וועג פערלוירענע זאכען: א לייכטער, א חומש, א ווייבערשע שייטעל, וואס זיינען ארויסגעפאלען אויס די פעקלאך פון די ארויסגעטריבענע אידען. זיי האבען אויפגע־הויבען די זאכען און מיט אימפעט וויפיעל כח זיי האבען געהאט זיינען זיי איבער'ן וועג געגאנגען.

די נאכט איז וואס אמאל מעהר צוגעלאפען. זי האט זיך ארויס־געשלעפט ווי א קליין וואלקענדעל פון אונטער א וואלד. דאס וועלקער־

דעל האט זיך צונאסען ווי א טייכעל איבער'ן הימעל און אויפגעעפענט א שפאלט און געטרונקען אין זיך אריין דעם ליכטיגען זונען־הימעל ווי א שטארקע חיה וואלט געלויערט אויף דעם טאג און זי פערצוקט איהם... נור וואס מעהר עס האט געטרונקען אריין אין זיך דער נאכט־וואלקען דאס לעצטע ביסעל רויט פון הימעל, אלץ מעהר איז דער טונ־קעלער וואלקען־לייב געווארען דורכזיכטיגער און פון זיין מאטען וואל־קען שטויב האבען אנגעהויבען ארויסצושימערען די פייערדיגע זיילען שטערען, וואס ער האט געהאט אין זיך... איינזאם האבען זיך די איינ־צעלנע בוימער אויפ'ן וועג געשאקעלט, און ווי זיי וואלטען געוועז פער־צווייפעלט, אויב עס איז דא א בעשעפער וואס וויים פון זיי און היט זיי — האבען זיי מיט מורא און אנצוטרויען זיך געטוליעט ארום זייערע צווייגען און שאטענס. דער הימעל האט זיך גערוקט איבער די לאנ־קעס, און די לאנקעס זיינען פייכט געווארען און ערגעץ־וואו פער־שוואונדען. קיינעם איז נישט געוועזען צו זעהן אויפ'ן וועג, נישט קיין פויער, נישט קיין סוחר. אויף די פעלדער האבען זיך פער'יתום'טע א פאאר בהמות מיט א הונד ארומגעוואלגערט, און זיינען געקומען צולויפען יעדעס מאל צו די אידען און געלעקט זיי, ווי זיי וואלטען געוואלט שוטץ ביי די ארימע אידען זוכען פון דער נאכט און פון זייער היימלאזיגקייט וואס מען האט זיי אליין אין פעלד געלאזט. די אידען אבער, פאלענדיג פון די פיס פאר מיעדקייט און פאר שרעק, האבען זיך אויף א ווייעלע אין מיטען וועג אוועקגעזעצט, קוקענדיג מיט שרע־קעדיגע אויגען אויב די קאזאקען קומען נישט צולויפען.

א מינוט האבען זיי אלע געשוויגען, הויך געהעשעט און אבגעעכצט כאפענדיג לופט. איינער האט זיך מיט א טיכעל דאס פנים געווישט, א צווייטער איז געזעסען פערטראכט. נור אלע האבען זיי געשוויגען, און קיינער האט ניט געוואנט דעם צווייטען אין פנים צו קוקען.

— דאכט זיך, עס איז שבת, — האט זיך פלוצים איינער פון זיי אנגערופען.

א מינוט האבען זיי געשווינען, די קעפ בויגענדיג צו דער ערד. באלד האט זיך איינער אויפגעהויבען, גענומען דעם ספר־תורה אין דער הויך און אנגעהויבען צו זאגען מיט א פרום קול:

מזמור שיר ליום השבת.

באלד האבען איהם די איבריגע אבגעענטפערט.

זיי האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען ווייטער געגאנגען איבער דעם וועג, האלטענדיג די ספרי־תורות אין די הענד און געזונגען „מזמור שיר ליום השבת". שטיל האבען זיך פערהוילען די פעלדער אין די פייכטע נעכט, נאר די בוימער האבען זיך געוועקט און געקוקט מיט פערוואונדערונג, וועמעס הארץ שטעהט נאך היינט גאט צו ליבען...

אזוי זינגענדיג זיינען זיי אנגעקומען צו די עדה אידען.

עס האט גערוהט די עדה ארויסגעטריעבענע אידען אין מיטען וועג ביים וועלדעל. דער שבת איז אריינגעטראטען און זיי האבען ניט גע־וואוסט וואס צו טהאן. ווייטער געהן אין שבת אריין וואלט עס געהיי־סען מחלל צו זיין דעם שבת מיט'ן גוטען ווילען, ווייל קיינער האט זיי דאך שוין ניט געטרייבן. און דאס האט דער דיין און די פרומע אי־דען ניט געוואלט צולאזען, אבער מען האט געזאגט, אז די מלחמה קומט ניט ווייט פאר, און ווען מיליטער וועלען זיי דא טרעפען אין וואלד, וועט מען אלעמען אויסשיסען, און אויך איז געווען אונמעגליך, מיט די ווייבער און די קינדער אין וואלד איבער נאכט צו פערבלייבען. עס איז פייכט געווען. עס איז ניט געווען וואו זיך אנידערצוזעצען, וואו דעם קאפ אנידערצולייגען. אבער אבגעשטעלט האט מען זיך שוין. די אידישע בעלי עגלות וואס האבען פריוויליג אויף די פוהרען גע־פיהרט די קראנקע און די אלטע לייט, האבען די פערד אויסגעשפאנט און ניט געוואלט קיין שריט ווייטער מאכען אין שבת אריין. מאמעס האבען זייערע טיכער, זייערע קאפטענס אויסגעטהאן און אויסגעשפרייט אויף די פייכטע גראז, און זייערע קינדער אוועקגעזעצט. איין איד האט דעם אנדערן די קאפאטע אויסגעבארגט, ארומגעהילט די אלטע לייט, די שוואכע ווייבער מיט די קאפאטעס, אז זיי זאלען זיך נישט צר־קיהלען. חיים בעל עגלה און נתן פישער זיינען קלוג געווען און האבען פעלצען מיטגענומען. „מיר ווייסען מיט וואס דאס שמעקט", האבען זיי געזאגט, און אוים די פעלצען א געצעלט אויפגעשלאגען. אין געצעלט האט מען צוויי ליכט אנגעצונדען, שבת־ליכט, מורא געהאט, אז מען זאל דאס ליכט פון דערווייטענס ניט דערזעהן און עס זאל נישט הייסען: די אידען גיבען סיגנאלען. דורך דעם האט מען די שבת־ליכט־לאך גוט פערשטעלט. נור יעדער איז נאך געווען פערנומען מיט זיין אייגענער זארג: די קינדער טרוקען אויסצובעטען, און די ווייבער מיט די קאפאטעס ארומצוהילען, אז זיי זאלען זיך ניט פערקיהלען.

ווען מען האט נאך ניט געוואוסט וואס ווייטער צו טהאן, דא צו בלייבען אדער ווייטער צו געהן — זיינען די צעהן אידען מיט די ספרי־תורות אנגעקומען.

אז די אידען האבען דערזעהן די ספרי־תורות פון די שוהל, איז א גרויסע פרייד געווארען. די ווייבער האבען שוין פארגעסען אן די אייגענע צרות און די קינדער — און מען האט געוויינט נישט פאר צער, נור פאר נחת, וואס גאט האט געהאלפען און מען האט די ספרי־תורות געראטעוועט. באלד האט מען א וואגען אבגערייניגט, אראבגענומען פון איהם צוויי קראנקע אידען, אין געצעלט אריינגעלעגט און אויף דעם וואגען מיט טלתים אויסגעבעט און די ספרי־תורות אוועקגעלעגט. דעם וואגען פאר דעם ארון געמאכט.

— אידען, עס איז שבת, לאז מען דעם שבת מקבל זיין.

און דער חזן פון שטאדט האט זיך באלד ביי וואגען מיט די ספרי־תורות אוועקגעשטעלט און א טרויעריגע שטימע, די בעקאנטע שטימע פון איכה, מיט וועלכען מען זינגט דעם לכה דודי אין די דריי וואכען האט אין דעם װאלד, אויף די פעלדער אבגעקלונגען.

— לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה.

און די גאנצע עדה האט אפגעענטפערט אין איין טאן:

— „מקדש מלך עיר מלוכה, קומי צאי מתוך ההפכה. רב לך שבת בעמק הבכה, כי בך יחסו עניי עמי".

עס האבען זיך ערוואכט פעלד און וואלד און צוגעהערט זיך מיט ערשטוינען צום שבת־געזאנג אין דער טרויעריגער פינסטערער נאכט. פון וואנען קומט דא געזאנג אין דעם רעש פון די קאנאנען, אין דעם שרעקענדען חורקלען פון דאס טויבע פולעמיאט־שיסען וואס דער וואלד איז געוואהגט געווען דאס יאהר צו הערען? פון וואנען קומט אין דער מלחמה דאס געזאנג?

די אידען האבען זיך פערטיפט אין דאוונען. אלעס וואס זיי האבען געטראגען אויף די הערצער אין די שרעקליכע טעג, דאס גאנצע פער־לאזקייט און יתום'קייט וואס זיי האבען געפיהלט דא אין פעלד מיט ווייב און קינד האבען זיי אויסגעגאסען אין געזאנג. דער „לכה דודי" איז געווארען דאס איינציגע שטיקעל ליכט וואס זיי האבען געזעהען אין זייער פינסטערער נאכט, די האפנונג אין די פערלאזקייט, און וואס אמאל העכער האט געשאלט דער „לכה דודי", זיי האבען פערגעסען.

אז זיי שטעהען אין פעלד, אז די סכנה שוועבט איבער זיי, אז יעדען אויגענבליק קען מען דערהערען זייער געשריי, און מען קען אויסטייטשען ווי אזוי מען וועט וועלען. זיי האבען אן אלעם פערגעסען, אן דער וועלט, אן דער מלחמה און אן דער הערשאפט פון אנ'אנדערען, פון שלעכטען כח — אויסער אן איינציגען גאט איבער דער וועלט. איהם האבען זיי יעצט געזעהן. ער אליין הערשט איבער דער וועלט: אין איהם איז דא די מאכט צו העלפען זיי, און צו איהם האבען זיי יעצט געשריען. נאר דער געשריי איז ניט געווען קיין קלאג געשריי, ניט קיין געוויין אויף זייער פערלאזקייט און עלענד. ניין, עס איז געווען א לויב־געזאנג, א הימן פאר דעם נסיון וואס ער שיקט איבער זיי. א גרויסע שבועה איז עס געווען צום בעשעפער, — אז זיי גלויבען אין איהם און זעהען איהם — כאטש ארום זיי איז דער כח פון שלעכטס, פון נאכט, פון מלחמה און פערניכטונג.

לאמיר זינגען מיט זיי דעם געזאנג אין דער מלחמה אריין:

— לכה דודי לקראת כלה, פני שבת נקבלה.

5

# ער קומט...

א בילד פון היינטיגער צייט.

— מאמעשי, נאך ווייט צו געהן?

— אט שוין קינד לעבען, אט שוין, נאך א קליין, קליין ביסעל.

שלמה'לע האט זיך פעסטער אנגעהאלטען אן דער מוטער'ס שערץ. און די קליינע אויסגעמאגערטע פיסלאך, ווי צוויי דינע שטעקלאך, וואס האבען זיך שוואך געהויבען איבער'ן זאמד פון וועג, האבען מיט אמאל אנגעהויבען צו שפרינגען, ווי זיי וואלטען כח בעקומען און געלאפען אביסעל פריהער פון די מוטער'ס איילענדע טריט. באלד זיינען אבער די פיסלאך ווידער מיעד געווארען און אבגעשטעלט זיך:

— מאמעשי, זעץ זיך, איך בעט דיר, זעץ זיך.

— ווי, שלמה׳לע? דו זעהסט אלע אידען געהן, און ווי וועלען מיר זיך אוועקזעצען אין מיטען וועג?

— איך וויל נישט, מאמעשי — האט דאס זעקס יאהריגער אינגעל פלוצים זיך אבגעשטעלט אין מיטען וועג און ניט געוואלט געהן ווייטער.

די אידענע האט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן די עדה ארויסגעטריבענע אידען מיט די וועגען א שטיק פאראויס. זי איז איבער די קאפריזען פון דעם זעקס יעהריגען שלמה׳לע, וועלכען זי האט די גאנצע צייט, איבער׳ן גאנצען וועג וואס דויערט שוין אייניגע טעג, געהאלטען ביי איהר האנד, געבליבען א שטיק הינטערווייזלעכטס. צו טונקלען האט אויך אנגעהויבען, דער הימעל איז געווארען בעגאסען מיט א רויטען ליכט, אין וועלכען עס זיינען געווען בלאהע בלאנקענדע אינזלאך. איז אויף איהר א שרעק געפאלען, אז זי זאל זיך מיט שלמה׳לען נישט אברייסען פון דער מהנה און פון הינטען בלייבען, האט זי געכאפט דאס קינד אויף איהרע הענד, און אנגעהויבען נאכצולויפען נאך די עדה אידען. מיעד און אויסגעמאטערט איז זי געווען פון דריי טעג וואלגערן זיך שוין איבער די פעלדער, האבען קאלטע ווייסע אנגסטען אנגעהויבען ארויסצושלאגען אויף איהר פנים פון אונטער איהר שווארצען טוך, און כאטש עס איז געקומען אהער צובלאזען פון די פרייע פעלדער א אסענדיגער קיהלער פאר־נאכטליכער ווינד, דאך איז איהר דאס מאטע אבגעברענטע לעדערנע פנים בעגאסען געווארען מיט שוויים, דער האלז האט זיך אנגעהויבען צו ציהען פון די פיעלע קאפטענס וואס זי האט געטראגען (און געטראגען האט זי אלע יום־טוב׳דיגע קאפטענס, וואס עס איז איהר א שאד געווען איבערצולאזען אין דער פערלאזטער שטוב פון וואנען מען האט זי געטריבען), און דער האלז איז געווארען אנגעצויגען מיט בלויע אדערען און געבויגען זיך ווי ביי אן אויסגעמאטערטען פערד דער רוקען פון כאמוט. די הענד זיינען איהר געווארען מאט און שווער ווי שטיינער. נור דער זעקס יעהריגער שלמה׳לע האט איינגענורעט זיין קליין צוהיצט פנים׳ל אין א ווינקעלע פון דער מאמעס רוקען. און דער מאמען איז א שאד געווען דאס קינד פון די הענד אבצולאזען, און ווידער האט זי מורא געהאט, אז זי זאל ניט פאלען פון די פיס מיט דער קינד אויף דער האנד, איז זי מיט דעם רעשט ביסעל

כח נאָכגעלאָפען נאָך די עדה, און גערופען מיט אַ הייזעריגער שטימע איהר עלטער אינגעל:

— יאָסעלע, יאָסעלע! —

עס האָט געקאָסט דער מאַמען ניט ווייניג צער איידער זי האָט ביי זיך גע׳פועל׳ט רופען צו הילף איהר עלטערן אינגעל יאָסעלע, וואָרום יאָסעלע איז געווען בעלאָדען מיט דעם פּאַק ספרים און בעטגעוואַנד וואָס ער האָט געטראָגען אין איינעם מיט׳ן טאַטען, און אַלס אַלטער בית המדרש אינגעל האָט ער דוקא געוואָלט געהן אין איינעם מיט אַלע אידען. כאָטש ער האָט זיי ניט געקענט נאָכאיילען, דאָך האָט ער זיך געפּאַסט מוטה, ווייל ער האָט שוין געוואָלט זיין אַ איד מיט אידען גלייך.

יאָסעל האָט איבערגעלאָזט דעם טאַטען מיט די אידען און איז געקומען צוריקצולויפען צו דער מאַמען.

— יאָסעלע, איך האָב קיין כח נישט, שלמה׳לע וויל נישט געהן.

— גיב איהם מיר, מאַמאַ, איך׳ל טראָגען.

יאָסעלע האָט געפּרואווט צו נעהמען שלמה׳לען, ער האָט איהם גע־טראָגען אַ פּאָר צעהנדליגע טריט, ער האָט איהם דאָך געמוזט אַראָב־לאָזען.

— שלמה׳לע ווילסט נישט געהן משיח׳ן זעהן? — האָט יאָסעלע געפרעגט.

— ווען וועט ער שוין זיין?

— אָט באַלד, ווען מיר וועלען נור צום דאָרף אָנקומען, דער זיי־דעשי האָט געזאָגט.

— מאַמעשי, ל׳מיך, איך׳ל שוין לויפען.

שלמה׳לע האָט זיך געריסען פון יאָסעלע׳ס הענד און אָנגעהויבען צו לויפען מיט די דאַרע דינע פיסעלאַך, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָגען אָן די שטיינער, אָן די פּערהאַרטעוועטע שטיקער בלאָטע וואָס זיינען געלעגען אויף׳ן וועג.

— זעה, מאַמעשי, זעה ווי איך לויף, זעה.

— איך זעה, שלמה׳לע, איך זעה — האָט די מוטער געווישט דעם שווייס פון שטערן מיט דעם אַרבעל פון קאַפּטען, וואָס עס האָט איהר דאָס פּנים ברודיג געמאַכט.

נור באלד האָט זיך די ערדה אידען אָבגעשטעלט ביים דאָרף. עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקעלן און עס איז געבליבען ביי די אנגע־זעהענע פון די ערדה, ביים דאזאר ר׳ עוזר, און ביים דיין, אז מען זאָל דאָ אין דאָרף איבערנעכטיגען און נישט צו געהן צום נאָהענטסטען שטעדטעל, וואָס איז נאָך געווען אַ וויארסט צעהן, ווארים די ווייבער און די קינדער זיינען מיער געווען, און די ערדה אויסגעמאטערט. מען האָט אויסגעשפאנט די פערד פון דעם איינציגען וואָגען, אויף וועלכע מען האָט די רייניגקייט געפיהרט. די טאטעס און די קינדער האָבען די פעק אָבגעלייגט און די מאמעס האָבען זייערע טיכער און זייערע קאפּ־טענם אויסגעטהאָן און אויסגעשפרייט איבער׳ן פייכטען גראָז און אויס־געזעצט זייערע קינדער. צוויי בעלי־בתים, קאלבס סוחרים, וואָס האָבען געהאט בעקאנטע גוים אין דאָרף, זיינען אין דאָרף געגאנגען בעטען מילך ביי די פויערטעס פאר די קינדער, און עס איז נישט דורכגע־גאנגען קיין פיערטעל שעה, און עס האָבען זיך טאקע געוויזען די פוי־ערטעס מיט די קליינע שקצים׳לאך און שיקסעס פון דאָרף. טהייל פון זיי האָבען געהאלטען קרוגען מיט מילך, אנדערע — קאנען מיט פריש וואסער, וועלכע זיי האָבען צוטהיילט צווישען די קינדער און די מו־טערס. די עלטערע אידען האָבען זיך דערוויי׳ל צוזאמענגעקליבען אונ־טער אַ בוים, א איד האָט אָנגעטהאָן אַ טלית און אויף׳ן ברייטען פעלד האָט אָבגעקלונגען א טרויעריגער ווינטערדיגער והוא רחום יכפּר עון, כאטש ארום אויף׳ן פעלד האָט אלעס געבליהט און געזשומעט אזוי זו־מערדיג, אזוי דאָרפיש.

חנה לאה האָט ווי די אנדערע מוטערס אויסגעבעט שלמה׳לען אויף איינעם פון די פיעלע קאפּטענס, וועלכע זי האָט אויסגעטהאָן איינס נאָך׳ן אנדער׳ן. נעבען איהם איז געזעסען די מאמע, יאָסעלע האָט זיך געשטעלט מנחה דאווגען ביים טאטען צווישען די אידען און גאָלדעלע, די עלטערע שוועסטערעל, וועלכע איז געווען איבער׳ן גאנצען וועג אָנגעלאָדען מיט צוויי גרויסע פּעק בעטגעוואנד און וועש, האָט זיך יעצט געשארט צווישען די ווייבער מיט א קריגעל אין דער האנד צו בעקומען פאר שלמה׳לען א טעפּעל פרישע מילך. און באלד האָט זי עס געבראכט מיט גרויס גדולה, און נאָך פון דערווייטענס געגרופען:

— איך האָב, מאמא, נא.

— טרינק, שלמה'לע, פערגים נישט — האָט די מאמא דערלאַנגט שלמה'לען.

שלמה'לע האָט אָבער נישט געהערט, ער האָט ערגעץ יואו איינ־געקאָרטשעט זיין קעפּעל, און איינגעקוקט זיך אין די טונקעלע נאַכט וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצייגען פון אלע עקען וועלט און צוגע־דעקט דעם גאַנצען הימעל. עפּעס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער פער־נעהמט א געזאַנג פון א פיעדעל, וואָס האָט געשפּיעלט פון חזן'ס פענסטער ארויס, און יעצט הערט ער זי, ווי זי שפּיעלט ארויס פון וואַסער. ער איז געלעגען און געהערט.

— שלמה'לע, מאַך א ברכה, ווּעסטו טרינקען אביסעל מילך.

— ברוך אתה — האָט שלמה'לע געשטאַמעלט אוים געוועהנהייט און גענומען דאָס טעפּעל אין דער האַנד אריין. איידער אָבער ער האָט עס צוגעטראָגען צום מויל האָט ער דער מאַמען געפרעגט:

— מאַמעשי, וואוהין געהען מיר?

— ווייסט דאָך, שלמה'לע, ווייסט דאָך, משיח קומט, טרייבט מען אלע אידען צוזאַמען.

שלמה'לע האָט א לעק געגעבען פון טעפּעל מילך, א שלוקעכץ, און ווידער געפרעגט:

— מאַמעשי, ער איז א גרויסער, דער משיח?

— זעהר א גרויסער, שלמה'שי, זעהר א גרויסער, העכער פון אלע אידען.

שלמה'לע האָט ווידער געהאַלטען דאָס טעפּעל אין דער האַנד און מיט די אויגעלאַך וועלכע זיינען איהם, דורך די דריי טעג ארומ־וואַלגערען זיך איבער די פעלדער, נאָך גרעסער געוואָרען, אזוי אז זיי האָבען געהערשט איבער'ן גאַנצען פּנים'על, האָט שלמה'לע געפרעגט:

— און א מלך איז ער אויך, דער משיח?

— א גרויסער מלך, איבער אלע אידען א מלך, און איבער אלע מלאָכים א מלך.

שלמה'לע האָט געשוויגען און עפּעס זיך פערקלעהרט.

— פאַר וואָס טרינקסט דו נישט?

דאָס קינד האָט אוים געוועהנהייט געגעבען א לעק דאָס טעפּעל, א שלוקעכץ, און ווידער אויפגעעפענט די גרויסע אויגען.

— מאַמעשי, און זעלנער האָט ער אויך, דער משיח?

— מלאכים זײַנען זײַנע זעלנער, מלאכים פון הימעל, מיט פײַערדיגע שווערדען.

— מיט פײַערדיגע שווערדען — האָט שלמה'לע נאָכגעזאָגט מיט פרייד אין דער שטיל און די נאכט האָט פערדעקט דאָס שטילע פריידען שמייכעלע אויף זײַן קליין פּנים'על.

באלד איז אָבער אָנגעקומען דער טאַטע מיט יאָסעלע'ן. חיים זרח דער תבואה מעקלער, וואָס האָט די גאנצע צייט פון זײַן חתונה האָבען מיט חנה־לאה'ן קיינמאָל נישט בעמערקט, אויב חנה־לאה עסט, אויב חנה־לאה האָט אַ קאַפּטען אויף יום־טוב און איז געוועהנט געווען, אַז חנה־לאה זאָל איבער איהם זאָרגען — איז יעצט אין די אַלגעמיינע צרה געוואָרען גאָר אַ הייסער מאַן, און געפרעגט „אויב זי האָט שוין עפּעס געגעסען". איהר איז עפּעס פון דער פראגע געוואָרען אזוי מאָדנע און האָט געענטפערט מיט אַ „ע" און „מוחל". נור דאָס מירדעל האָט געבראַכט פון ערגעץ אַ ברויט און אונטערגעשטעלט אונטער דעם אַלגעמיינעם פײַער וואָס די קצבים האָבען געמאַכט אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפעל. חנה־לאה האָט געטהיילט דאָס ברויט, און, אַז זי האָט געוואָלט געבען אַ מוציא שלמה'לען, האָט זיך שלמה'לע אויפגעכאַפּט און געפרעגט:

— מאַמעשי, און פאַרוואָס האָט ער געזאָגט דעם סטראַזשניק צו שלאָגען דיך?

— ווער?

— דער משיח!

— קינד לעבען, ער איז נאָך נישט געקומען.

חיים זרח האָט אָבגעקרעכצט. ער האָט געהאַלטען דאָס ברויט אין דער האַנד און געקוקט אויף די שטערען, און געזאָגט פאַר זיך:

— אוודאי איז עס חבלי משיח, אוודאי.

— טאַטע, עס מוז דאָך אָבער פריהער קומען משיח בן יוסף און אליהו הנביא אָנזאָגען — האָט יאָסעלע געפרעגט, וועלכער איז געווען אַ בקי אין אַלעם וואָס עס וועט זײַן ווען משיח וועט קומען.

— אָבער אפשר זײַנען זיי שוין געקומען, מען קען וויסען? — האָט דער טאַטע אָבגעענטפערט.

— און אפשר טרייבט מען דאָס אונז צונויף אויף איין אָרט, כדי

אלע אידען זאָלען זיך צונויפקומען און דאָרט משיח'ן אָבוואַרטען — האָט יאָסעלע געזאָגט מיט גדולה.

— הלואי, רבונו של עולם, אוי, הלואי — האָט די מוטער אָבגע־ענטפערט, געווישט זיך אַ טרעהר פון אויג, און קייענדיג דאָס טרוקענע ברויט האָט זי צוגעגעבען: „עס איז שוין צייט".

— צייט, שוין צייט — האָט דער טאַטע אויך געזאָגט מיט אַ קרעכץ, קייענדיג דאָס ברויט.

דערווייל איז די נאַכט צונעפאַלען וואָס פינסטערער און שטילער. גרויסע שטערען האָבען זיך אָנגעצונדען איבער'ן הימעל און פון וואַסער ארוים און פון די טיעפע גריבער האָט זיך געהערט אַ זשומען, ווי עס וואָלטען דאָרט נשמות געווען פערשיקט און קלאָגען ארוים, אז מען זאָל זיי קומען בעפרייען. די נאַכט איז קיהלער געוואָרען און די מאַמעס מיט די פאָטערס האָבען די קאַפּאָטעס און די קאַפּטענס אויסגע־טהאָן און ארומגעהילט די קינדער. דאָס פייער, וואָס האָט זיך גע־ברענט אין מיטען דעם עולם, האָט בעלויכטען אַ גרופּע אידען וועלכע זיינען געזעסען ארום דעם פייער מיט זייערע קינדער און עפּעס צווישען זיך אינטים גערעדט. אַ טרויעריגער שבת־נגון האָט זיך גע־הערט פון אַ ווינקעל תהלים זאָגען: אוי „למה רגשו גוים". דאָ און דאָרט האָבען זיך געבלייכט אין דער נאַכט די ווייסע פּעק פון בעטגע־וואַנד אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעלייגט קליינע און גרעסערע קינדער און האָבען געשלאָפען. און די ערדה איז אַלץ שטילער געוואָרען. דאָס ברומען פון די נשמות וואָס האָבען געשטעקט אי די גריבער און אין וואַסער האָט זיך וואָס אמאָל העכער געהערט, און דאָס האָט אָנגע־וואָרפען אַ שרעק אויף די קינדער ביז זיי זיינען איינגעשלאָפען. פון דאָרף זיינען ארויסגעקומען אַ פּאָר פויערים און פויערטעס און האָבען אהיים געיאָגט די פּוילישע קינדער וואָס זיינען פון דאָרף ארויסגעקומען צו צוקוקען זיך צו די ארויסגעיאָגטע, און וואָס אמאָל איז שטילער גע־וואָרען צווישען דער מחנה. דאָס פייער האָט זיך געברענט, און די נשמות אין די גריבער האָבען געקלאָגט.

גאָלדעלע, דאָס עלטערע מיידעל, האָט געבראַכט דעם טאָפּ אָבגע־קאָכטע קאַרטאָפּעל פון פייער, נור צו עסען איהם איז שוין נישט געווען ווער. יאָסעלע איז אויך געווען איינגעשלאָפען פאַר מיעדסייט און חיים זרח האָט זיך אָבגעזאָגט מיט אַן „ע" און צוגעלעגט: „גיב די קינ־

דער". חנה־לאה האָט געוועקט יאָסעל'ען, אז ער זאָל עסען די קאַר־טאָפעל, און אליין האָט זי גענומען אַ קאַרטאָפעל, אָבגעשיילט מיט די פינגער, און געזאָגט, עס איז גוט, אז שלמה'לע זאָל עסען אַ הייסע קאַרטאָפעל, כדי ער זאָל זיך דערוואַרימען, ווארים דאָס קינד האָט נאָך היינט אַ גאַנצען טאָג קיין לעפעל ווארים געקעכטס נישט געקראָגען.

שלמה'לע אָבער, וועלכען די מאמע האָט געוועקט, מיינענדיג, אז ער שלאָפט, איז געלעגען מיט האלב פער'חלש'טע אויגען און געקוקט אין דער נאכט אריין. דאָס געשריי פון די זשאבעס אין וואסער, און דאָס זשומען פון די ווערימלאך אין די גראָזען האָבען אויף איהם אַזאַ שרעק אָנגעוואָרפען, אז דאָס קינד האָט מורא געהאַט איינצושלאָפען. און שלאָפען האָט זיך איהם געוואָלט. ער האָט טיעף אין דער מאמע'ס קאפּטען דעם קאָפּ איינגעשטעקט, עס איז איהם אי ווארים אי קאלט געווען, און ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגען און נישט געקענט. ער האָט געקוקט אויפ'ן הימעל, און ער האָט געגלויבט, אז די שטערען זיינען דאָס די זעלנער פון משיח, א'ן זייער ליכט זיינען דאָס די פייערדיגע שווערדען, וועלכע מען זעהט פון הימעל ארויס. און די אַלע שטערען שטעהען דאָס ארום און היטען אָב די עדה אידען, אז די סטראַזש־ניקעס און זעלנער וואָס ליגען יעצט איי וואסער און אין די גריבער און שרייען און בייזערען זיך אויף זיי, זאָלען זיי קיין שלעכטס נישט טהאָן. און באלד וועט זיך אָנהויבען אַ גרויסע מלחמה צווישען משיח'ס זעלנער — די שטערען מיט די סטראַזשניקעס, וואָס האָבען דער מאמען געשלאָגען און ארויסגעטריבען זיי פון שטוב, וואָס ליגען יעצט אין גראָז און וואסער פערשטיקט; און ער קוקט אויפ'ן הימעל און ווארט אַלץ אָב, אז צווישען די שטערען זאָל זיך בעווייזען משיח, אַ גרויסער אויף זיין פייערדיג פערד, מיט אַ פייערדיגען רוט אין די הענד און זאָל ארויסרייטען פון הימעל און די שטערען, זיינע זעלנער, נאָך איהם.

די נאכט איז וואָס אמאָל קאלטער געוואָרען — און שלמה'לען איז דער קאָפּ וואָס אמאָל ווארימער געוואָרען. אַלע זיינען שוין גע־שלאָפען ארום די פעק, און — נאָר אין מיטען האָבען זיך איינזאם געטליעט די צוויי אָבגעברענטע העלצער, וואָס איז איבערגעבליבען פון פייער. אויף אַ פּאַק איז נאָך אַלץ געזעסען דער איד און געזאָגט תהילים מיט זיין קלאָגענדיג נגון „למה רגשו גוים". נאָר שלמה'לעס

טאטע־מאמע האָבען שוין געהאט געשלאָפען, יאָסעלע אויך. און גאָל־דעלע ליגט ביי דער מאמע. אלע שלאָפען, און דאָ וועט זיך באלד אויפ'ן הימעל צווישען די שטערען משיח ווייזען און קומען אראָבצורייטען מיט זיינע זעלנער און קיינער וועט איהם נישט זעהן. אוי וועה, די מאמעשי וועט איהם נישט זעהן, נים דער טאטע, נים יאָסעלע און נים גאָלדעלע. ער וויל זיי רופען, און ער רופט זיי: „מאמא, מאמא". נור זיי הערען איהם נים, זיי שלאָפען. און די קעפעל ווערט איהם אזוי ווארים. דאכט זיך, אז ער זיצט אויף א פייערדיגע פערדעל און רייט נאָך משיח'ן, נור אלע שלאָפען און קיינער הערט ניט און זעהט נים. „מאמא, מאמא!" פאר וואָס רופט זי זיך נישט אָב?

ער האָט אָנגעלעגט דאָס קעפעל אויף'ן פאַק און נעקוקט אין הימעל אריין. נאָ, אָט ווערען די שטערען גרעסער, וואָס אמאָל גרעסער, פערד, גאָלדענע פייערדיגע פערד, און מלאכים רייטען אויף זיי, און האַלטען פייערדיגע שפּיזען אין די הענד, און אָט באלד מאכען זיי א וועג, פון הינטער א וואָלקען שווימט ארוים א גרויסער שטערען. ניין, עס איז א גרויסער, גרויסרע אָדלער מיט פליגלען, און אויף איהם זיצט א הויכער, גרויסער מענש. ווי א רב געהט ער אָנגעטהאָן, אין א טלית, אין א פייערדיגע קרוין אויף'ן קאָפּ און א גרויסע פייערדיגע שווערד האלט ער אין דער האנד און ער שווימט אין דער לופטען. אָט איז ער דאָ, אָט איז ער דאָ:

— מאמא, מאמא, ער קומט, ער קומט! — שרייט דאָס קינד מיט די לעצטע קרעפטען.

חנה־לאה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף ווי א ווילדע, זיך אומ־געקוקט:

— ווער? שלמה'לע?

— משיח! — האָט דאָס קינד שטיל אָבגעענטפערט קוים־קוים פון זיינע צוברענטע קליינע ליפעלאך, און די אויגעלאך צוגעשלאָסען.

6

# וואַרשוי.

איבער די וואַרשעווער גאַסען ציהען זיך טרויעריגע רייהען פּון מענשען. די מאַניפעסטאַציע פון קריעג. עס געהען אידען אין אָב־געריסענע בגדים, מיט די שבת־היטלאַך אויף די קעפּ און האַלטען אויף די פּלייצעס און אין די הענד פּעקלאַך. דאָס בעקאַנטע בעטגעוואַנד פּאַק איינגעבונדען אין ליילעך. דאָ האָט זיך איינער פערגעסען און טראָגט אין זיין פּאַק זיין שבת מלבוש און דער אידענע'ס זיידענע קלייד, און פון פּאַק קוקט ארויס דאָס נייע שייטעל. אַן אַנדערער איד האַלט אין דער האַנד צוויי שבת לייכטערלאַך, זילבערנע, מיט אַ מחזור אונטער'ן אָרעם — דאָס האָט ער געמיינט איז דאָס גרויסע פערמעגענס וואָס ער קען ארויסראַטעווען פון שטוב ווען מען פעריאָגט איהם. די עלטערע איינגלאַך געהען ביי די טאַטעס. אַ טהייל פון זיי העלפען מיט־טראָגען פּעקלאַך, אַ בינדעל לעדער פון קרעמעל ארויסגענומען, אַ צוויי שטיקלאַך סחורה. אָבער די מעהרסטע פון זיי טראָגען די גרויסע גמרות, מדרשים, חומשים, וואָס זיי האָבען פון טאַטען'ס סופרים שראַנק ארויסגענומען, ווען דער בעפעהל איז געגעבען געוואָרען אין צוויי שעה דאָס שטעדטעל צו פערלאָזען און פון איילעניש האָט מען ניט געוואוסט וואָס צו כאַפּען. די אינגערע קינדער געהען מיט די מאַמעס, האַלטען זיך אָן ביי די שערצען, אָדער זיי העלפען די מאַ־מעס טראָגען די זויגענדע. נאָר אַם מעהרסטען זיינען ענערגיש די מיידלאַך, די צעהן־יעהריגע און די אכט־יעהריגע און אפילו די זיעבען־יעהריגע. זיי זיינען די מוטערס פון די קליינטשיקע זויגענדע, האַלטען זיי איבער'ן גאַנצען וועג און שטילען איין זייער געוויין מיט אידישע ליעדלאַך, וואָס זיי זינגען זיי איבער'ן וועג.

צווישען די ווייבער און די קינדער געהט אויך חיים פישער. דאָס איז אַן אַלטער, אויסגעהאָרעוועטער איד, מיט אַן אָבגעברענט פּנים און קודלעוואַטע האָהר און פּיאות. ער טראָגט אויף זיינע הענד, ווי די ווייבער, אַ קינד, און אַ ספר־תורה אין אַ טלית איינגעוויקעלט. דאָס קינד איז אַ פרעמדער יתום, און דאָס ספר תורה האָט ער גענומען

שרייבען פאר די חברה „תהילים‟, האלט ער עס ווי אן אייגען קינד, ווארים אייגענע האט ער נישט. האט ער נישט געוואלט, ווי די אנדערע, ארויפלעגען אויפ׳ן וואגען, נאר מיט די ווייבער וואס טראגען זייערע קינדער, אויף די הענד ווי א קינד געטראגען.

און די אידען פרעגען איהם: „חיים, וואס מאכט דיין קינד?‟ קושט ער דאס ספר תורה׳לע און זאגט: ‟עס מאכט גוט‟.

צווישען די עדה, אין פראנט פון וואגען, געהט דער רב פון שטעדטעל, מיט׳ן דיין, מיט׳ן חזן־שוחט. דער רב געהט אנגעטהאן ווי א פראסטער איד, אין א פויערשען פעלצעל. זיין איינציגען אויבער־מלבוש האט ער אויסגעטהאן און צוגעדיענט דערמיט די ספרי־תורות אויפ׳ן וואגען. און אזוי ווי עס האט געשנעהט און גערעגענט אויף דעם לאנגען וועג, פון וואנען זיי געהען פון זייער שטעדטעל, האט איהם דעם קצב ר׳ משה נישט אבגעלאזט, אז ער זאל אנטהאן זיין פעלץ. די פיאות ציטערען ביים רב, און די שרעקענדע אידישע אויגען קוקען ארויס פון עדעלען געזיכט און פרעגען די ליכטיגע שיין: „פארוואס?‟ מיט דרך־ארץ און הילף קוקען אויפ׳ן רב די עדה אידען, ווילען הערען עפעס פון איהם, אז ער זאל זיי זאגען: „פארוואס‟ און ווי לאנג?‟ און דער רב שווייגט.

דער ערשטער לויפט צו צו רב זלמן דער מעקלער, וואס איז בעקאנט פאר דעם גרעסטען חוצפה׳ניק אין דער שטאט. האט ער זיך דא אויך נישט פערגעסען און שרייט צום רב:

— רבי, צום ערשטען ברויט פאר די קינדער!

און דער רב ענטפערט איהם מיט א גוטען שמייכעל:

— וואס איז שייך, מיר קומען דאך צו אידען.

נאכ׳ן רב, צווישען די עדה, געהט דער וואגען פאמעליך, ווי דער ארון וואס אידען האבען געפיהרט אין זייער וועג פון דער מדבר. ארום דעם וואגען געהען די שעהנע בעלי־בתים פון דער שטעדטעל, העלפען מיט א האנד אונטערשטופען א ראד, ווארים נאטע בעל־עגלה׳ס „אידישער‟ פערד, דאס איינציגע פערד, וואס מען האט געלאזט אידען פוי שטאדט ארויספיהרען איז מיעד געווארען פון וועג. ווארים דער וואגען איז אנגעלאדען מיט הייליגקייט, אויף איהם זיינען אנגעפאקט די ספרי־תורות פון אלע שוהלען, בתי־מדרשים, חברות, חסידים־

שטיבלאך, וואס האבען זיך געפונען אין שטעטעל, איבערגעדעקט מיט טלתים און עטרות.

צווישען די ספרי־תורות אין א ווינקעל פון וואגען געפינען זיך אויף די צוויי עופה׳לעך מתים, די צוויי קליינע אידי׳שע קינדער, וועלכע זיי־נען אויסגעגאנגען אויף דעם לאנגען וועג, נישט קענענדיג אויסהאלטען די שנעען און די רעגענס.

הינטער דעם וואגען געהען נאך די מוטערס פון די מתים, ווי אבלים נאך א מיטה.

אין אן אנדערען עק פון וואגען, אבגערוקט פון די מתים און פון די ספרי־תורות, ליגט ר׳ אהרן משה׳ס כלה־מיידעל, פערדעקט דעם קאפ מיט א טוך, ווארים צייט עס האט זיך מיט איהר געטראפען דאס אומגליק, צייט מען האט זי געפונען א האלב לעבעדיגע אין שטאהל צווישען די פערד, וואו די קאזאקען זיינען איינגעשטאנען, וויל זי נישט די ליכטיגע שיין זעהן און האט פערדעקט דאס פנים...

ווען מען האט פלוצים געהייסען די אידען דאס שטעטעל פער־לאזען, האבען זיי נישט געוואוסט וואס צו טהאן מיט דער מיידעל, ווארים ר׳ אהרן משה׳ס כלה־מיידעל, צייט עס האט זיך מיט איהר דאס אומגליק געטראפען, איז געלעגען אין א בעט, פערדעקט דעם קאפ מיט א טוך, און נישט צוגעלאזט קיין מענש צו זיך. איז דער רב אליין צוגעגאנגען און האט גענומען די מיידעל אויף זיינע הענד און האט זי אליין אויפ׳ן וואגען געטראגען, צווישען די ספרי־תורות אוועקגע־לעגט. און אז די שעהנע בעלי־בתים האבען אנגעקוקט דעם רב מיט ערשטוינען: „זי מיט די רייניגקייטען!" האט דער רב געזאגט אין דער שטיל צום דיין: „זי איז מאלה התמימות והקדושות" און זי איז ראוי צו זיין צוזאמען מיט די רייניגקייטען — ווייל זי איז א אי־דישע געפייניגטע...

* * *

די „יערוסאלימסקע אלעע", די ברייטע שעהנע גאס, וואו עס וואהנען די אריסטאקראטען פון ווארשוי, אויף וועלכע די טרויעריגע פראצעסיע איז אנגעקומען פון סקערנעוויצער וועג, איז געוועזן בעלעבט. די גאנצע שלאכטע פון די ארומיגע פראווינצען האבען זיך אין דער־

צייט פון דער מלחמה צוזאמענגעקליבען קיין ווארשוי און וואהנען אין די פראמינענטסטע טהייל פון שטאדט.

דער טאג איז אויך געווען א שעהנער, א פאר־פריהלינגס טאג אין ווארשוי, ווען די זון אויפ'ן הימעל אין שוין פסח'דיג אויסגעלויכטעט, און די גאסען זיינען נאך חמץ'דיג, פייכטלאך פון דעם צונאנגענעם שנעע.

אויף די ברייטע טראטוארען האבען שפאצירט די עלעגאנטע שלאנקע פוילישע דאמען און מיידלאך, וואס האבען אין דער צייט פון קריעג נישט פערגעסען זייערע פיגורען און געשמאקפאלע טואלעטען.

דערזעהענדיג די טרויעריגע פראצעסיע פון די שמוציגע אידען מיט די בעשמאדערטע ווייבער און די שרייענדע אידישע קינדער, האבען זיי געזאגט איינע צו אנדערע:

— די אידען פערפלייצען ווארשוי, די מלחמה וועט אונז נאך קאסטען א 50 טויזענד אידען, וואס די הויפט שטאדט וועט ווערען מיט זיי בעזעצט, און זיי וועלען פער'סמ'ען אונזער לופט ווי די מיש אין א מעהל־שפייכלער.

דערווייל האבען זיך געוויזען אין דער גאס אידישע בחורים מיט אידישע מיידלאך, טרויעריגע געזיכטער מיט ברענענדיגע אויגען, וואס מען איז געוואהנט געווען צו זעהן אין ווארשוי אין די צייטען פון דער רעוואלוציע. די בחורים נעהמען שוין די פעקלאך פון די אידענ'ס פלייצעס. די מיידלאך טראגען שוין די קליינע קינדער אויף די הענד, נעהמען ארויס פון זייערע טאשען זעמעל, צוקערלאך, צוטהיילען די קינדער, און איינער, שוין פאראויס, רופט: „נאך מיר, אידען, צו די אידישע גמינע (געמיינדע)!“

עס איז שבת. די אידען זיינען אריינגעקומען אין שבת. דער רב האט געהייסען מחלל שבת זיין. די אידישע געוועלבער פון גזשיבאוו זיינען פערשלאסען, און די אידען מיט די ווייבער, נישט ווי אמאל שבת, נאר אין טרויעריגע וואכעדיגע מלבושים, דרעהען זיך ארום איבער די טראטוארען מיט פערשמאכטע ליפען, צוקענדע אויגען און אראבגעהאנגענע קעפ. אויפ'ן גזשיבאוו, פאר די גמינע, איז שווארץ פון מענשען. אידען אין קאפאטעס, ווייבער אין טיכער, קינדער אין שבת־היטלאך, און אלע טראגען זיי פעקלאך אויף די הענד: טעלער איינגעוויקעלט אין טיכלאך, דא טראגט א איד א שטוים חלות, א אינ־

נעל שלעפט א גרויסען טאפ טשאָלענט. דער ריח פון די געבראָטענע קארטאָפעל מיט די בעבלעך פערשמעקען אין געסעל. א אידענע שלעפט א זאק קארטאָפעלס, אידישע בחורים ברענגען ארויס פון א הויף צו־האקטע ברעטער, איינער האָט נאך ערגעץ וואו געפונען א שטיק קויהל, — דאָס האָט די אידישע געמיינדע אין ווארשוי געבראכט זייער שבת־עסען די „פרעמדע". מען טראָגט עס אין הויף צו די אנגעלאָפענע אידען.

„אויף די טרעפלאך פון דער נמינע שטעהט דער גרויסער אידישער דיכטער י. ל. פרץ. זיין געדיכטע קאָפּ האָהר, וואָס האָט אנגעהויבען אין דער לעצטער צייט גרוי צו ווערען, איז יעצט שיטערער. דער קורצער שטערן האָט זיך פערקנייטשט אין גאנצען, און די טאָרבעלאך מיט די טרעהרען אונטער זיינע גרויסע אויגען זיינען געוואָרען איינגעפאלען. דער שטרענגער שניט ארום זיינע פליישיגע ליפען און נאָז איז יעצט ווייכער געוואָרען, און א שמייכעל הערשט איבער זיין מויל און עס דערמאָהנט אָן אן אנדער מויל, אָן דעם ליעבען מויל פון דעם טהייערען פעטער דינעזאהן. דער דיכטער איז הייזעריג פון ארויסגעבען בע־פעהלען צו די בחורים און מיידלאך, וועלכע ברענגען צוזאמענצושלע־פען דאָס עסען, וואוהין מען זאָל עס טראָגען, וועמען מען זאָל עס צו־טהיילען.

אין דעם קומט צו לויפען צום דיכטער דער בחור, וואָס האָט אהער געפיהרט די טרויעריגע פראצעסיע.

— פרץ, די סאָכאטשאָווער קהלה איז אנגעקומען.

דער אלטער גרויסער אידישער דיכטער ווערט לייכט ווי א דריי־צעהן־יעהריג אינגעל, שטופט אוועק אלע פון זיך און מאכט זיך א וועג צווישען די אידען. אין א מינוט איז ער שוין ביי די סאָכאטשאָווער קהלה.

— — — — — — — — — — — —

זאָגט דער דיכטער:

— וועמען האָט איהר אויף דער פוהר?

— ספרי־תורות, טויטע קינדער און א געשענדעטע מיידעל.

— די ספרי־תורות שטעלט אריין אין דער גמינע, וואו די אנדערע ספרי־תורות שטעהען. די טויטע קינדער דארף מען אויפ'ן בית־עולם אבשיקען, און רופט מיר דא אהער דעם דאקטאר מיט'ן אמבולאנס.

די מיידלאך האבען געוואלט צוגעהן צום וואגען און אראבנעהמען דאס געשענדעטע כלה־מיידעל.

דער אלטער דיכטער האט א מינוט געקלעהרט:

— ניין, איהר געהט ניט צו, — זאגט ער צו די מיידלאך — איהר זייט מיידלאך, פאר אייך וועט זי זיך שעהמען. אויך ניט איהר, דאקטאר, איהר זייט נאך א יונגער מאן, פאר אייך וועט זי זיך אויך שעהמען. איך בין שוין אן אלטער מאן, פאר מיר איז זיך שוין נישטא וואס צו שעהמען.

און ער איז צוגעגאנגען און ווי דער רב פון שטעדטעל האט ער גענומען דאס מיידעל אויף זיינע הענד און איבערגעטראגען אין אמ־בולאנס, וואס האט זי געפיהרט אין אידישען האספיטאל.

— און יעצט אידען מיט מיר.

— — — — — — — — — — — —

די ווייבער און די קינדער פון דער שכנה'שאפט, דערהערט אז די סאכאטשאווער עדה איז אנגעקומען, האבען געבראכט צו שלעפען פון די שטובען ארויס ווער עס האט נאר געהאט א חלה, פיש, א טשאַ־לענט, אדער א פאר געבראטענע קארטאפעלס. פון די ארומיגע שטובען האט מען אנגעהויבען ארויסצוטראגען שטרוי, שעניקעס און אוועקגע־זעצט די מידע ווייבער און די שלאפענדע קינדער.

די אינגלאך פון דער גאס זיינען געקומען צו לויפען, געהאלטען אין די הענד די שטיקלאך חלה, וואס די מוטערס האבען זיי געטהיילט, אוועקגעגעבען די סאכאטשאווער אינגלאך, אנגענומען זיי ביי די הענד און מיטגעשלעפט אהיים.

— קום מיט מיר אהיים, וועסט ביי אונז וואהנען — שרייט א צעהן־יעהריג חדר אינגעל צו א סאכאטשאווער חבר, און שלעפט איהם מיט זיך.

— שלמה'לע, וואס טהוסטו? וואו וועסט דו איהם לעגען? שלאפסט דאך אויפ'ן בלויזען שעניק אין דער קיך, צייט די מומע מיט די קינדער וואהנען ביי אונז.

— מיט מיר וועט ער שלאָפען, מאַמעשי. ווערסט מיר נישט געד בען מעהר צו עסען ווי די גיסט מיר ; איך וויל מיך שוין מיט איהם טהיילען — שלעפט דער ווארשעווער אינגעל דעם סאָכאַטשאווער חבר.

אז די ערוואקסענע האָבען געזעהן וואָס די קליינע טהוען, האָט זיך דער רב פון שוהל אוועקגעשטעלט ביי איין זייט טהיר, דער ריכטער פון דער צווייטער זייט טהיר און געזאָגט :

— קיינער געהט נישט פריהער אהיים, ביז די סאָכאַטשאווער קהלה וועט זיין בעזאָרגט.

און טרויעריגע וואָכעדיגע אידען מיט דעם טויט אין די אויגען : וואָס וועט זיין מאָרגען — זיינען אדורכגעגאנגען דורך דער טהיר, דורך דעם רב און דורך דעם ריכטער, און יעדער האָט אהיים גענומען ווער א מוטער מיט קינדער, ווער קינדער אליין, צו טהיילען זיך מיט זיי מיט'ן לעצטען שטיקעל ברויט און מיט'ן לעצטען שטיקעל קישען. און די שוהל איז געבליבען א ליידיגע פאר א נייע עדה אידען.

* * *

און וואָס מעהר איך הער און לעז פון דעם אלעס, קום איך אלץ מעהר צו דער איבערצייגונג, אז אין דער שלעכטער צייט, ווען דאָס מענשליכע געוויסען איז פערשטומט געוואָרען אין רעש פון קאַנאָנען און פולווער־שיסען, הערט זיך איין מענשליכע שטימע מעכטיגער ווי יעדעם אנדערע מאָל : דאָס איז דאָס קלאַפען פון דאָס אידישע הארץ.

דאָס איז פאָרלויפיג דער איינציגער מענשליכער כח, וועלכער הערט זיך אין דעם רעש פון פייער און שווערד.

7

# אידען בענקען.

קנאפע דריי וואכען האבען זיך די אכט וואגאנען מיט די יוזעפאווער אידען געשלעפט איבער די לאנגע ווייטע שטרעקעס פון דער רוסישער אימפעריע ביז זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין דער ווייטער רוסישער שטארט טאמבאוו. ווען מען האט די אידען ארויסגעטריבען פון יוזעפאוו וואס ליגט ביי דעם ברעג פון דער ווייכסעל אין פוילישען לאנד, איז ערשט געווען הערבסט צייט, סוכות. און דער גאנצער ווייכסעל־ברעג, וועלכער איז בערעקט מיט סעדער פון פלוימען האט זיך נאך געהאלטען אין איין גיין־גאלדעווען זיך אין דער זון. די יוזעפאווער אידען האבען אפילו נישט בעמערקט די גאלדענע קרוין פון די נעלעבלעטער, וואס פלאקערט זיך אויפ'ן ברעג פון דער ווייכסעל פון די אבגעשטאנענע פלוימען־בוימעלאך. זייער אויג האט זיך שוין געהאט אזוי צוגעוואהנט דערצו, אז זיי האבען געמיינט, אז עס איז אזוי איבער דער גאנצער וועלט. דא, ווען זיי זיינען פלוצים נאך דריי וואכען ארומשלעפען זיך איבער סטאנציעס און באהן־וועגען, אנגעקומען ביי טאמבאוו, איז אלעם שוין געווען שנעע וויים. א ווייסע, בעשנעעטע וועלט ארום, נור א פאר גרינע און גאלדענע קאפעלען פון קלויסטערס האבען ארויסגעשטארט פון שנעע אין די זון אריין. זיי האבען נישט בעמערקט דעם אונטערשיעד און האבען אייגענטליך ניט געקלעהרט דערפון, נור די ווייסע שנעע פעלדער באלד נאך סוכות, א שטיק פאר חנוכה, זיינען זיי פארגעקומען אזוי משונה'דיג, אז זיי האבען זיך נאך מעהר אנגעהויבען צו שרעקען פאר דעם ארט און די מענשען צווישען וועלכע זיי זיינען אריינגעפאלען.

אין יוזעפאוו האבען זיי זיך אויך געשראקען פאר די ארטיגע גוים. נור דארטען איז געווען דער שרעק א היימישער, היימישע גוים. צום סוף זיינען זיי דאך מענשען און מיינען נור אויס דעם אידען א ביסעל חוזק צו מאכען. אבער דא, אין דעם פרעמדען רוסישען ארט, איז זיי בעפאלען א שרעק פאר די „קאצאפען", וועגען וועלכע זיי האבען זיך אזוי פיעל אנגעהערט, פאר וועלכע זיי האבען זיך בעהאלטען, ווען מען

האָט זיי אין שטאָדט געבראַכט אַלס רעקרוטען. זיי האָבען געקענט דעם סטראַזשניק פון שטאָדט, וועלכער איז געווען אַ „קאַצאַפּ“ און דאָ געפינען זיי זיך צווישען די קאַצאַפּעס. זיי האָבען מורא געהאַט אומצוקוקען זיך. אַזוי ווי מען האָט זיי נור אַראָבגעלאָזט אויף דער באַהן־סטאַנציע, האָבען זיי זיך איינגעקאָרטשעט, מיט די ווייבער און די קינד׳ערלאַך אין אַ ווינקעל פון גרויסען באַהן־בופעט, דריטער קלאַס, פערשטעלט זיך מיט די פּעקלאַך און קעסטלאַך, וועלכע זיי האָבען גע־פיהרט מיט זיך, און מיט הארץ קלאַפּען אָבגעוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. זיי האָבען מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורײדען צווישען זיך, אפילו צו טראַכטען וועגען דעם וואו זיי געפינען זיך. די מענער זיינען געוואָרען אַפּאַטיש, די קעפּ אַראָבגעלאָזט. די קינדער האָבען געוויינט, האָבען זיי די מוטערס צוגענומען צו זיך. וועלכע פון זיי וואָס האָט נור פערמאָגט אַ טראָפּען מילך אין דער ברוסט האָט עס אין אַ קינד׳ס אַ מויל אַריינגעשטעקט, ניט פרעגענדיג אויב עס איז יאַ איהר קינד אָדער ניט. נור מעהרסטען קליינע קינדער זיינען אויסגעשטאָרבען איבער דעם וועג, און די יונגע מאַמעס, וועלכע די מילך האָט נאָך אין די ברוסטען געשטאָכען האָבען געזוכט פרעמדע קינדער דערמיט אָנצוזיי־גען... נור די פּאָר אַלטע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען צווישען די אַרויסגעטריבענע, זיי האָבען ניט פערלאָרען דעם בטחון אין גאָט, און געהאַלטען אין איין תהילים זאָגען הויך אויפ׳ן קול:

— הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש.

די „קאַצאַפּעס“ פון רוסישען שטעדטעל זיינען דערוויייל געוואָהר געוואָרען, אַז מען האָט צו זיי געבראַכט אַרויסגעטריבענע „זשידעס“. אַ „זשיד“ האָבען זיי קיינמאָל אויף די אויגען נישט אָנגעזעהן, נור גע־קענט איהם פון די געאָגראַפישע ביכלאַך, וועלכע מען לערנט אין די שוהלען, אין וועלכע עס זיינען אויסגעמאָהלט אַלע נאַציאָנען, וואָס וואָהנען אין רוסלאַנד: אַ טאַטאַר, אַ כינעזער, אַ איד. און זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען צו דער באַהן־סטאַנציע צו בעטראַכטען די „זשידעס“, וואָס מען האָט צו זיי געבראַכט, וועגען וועלכע מען רעדט אין גאַנץ רוסלאַנד.

געמיינט האָבען זיי, אַז זיי וועלען אָנטרעפען עפּעס מאָדנע מענשען, וועלכע זעהען אַנדערש אויס ווי יעדער אַנדערער מענש, נור,

אז זיי האָבען דערזעהן די „זשידעס“, אז זיי האָבען אויך ווייבער און קינדער ווי די רוסישע, און אויגען מיט פּנים'ער ווי די רוסישע און די ווייבען זויגען די קינדער, און די אלטע פריהרען פאר קעלט, איז זיי א וואונדער געווען: דאָס זיינען זיי, די זשידעס?

— זעהען אוים פונקט ווי מיר — האָט א יונגער רוסישער קאַצאַפּ אין א פּעלצעל מיט א קורץ נעזעל בעמערקט מיט פערוואונדערונג צו די רוסישע גוי'עס, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום די אידען און בעוואונדערט זיי.

— זעה נור, א ביסעל לענגערע פּיאות — האָט א פרוי בעמערקט.

— און דאָס ניט ביי אלע.

— קוק, זיי זויגען אויך די קינדער פונקט אזוי ווי מיר.

— אין גאנצען ווי אונזער איינער, ווי קריסטען מענשען, האָט אן אלטער רוסישער קאצאַפּ, מיט ווייסע לאנגע האָהר, אָבגע'פּסקנ'ט.

— מען דאַרף זיי אָנזעטיגען און אָנוואַרימען.

— יא, א גאַטעס געבאָט — האָבען די ווייבער צוגע'פּסקנ'ט און זיי זיינען אהיים געלאָפען ברענגען עסען פאר די הונגעריגע אידען.

די אידען, דערזעהענדיג דאָס ווילדע געלאָף, וואָס איז געוואָרען פון שטעדטעל צו בעטראַכטען זיי — האָבען זיך אָנגעהויבען מעהר צו שרעקען. יעצט קומט עס — האָט ביי אלע די הערצער געקלאַפּט און מען האָט מורא געהאַט דאָס וואָרט ארויסצוריידען:

— פּאָגראָם!

נור זעהענדיג ווי די קאַצאַפּעס טהוען זיי גאָר נישט, נור אדרבא, בעטראַכטען זיי מיט מיטלייד, און דאָ און דאָרט נעהמט א גוי'ע אראָב איהר טוך, איהר שאַל, איהר פּעלצעל און דעקט דערמיט צו א נאַקעט אידיש קינד, וועלכע פריהרט פון קעלט, זיינען זיי אויך פערוואונדערט געוואָרען, און א אידענע וואַגט צו זאָגען א צווייטע:

— ווי אונזערע גוים.

— מענשען זיינען מענשען — קרעכצט א צווייטע.

— ניין, גאָט איז דער זעלבער, און אומעטום איז ער דאָ — הויבט אויף א איד די אויגען צום הימעל.

דערווייל האָבען די קאַצאַפּעס פון שטעדטעל מיט דעם שטאָרשט־גאָלאָווא אן דער שפּיצע אראָבגעבראַכט צו דער סטאַנציע גרויסע

טעפּ מיט ווארים געקעכטס, מיט דעם פרישסטען פלייש, קאפּוסטע און קאשע, ווי גוים קענען נור. זיי האָבען עס אָבגעקאָכט פאר די הונ־געריגע אידען. א פּאָר פארטעם האָבען זיך גענומען איינגיסען די זופּ מיט'ן פלייש אין שיסעלאך און דערלאנגט די הונגעריגע אידען. אָבער ווי ערשטוינט זיינען זיי געוואָרען, דערזעהענדיג ווי די שיסלאך מיט דעם ווארימען געקעכטס שטעהען פאר די קאלטע אידען און זיי ריהרען זיך ניט צו דערצו. דאָ און דאָרט פּרואווט א קינד זיך צוכאפּען מיט א לעפעל צו א שיסעל, נעהמט עס באלד די מאמע אוועק, רייבט עס אויס מיט'ן הענטעל דאָס מיילכעל און שרייט אָן אויפ'ן קינד.

די גוים האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, געשאָקעלט מיט די אקסלען און געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— און דאָס וואָס איז פאר א טייוועל...

אביסעל שפּעטער זיינען זיי נאָך מעהר אין כעס געוואָרען, פער־שעהמט און פערפרעמדעט: געפּאָרעט זיך, אראָבגעבראכט עסען, און דאָ ווילען עס די טייוואָלים נישט אין מויל נעהמען. א פּאָרטע האָט אָנגעהויבען שטופּען מיט א לעפעל אין א אידען'ס מויל אריין און געשריען:

— עס, אז ניט וועל איך די צייהן אויסהאקען, ווי גאָט לעבט די צייהן אויסהאקען.

די אידען האָבען זיך איבערגעקוקט מיט די אויגען, און אן אלטער איד האָט זיך אָבגערופען פאר די איבעריגע האלב אויף רוסיש, אויף פּויליש און אידיש, ווי ווייט ער האָט געקענט האָט ער זיי פערשטעהן געגעבען:

— עס איז ביי אונז א זאקאָן אזעלכער... באָג סקאזאל — גאָט האָט געהייסען.

די גוים האָבען פון די צוויי ווערטער „באָג" און „זאקאָן" אלעס פערשטאַנען און בערוהיגט זיך. זיי האָבען אָנגעהויבען ריידען צוויר־שען זיך, און דאָס וואָס די אידען האָבען ניט געוואָלט צוברעכען זייער „זאקאָן" איז זיי נאָך מעהר געפעלען.

— „א פּאָלק איז דאָס מיט א „זאקאָן", אפילו הונגעריג און עסט נישט, שעהן!" — האָט אן אלטער קאצאפּ געזאָגט מיט צופרידענהייט.

אין א פּאָר טעג ארום האָבען די קאצאפּעס די אידען שוין געהאַט אַלעם איינגעאָרדענט. מיט גרויסע וועגען האָבען זיי די אידען אין שטאָדט געבראַכט. אָבגעגעבען א פּאָר לײדיגע הײזער צו וואָהנען, האָבען זיי א לעבעדיגע שעפּס געבראכט צו שוחט'ן, נייע כּלים צו קאָכען, אנצוטהאָן — און די אידען האָבען זיך געוואונדערט און גאָט גע־דאנקט פאר דעם נס וואָס ער האָט געטהאָן מיט זיי.

— וואָס האָב איך געזאָגט, גאָט איז אומעטום, איך האָב קיין מורא גיט,אז ער הייסט געהן, געה איך — האָט אַן אלטער איד זיך אָבגערופען.

— די גוטע יאָהר זאָל איך האָבען וואָס זיי זיינען בעסער פאר אונזערע גוים. די פּאָליאקען, ימה שמם, זיי האָבען דאָך נאָך אונז מיט די שטעקלאָך צוגעשלאָגען ווען מען האָט אונז פון שטאָדט גע־יאָגט — האָט א יונגער איד געזאָגט.

— יוזעפּאָוו, ברענען זאָלסטו — האָט א אידענע געשאָלטען די שטאָדט, — מיט מיין הויז, מיט מיין ווירטהשאַפט, מיט מיין בעט־געוואַנד, וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט.

די אידען האָבען זיך דערמאָנט אַן זייערע גוסס, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט אין יוזעפּאָוו, האָבען זיי אָנגעהויבען צו שילטען די שטאָדט.

— אז אלעס זאָל פערברענט ווערען, גאָר ניט זאָל ביי די גוים אי־בערבלייבען.

— און איך זאָג דיר, אז ביי די קאצאפּעס וועט מען לייכטער א גראָשען קענען פערדיענען — האָט א סוחר געזאָגט.

— נור איין זאך בעט איך ביי גאָט, אז יוזעפּאָוו זאָל פערברענט ווערען — האָבען די אידען געהאַלטען אין איין שילטען די שלעכטע שטאָדט פון וועלכע זיי זיינען ארויסגעטריבען געוואָרען.

נור אז עס איז פארנאכט געוואָרען, און זיי האָבען זיך שוין גע־האַט אביסעל אַנגעוואַרימט, אַנגעגעסען — זיינען די אידען עפּעס טרויעריג געוואָרען. זיי זיינען געזעסען אויף זייערע פּעק זאכען, די ווייבער האָבען געהאַלטען די קינדער אין די אָרעמס און ארויסגעקוקט פון די קליינע פענסטערלאך אויף דעם ווייסען מעלאַנכאָלישען שנעע־

לאנדשאפט, וואס האט זיך געוויזען אין די פענסטערלאך. א מורא־שחורה׳דיגער שאטען האט זיך געוועבט ארום זייערע קעפ און פנים׳ער און זיי האבען זיך נאך עפעס פערבענקט...

פאר די אויגען האבען זיי געזעהן די גאלדענע קרוינען פון די אבגעשטאנענע פלוימען־בוימער, וואס ברענען זיך אין די רויטע אונטערגעהענדע זון ביים דעם ברעג פון דער ווייכסעל.

— יוזעפאוו, — האט א אידענע געקרעכצט.

# שטילע העלדען

## 8

# ר' יחיאל ז"ל.

### (א בילד)

קיינער האט זיין נאמען ניט געהערט. אין די כראניקעס האט מען עס ניט פערשריבען. קיין קעניג האט איהם קיין מעדאל ניט געגעבען. איך בין דער ערשטער, וואס וואגט פאר די עפענטליכקייט זיין געשטאלט צו ברענגען, אלס א משל פאר די איבריגע אוועקצר־שטעלען.

אבגעלעבט האט ר' יחיאל ז"ל פון גליניאנא, נעבען בראד, שוין באלד געהאט זייגע יאהרען. גוט אדער שלעכט, גאט האט איהם גע־האלפען און ער האט פון דער נחלה, וואס ער האט געהאט אין אלטען מארק, פיער טעכטער אויסגעגעבען. ווי ווייט ער האט געקענט, תלמידי חכמים פאר איידימס זיך פערשאפט. דריי זיהן זיינען אין פרעמדע הייזער אויף קעסט געגאנגען. פול זיינען געווען, אהן עין הרע, די גליניאנער חדרים מיט ר' יחיאל'ס אייניקלעך. האט ר' יחיאל אין בית־המדרש געסעל א איינגעל מיט א חומש אונטער'ן ארעם גע־טראפען, האט ער דעם איינגעל אבגעשטעלט, א קניפ אין בעקעל גע־געבען און געפרעגט: „ווער ביזטו, איינגעל?" האט דער איינגעל אב־גענטפערט: „ר' יחיאל'ס אייניקעל". ר' יחיאל האט איהם נאך א קניפ אין בעקעל געגעבען: „ר' יחיאל'ס אן אייניקעל? און איך האב גאר ניט געוואוסט".

ר' יחיאל איז שוין אויף דער עלטער געקומען און די אייניקלעך האבען זיך, אהן עין הרע, געמעהרט און ער האט זיי ניט געקענט אלע געדענקען. אין דער צוואה, וואס ער האט אונטער דעם קישען געהאט

לינען, זיינען זיי אלע געווען אויסגערעכענט, און יעדען זיין חלק אנ־געוויזען. ווארום ר׳ יחיאל איז שוין געווען אן אלטער מאן און געד קליבען זיך אין לאנגען וועג אריין, אויף יענער וועלט, וואוהין עס איז פאראויס פאר איהם זיין ווייב, שרה, אוועק, צוגרייטען פאר איהם א מקום מנוחה אין ליכטיגען גן עדן. וואו ר׳ יחיאל האט געקלערט צו בעזעצען זיך אויף יענער וועלט. אין אזעלכע זאכען איז ר׳ יחיאל שטענדיג געווען א שלימזל׳ניק און דאס ווייב, שרה, האט שטענדיג געמוזט פאראויס געהן און אלצדינג צוגרייטען פאר איהם. איז זי אין די אונבעקאנטע וועלט אויך אוועק פאראויס.

זיצט דארט, אויף יענער וועלט, זיין ווייב, שרה, און אפשר וואַרט שוין אויף איהם דאס מקום מנוחה אין גן עדן — און ר׳ יחיאל האט קיין צייט ניט צו שטארבען. עס האט אויסגעבראכען די מלחמה, און ר׳ יחיאל האט געמוזט זיך צוריקקעהרען צו די עסקים פון דער וועלט.

קודם כל האט דער עסטרייכער גענומען ביי איהם אנפאנג מלחמה זיינע צוויי איידעמס און א זוהן, אנגעטאן זיי אין סאלדאטסקע קליי־דער און געשיקט זיי אין שלאכט אריין. זיינען דאך איבערגעבליבען דריי לעבעדיגע אלמנות מיט קליינע קינדער. וואס וועלען זיי טון, צו וועמען וועלען זיי געהן? דער טאטע האט א שטיקעל נחלה, וואס ער וויל איבערלאזען אלס ירושה, א האלבע הייזעל אויפ׳ן אלטען מארק — האבען זיך די לעבעדיגע אלמנות מיט די קינדערלעך אריינ־געצויגען צום טאטען.

„עס זיינען דא קינדער — האט ר׳ יחיאל געזאגט — מילא, אז די גרויסע זינדיגען, וואס זיינען די קליינע שולדיג?" האט ר׳ יחיאל פערגעסען, אז ער האט שוין אבגעמאכט זיין חשבון מיט דער וועלט, אראבגעווארפען פון זיך די זיידענע זופיצע, צוגעמאכט דעם תהלים, איבער וועלכען ער איז געזעסען יעצט גאנצע טעג און אנגעגרייט זיך עולם הבא, איינגעשלאסען די צוואה אין קאסטען און גענומען דעם שטעקען אין האנד אריין און איז ארויס אויפ׳ן מארק האנדלען.

„עס זיינען דאך קליינע קינדער, מען דארף זיי דאך מפרנס זיין, אז די גרויסע זינדיגען, וואס זיינען די קליינע שולדיג?"...

א ברויט סוחר איז ער געווען אין זיינע יונגע יאהרען, און כאטש ער האט שוין זיין מסחור לאנג די קינדער איבערגעגעבען, אבער א

סוחר איז ער דאָך געווען, איז ער ארויס אויפ'ן מארק, געפונען נייע סוחרים אין מארק, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָהרען. פיעלע פון זיי זיינען גרויסע תקיפים, עזות פנים'ער, און נאָך דערצו דאָרט, וואו עס געהט פאר'ן ביסען ברויט, איז דאָך אלץ מותר. געזעהען דעם אלטען ארויסקומען אויפ'ן מארק מיט'ן שטעקען, האָבען זיי געלאַכט פון איהם: אויפגעשטאַנען פון קבר האנדלען, דעם ביסען פון מויל ארויסנעהמען. און קיין פרנסה איז ניט געווען. זעלטען ווען א פויער קומט אין שטעדטעל אריין עפּעס פערקויפען. מען דאַרף געהן צו איהם אין דאָרף אריין. און זיי זיינען אינגער און שטאַרקער און פלינקער און דערזעהען דעם פויער פון דערווייטענס שוין — און שפּרינגען צו איהם אויף דער פוהר.

אָבער ר' יחיאל האָט קליינע קינדער מפרנס צו זיין, דריי לעבעדיגע אלמנות מיט קליינע קינדער, און די קינדער ווילען ברויט. ר' יחיאל איז צוריק יונג געוואָרען, זיך געפעדערט אין דער פריה, אבגעדאַווענט, ווען די שטערען לעשען זיך אויס, און געהט אויף די וועגען ארויס, אבוואַרטען א פויער וואָס וועט עפּעס ברענגען פערקויפען אין שטעדטעל אריין. און בטחון אין רבש"ע האָט ער דאָך אויך, און קליינע קינדער מפרנס צו זיין. שפּרינגט ער ארויף אויף די וועגען ווי א קליינער אינגעל, דינגט זיך מיט די פויערים און רייסט פון די הענד ארויס; קריגט זיך מיט די אנדערע סוחרים. וואָס ווילען איהם די סחורה אויסקויפען. און אז מען דאַרף, געהט ער א וויאָרסט דריי צום דאָרף אריין צום פויער. און ניט איינמאָל ברענגט ער צושלעפּען אויף די אַלטע פּלייצעס דאָס זעקעלע ווייץ פון דאָרף אין שטעדטעל אריין, צוקלאַפּענדיג מיט דעם הויכען שטעקען די טריט פון זיינע פיס.

און אז די יונגע סוחרים זעהען דאָס, ברומען:

— פון קבר אויפגעשטאַנען דעם ביסען ברויט אוועקצונעהמען.

— עס זיינען דאָך קליינע קינדער, איך בעדאַרף דאָך קליינע קינדער מפרנס זיין.

און אזוי פון דעם ערשטען טאָג אַז פון דער מלחמה שטעהט ר' יחיאל אויף דער וואַך, און איז מפרנס די אלמנות מיט די קליינע קינדער. ער האָט שוין דורך דער צייט נאָך צוויי אלמנות מיט קליינע קינדערלעך צוגעקראָגען. איין זוהן האָבען די רוסען פערשלעפּט און

ער ווייס ניט, וואו זיין געביין געפינט זיך. אנאנדער זוהן איז אין דער מלחמה געפאלען. איין איידעם איז געשטארבען אויף סוכאטעס און א צווייטער איידעם איז ערגעץ אין סיביר אין געפאנגשאפט. און א דריטען זוהן הערט מען גלאט ניט. גליניאנא האט זיך שוין א פאר מאל איבערגעקייקעלט דורך דער צייט. גליניאנא איז שוין דורך דער צייט געווען רוסיש, אוקראיניש, פויליש. און בשעת עס איז געווען רוסיש, האט גליניאנא פארזוכט דעם טעם פון א רוסישען פאגראם. און ווען עס איז געווען אוקראיניש, האט עס פערזוכט דעם טעם פון אן אוקריאינישען פאגראם. און איצט איז גליניאנא פויליש, און צייט וואכען לאנג לעבט עס שוין איבער דעם פוילישען פאגראם. דריי פערטעל שטעדטעל איז אויסגערונען געווארען. ווער עס איז געפאלען אין דער מלחמה און ווער אין פאגראם, וועמעס ביינער עס רוהען אויף דעם גליניאנער בית עולם און וועמעס ביינער עס זיינען אויסגעשאטען איבער די וועגען וואס פיהרען פון גליניאנא אין די אנדערע שטעדט, וואו די אידען זיינען אנטלאפען. נור ר' יחיאל זייך שטעהט געטריי ביז'ן היינטיגען טאג אויף זיין וואך. אלץ, וואס גליניאנא האט דורכ־געלעבט דורך די פינף יאהר מלחמה, האט ר' יחיאל'ן ניט געקענט ריהרען פון ארט. ער איז אויסגעשטאנען מכת רוס און מכת פוילען. אבער געטריי שטעהט ער נאך אלץ אויף זיין פלאץ אין גליניאנא מיט'ן שטעקען אין האנד און וואכט איבער די אלמנות און די קליינע קינדער, כאטש זיין ארט אין גן עדן איז שוין אנגעגרייט פאר איהם און זיין ווייב, שרה, ווארט אויף איהם זייט יאהרען.

— גבורים צו שטארבען זיינען זיי היינט אלע — שמייכעלט ר' יחיאל און קראצט זיך אין דער לאנגער באָרד און שמייכעלט אין זיין באָרד אריין — די וועלט איז פול מיט גבורים. איינער קען שטארבען אין דער מלחמה, א צווייטער קען זיך מוסר נפש זיין, א דריטער שטארבט גלאט פון צרות — אבער זאלען זיי ווייזען א קונץ און לעבען היינט אין גליניאנא און מפרנס זיין אלמנות מיט יתומים!

9

# די מוטער פון מיליאָנערען.

(אַ מלחמה־בילד)

אין קליינעם זאַל, אין ווינקעל ביים פענסטער, איז אין איהר טיעפען מיט פלעמיש־נאַבעלען בעדעקטען פאטעל, געזעסען די מוטער פון מיליאָנערען, אין וועלכע זי איז געוואָהנט געווען צייט א יובל מיט יאָהרען איהר נאָכמיטאַג דרעמעל איינצושלאָפען מיט די מיטאָג־צייטונג אין דער האַנד און מיט דעם שטיקען־קייבערעל אין איהר שויס. היינט אָבער איז זי ניט איינגעשלאָפען. די בעיאָהרענטע דאַמע איז אין דער צייט פון קריעג פון אַזוי פיעל זאַכען אבגעוואָהנט געוואָרען, וועלכע זיינען געווען רעגעלען פון איהר טאָג־טעגליכען לעבען דורך א דור מיט יאָהרען, אז אַזאַ קלייניגקייט, ווי א נאָכמיטאָג דרעמעל, וועלכעס האָט טאקע אין די צייטען פון פריעדען פערנומען זעהר אַן אנגעזעהענעם אָרט אין איהר טעגליכע בעשעפטיגונג — האָט היינט נאָך ניט אויסגעמאכט. די אַלטע דאַמע האָט זיך צוגעוואָהנט ניט נור צום שווארצען קריעגס־ברויט, וואָס מען האָט פערטיילט צו צוויי אונצעס א טאָג פאר א בעשעפעניש, נור האָט מיט געדולד געטראָגען די וועש, וואָס איז געוואַשען געוואָרען, צייט דעם קריעג, אָהן זייף, נור מיט אַזאַ מין כעמישען שטאָף, וואָס האָט די וועש האַרט געמאכט און געלאָזט פון זיך פיהלען מיט אַן אונאנגענעהמען גערוך.

פון די וועש, געוואַשען אָהן זייף, האָט די אַלטע דאַמע מעהר געליטען ווי פון דעם עסען. פון די קאַרגע צוויי אונצעס שווארצע ברויט און הערינג, וואָס די אַלטע דאַמע האָט געמעגט בענוצען א טאָג פאַר איהר דערנעהרונג, האָט דער אַלטער קוך געקענט מאכען

פערשיעדענע שפייזען. דער קוך, וועלכער איז אריינגעקומען אין הויז אריין אינאיינעם מיט דער דאמע און געקאכט פאר איהר זיין גאנצען לעבען, האט געוואוסט פון אלע איהרע געוואהנהייטען און געקאנט עס אפילו צופאסען אין צייט פון קריעג.

אויפ'ן טיש צו יעדען מאהלצייט. האט דער קוך געבראכט די זעלבע צאהל טעלער, ווי אין דער צייט פון פריעדען, וועלכע זיינען געגעבען געווארען אויס געוואהנהייט. אויסערליך האט עס גאר ניט אויסגעזעהן, ווי עס פעהלט עפעס. יעדע שפייז פון פריעדען איז דערלאנגט געווארען אדער אויס א סאבסטיטוט אדער צוגעריכט פון הערינג מיט'ן שווארצען שטיקעל ברויט. אפילו די נאכמיטאג'יגע טאס שאקאלאדע האט די אלטע דאמע געקראגען אין איהר פון קינדהייט אן בענוצטע ליעבלינג־טאס, צוגויפגעשטעלט אויס אזא מין צוריבענעם ווארצעל מיט א כעמישען געמישעכץ, וואס האט געהאט א געשמאק פון לאקריץ, און דערמאנט אן אלטען זיסען טעם פון שאקאלאד.

אר ניט איינגעדרעמעלט האט זי איהר זיסען נאכמיטאג־דרעמעל צוליעב אן אנדערע טעם. אין די נאכמיטאג־צייטונג האט די אלטע דאמע עפעס געפונען, וואס האט זי זעהר בעוואויגען און ארויסגערופען פערשיעדענע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע זי האט ניט געקאנט קאנטראלירען. אין דער צייטונג איז געשטאנען וועגען איהר זוהן אדאלף כהן, וועלכער פאהרט פון דער אמעריקאנער רעגיערונג העלפען דאס הונגעריגע אייראפא.

וועט ער זיך דאך טרעפען מיט זיין ברודער מארק, וועמען דאס אונגליקליכע פאטערלאנד האט געשיקט צו דער פריעדענס־בעראטונג. וועט דאס זיין א פרייד.

אין ערשטען אויגענבליק האט די אלטע דאמע אין גאנצען פערגעסען אין וואס פאר א צייט זי לעבט, און אויף וואס פאר אן אופן די צוויי ברידער וועלען זיך בעגעגענען, אז זיי וועלען שטעהן איינער געגען אנדערען אלס פארשטעהערס פון צוויי קריעג־פיהרענדע לענדער. זי האט נור געזעהן, אז איהרע צוויי זיהן, וועלכע האבען איינער פון אנדערען ניט געהערט און ניט געוואוסט דורך דיעזע גאנצע אונגליקליכע צייט פון קריעג, וועלען זיך צום ערשטען מאל טרעפען. מארק וועט איבערגעבען אדאלף דעם גרוס פון דער מוטער, ווי זי

האט דעם קריעג איבערגעטראגען. און אדאלף וועט דערצעהלען פון די זייניגע, פון זיין פרוי און פון די קינדערלעך, און וואס די קליינע רעגינא, דאס ערשטע אור־אייניקעל, מאכט. א, גאט, וועט דאס זיין א פרייד! און ווען גאט וועט העלפען און דאס אלעס וועט זיך אביסעל איינשטילען, וועלען די צוויי ברידער קומען די מוטער זעהן. געוויס, געוויס וועט אדאלף פריהער ניט נאך אמעריקא צוריקגעהן, איידער ער וועט זיין מוטער האבען געזעהן. ער האט עס קיינמאל ניט געטאן. נאך יעצט, נאך אזא שלעכטע און אונגליקליכע צייט — געוויס, געוויס. מען דארף פארבערייטונגען מאכען צו עמפפאנגען די געסט.

אבער באלד האט א מאטער שאטען זיך בעצויגען איבער דעם בעלעבטען אלטען געזיכט. דער הויכער, גלאנצענדיגער שטערן פון די אלטע דאמע, וועלכער האט זיך ארויסגעשניטען פון איהרע גלאטע גראהע פערקעמטע האר, האט זיך אנגעהויבען צו קנייטשען. די בעלעבטע אויגען, וועלכע האבען זיך טיעף בעהאלטען אין א געוועב פון פאלדען, זיינען אויסגעלאשענער געווארען און נאך טיעפער זיך בעהאלטען אין דעם ים פון פאלדן, וואס האבען יעצט אויסגעזעהן, ווי זיי וואלטען בעציערט די אויגען־ראנדען מיט איידעלע שפיצען. איהר דין איינגעשרימפפט מויל איז נאך קלענער געווארען און זי האט מיט איהר ביינערדיגע איינגעשרומפענע הענד, וואס האבען אויסגעזעהן ווי געשניצט פון עלפאנט־ביין, צוגערוקט די פארהאנג פון פענסטער, ביי וועלכער זי איז געזעסען. די פריהלינגס־שטראהלען, וואס האבען דורך די שפיצען גארדינען אריינגעדרונגען אין צימער אריין, האבען איהר געשטערט ביי די טרויעריגע געדאנקען.

זי האט זיך דערמאנט אין וואס פאר א צייט זי לעבט און אויף וואס פאר אן אופן די ברידער וועלען זיך טרעפען. פארשטעהער פון צוויי קריעגס־פיהרענדע לענדער. איהר מארק וועט פערטרעטען דאס געשלאגענע, אונגליקליכע פאטערלאנד, און איהר אדאלף — די גרויסע, זיעגרייכע פרעמדע רעפובליק פון יענער זייט ים, וועלכע האט בעזיעגט דאס פאטערלאנד.

„אבער איז ער אויך גרויס געווארען, איהר אדאלף, דארט אין דעם פרעמדען לאנד", זי שיקט איהם אין אזא וויכטיגע מיסיע, ווי צו העלפען דאס אונגליקליכע אייראפא — האט וויעדער א בעלעבטער

גלאַנץ אַ שפּיעל געטאָן איבער איהר פּנים און אָבגעשפּיעגעלט דעם פרעהליכען געדאַנק, וואָס האָט געאַרבייט אין איהר קאָפּ.

...עס האָט איהם שטענדיג געצויגען צו פרעמדע לענדער, איבער ימים. פון קליינערהייט אָן האָט עס איהם געצויגען אין דער פרעמד, צו גרויסע, פאַנטאַסטישע אונטערנעהמונגען. און די אַלטע דאַמע דערמאָנט זיך ווי אָן אַן אַלטען בוך, ווי אָן אַן אַלטען, פערגאַנגענעם חלום, איהר אַדאָלף'ן, ווען ער איז געווען אַ קליינער אינגעל און ווי ער האָט אימער געדעדט וועגען די נייע און גרויסע מעגליכקייטען פאַר פינאַנס און אינדוסטריע אין די נייע וועלט, וועגען די אייזענבאַהנען, וואָס ער וויל לאָזען לויפען איבער די וויסטע און ווילדע געגענד, וואָס וועלען שטעדט העלפען בויען און רייכטהימער איבערפיהרען; מען האָט איהם שטענדיג געהאַלטען פאַר ריזיקאַליש און ניט סאליד גענוג איבער זיין רייכע פאַנטאַזיע און איבער זיין ציהען אין דער פרעמד. נון, איז ער אָבער אויך צו אַ גרויסען כבוד און אַנזעהן געקומען אין דעם פרעמדען לאַנד, דאָס זיי שיקען איהם, אַ פרעמדען, אַז ער זאָל פאַר זיי זייערע געשעפטען פערטרעטען; אַזעלכע וויכטיגע געשעפטען.

זי האָט אַ בענקשאַפט בעקומען זיין געזיכט צו זעהן. כאָטש זי האָט עס געדענקט פון אויסוויינינג. זי האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל איהר ניט שטערען אין איהרע אנגענעהמע געדאַנקען, האָט זי קיין דיענער ניט געוואָלט רופען, האָט זיך מיט מיה פון איהר פאָטערשטוהל אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעשטעלט איהרע קינדער'ס פאָטאָגראַפיען. זי האָט געפונען איהר אַדאָלף'ס פאָטאָגראַפיע, ווען ער איז נאָך אַ אינגעל געווען. זי האָט די פאָטאָגראַפיע גענומען, צוריק אין איהר שטוהל אַריין און האָט זיך מיט איהרע אַלטע אויגען אַנגעהויבען איינצוקוקען אין איהם.

„...יאָ, אַזוי איז ער געווען אַלס אינגעל. אימער אַזוי, אימער אַזוי פאַנטאַסטיש און פול מיט שטרעבען. עס האָט איהם אימער געצויגען אין דרויסען — איבער ווייטע ימים, צו נייע און גרויסע אונטערנעהמונגען.

נו. איז ער אויך, דער אינגעל, צו עפּעס געקומען.

נו, וועלען זיי זיך דאך טרעפען — אדאלף פון גענגנער'ס זייט און מארק פון פאטערלאנד'ס זייט.

קלוג זיינען זיי ביידע — האט די אלטע בעשטימט, און ווען זיי וועלען זיך טרעפען, וועלען זיי שוין עפּעס א מיטעל אויסגעפינען די אונגליקליכע וועלט צו רעטען.

אן אונבעוואוסטער שטאלץ האט די אלטע דאמע ארומגענומען. איהר שטערן האט ווידער אנגעהויבען זיך אויסצוגלייכען און צו גלאנצען. דער שווארצער שפּיצען־קראנץ, וועלכער איז ניט אראב פון איהר ווייס־טויבענדיגען קאפּ זייט איהר מאן'ס טויט, האט יעצט שטאלץ געקרוינט איבער איהר קאפּ, איהרע אויגען האבען זיך אנגעהויבען בעפרייען פון דעם פאלדען־געוועב און איהר גאנץ געזיכט איז בעלעבט געווארען.

זי האט געפיהלט א בעדירפניש זיך זעלבסט עפּעס פערגניגען אנצוטון. זי האט זיך דערמאנט אן דעם קינפטיגען פּסח, וואס שטעהט אונטער דער טיר. עס קומט דער שעהנער יום טוב, און דאס אונגליק האלט אויך ביים ענדע, איהרע זיהן וועלען זיך באלד טרעפען.

זי האט מיט איהרע ביינערדיגע פינגער ביים קלינגעל אנגעריהרט, וואס איז געלעגען נעבען איהר.

אין זאל האט זיך בעוויעזען דער הויז־אויפזעהער, וועלכער האט זיך אונבעמערקט ארייגעשלייכט מיט שטילע טריט, פערבויגען זיך און געווארט אויף א בעפעהל.

— הענריך, צום קונפטיגען יום־טוב וואלט איך געוואלט א קליין הינדעלע האבען. קאנסט עס ניט פון אידישען שוחט בעזארגען?

דער הויז־אויפזעהער איז דערשראקען געווארען. ער האט א טריט צוריק געטרעטען און די הענט געלאזט פאלען פאר פערצווייפלונג...

— אונמעגליך, מאדאם!

10

# אַ בריעף קיין אַמעריקאַ.

---

צום רב אין דעם בית המדרש זיינען זיך צונויפגעקומען די פּני־העיר. עס זיינען דאָרט געווען פערזאַמעלט דאָס רעשט פון די אידען, וואָס איז איבערגעבליבען אין יוזעפאָוו, די שעהנסטע בעלי הבתים פון שטעדטעל, וועמעס נעמען עס האָבען אַמאָל אַזוי שטאָלץ געקלונגען אין דער גאַנצער געגענד און מיט וועמען רייכע אידען פון דער גאַנ־צער מדינה האָבען געזוכט צו נעהמען זייערע טעכטער פאַר שניר׳ס און זייערע זיהן פאַר איידעמס. עס איז דאָרט געווען ר׳ ישראל אשכנזי, דער ברייטער איד, וואָס האָט זיין פערמעגען, וואָס ער האָט בעקומען ירושה פון זיינע עלטערן, אַוועקגעגעבען אין קליינע נדבות. ר׳ יחיאל מאיר סאַלאַנט, דער גרויסער בעל יחוס, וואָס שטאַמט פון פינף דורות רבנים; און ר׳ מאיר אַלטער, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז קיין אַנדערע ליכט האָט מען ניט אָנגעצונדען ביי איהם שבת, זוי נור געמאַכטע פון כשר׳ן שמאַלץ. און היינט דער רב, דער רב אַליין, אַן אייניקעל פון „שארית ישראל", און אַנדערע שעהנע אידען. דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע, וואָס יוזעפאָוו האָט פערמאָגט — זיינען זיי אַלע געזעסען ביים בית המדרש טיש, אַרום דער שטיקעל ליכט, וואָס איז איבערגעבליבען פון מעריב דאַווגען. דער שיין פון׳ם ליכט האָט בעלויכטען זייערע גרויסע אויגען, זייערע ברייטע, צוקנייטשטע שטע־רענס און זייערע לאַנגע בעיאַהרענטע בערד און פּאות און זייערע אויס־געצויגענע, פער׳חלום׳טע פּנים׳ער. דער שאָטען פון דער נאַכט האָט פערשטעלט אַלעם איבעריגע — דעם דלות און די אָרימקייט אויף זיי. און זיי זיינען געווען פערטראַכט און צוגעהערט זיך צום רב, וועלכער האָט דיקטירט דעם סופר, וואָס איז געזעסען מיט זיינע דראָטענע ברי־

לען אויף דער נאָז און די גרויסע גענזענע פעדער אין האַנד פאַר א בריטען, לאַנגען, פּאַפּיר און געשריבען א בריעף קיין אַמעריקאַ — צו די יוזעפאָווער לאַנדסלייט בכלל און צו יאַנקעלע לעקער־בעקער, טויבע דער קצב'טעס זוהן, בפרט.

„להנגיד המוה"ר המפורסם בכל תפוצות ישראל, ר' יאַנקעל טויבענשלאַג המכונה לעקער־באַקער" — האָט דער רב דיקטירט דעם מיטעל.

— צו ווּעניג — האָט זיך אָבגערופען ר' ישראל אשכנזי, וועלכער איז געווען א נידריג אידעל, מיט אַן איינגעשרומפּפּטען פּנים ווי ביי א קינד — מילא, א נגיד, ער קען זיך בעליידיגען און מיר דאַרפען זיין לאַסקע — לייגט צו „הקצין הגדול". וואָס אַרט עס אייך ?

— וואָס, נאָך צו וועניג פאַר טויבע דער קצב'טעס זוהן, וואָס האָט געכאַפּט טויבען אין די גאַסען ? — האָט זיך געקאַכט ר' מאיר אַלטער, וועלכער איז געווען א איד א כעסן, און אפילו אין אָרימקייט און נויט איז זיין שטאָלץ נים געבראָכען געוואָרען. דער איד האָט געהאַט שברת הלב און פּיעל ענמת נפש פון דעם גאַנצען בריעף — מיט דעם גאַנצען טיטעל, וואָס דער רב שרייבט צו דעם גראָבען יונג אין אַמעריקאַ, וואָס ר' מאיר אַלטער וואָלט איהם ניט אַריינגעלאָזען אין שטוב אַריין — דאָס איז נאָך צו וועניג פאַר דעם טויבען־כאַפּער, האַ ? — האָט ר' אַלטער אַנגעשטעלט זיינע דיקע, געדיכטע ברעמען אויף דעם קליינעם, דערשראָקענעם ר' ישראל אשכנזי.

— א שמאָדט, רחמנא לצלן, הונגערט, אָרימע לייט געהען אויס פאַר די אויגען, און מיר אַלע זיינען אין גרויס נויט, און זיי דאָרט זיינען דאָך אונזער איינציגע הילף, ער איז דאָך זייער פּרעזידענט דאָרט. טאָמער וועט ער זיך, חלילה, בעליידיגען, אז מ'וועט איהם ניט אָבגעבען דעם גאַנצען טיטעל — פערענטפערט זיך ר' ישראל אשכנזי.

— רבי האָט מכבד געווען די רייכע — האָט דער רב גע'פּסק'ענט, און ווענדענדיג זיך צום סופר, האָט ער איהם בעפוילען :

— שרייב צו : „הקצין הגדול".

— אַך, — האָט זיך ר' מאיר אַלטער געקרימט, און געגעבען א מאַך מיט דער האַנט.

— און יעצט שרייב אַזוי — בעפעהלט דער רב :

„מיר, די פּני העיר פון יוזעפאָוו, ווענדען זיך צו אייך מיט א צר

בראכעז געמיט און א טרויעריג הארץ: האט רחמנות אויף אונז. אונ־זערע קינדער געהען אוים פאר נויט פאר אונזערע אויגען, און קיינער איז זיך ניט אויף זיי מרחם. און אונזערע ווייבער און מוטערס שמאכ־טען פון הונגער און קיינער איז ניטא, וואס זאל הערען דאס ברומען פון זייערע געדערים. און אונזערע אלטע לייט און בכבוד'יגע מענ־שען, די שעהנסטע אידען פון דער שטאדט, עשירים און אדירים, די גרויסע בעלי יחוס און גרויסע בעלי נדיבים, וואס האבען אמאל אליין געגעבען, שטרעקען אוים זייערע הענט נאך א שטיקעל ברויט" — —

נור דאס האט ר' מאיר אלטער שוין ניט געקאנט אויסהאלטען. ער האט פלוצים געגעבען א קלאפ אויפ'ן טיש מיט זיין האנד און אויסגעשריען:

— יוזעפאווער פני, וואס טוט איהר? עס איז דאך א חרפה און א בושה! —

— איז עס דען ניט אזוי? — האט ר' ישראל אשכנזי גע־ מענה'עט, א בלייכער, מיט זיינע ציטעריגע הענד אויסגעשטרעקט צו ר' מאיר'ן — וואס איז? עס איז דען ניט אזוי? — מיר שטרעקען אוים די הענד נאך א שטיקעל ברויט! די, וואס האבען אמאל אליין געגעבען — דער רבונו של עולם האט אזוי געוואלט — און מיר נעה־ מען אויף זיך דעם צער!...

— אבער פאר וועמען, פאר וועמען זיינט איהר זיך אזוי מביש? פאר דעם יונגאטש, וואס האט מחלל שבת געווען בפרהסיא — פאר וועמען? פאר שניידער־יונגען און שוסטער־יונגען, וואס זיינען אוועק קיין אמעריקא — פאר זיי זיינט איהר זיך אזוי מביש, יוזעפאווער פני? — האט זיך ר' מאיר אלטער אויפגעהויבען פון טיש — איך קאן עס ניט הערען!

— מסתמא איז דאך גאט'ס ווילען אזוי, אז מיר זאלען פער־ שעהמט ווערען. דארף מען נעהמען אויף זיך די בושה באהבה — האט ר' ישראל געשמייכעלט מיט זיינע קינדערשע אויגען.

„און די שעהנסטע אידען פון יוזעפאוו, ווי ר' מאיר אלטער, און ר' ישראל אשכנזי, און דער רב פון אייער שטאדט, געהען בארוועס און נאקעט און האבען ניט מיט וואס צוצודעקען זייערע לייבער" — האט דער רב ווייטער דיקטירט דעם סופר.

עס האט זיך דערהערט א שטארקער קלאפ מיט דער טיר פון בית המדרש...

---

ברודער פרעזידענט, יאנקעל טויבענשלאג האט צונויפגערופען די לאנדסלייט פון די „יוזעפאווער אנשי אמת קאנגרעגיישאן" צוזאמען מיט די „יוזעפאווער יאנג מען" צו האלטען א מיטינג אין פראפ. לאנדוי'ס טאנץ־האל, וואו די יוזעפאווער קאנגרעגיישאן האט געדאווענט יעדען שבת, און די י. י. מ. (יוזעפאווער יאנג מען) האבען דארטען געמיטעט מיטוואך נאך יעדען 7טען און 15טען פון מאנאט — „אבצונעהמען א גרוס פון דער היים און צו בעטראכטען מיטלען און וועגען ווי אזוי צו העלפען די יוזעפאווער" — ווי עס איז געווען געשריבען אין דער אדווערטייזמענט. דער מיטינג איז פעררופען געווארען אויף שבת אבענד, און שבת נאכ'ן דאוונען האט דער פרעזידענט, ברודער יאנקעל טויבענשלאג, א היים געבעטען צו זיך אויף קידוש דעם ברודער שמש פון דער חברה, נאטע'ן, וואס האט פערקויפט די ברידער פון דער חברה שנאפס אויף שבת און יום־טוב. און נאך א גוטען קידוש און א גוטען איבערבייסען האט זיך דער ברודער פרעזידענט אוועקגעזעצט אין זיין טיפען פאטער־שטוהל ביים פענסטער און געלאזט זיך פון ברודער שמש פארלעזען דעם בריעף פון יוזעפאווער לאנדסלייט.

דער ברודער פרעזידענט, וועלכער האט שוין דא פערמאגט דריי סטארס מיט חלות און לעקעך און ווארשעווער געפילטע פישעס, וועלכע האבען איהם בעריהמט געמאכט ביי אלע פוילישע לאנדסלייט, איז געווען א געלער, א דיקער, א ברייט־ביינערדיגער. זיין פנים, וועלכער איז בעפוצט געווען מיט צוויי געלע באָרד־שפיצען, איז געווען בעשפרענקעלט מיט זומער־שפרענקלעך, וועלכע דאס מעהל, ביי וועלכען ער איז א גאנצע וואך אומגעגאנגען, האט אפילו ניט געקאנט ווייס מאכען. ער איז געזעסען בעקוועם אין דער פאטער־שטוהל און צוגעהערט זיך צו דעם בריעף פון דער היים:

„להנגיד מהור"ר הקצין הגדול המפורסם בכל תפוצות ישראל" —

— וואס איז דער טייטש דערפון? — פרעגט דער ברודער פרע־זידענט.

— דאס איז גאר נישט, גלאט אזוי א טיטעל.

— פערטייטש, פערטייטש. — בעפעהלט דער ברודער פרעזי־דענט.

— צו דעם בעריהמטען נגיד, דעם גרויסען האר, וואס איז בע־ריהמט צווישען אלע אידען, וואו זיי זיינען פערשפרייט, ר' יאנקעל טויבענשלאג — פארטייטשט דער שמש.

— דאס מיינט מען מיך! — גיט דער ברודער פרעזידענט א קלאפ מיט זיין פעטע, זומער־בעשפרינקעלטע און מיט געלע האר בע־וואקסענע האנד אויפ'ן שמש'ס קניע.

— וועמען דען זאלען זיי מיינען, מיך? — חנפ'עט זיך דער שמש צום פרעזידענט.

יאנקעל האט זיך א מינוט פערטראכט.

ער האט זיך געזעהן צוריק אין זיין שטעדטעל. ער וואהנט מיט זיין מוטער אין יאטקע געסעל, און טראגט דער מאמען דעם געשטעל אין יאטקע אריין. עס איז איהם אונאנגענעהם ווייטער צו טראכטען וועגען דעם, האט ער זיך אנגערופען צום שמש:

— נו, לעז ווייטער.

אויסגעהערט דעם גאנצען בריעף, איז ער געבליעבען זיצען א פער־שטיינערטער. פאר זיינע אויגען איז אויפגעשטאנען דאס גאנצע שטעדטעל. ער האט זיי געזעהן, די אלע בכבוד'ע אידען, די גרויסע בעלי בתים די נגידים און מיוחסים, אין זיידענע און אטלעסענע קא־פאטעס, און ברייטע, סייבעלנע שטריימלער, האט ער זיי געזעהן. עס אין פרייטאג פארנאכט. אט זעהט ער ווי זיי געהען איבער די געס־לער פון שטעדטעל. דאס אטלעס און זיידענס גלאנצט אראפ פון זיי. פון די שויבען פון זייערע גרויסע הייזער שיינען ארויס די שבת־לייכ־טער. זייערע טעכטער שפאצירען אין בית המדרש געסעל. די באלע־באטישע קינדער. און זיך זעהט ער צוריק אין יאטקע געסעל: ער איז אין א צוריסענעם רעקעל, טראגענדיג א זייטעל פלייש אויף די אקס־לען; אדער שלעפענדיג דער מוטער'ס שטעל אהיים פון דער יאטקע. און אויפ'ן וועג, איבער'ן געסעל, טרעפט ער אז ר' מאיר אלטער'ן, ר' ישראל אשכנזי'ן, וועלכע געהען אין שוהל אריין דאווענען, מיט די

ווייסע קעלנער פון די העמדער פערשפרייט איבער זייערע אטלעסענע קאפאטעס. און די אינגלעך, מיט נאסע, געקרייזעלטע פאות'לעך, טראגען זיי נאך די סידורים און חומשים אין שוהל אריין. און ער פערשעהמט זיך און טרעט אפ דעם וועג פאר זיי...

און יעצט שרייבען זיי צו איהם און רופען איהם אן „דער גרויסער נגיד" און בעטען איהם — איהם, יאנקלען — אז ער זאל זיי העלפען...

— ווער שרייבט אונטער דעם בריעף? — פרעגט ער נאך אמאל איבער דעם שמש.

— דער רב און ר' ישראל אשכנזי און ר' יחיאל מאיר סאלאנט, און אט דא איז נאך עפעס צוגעשריבען מיט דעם רב'ס כתב אליין.

— לעז, לעז — בעט זיך דער פרעזידענט.

„און ספּעציעל בעט איך דעם נגיד, ר' יאנקעל נ"י, אז ער זאל זעהן צו אונטערשטיצען מיט זיין גאנצער ברייטער האנד א פאר פון די געפאלענע בעלי־בתים, וואס איז א גרויס רחמנות צוצוזעהן זייער צער און זיי זיינען צו שטאלץ צו בעטען ביי יענעם, ווי למשל, דער געוועזענער נגיד און גרויסער בעל יחוס ר' מאיר אלטער, וואס געהט ארום אפגעריסען און אפגעשליסען און הונגערט גאנצע טעג, ווייל ער וויל ניט צו קיינעם אנקומען. און בזכות זה וועט אייך גאט העלפען, אזוי ווי די גמרא זאגט..." — האט דער שמש געלייענט.

יאנקעל טויבענשלאג האט זיך ארומגעקוקט אין זיין שטוב. ער האט זיך געפונען זיצענדיג אין א פלאשענעם, טיעפען פאטער־שטוהל. און פון די שויבען־שענקלעך האט ארויסגעשיינט דאס געשליפענע גלאז און זילבערוואַרג. אויפ'ן ברייטען טיש איבער די גלעזערנע דעק איז געשטאנען א געשליפענע וואזע מיט בלומען. איבער די פאדלאגע איז געלעגען אויסגעשפרייט א גרויסער, ווייכער דיוואן — און ער זיצט אין פאטער־שטוהל.

יאנקעל טויבענשלאג האט זיך אויפגעהויבען און פרעמד זיך ארומגעקוקט אין זיין אייגענער שטוב. איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז עס איז עפעס א טעות; אז די שטוב מיט די אלע מעבעל בעלאנגט ניט צו איהם, נור צו יענע אידען מיט די אטלעסענע קאפאטעס, וואס האבען צו איהם געשריעבען דעם בריעף — און ער האט זיך אריינגע־

גנב׳עט אין זייערע הייזער און פערנומען זייערע פּלעצער... אין אמת׳ען האָט אין דעם פּאַטער־שטוהל געדאַרפט זיצען ר׳ מאיר אלטער, דער גרויסער נגיד פון דער היים. און ער, יאַנקעל, האָט געדאַרפט שטעהן אונטער׳ן פענסטער און אריינקוקען אין שטוב אריין צו ר׳ מאיר אל־טער, ווי ער האָט עס געטאָן, ווען ער איז אַ אינגעל געווען...

אין אָבענד, אויפ׳ן מיטינג פון די יוזעפאָווער קאָנגרעגיישאָן אנשי אמת, איז דער ברודער פּרעזידענט, יאַנקעל טויבענשלאַג, געזע־סען אין „טשער". נאָך דעם ווי דער שמש האָט פאָר די יוזעפאָווער לאַנדסלייט דעם בריעף פאָרגעלעזען, האָט זיך דער ברודער פּרעזי־דענט אויפגעהויבען און געהאַלטען פאָלגענדען „ספּיטש":

„ברידער לאַנדסלייט! איך מיין, אַז עס איז עפּעס אַ מיסטייק. ניט מיר האָבען דאָ געדאַרפט זיצען און אויסהערען ווי ז י י, די שעהנע אידען פון יוזעפאָוו, בעטען זיך ביי אונז הילף. ניט איך האָב בעדאַרפט זיין פּרעזידענט און ניט צו מיר האָבען זיי געדאַרפט שריי־בען אַזאַ בריעף. עס איז עפּעס ניט ריכטיג. איך מיין, אַז פּרעזי־דענט האָט דאָ געדאַרפט זיין דער רב פון יוזעפאָוו און דאָ האָבען געדאַרפט זיצען אָט די אַלע שעהנע אידען מיט די אַטלעסענע קאַפּאָ־טעס, די גרויסע לייט פון דער היים, ווי ר׳ מאיר אלטער, ווי אַ ר׳ ישראל אשכנזי און אַ ר׳ יחיאל סאַלאַנטער. און מיר האָבען געדאַרפט זיך בעטען ביי זיי, מיר האָבען געדאַרפט צו זיי שרייבען אַזאַ בריעף — וואָרים ווער זיינען מיר און ווער זיינען זיי? עס איז עפּעס ניט ריכ־טיג דאָ..."

11

# צורים׳ענע משפחות.

(א בילד פון די נייע עמיגראנטען)

איך האב די משפחה געטראפען ביי סויטה פערי. זיי זיינען נור וואס אריבערגעקומען מיט א שיפעל פון עלים איילאנד. מען האט באלד געקענט זעהן אויף זיי, אז זיי זיינען נור וואס אנגעקומען פון יענער זייט. א אידענע, וועלכע איז דורכגעגאנגען דעם טראטואר צום עלעווייטער צו, האט געגעבען א ווארף א ווארט:

— וואס, גרינע?

און נים האבענדיג קיין צייט צו הערען אן ענטפער, האט זי זיך ווייטער געלאזט — צום עלעווייטער.

ווארים ווער האט דען ווירקליך צייט אויף א ניו יארקער גאס זיך אבצושטעלען אויף אזא קלייניגקייט, ווי נייאנגעקומענע, גרינע עמיגראנטען?...

געווען איז דאס א פאמיליע פון זעקס: א מוטער מיט פיער קינדער און א מאן. דער מאן איז געוועזן א היגער. דאס האט מען באלד געקענט זעהן אויף איהם. אן זיין גוטען אויסזעהן, אן זיינע פעטע, רויטינקע בעקעלער. מען האט אויף איהם געזעהן, אז איהם האט דא גארנישט אויסגעפעהלט דורך די צייט פון דער מלחמה; נים קיין מילך און נים קיין אייער און נים קיין פעטס. ער האט זיך נים ערנעהרט מיט „סאבסטיטוטס“. זיינע אויגען זיינען געווען אויסגערוהט, טאקע אידישע, דערשראקענע, אביסעל נים רוהיגע, אבער דאך נים אזוי צושראקען ווי ביי די איבעריגע. אנגעטון איז ער געגאנגען ווי א היגער אידישער ארבייטער — אנשטענדיג. די גאלדענע קיים

פון זיינער. וואס איז ביי איהם געווען פערהאנגען אויפ'ן ערשטען קנעפעל פון דער וועסט און פערלייגט איבער דער ברוסט, מעשה בית־המדרש בחור אין דער היים, און דאס רינגעלע אויפ'ן פינגער — האבען עדות געזאגט אויף נוטע צייטען. ער האט זיך אביסעל ושע־ביערט פאר די פערביינעהענדע איבער „דעם ארימקייט". וואס שלעפט זיך איהם נאך און ער האט ווי פרובירט זיי צו פערשטעלען מיט זיין ברייטע פיגור; אם מעהרסטען דאס ווייב און די ארימע פעקלעך, וואס זיינען געלעגען אויסגעשפרייט אויפ'ן טראטואר, מיט זייער נאכ־צער פראכט, מיט די שטיקלעך שנור פערבונדען אויף צייטונגס־פאפיר. און ער האט קאמאנדעוועט די קינדערלעך, ניט אומקוקענדיג זיך, ווי ער וואלט געוואלט פון עפעס זיך בעהאלטען:

— קומט'ס נאך מיר.

און די „ארימקייט" איז איהם נאכגעגאנגען.

איך בין נאכגעגאנגען נאך זיי צום עלעווייטער.

אין וואגאן האט ער אריינגערוקט די קינדערלעך מיט די פעקלעך אין א ווינקעל, פערשטעלט די צוריסענע טשעמעדאנטשיקלעך, אליין האט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען די קינדערלעך און פערפיהרט א געשפרעך מיט עפעס א אידען.

דאס ווייבעל האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער צווייטער זייט פון די קינדערלעך, אפגערוקט פון מאן. א דערשראקענע, אן אויפגערעג־טע, האט זי מיט איהרע גרויסע אויגען אנגעהויבען זיך ארומקוקען פון איין „פריץ" אויפ'ן צווייטען, וועלכע זיינען געזעסען אין וואגאן, אזוי ווי זי וואלט פאר עפעס מורא געהאט. זי האט פרובירט פער־שטעלען איהר היימיש־געמאכטען קאפטאנדיל מיט דעם שטיקעל צו־ריסענעם שפיצען־שאל, וואס איז איהר נאך אודאי איבערגעבליבען פון איהר כלה'שען שוהל־פיהרען, אז זי זאל ניט פערשעהמען דעם מאן מיט איהר ארימקייט. אבער דאס צוריסענע שטיקעל שפיצען־שאל האט איהר ניט געהאלפען. פון איהר ארימער קלייד האט זיך ארויסגעשניטען א דאר, אויסגעמאטערטער, ווי א פערפייניגטער, קער־פער, און פון איהר אפענעם ארימען, צוריסענעם קאפטענדעל האט זיך ארויסגעצויגען א האלז, א בינטעל צוזאמענגעקניפטע אדערען, וואס רייסען זיך און מאטערען זיך און ציהען זיך און לויפען אריבער פון איין שטיקעל טונקעל־געלבע הויט צו דעם אנדערען. און זי קוקט

מיט איהרע גרויסע דערשראקענע אויגען — אויגען, וואס קוקען מיט דעם בליק פון א פערפאלגטע, אפגעהעשעטע חיה. זי קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען. אין די הענד האלט זי א קינד'ס הענטעל, ווי זי האלט זיך דורך דעם געפיהלט זיכערער, פעסטער, בעהאלט זי זיך הינטער איהר קינד...

אליין איז זי ארעם אנגעטאן, אבער די קינדער האט זי אויסגע־צירט און אויסגעפוצט. מען זעהט, אז די אידענע האט געוואוסט, אז זי אליין קען שוין ניט פאנגען דעם מאנ'ס הארץ, וואס איז געווען אזוי ווייט און אזוי לאנג אוועק פון איהר, האט זי געוואלט מיט איהרע קינדער צוריקגעווינען דעם מאן... די עלטערע צוויי, אינג־לעך פון צוועלף און פערצעהן יאהר, וועלכע זעהען אויס פיעל קלע־גער, אבער עלטער, ווי זיי זיינען אין דער אמת'ען, טראגען נייע הייר־מיש־געמאכטע קאמאשעלעך, נאך גוטע קאשקעטלעך; אנצוגען אנ־שטענדיגע. דער עלטערער אינגעל איז פארטראכט, פארזארגט. מען זעהט די מלחמה אויף זיין יונג געזיכט. און ניט נור די מלחמה, נור אויך די שרעק און אנגסט פאר דעם נייעם, וואס ערווארט. ער איז שווייגענדיג און ער קוקט מיט שרעק און זארג אויף די גרויסע היי־זער, וואס זעהען זיך דורכ'ן פענסטער פון וואגאן. ער רעדט ניט, ווי עפעס מורא האבענדיג פאר'ן פאטער, וועלכער איז די גאנצע צייט געווען אזוי פרעמד און ווייט פון איהם.

דער ערשטער, וועלכער איז געווארען היימיש מיט'ן טאטען, איז געווען דער צווייטער אינגעל, א „שקאץ" פון א יאהר צוועלף. זיינע לאבוסעוואטע אויגען שיינען ארויס מיט חוצפה אפילו פון דעם אויס־געמאטערטען, אויסגעהונגערטען פנים'ל. ער קאן ניט אונטערדריי־קען זיין קינדערשען געמיט. די מלחמה און צרות זיינען ביי איהם א קינדער־שפיעל. און אפילו פאר אמעריקא שרעקט ער זיך אויך ניט. ער לויפט פון איין פענסטער צום אנדערען, קוקט ארויס, עפענט אויף מויל און אויגען אויף די גרויסע הייזער, וואס ער זעהט, און פרובירט גלייך לעזען די אנאנסען אין וואגאן. דער פאטער איז שטאלץ אויף איהם. איהם האט ער דעם ערשטען צוגערוקט צו זיך, און ער איז דער ערשטער דרייסט מיט'ן טאטען.

— ער האט דאך זיי דארט, אויף עלים איילאנד, אלע אמעריקא־

נער פערשעהמט מיט זיין ענגליש לעזען — זאגט צו מיר דער פאטער, ווייזענדיג אויפ'ן איינגעל — א גרינגער און לעזט שוין ענגליש.

— וואס איז די קונץ? עס איז דאך פוילישע בוכשטאבען, נור איבערגעמאכט אויף ענגליש — זאגט צו מיר דער „שקאץ" מיט א גנב'ישען וואונק.

און דער טאטע שמייכעלט. דאס איז דער ערשטער שמייכעל, וואס איך האב געזעהן אויף זיין פנים דורך די גאנצע צייט, וואס ער איז צוזאמען מיט זיין משפחה.

— אוי, וויפיעל צרות איך בין דאס אויסגעשטאנען פון איהם — הערט זיך א שטילער נחת'דיגער זיפץ פון ווינקעל, וואו די מאמע זיצט. אין איהרע גרויסע צזשראקענע אויגען גיבען זיך א שטעל אפ אויף א מינוט, און גיבען א שיין, ווי זיי וואלטען זיך געוועזען איבער־געוואשען אין טרערען.

נור איהר גאנצע קראפט האט די מאמע אנגעווענדעט אויף דער אייז־איינציגער טאכטער, אזוי ווי זי וואלט אויף איהר אלע איהרע האפנונגען געבויט, אז זי, די איינציגע טאכטער, וועט צוריקגעווינען דעם פאטער'ס הארץ פאר דער משפחה, וואס איז אזוי ווייט און אזוי פרעמד געווען דורך די אלע יאהרען פון נויט... קיין ספק מיטלען האט די מוטער נעבעך ניט געהאט ארויסצוברענגען דער טאכטער'ס שעהנ־קייט. דאס איינציגע אטלעס קאפטענדעל, וואס די מאמע האט פער־מאגט פון איהר חופה־פיהרען און וואס איז דורך דער צייט געל און אבגעבליאקירט געווארען, האט די מאמע איבערגעמאכט פאר די טאכ־טער און עס אנגעטאן אויף איהר צו בעגעגענען דעם טאטען אויפ'ן אמעריקאנער ברעג. דערפאר אבער האט זיך די מוטער בענוצט מיט די אלע געשאנקען פון דער נאטור, מיט וועלכע דאס קינד איז בע־גליקט געווארען, און וואס ניט די מלחמה, ניט דער הונגער און ניט די מגפות זיינען אימשטאנד געווען פון איהר אוועקצורויבען. אזוי האט די מוטער גענומען דעם טעכטערעל'ס צעפלעך און האט זיי צו־לאזט, געוויזען דעם טאטען דעם גאנצען רייכטום פון איהר טאכטער'ס קאפ. און עס איז טאקע געווען א קעניגליכעס רייכטום: זיידענע, ווייכע, קינדישע, שווארץ חן'עוודיגע, לאנגע האר האבען זיך אראפ־געגאסען פון דער מיידעל'ס קאפ, ווי א קלארער, דורכזיכטיגער, קאל־טער וואסער־פאל, וואס פאלט אראפ פון א שעהנעם, אויסגעטאקטען

שטיין. און פערבונדען האט זי די קוועלענדיגע וואסער־האר מיט א רויט קאקארדעלע פון א רויט זיידען בענדעלע, וואס האט זיך ביי דער מאמע פערוואלגערט אודאי פון איהר כלה־צייט...

דעם אינגסטען אינגעלע, וועלכען דער טאטע האט פערלאזט, ווען ער איז נאך געווען אין די מוטער'ס בויך — און דער טאטע ווייסט גארנישט, ווי ער זעהט אויס — האט די מאמע אין האנד אריינגע־געבען דעם טאטען'ס פאטאגראפיע, אז דער פאטער זאל איהם דער־קענען, אז ער איז זיינער...

אזוי האט די מוטער אריינגעפיהרט איהרע קינדערלעך אין אמע־ריקא, מקבל פנים זיין דעם טאטען...

פון דעם פאטער ביז איך געוואהר געווארען, אז עס איז שוין ניין יאהר זייט ער האט זיין פרוי און קינדער ניט געזעהן. דורך דער צייט האט ער געמיינט, אז זיי זיינען אומגעקומען, ווייל עס זיינען אוועק יאהרען גאנצע — דורך דער צייט פון קריעג — ווי ער האט ניט געהערט פון זיי. אפטמאל איז געווען געמאלדען, אז די שטעדטעל, פון וואנען זיי קומען (א קליין פויליש שטעדטעל, אויפ'ן ברעג פון דעם ווייכסעל מיט א סך סעדער) איז יעדעס מאל איבערגעגאנגען צו אן אנדער קייסער. דא איז עס געווען ביים רוס, באלד ביים דייטש, דערנאך ביי די עסטרייכער, און צולעצט גאר ביי די פאליאקען. נור יעדעס מאל, נאך א לאנגען שווייגען, פלעגט ער פלוצלונג בעקומען ידיעות פון זיין פרוי מיט די קינדער — פון אנדערע ערטער. אמאל זיינען זיי פערטריבען געווארען קיין רוסלאנד; אמאל קיין דייטש־לאנד; אמאל האבען זיי זיך אויפגעהאלטען אין דעם שטעדטעל. באלד האבען זיי זיך בעוויזען אין אן אנדער שטעדטעל, ביז עס איז איהם ענדליך געלונגען אראבצוברענגען די משפחה אין אמעריקא.

און איך זיץ אין א ווינקעל און בעטראכט זיי. מאן און ווייב האבען גאר קיין ווארט ניט אויסגערעדט דורך דער גאנצער צייט. ער זיצט פון איין זייט פון די קינדער; זי פון דער צווייטער זייט, און האבען מורא זיך צו בעגעגנען מיט זייערע בליקען. ווי פערשעהמטע חתן־כלה, וועלכע מען האט ערשט צוזאמענגעפיהרט, שעהמען זיך מאן און ווייב. דאס ווייבעל איז דערשראקען, ניין, זי איז פערשעהמט; קוקט די גאנצע צייט אין א ווינקעל אויף איין פונקט און האלט אין דער האנד דעם קלענסטען קינד'ס הענטעלע.

דער מאַן איז אויך אין אַ פֿערלעגענהייט, נאַריש אַביסעל, ווייס ניט, ווי אַזוי אַנצוהויבען צו רעדען, ניט נור מיט דעם ווייבעל, וואָס זעהט איהם אויס אַזוי פרעמד, נור אפילו מיט די אייגענע קינדער, וואָס ער קען ניט און זעהט זיי צום ערשטען מאָל. ניין יאָהר איז צווישען זיי — ניין יאָהר פון וועלט־אונטערגאַנג. וואָס האַבען זיי ביידע ניט איבערגעטראַכט דורך די ניין יאָהר! וואָס פאַר אַ גע־דאַנקען האָט ער ניט געהאַט דורך דער צייט, וואָס זי איז אַזוי ווייט געווען און אַזוי פיעל מאָל פערלאָרען!... און וואָס האָט זי ניט אי־בערגעקלערט דורך די ניין יאָהר!... וואָס האָט מען דען ניט דער־צעהלט וועגען אמעריקא?... וויפיעל מאָל האָט מען איהר הארץ איינ־געשראָקען, אַז די רבנים האַבען דאָרט מתיר געווען די מענער חתונה צו האַבען מיט אַנדערע ווייבער... און וויפיעל מאָל האָט מען איהר ניט געזאָגט, אַז „דאָס, וואָס איז ווייט פון די אויגען, איז ווייט פון הארץ“?...

— און עס איז אַזוי ווייס און פרעמד! אין ים וועלען פאַרפאַ־לען אַלע אונזערע געשרייען צו זיי — האָט מען איהר געזאָגט.

און יעצט זיצט זי דאָ לעבען איהר מאַן, וועלכער פיהרט זי אין זייער וואָהנונג אריין, אין אמעריקא. אָה, ווי לאַנג האָט זי געוואַרט אויף דער מינוט! וויפיעל נעכט האָט זי פערבראַכט, טראַכטענדיג וועגען דעם — וועגען דער מינוט...

און דאָ זיצט איהר מאַן ביי איהרע קינדער, און עס דאַכט זיך איהר, אַז אַ פרעמדער זיצט. זי קען איהם ניט מעהר, זי ווייס ניט, ווער ער איז — אַ פרעמדער מאַן זיצט דאָ לעבען די קינדער, פאַר וועלכען זי שעהמט זיך מיט איהר אָרעמקייט!

און ווי ווייט פון איהם איז די פרוי, וואָס זיצט דאָ אין דעם אַל־טען קליידעל, מיט'ן היימישען גרינעם קאַפּטענדעל? איז דאָס זיין ווייב? דאָס ווייבעל, וועלכע ער האָט געקענט פון אַמאָל, וואָס ער האָט געלאָזט אין דערהיים, נאָך וועלכע ער פלעגט בענקען ביינאַכט... אַ, יענע ווייבעל איז אַ גאַנץ אַנדערע — און דאָ זיצט אַ פרעמדע, אַל־טע ווייב...

ווי אַזוי וועלען זיי אַנהויבען צוזאַמענצואוועבען זייער צוריסענע היים?

נור איך פערלאָז זיך אויף דער ווייבעל. זי, וואָס האָט געקאָנט

גובר זיין דעם צאר ניקאלאי; זי, וואס איז בייגעשטאנען אפילו דעם דייטשען קייזער; זי, וואס האט אפילו אויסגעהאלטען דעם יאך פון פאלאק; זי, וואס האט דורכגעפיהרט איהרע פיער קינדערלעך דורך דעם פייער פון דער מלחמה, הונגער און מגפות; זי, וואס האט ווי א פערוואונדעטע חיה, בעשיצט איהרע קינדער פון בהלות און הריגות און זיי געבראכט, גאנצע, אפגעוואשענע, אפילו מיט'ן רויטען בענדעלע אין דעם מיידעל'ס קאפ האר פארקניפט, אויפ'ן ברעג פון אמעריקא צו איהר שמואל'ן — א, זי וועט זיך קאנען געגען אמעריקא און געגען איהר שמואל'ן אויך אן עצה געבען.

און טאקע נאך דער 23טער סטריט האט דער מאן אנגעהויבען מיט איהר רעדען. און געשעהן איז דאס דורך דעם „שקאץ", דעם אינגעל מיט די לאבוסעוואטע אויגען, דורך דעם, וואס האט פערשעהמט אלע אמעריקאנער אויף עלים איילאנד מיט זיין ענגליש לעזען — אט דער, וואס איז דער ערשטער היימיש געווארען מיט'ן טאטען — ער האט צונויפגעפיהרט דעם טאטען מיט דער מאמען. ביז דער 23טער סטרים האט ער זיך נאך איינגעהאלטען און געפיהרט זיך מעשה סטאטיק, מיט דרך ארץ, געגען טאטען. אבער נאך דער 23טער סטרים איז ער שוין געווארען אזוי היימיש מיט'ן טאטען, אז ער האט געזעהן, ווי די מאמע זיצט אין א ווינקעל אליין, און ער האט געפרעגט דעם טאטען:

— טאטע, פאר וואס רעדסטו ניט צו דער מאמען?

שמואל האט זיך פארשעהמט, און דאס לעצטע ביסעל בלוט האט ארויסגעשלאגען אויף דער ווייבעל'ס געזיכט. דער מאן האט זיך דאן אפגערופען צו דער ווייב:

— נו, ווי געהט'ס דיר, חנה'לע?

## 12

# דאָס געזאַנג פון הונגער.

(די קליינע הונגעריגע קינדער אין פוילען געווידמעט).

---

א גאנצען טאג איז דאס שטעטעל געשלאפען הינטער די ווארימע שטראלען פון דער זון. די אייטוואוינער האבען זיך באהאלטען אין זייערע הייזלאך, פארמאכט די לאדען אויף די אויסגעהאקטע פענסטער, שיצענדיג זיך פאר דעם טאג־ליכט. זיי זיינען געלעגען אויף זייערע געלעגערס האלב־פארשמאכט אין א הינער־פלעטישען דרעמעל און האבען גע'חלום'ט פון עסען. בחנם גיסט די זון איהרע צעבערס ליכט איבער די שטיינער פון מארק, איבער די דעכער פון די הייזלאך. קיינער זעהט זי ניט און קיינער באדארף זי ניט. די געסלאך זיינען שטיל, ווי אויסגעשטארבען. טיילמאל נאר באוועגט זיך א הונגעריגער, אויסגעמוטשעטער הונט, שלעפט זיך פון זיין נארע, פרואווט צו געבען א שמעק מיט זיין נאז צום אויסגעטריקענטען רינשטאק, פארגאווערט זיך, און לייגט זיך אוועק ווי ער שטעהט און פארמאכט די אויגען צום שלאף. טיילמאל שלעפט זיך א הויכער דארער איד אהן א ראק, אין א צוריסען העמד איבער דעם געסעל מיט א שעף אין האנט צום פלומפעל, שעפט אן א שעף וואסער, און דערכאפענדיג זיך דאס הארץ מיט'ן וואסער שלעפט ער די רעשט ווי א שווערע לאסט אין שטוב צו. אבער א צוויי דריי אינגלאך מיט צוריסענע תחתונים וואלגערען זיך ארום אויפ'ן מקוה־הויף צווישען דעם פארטריקענטען גראז, דארט וואקסען בוימער מיט שפעט הערבסדיגע קליינע בארנעלאך. נאר שוין לאנג איז נישטא קיין שפור פון די לעזעלקעס אויף די אפגעפליקטע

צווייגען. און די קינדער נארען צווישען אויסגעטריקענטען גראז זוכענדיג א פארוואָרפען בארנעלע, און ניט געפינענדיג, פרואווען זיי מיט די לעצטע כוחות אפּטרייסלען מיט שטיינער די לעצטע צוויי גרינע לעזעלקעס וועלכע זעהען זיך אויף דעם שפּיץ בוים. אבער א אידענע אין א צוריסענעם שאַל קריכט ארום איבער דעם אויסגעטראָטענעם גראז פון מקוה הויף, זוכענדיג א פארפערטיגט בלעטעל סטשאוו, צווישען די גרעזער פון פעלד, וואס באלאנגט צו קהל...

פארנאכט, אז די זון האלט אין א רויט־אונטערגעהן. שלעפּען זיך פון די פּארמאכטע הייזער אידען מיט אינגלאך ארויס, אין צוריסענע כאלאטען, טייל בארפוס, טייל מיט שטיקער אלטע קליידער באשיכטע פיס — געהען וואקלענדיג זיך, ווי קראנקע, אין שוהל'כעל אדער אין בית־המדרש, און גיבען אפּ גאט דאס זייניגע. שוין האט ר' יצחק אהרן דער קירזשנער, וואס האט א חזקה אויף די דערוואכענדיגע מנחה־מערב'ס, אפּגעדאווענט פאר'ן עמוד מיט זיין אידענע־קוויטשענדיג קול'כעל, און דער עולם צזגעהט זיך ניט. עס איז ניטא צו וואס אהיים צו געהן. צו עסען האט קיינער ניט, אויסגעשלאפען איז דער עולם פון בייטאג. קיין ליכט צינדט מען ניט אן, די רעשטלאך וואס זיינען איבערגעבליבען פון מערב דאוונען האט דער שמש אויסגעלאשען און באהאלטען איז ארון קודש אריין פאר דעם מארגענדיגען דאוונען. נאר קיין ליכט באדארף מען ניט, די לבנה באלייכט דורך די אויסגעהאקטע שויבען דעם בית־המדרש מיט א מילכעדיג־אויסטעריש ליכט. און ביי דער לבנה ליכט חלום'ט זיך בעסער, זיצען די בעלי־בתים אויף זייערע בענק און דערצעהלען זיך פון אמאליגע טעג. פון יאהר מערק, פון האנדעל און וואנדעל. די פישער'ס דערצעהלען פון יעזשערעס פול מיט פיש, וואס זיי האבען געפאנגען אויף א יום־טוב אמאל. און די קצבים דערצעהלען פון די פעטע בהמות וואס זיי האבען אמאל געשאכטען. און די שניידערס דערצעהלען פון די גוטע סחורות וואס מען האט אמאל געטראגען. נאר איין איינציגער מיש זיך ניט אין עולם, דאס איז ר' מאיר דער דיין. ער האט זיך פאררוקט איז א ווינקעל צום ארון און כאטש מען טאר זיך ניט באנוצען מיט דעם נר תמיד ליכט, דאך קען ער זיך ניט איינהאלטען און לערנט א פרק משניות האלטענדיג דעם ספר געגען דעם שיין פון נאפט־לעמפעל וואס ברענט זיך פאר'ן ארון.

און אזוי ווי די גרויסע, אזוי אויך די קליינע. אין א ווינקעל פון בית־המדרש בייט קאסטען שמות, שטעהען א פּאר חדר־אינגלאך און ריידען צווישען זיך וועגען עסען. די עלטערע פון זיי האבען נאך געדענקט די מאכלים וואס די מוטערס האבען געבאקען, ווען מען האט נאך געקראגען צו עסען. איציקעל דעם שניט־סוחר'ס האט נאך געדענקט די קעז־קיכלאך און די פּוטער־קיכלאך וואס זיין מוטער האט אמאל געבאקען אויף שבועות און ער דערצעהלט דאס מיט דעם לעצטען פלאם אין זיינע אויגען און מיט די רעשט ענערגיע וואס איז איהם נאך איבערגעבליבען אין די דארע קראנקעביינערלאך. ער האלט אין איין אויסרעכענען די מאכלים, און דערביי באלעקט ער זיך, ווי ער וואלט זיי געפּיהלט איצט אין מויל.

— און דו געדענקסט די קעז־קיכלאך, וואס די מאמע האט אמאל געבאקען אויף שבועות? מען טוט אזוי: מען נעמט ווייסע חלה, געבאקען מיט אויל, און ראזשינקעס, און מען נעמט קעז און צווארעך און שמאנט און פּוטער און מען מישט דאס אויס צוזאמען מיט ראזשינקעס און מען פּילט אָן ווייסע חלה און מען באקט עס — האט איציקעל געזאגט מיט א אימפּעט דערביי שלינגענדיג דאס פּארטרעקענטע שפּייעכץ.

— און סטוניקעס געדענקסט דו? — שרייט אויס א צווייטער

— דו ווייסט ווי אזוי מען באקט א סטונעק? מען נעמט שווארצע יאגדעס און מען קאכט עס מיט צוקער און מען פּילט עס אָן אין ווייסע חלה מיט צימערינג און צוקער באשיט — באלעקט זיך א צווייטער אינגעל די פּארטריקענטע ליפּען.

— און איך געדענק ווי מיין מאמע האט א לאקשען־צימעס געמאכט, מיט שמאלץ און גריוועגעס — שרייט א דריטער אינגעל.

די יונגינקע קינדער, וועלכע האבען שוין אליין די דאזיגע גוטע זאכען ניט געדענקט נאר געהערט פון זיי פון דערצעהלען האבען אויסגעהערט די וואונדערליכע געשיכטען פון עסען מיט אויפגעריסענע אויגען און שפּיציגע אויערען. זיי האבען ניט געגלויבט אז דאס אלעס איז אמאל וואהר געווען, און אז זייערע אייגענע ברידער האבען דאס אליין געגעסען. זיי האבען זיך גאר ניט געקענט פּארשטעלען, אז אזעלכע עסענס זיינען אמאל געווען אויף דער וועלט, אז פּראסטע מענשען ניט קיין קיסרים, האבען זיי געגעסען. א קליין אינגעל, א ברוד־

דעריל פון איציקלען מיט צווי גלאנצענדיגע אויגען, וואס זיינען גע־זעסען אין זיין ביינענדיג פנים'ל, האט זיך צוגעהערט צו די אומער־הערטע געשיכטען, וואס זיין ברודער דערצעהלט. האט ער איהם גע־ריסען ביי דער קאפאטע און געפרעגט זיך:

— עס איז גוט געווען?

— פרעגסט דיך ערשט — האט איציקעל באלעקט זיך — מען האט געפיהלט בלויז צוקער און מילך אין מויל. עס איז זיך אזוי אליין צוגעגאנגען אין מויל פאר זיסקייט.

— און ווייסע חלה האט מען אויך — האט א קליינער איגנעל געפרעגט.

— אויף יעדען שבת מיט מאהן באשיט און מיט ראזשינקעס.

— און דו געדענקסט בילקעס?

— וואס איז דאס אזוינס? — פרעגען די קליינע.

— דאס איז מיט אויל, קוכען מיט אויל, און שטיקלאך ציבעלעס אריינגעקנעט, אזעלכע קליינע קיכלאך, פאר יעדען איגנעל א באזונדער קיכעל אין א קליין פענדעל אריינגעלעגט. אוי, עס איז אזוי פריש געווען און עס האט אזוי געשמעקט.

— אוי, דערצעהל, דערצעהל — האבען זיך די קליינע געבעטען. נאר באלד איז דאס געשפרעך איבערגעגאנגען אויף פאסטען.

ווייסט, איך קען שוין פאסטען א גאנצען טאג — רופט זיך אן יצחק'ל דעם שוחט'ס. נאר איינמאל אביסעלע וואסער אין מיטען, און שוין, און איך קען שוין פאסטען.

— אויך מיר א קונץ. איך קען פאסטען יעדען טאג — האט זיך אנגערופען חיים'על לייביל'ס.

— יעדען טאג? — פארוואונדערען זיך די קינדער.

— יא — שאקעלט מיט'ן קאפ חיימ'ל. דער טאטע האט אונז אויסגעלערנט. מיין טאטע האט אויסגעפונען א נייעם „פארטעל" ווי אזוי צו פאסטען און האט אונז אלעמען אויסגעלערענט.

— אוי, דערצעהלט ווי אזוי? — האבען זיך די קינדער געבעטען.

— מען מאכט עס אזוי — דערצעהלט אהרן — צוערשט שלאפט מען. אז עס קומט אין דער פריה, נעמט מיין טאטע, און רוקט דעם זייזער פון זייגער אויפ'ן מיטען דער נאכט. די לאדען זיינען פאר־מאכט און מיר שלאפען, שלאפען אזוי ביז שפעט אין טאג אריין —

אז עס קומט צוועלף אזייגער האָט דאך דער טאַטע מורא, אז מען זאָל ניט פארשפעטיגען קריאת־שמע, הויבט מען זיך אויף איז דער זיינער ערשט זעקס אין דער פריה. נעמט דער טאַטע דעם טלית און תפילין און געהט אין בית־המדרש אריין דאווענען. זאָגט די מאַמע, אז דער טאַטע וועט אהיים קומען פון דאווענען וועלען מיר אלע עסען אָנבייסען. דאווענט דער טאַטע ביז עס ווערט פארנאַכט, ווארט ער שוין איבער מנחה־מעריב — קומט ער אהיים, עסען מיר אלע צו שטיקלאך ברויט, וואָס די מאַמע קריגט — און מיר טרינקען וואסער און מיר געהען ווידער שלאָפען. אזוי האָבען מיר זיך אויסגעלערנט פאַסטען יעדען טאָג. צוערשט איז עס שווער אָנגעקומען. היינט קענען מיר שוין אלע פאַסטען, אפילו מיין קליינע שוועסטעריל — פאַסט אויך יעדען טאָג — און עס פאַסט זיך אזוי גוט.

— מיין טאַטע האָט אויסגעפונען אן אנדער „פּאַרטעל" ווי אזוי ניט צו עסען — האָט זיך אָנגערופען שבתי דעם חסיד'ס — אוי, איז דאָס א גוט „פּאַרטעל"! עס איז אזוי גוט: מען עסט ניט און דאָך פיהלט מען אלע טעמים אין מויל, פונקט אזוי ווי מען וואָלט געוועזען געגעסען.

—ווי אזוי? דערצעהל, דערצעהלט — האָבען זיך די איינגלאך געבעטען.

— איך וועל דיר באַלד ווייזען; נאָר מען דאַרף דערצו האָבען וואסער. ברענג נאָטע א שעפּ וואַסער פון דער רביצי'ן. וועל איך אייך ווייזען.

— דערצעהלט צוערשט.

— מען טוט אזוי — דערצעהלט שבתי — מען נעמט א טרונק וואסער אין מויל אריין און מען האַלט עס לאַנג אין מויל, מען מאַכט צו די אויגען און מען טראַכט זיך, אז מען עסט פיש, למשל, מען מאַכט אזוי מיט'ן מויל פונקט ווי מען וואָלט געווען געגעסען פיש — וועסטו זעהן, אז דו וועסט באַלד האָבען דעם טעם פון פיש אין מויל — אזעלכע גוטע שטיקער שלייען און העכט פיהלט מען אין מויל. אלע טעמים וואָס דו ווילסט נאָר וועסטו פיהלען. אָבער אז דו ווילסט עסען פלייש, געבראָטענע גאָנז, אָדער ווייסע חלה, פארמאַך נאָר די אויגען און מאַך אזוי מיט'ן מויל — וועסטו שוין פיהלען ווייסע חלה

אין מויל, מיט אזוי פיל אייער און אויל און מיט מאַן און מיט צימע־רינג באַשאָטען, און עס איז אַזוי זיס אין מויל".

די ווייסע חלה האָט אַזוי פאַרשמעקט די קינדער, אַז זיי האָבען זיך גענומען גלייך אויפ'ן אָרט אויספּרוואווען דעם מיטעל. וואָס שבתי'ס פאָטער האָט אַנטדעקט. נאָטע איז שוין אַליין אַריינגעלאָפען צו דער רביצי'ן און האָט אַריינגעבראַכט אַ שעפ וואַסער און די אַנ־דערע האָבען זיך גענומען רייסען איבער די שעפעל מיט'ן וואַסער ווי איבער ווירקליכע עסען.

— גיב מיר אַ שטיקעל חלה, מיר מיר, — האָט איין אינגעל געבאַפּט פון אַנדערען די ראַנד ביים שעפעל און געלעקט אַ טרונק. זיי האָבען פאַרמאַכט די אויגען און אַנגעהויבען זיך צו פאַרטראַכטען און פאַרטיפען. באַלד האָט מען באַמערקט ווי איבער די בלייכע אויסגעמאַטערטע פּנים'לאַך פון די קינדער האָט גענומען שפּילען אַ לייטזעליגע נחת'דיגע פרייד, אַ שמייכעל האָט געשפּילט אויף זייערע פאַרמאַכטע אויגען און פאַרמאַכטע ליפּען.

— אוי ווי גוט, אוי, ווי גוט — האָט איין אינגעל געברומט פאַר זיך, אויפקייענדיג דאָס וואַסער אין מויל.

— וואָס האָסטו געפיהלט, יואל?

— ווייסע חלה מיט ראָזשינקעס, אַזעלכע גרויסע ראָזשינקעס.

— און איך — לעקאַך. גרויסע שטיקער לעקאַך מיט האָניג, ווייסט שוין מיט שטיקער מאַקאַראָנען פון אויבען, אַזאַ צוקער מאַ־קאַראָן, ווייסט שוין, ווי פּסח — האָט נחמן באַלעקט זיך די ליפּען פאַר נחת.

— און איך האָב געגעסען לאַקשען מיט יויך — האָט געזאָגט זעליג, וועלכער איז געווען פּראַקטישער, פון די אַנדערע — צוערשט האָב איך אַ המוציא געמאַכט איבער אַ ווייסע זעמעל, דערנאָך האָב איך געגעסען די לאַקשען מיט די יויך, און דערנאָך האָט מען מיר אויפגעגעבען אַ געקאָכט הינדעל און אַ געפילט מעגעלע מיט מערען־צימעס — אוי, עס איז אַזוי גוט געווען.

— אוי, גיב מיר אויך אביסעל לאַקשען מיט יויך און מערען־צימעס — האָט געשריען אַ צווייטער, און צוגעכאַפּט די שעפעל, אַ טרונק וואַסער געטאָן און פאַרמאַכט די אויגען.

— אוי, שבתי, עס איז אַזוי גוט — האָבען זיך די קינדער גע־

פרעהט מיט שבתי'ן, וואס האט געבראכט אין בית המדרש אריין די נייע אנטדעקונג.

— מיר עסען יעדען טאג פלייש מיט ווייסע חלה — האט שבתי דערצעהלט — אז מיר קומען אהיים צום אנבייסען, זעצען מיר זיך אלע ארום טיש, פונקט אזוי ווי צו א סעודה. דער טאטע וואשט זיך, דערנאך נעמט די מאמע און גיסט אן פון דער גרויסען זופען־שיסעל אלעמען אין קליינע טעפעלאך וואסער און זי זאגט: „קינדערלאך, איך האב אייך אפגעקאכט קארטאפעל־זופ, און מיר פארמאכען די אויגען און מיר עסען קארטאפעל־זופ, דאס הייסט, דאס וואסער, נאר עס איז פונקט אזוי באטעם'ט ווי קארטאפעל־זופ. אזוי טוען מיר צום מיטאג־עסען און אזוי פארנאכט. אלע טאג קאכט די מאמע עפעס אנדערש, אמאל קאטלעטען און אמאל זופען־פלייש און שבת האבען מיר געבראטענס. דאס הייסט, וואסער, נאר עס האט פונקט אזא טעם ווי געבראטענס.

— אוי, עס איז אזוי גוט, איך וועל עס דערצעלען אין דער היים — האט א אינגעל זיך געפרעהט.

— גיב מיר, גיב מיר נאך א שטיקעל ווייסע חלה — האט א אינגעל ווידער געכאפט די שפעעל.

נעבען די קינדער איז געשטאנען איינער א אינגעל, וואס מען האט גערופען יאסעלע. זיינע אויגען זיינען געווען גרעסער פון אנדערע קינדער'ס, און זיי האבען זיך תמיד געפינקעלט אין א פייכטען גלאנץ. ער האט זיך איינגעהערט צו די קינדער'ס רייד און יעשמייכעלט. ער האט אויך געהאט וואס צו דערצעלען. און ער האט זיך געשעמט פאר די קינדער, האט ער געשווינגען גלאנצענדיג מיט די אויגען און שמייכלענדיג.

נאר באלד איז זיין רייע אויך געקומען. זעליגעל האט איהם די שפעעל אויך דערלאנגט און געזאגט צו איהם:

— ווילסט פארזוכען לאקשען מיט יויך? — נא! — האט איהם זעליגעל דערלאנגט די שפעעל.

— איך וויל ניט קיין לאקשען מיט יויך — האט יאסעלע אפגע־שטופט פון זיך די שפעעל, און זיינע לאנגע צוויי געקרייזטע פיאות האבען געציטערט, ווען ער האט פארמאכט די אויגען, איבערציענדיג

די דינע, דורכזיכטיגע, מיט בלויע אדערען־דורכגעצויגענע הייטלאך איבער די בולטע אויג־אפלען, געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ניין.

— זעה נאר, זעה, ער וויל דאך ניט לאקשען מיט יויך.

— און ווייסע חלה מיט ראזשינקעס ווילסטו?

יאסעלע האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ניין.

— און צוקער־לעקאך מיט מאנדעל־געפילאכץ און זאדע־וואסער מיט מאלענע־סאק און זויערע אוגערקע מיט אוגערקע־יויך? — האט אנאנדערער געפרעגט.

יאסעלע האט געהאלטען אין איין פארמאכען די אויגען און שאקלען מיט׳ן קאפ אויף ניין.

— אוי, ווי א נאר.

— און ברויט מיט שמאלץ מיט גריווענעס, און א הארט איי, און שטענגלאך מיט אגרעס, און א ווייסע פלוים אין מיטען מיט א זאפטיגע בארנע?

די קינדער האבען געשלונגען דאס שפייעכטס אין מויל. יאסעלע אבער האט געהאלטען אין איין פארמאכען די אויגען און געשאקעלט מיט׳ן קאפ אויף ניין.

— וואס דען ווילסטו?

— איך וויל גאר ניט.

— ווילסט ניט עסען?

— ניין — שאקעלט יאסעלע מיט׳ן קאפ ענערגיש — עסען איז ניט גוט.

— נישט גוט צו עסען? וואונדערען זיך די חברים. אוי, ווי א נאר.

— ניט צו עסען לאנג, לאנג ניט צו עסען — עס איז אזוי גוט, אזוי לייכט, אזוי שעהן, שמייכעלט יאסעלע מיט זיין גאנצען אויסגעצערטען פנים, און די פייכטע גרויסע אויגען שווישטשען איהם.

— און אז מען איז הונגעריג?

— מען איז ניט הונגעריג.

— ביסט גאר ניט הונגעריג?

— איך בין ניט הונגעריג — שאקעלט יאסעלע מיט׳ן קאפ.

— קיינמאל ניט?

— קיינמאל ניט.

—פארוואָס?

— אז מען עסט ניט קען מען שוועבען.

— דו קענסט שוועבען?

— יאָ, ווי א פויגעל, נייז, ווי א טויב, ווי איך וויל שוועב איך.

—און יעצט וואָס טוסטו?

— איך שוועב. אָט שוועב איך ארויף אויפ'ן באלעמער — זאָגט יאָסעלע פארמאכענדיג די אויגען — און אָט בין איך ארויפגע־פלויגען, האָב איך אָנגעפגעשוועבט אויף די כרובים, איך רייט אויף די אדלערס, און איך זעה אייך אלע פון אויבען — אלע אלע, איהר זייט קליין — זאָגט יאָסעלע

— אין הימעל אריין קענסטו שוועבען?

— יאָ, קומט ארויס, וועל איך שוועבען אין הימעל אריין.

די קינדער זיינען ארויס אויף דער גאַס. יאָסעלע איז געגאַנגען פאַראויס. אין דרויסען איז שוין געווען נאַכט. די לבנה האָט זיך ארויסגעוויקעלט פון בלויע פאַרהאַנגען, פון איינע ארויס, אין די אנ־דערע אריין, ביז זי איז ארויסגעשוואומען אין א בלויען טייך, וואו עס האָבען ארומגעשוואומען ווייס־וואָלענע שעפסען מיט וואָלענע פליגלען.

יאָסעלע איז געבליבען שטעהן אויף די טרעפּלאך פון בית־המדרש. ער האָט פארמאַכט די אויגען און האָט געווענדעט זיין אויסגעבלייכט פּנים'על צו דער לבנה. זיין פּנים'על איז באַלד באַגאָסען געוואָרען מיט א בלויליך־מילכעדיגעם ליכט, ער האָט גערעדט ווי פאַר זיך אין אנטציקונג:

— איך שוועב, איך שווים — אָה, איך פליה.

— דו שטעהסט דאָך דאָ מיט אונז! — האָט איציקעל געזאָגט.

— נייז, נייז, איך בין שוין אין הימעל — האָט יאָסעלע גע־זאָגט ווי פאַר זיך, פאַרטיפענדיג זיך אין זיינע מחשבות, און זיין פּנים'על האָט גענומען לויכטען מיט א פרייד. א, ווי שעהן דאָ איז. אזוי פיל בלויע פאַרהאַנגען, און זיי פאַכען אזוי ווי א ווינט וואָלט אין זיי געבלאָזען, פונקט אזוי ווי א וואַסער. א, איך שוועב צווישען צוויי פאַרהאַנגען, פון איינע ארויס אין די אנדערע אריין. איך יאָג מיך נאָך נאָך דער לבנה. די פּרוכת'ן פאַרשטעלען, לאָזען ניט צו. אָט באַלד בין איך ביי איהר. איך שווים. אוי, ווי שעהן, טאַטע! — האָט

יאסעלע אויסגערופען אין פארציקונג און איז פלוצלונג שטיל געוואָרען.

— וואס שעהן ? וואס זעהסטו, יאסעלע ? וואס זעהסטו ? דערצעהל.

גאר יאסעלע האט ניט געענטפערט. ער איז געשטאנען א לאנגע ווייל מיט דעם פנים'על געווענדעט צו דער לבנה און ער האט געשמייכעלט, געשמייכעלט פאר זיך.

— יאסעלע, יאסעלע, וואס זעהסטו ? דערצעהלט, דערצעהל — האט איהם א אינגעל געוועקט.

— ש—ש—שא, שטיל — האט יאסעלע זיי בארוהיגט מיט דער האנט — איך שווים אין די לבנה אריין. א, ווי בלוי, אזא בלויער זיידענער טייך, א שוהל שווימט אויפ'ן טייך. נישט, א סוכה—שוהל שווימט אויפ'ן טייך מיט אזוי פיל ליכט, אוי, וויפיל ליכט ! מיט בלויע זיידענע פרוכת'ן און ליכט. און מען זינגט, א, ווער זינגט ? — אזוי פיל בלויע סוכות שווימען ארום דעם טייך, באהאנגען מיט בלויע פרוכת'ער און סכך באדעקט און אינווענינ דאווענט מען. און מען זינגט. אידען זיצען מיט אזעלכע ווייסע בערד אין בלויע טליתים אנגעטאן, און מאמעס זיצען ארום, שבת'דיג אנגעטאן מיט אזוי פיל פעריל און בריליאנטען, און שבת־ליכט ברענען זיך, און מיידלאך שטעהען ביי די מאמעס — שמייכעלט יאסעלע פארשעמט — מיט געוואשענע צעפ, און העלפען די שבת־ליכט בענשען... און אינגלאך זינגען מיט די טאטעס. פון יעדע סוכה זינגט מען ארוים. הערט ווי די פידעלאך שפילען פון די סוכות ארויס ! א, עס איז א יום־טוב היינט, חול־המועד, חול־המועד. איין סוכה שווימט צו דער אנדערער צו, און מען געהט אין געסט, מען גיט זיך שלום עליכם אפ, א, וואס פאר א יום־טוב עס איז היינט אויף דער לבנה !

די אינגלאך האבען אנגעקוקט יאסעלען און געזעהן ווי ער האלט אלץ די אויגען פארמאכט — און זיין פנים איז באלויכטען מיט אזא אויסטערלישעם ליכט. זיי האבען זיך ניט פארוואונדערט וואס יאסעלע זעהט אזעלכע שעהנע זאכען. לייביש דעם דיין'ס איז איהם געגאנגען נאכמאכען. ער האט אויך פארמאכט די אויגען און געווענדעט זיין פנים'ל צו דער לבנה צו האט ער זיך אויך פארטראכט א לאנגע ווייל.

— אַ, איך זעה אויך, איך זעה — האָט לייביש דעם דיין׳ס אויסגעשריען. אַ. איך זעה אַ גרויסע שיף שווימט אריין אין דער לבנה. כלי זמרים שטעהען אויף די שיף, אידישע כלי זמרים. עס איז אַ חתונה, ניין, אַ רבי פּארט, אַ גרויסער רבי פּארט, אזוי פיל אידען ארום מיט נייע אטלעסענע קאַפּאָטעס, אין טייערע שטריימלען, מיט אזוי פיל ברייטע פוטערנע קראַגענס, סאַבאָל, שאַ, שאַ, די מאַמע געהט; אזוי פיל אידישע מאַמעס, און אזוי שעהן אָנגעטאָן, טאַטע קרוין, בריליאַנטען און פּערל, עס שווינצטשעט אזוי אין די אויגען, און מען גרייט צום טיש — האָט לייביש אויסגעשריען מיט נדולה — אַ, זויפיל טישען, אַ גאַנצע שוהל מיט טישען, געדעקט מיט אַזוינע ווייסע צווועלען, און ווייסע חלה פאַר יעדען איינעם צוויי ווייסע חלות, און, וואָס פאַר גוטע חלה, זי שמעקט אזוי!

— איך זעה אויך, איך זעה אויך — האָט אַ דריט אינגעל אויסגעשריען, פאַרמאַכענדיג די אויגען און געווענדעט דאָס פּנים׳ל צו דער לבנה. — אַ, מען דערלאַנגט פיש, פיש — עס איז אַ סעודה, אַ חתונה, אַ, מען מען שנייט לעקאַר, אזעלכע גרויסע שטיקער לעקאַר, אַ, מיר אויך אַ שטיקעל! מיר אויך! — שרייט דאָס אינגעל.

— ניין, ניין, נים קיין לעקאַר, נים קיין חלה — נאָר סוכות, און מען זינגט, מען שפּילט — מען עסט גאָר נים, עס הונגערט גאָר נים — בלויז מען זינגט — און מען שווימט, מען שווימט — זאָגט יאַסעלע.

— ווי? ווי? איך זעה נים קיין בלויע חופות, בלויז חלה, ווייסע חלה, — אויף געדעקטע טישען, זאָגט לייביש׳ל.

— און איך זעה נאָר פיש, בלויז פיש — אוי וואָס פאַר אַ גרויסע פיש!

— ניין, ווייטער, דאָרט, ווייטער, שווימען די בלויע חופות ארום — און מען זינגט, דאָס בלויע וואַסער זינגט... — זאָגט יאַסעלע ווי פאַר זיך אין שטילען פאַרציקונג געווענדעט דאָס פּנים צו דער לבנה צו...

# צער בלעטליך

# אין א קאַרנעוואל נאַכט

.1

ר׳ שמואל הווירדעס האָט בענגליים די טאָכטער ביז צו דער טהיר. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, נור די מיידעל האָט שטיל אראָבגעהאַל־טען די אויגען צו דער ערד, און דער קנייטש וואָס האָט זיך פערקרימט איבער איהר אויבערשטער ליפּ האָט אזוי געשוויגען, אז דער אַלטער איד האָט, קוקענדיג אויף איהם, אראָבגעשלונגען די ווערטער און זיך איינינע מאָל די ברייטע האַנד איבער די באָרד אריבערגעצויגען און שווייגענדיג האָט ער זיך איבער די שטוב ארויף און אראָב געדרעהט.

אז דאָס מיידעל מיט איהר ברודער, וועלכער האָט זי בענגליים מיט די לאַמטערן, האָבען שוין געהאַט די שטוב פערלאָזט, האָט זיך דער אַלטער געטראַכט: רבונו של עולם, לאָז קומען פאַר דיר די שאַנד פון יונגע קינדער וואָס טראָגען זי רוהיג איבער פאַר דיין כבוד וועגען.

דאָס מיידעל, וועלכעס האָט אין איהר אָרעם געהאַלטען רויטען זיידען־שטאָף און נאָדלען און האקלען מיט זילבער־פעדעם און גאָלד־פעדעם, האָט שטיל נעבען איהר ברודער די שמאָלע געסלעך פון דער רוימער געהעטאָ דורכגעצויגען. עס איז געווען א ליכטיגע לבנה־נאַכט און די לאַמטערן, וואָס דער ברודער האָט געהאַלטען אין האַנד, איז מעהר געווען לכבוד איהר, — ווייל א כלה מיידעל טאָר נישט אליין געהן ביינאַכט, און עס הייסט: זעהט א כלה־מיידעל געהט, — איידער דעם וועג צו בעלייכטען, וועלכער איז גענוג העל געווען פון לבנה־ליכט און לאַמטערן־שטראַהלען, וואָס האָבען ארויסגעשיינט פון די הייזער. שטיל זיינען זיי ביידע פערבייגעגאַנגען די אָקטאַוויאַ אַלעע, אין וועלכע די אַלטע רוימער האָבען טיטוס׳ען מקבל פנים געווען נאָך זיין ירושלים־נצחון, און פון וועלכער עס האָט יעצט ארויסגעשיינט א שטאָלצער קרייץ מיט די העברעאישע ווערטער: „האַרטנעקיג פאָלק וואָס דו טהוסט אָבקעהרען דיין רוקען פון גאָט׳ס וואָרט“.

כאָטש זיי האָבען שוין אַזוי פיעל מאָל די העברעאישע ווערטער אראָבגעלעזען פון די קירכע און זיינען ביידע שוין ניט איינמאָל געוואָרען אריינגעשמיסען מיט די בייטש פון די שומרים שבת נאָכמיטאָג צו הערען די דרשות פון די פּרעדיגער, דאָך האָבען, ווי אויף דעם ברודער, אַזוי אויך אויף דער שוועסטער, די העברעאישע ווערטער פון קרייץ אראָב געמאַכט אַ מין ווילדען איינדרוק, און אַ טיעפער שרעק, אַ בעהאַלטענער שרעק איז זיי פּלוצלונג בעפאַלען. שטילשווייגענדיג זיינען זיי ביידע נעבען אַנאַנדער געגאַנגען, ביז זיי זיינען אָנגעקומען פאַר ר׳ יוסף׳ס הויז. דער ברודער האָט ניט געוואָלט מיט־אַריינגעהן; ער האָט געוואוסט אַז דרינען געפינט זיך זיין כלה, כ. ט וועלכע ער וואָלט זיך ניט געוואָלט טרעפען יעצט, אין אַזאַ מינוט. האָט ער זיך אָבגעשיידט פון די שוועסטער מיט אַ בלויז „גוטע נאַכט“ און אַזוי ווי זיי זיינען שווייגענדיג געגאַנגען, אַזוי האָבען זיי זיך שווייגענדיג אָבגעשיידט.

ביי ר׳ יוסף׳ן אין דער גרויסער שטוב זיינען שוין געוועזען פערזאַמעלט די פאַרנעהמסטע אידישע טעכטער פון דער קהלה רוים און ביי דעם שיין פון קליינע אויל־לעמפּלעך האָבען זיי אויף טהייערע רויטע זיידען שטאָף מיט זילבער־פעדעם און פּורפּור־פעדעם אויסגעהעפט דיוואַנען.

דעם מיידעל׳ס אַריינקומען האָט ניט געמאַכט קיין אויפזעהן, ווי עס וואָלט אַן אַנדער מאָל דער פאַל געוועזען. זי האָט זיך ניט געוויטעוועט מיט איהרע חבר׳טעס; זי האָט נאָר לייכט מיט׳ן קאָפּ געגריסט צו איהר ברודער׳ס כלה, וואָס האָט איהר שוואַרצען אידיש־שפּאַנישען קאָפּ אויפגעהויבען ביי איהר אַריינקומען. שווייגענדיג האָט זי זיך, ווי איהרע חבר׳טאָרינס, צו דער אַרבייט אַנידערגעזעצט, האָט אַ קאָפּ פון אַ לייב, וועמעס פוס איהרס אַ חבר׳טע האָט געהאַט, אָנגעהויבען אויסצונעהען. און שטיל איז געוועזען ביים אַרבייטען, ווי עס וואָלטען דאָ נישט יונגע כלה־מיידלעך געזעסען מיט יונג בלוט אין די אָדערען, און מיט יונג ווילען אין האַרץ. ניט עס האָט אָבגעקלונגען דאָס ריינע מיידעל־לאַכען, וואָס בעגלייט אַזאַ אַרבייט, ווען דאָס כלה־מיידעל העפּט אויס אַ טלית־בייטעל פאַר איהר חתן און דאָס לאַכען מאַכט די פאַרב העלער. עס איז גיכער גלייך געוועזען, ווי אַלטע ווייבער וואָלטען געזעסען אין אַ מגפה־נאַכט און וואָלטען זיך תכריכים אויפגענעהט — צו דעם קומענדען טויט.

ווארים דאס העפטען איז געווען אן ארבייט פון אונטערטהעניגקייט און שאנד. די אידישע כלה־מיידלעך האבען דיוואנען אויסגעהעפט צו בעפוצען דעם טיטוס־בויגען, וואס מען האט געשטעלט לכבוד טיטוס, נאכדעם ווי ער איז פון דער עראבערונג פון ירושלים צוריק געקומען. איצטער בעפוצט מען דעם בויגען לכבוד די פראצעסיאן פון דעם „הייליגען פאטער", וואס וועט מארגען, אין ערשטען טאג פון קארנאוואל, דורך דעם טיטוס־בויגען דורכגעהן, און מיט זיין פוס טרעטען אויפ'ן קאפ פון עלטסטען רב, וואס וועט איהם א ספר תורה דערלאנגען. און די מנורה מיט דעם שלחן הזהב, וואס זיינען אויסגעהאקט אין די וואנד פון דעם בויגען, וועלען ארויסקוקען פון די דיוואנען, וואס די אידישע טעכטער האבען אויסגעהעפט, און וועלען אין דער שטיל, מיט א שטילער ווירדע, ווי עס פאסט פאר אזעלכע מיוחסים ווי זיי זיינען, איבערטראגען זייער צער.

אזוי זיינען געזעסען די אידישע טעכטער און האבען, ניט מיט איין ווארט די טרויעריגע שטילקייט צו שטערען, געטהאן זייער ארבייט.

אין דעם איז אריינגעקומען דער אויפזעהער פון דער מארגענדיגער צערעמאניע און, אהן א ווארט צו רעדען, איז ער צוגעגאנגען צו דער ארבייט, האט אנגענומען די שטיקער און בעקוקט זיי איינס נאכ'ן אנדערען.

די פאטערס פון די מיידלעך האבען זיך אין דער טהיר געוויזען, נישט איבערצולאזען דעם גוי מיט אידישע טעכטער אליין, אזוי ווי דער דין איז. אריינצוגעהן האבען זיי דאך מורא געהאט, זיי זאלען דעם גוי ניט דערצארענען.

דער אויפזעהער האט איין שטיק נאך דעם אנדערען אויס דער האנד געווארפען און, נישט ווי עפעס קענענדיג מעיז פנים זיין די מיידלעך, וואס, אין זייערע שווארצע זיידענע שטאפען־קליידער און די פערלען געשמיקט, זיינען עהנליך געווען צו געפאנגענע פרינצעסינען, האט ער זיך צו די אידען געווענדעט אין דער טהיר: אידען, גנבים! איהר ווילט אונז אבנארען מיט'ן שטאף און פעדעם!...

און ארויסגעהענדיג האט ער זיך צו זיי געווענדעט: וועט איהר ניט מיט אנדערע דיוואנען דעם בויגען בעפוצען, וועל איך לאזען די

פרוכת'ן פון אייערע שוהלען און די העמדלעך פון אייערע ספרי־תורות
אראבריייסען און מיט זיי דעם בויגען אויספוצען.

— זעה, דאס שעהנסטע, דאס בעסטע, — האבען זיך טהייל פון די
אידען געפרובט ביי איהם בעטען.

— ביז צום ערשטען קלאנג פון דער פעטער'ס קירכע האט איהר
צייט !... — האט ער שטרענג געזאגט, און איז ארויס פון דער שטוב.

די מיידלעך האבען זייער ארבייט אבגעהאקט, און, האלטענדיג
די פעדעם אין די הענד, האבען זיי טהייל אויף דער ערד געקוקט, טהייל
צו די פאטערס, טהייל ווייט אין פענסטער אריין, געשעהמט זיך צו
בעגעגענען מיט די בליקען. די פאטערס אויף דער שוועל פון דער טהיר
זיינען אויך שווייגענדיג געבליבען, א מינוט נאכגעדענקט. אזוי האבען
אלע געווארט אין שווייגען.

דער עלטסטער, דער בעל־הבית פון דער וואוינונג, ר' יוסף, האט
זיך אבגערופען :

— אידישע טעכטער, דער כבוד פון דער תורה איז יעצט אין אייערע
הענד. טהוט ווי איהר פערשטעהט.

א מינוט האבען נאך די אידישע טעכטער געווארט.

באלד דערויף, מיט רוהיגע טריט, אהן א ווארט צו ריידען, האט
זיך אויפגעהויבען דעם בעל הבית טאכטער, די כלה פון לאה'ס
ברודער, און איז אין איהר צימער אריינגעגאנגען, איהר קאסטען אויפ־
געעפענט, אין וועלכען עס איז געלעגען איהר אויסשטייער, און האט
פון דארט ארויסגענומען א שווארץ סאמעט מענטעל, אויסגעהעפט
מיט גאלדענע פעדעם די כותל־מערבי מיט די פיער טענען־בוימער. די
בלעטער פון די טענען־בוימער זיינען געווען אויס מאטע זילבער־פעדעס,
בעפוצט ארום מיט וויינטרויבען־בלעטער אויס דעם זעלבען מאטען
שטאף, און דא און דארט זיינען אויף די בלעטער געהאנגען טהוי־
טראפען, ארויפגעווארפען אויס א מאטען זילבער־טראץ. די ארבייט איז
געווען זעהר קינצליך און עדעל אויסגעפיהרט. שוין דאס דריטע יאהר,
זינט זי איז א כלה געווארען, העפט זי אוים פאר איהר חתן א טלית־
בייטעלע, אין וועלכען מען וועט איהם דאס ערשטע מאל דעם טלית
דערלאנגען צו דער חופה. אלע איהרע מיידעל־חלומות, אלע איהרע כלה־
חלומות האט זי אריינגענעהט מיט די פעדעם אין דעם זעקעל אריין. מיט
איהר פרייד זיינען די פארבען העלער געווארען. מיט איהר טרויער זיינען

די פאַרבען טונקעלער געוואָרען. און גאָר נישט צו רעדען, האָט זי די חתן־מתנה, פון די כלה־הענד געהעפט, אין שטוב אַריינגעבראַכט און שווייגענדיג אויף דעם טיש אַניעדערגעלעגט.

און יעדע כלה נאָך איהר איז אַהיים געגאַנגען און פון איהר קאַסטען איהר חתן׳ס־זאַק, מצה־צוועל און חופה־טוך אַרויסגענומען, אין שטוב צו ר׳ יוסף געבראַכט, און שווייגענדיג אויף דעם טיש אַניעדערגעלעגט.

און די אידישע מיידלעך האָבען די טלית־זעק צוזאַמענגענעהט און פון דעם אַ גרויסען טעפּיך געהעפט צו בעפּוצען דעם טיטוס־בויגען, וואָס די אַלטע רוימער האָבען לכבוד איהם אויפגעשטעלט, ווען ער איז פון רוים צוריקגעקומען פון דעם נצחון איבער ירושלים.

.2

אין דער זעלבער נאַכט האָבען זיך די שווערע טויערען פון דער הייליגער פּעטרוס־קירכע אויפגעעפענט. און דער איד פון דער שטאָדט נצרת, וואָס איז אין גליל, איז פון זיין קרייז אַראָב און די מזרח־וואַנד פון דער פּעטרוס־קירכע פערלאָזט. זיין וואונד אין הער זייט און זיין קערפּער האָט ער אַרומגעהילט מיט יוסף׳ס ליילעך פון דער שטאָדט ערימתאַ און האָט אַליין איבער די גאַסען פון רוים געוואַנדעלט. קיין געלען פלעק אויף זיין רוקען, דעם צייכען פון זיינע ברידער, האָט ער נישט געטראָגען, און די שומרים האָבען איהם נישט אָבגעהאַלטען, כאָטש די טהויערען פון געהעטאָ זיינען שוין לאַנג געווען פערקלאַפּט און ער, אַלס איד, האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אויף יענער זייט געהעטאָ־טויער נאָך דעם לעצטען קלאַנג. רוים איז געווען בעשעפטיגט מיט מאַסקעס קלעבען און קאָסטיומען זיך אויפנעהען צום מאָרגענדיגען קאַרנאַוואַל. די רוימער האָבען נישט געזעהן דעם מענשען־גאָט, וואָס האָט זייער הייליגע קירכע פערלאָזט, און צווישען זיי זיך אַרומגע־רעהט. עס האָט זיך זיין ליילעך געבלייכט צווישען די הויכע זיילען וואָס ווינען אויפ׳ן פּעטרוס פּלאַץ. אַליין איז ער איבער דעם אַלטען בית־המדרש פערבייגעגאַנגען, וואָס שטעהט געגענאיבער דעם קאָלאָסעאום, ער האָט געהערט די אידען׳ס געוויין פון אינווייניג, ווי זיי בעטען, אַז גאָט זאָל זיי ביישטעהן מאָרגען, ביי דעם ערשטען קאַרנאַוואַל זונטאָג, נישט פערשעהמען, אַז זיי זאָלען נישט פיעל חרפּות אַריבערטראָגען,

און אז דער הייליגער פאטער, ווען ער וועט זיין פוס אויפ'ן קאפ פון אלטען רב טרעטען, זאל דאס ספר תורה וואס מען וועט איהם דערלאנגען, נישט צו דער ערד ווארפען. ער איז פערביי דעם קאלאסעאום געגאנגען. די לבנה אליין האט אין דעם גרויסען שרעקליכען מויער ארומשפאצירט, נישט צו קענען פון איהם ארויסצוקומען. דעם איד פון דער שטאדט נצרת האט זיך געראכט נאך צו פערנעהמען די רופען פון זיין נאמען פון זיינע ערשטע גלויבינגע, וואס האבען, ראנגלענדיג זיך מיט די חיות, איהם אויסגערופען ביי דעם לעצטען זיפץ.

דער מענשען־גאט איז דורכגעגאנגען דעם „אויגוסט"־טויער, וואס שטעהט ביי דעם אריינגאנג פון דער שטאדט רוים. אין נאכט געהילט האט ער דארט געטראפען משיח'ן זיצען אויף א שטיין און אנגעבונדען צו דער וואנד ביי ביידע פיס מיט צוויי שווארצע שווערע קייטען. אין האנד האלט ער דעם שופר, דאס קריגעל אויל שטעהט ביי איהם, און ער ווארט אויף גאט'ס ווארט, ער זאל איהם הייסען צו בעפרייאונג בלאזען. די אויגען איינגעגראבען אין דר'ערד, און דער שטאלצער הויכער, שטאלענער שטערן — ווי א שילד געגענאיבער די שרעקליכע לאנגע "פיא אפיא". דער מענשען־גאט האט זיך צו משיח'ן געווענדעט און האט געזאגט אזוי :

— משיח, איך בין צו דיר געקומען. זיי מיר מוחל איבער אלעס וואס זיי טהוען אין מיין נאמען.

משיח האט דעם קאפ געבויגען צו דר'ערד און געשווינען.

— צו בין איך דען נישט צו אייך געקומען ? צו האב איך דען אייך נישט ווי א הוהן, וואס נעהמט איהרע יונגע היהנדעלעך אונטער איהר פליעגעל ארונטער, — נישט געוואלט ארונטערנעהמען ? צו האב איך דען פאר אייך מיין בלוט נישט פערגאסען אין מיין מאמע'ס אויגען ? צו וועמען בין איך דען געגאנגען ? אין אונזערע בתי־מדרשים האב איך מיך דען נישט געפונען ? אין די שוהל־הויפען האב איך מיך דען ניט אויפגעהאלטען, און צווישען אייך און פאר אייך מיין ווארט פערשפרייט ? און ווי פון אן אבקרעציגען האט איהר זיך פון מיר אבגע־שיידט. און יעצט זיינען פרעמדע געקומען, דאס לייעך האבען זיי פון מיין לייב געריסען און אויף פעהנער עס צושניטען. די פעהנער האבען זיי אין מיין בלוט געטונקט, און מיט זיי ציהען זיי אויס — טרערען און

צער צווישען מיינע ברידער צו פערברייטען מיט מיין נאָמען אויף זייערע ליפען. מיין וואָרט צו שלום האָבען זיי צו מלחמה פערדרעהט, מיין וואָרט צו סליחה האָבען זיי צו נקמה פערקעהרט. די בחורים פון מיין פאָלק האָבען זיי צו זייערע וועגען געשפאַנט. און די כלות — מיינע שוועסטער — מיט שאַנד און שפּאָט האָבען זיי זייערע אויגען צו דער ערד געדריקט.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען.

— און אויף מיין שטוהל האָבען זיי זיך געזעצט צו פרעסען און צו זויפען און צו רעגיערען איבער די וועלט. זעה, זיי זאָגען ווערטער אין מיין נאָמען, וואָס איך האָב זיי נישט געזאָגט, דעם טרויעריגען געמיטה האָבען זיי נישט געטרייסט, די טרערען פון דעם אונגליקליכען האָבען זיי נישט געווישט. דעם אונטערדריקטען טהוען זיי נאָך מעהר אונטערדריקען, און דעם ערהויבענעם טהוען זיי חנפ'ענען. אָ, איהר פרעמדע, ווער האָט אייך דאָס רעכט געגעבען, איהר זאָלט משפּט'ען צווישען אַ ברודער און אַ ברודער? מיין וועהטאָג טהוט איהר דאָך נישט פיהלען, און מיין צער טהוט איהר דאָך נישט פערשטעהן.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען.

— דאָ ביי דיר וויל איך זיצען, מיינע הענד, ווי דיינע, לאָזען זיי צו די מויערען קייטען. מיינע אויגען, ווי דיינע, וועל איך אין דער ערד איינגראָבען. און מיט מיינע ברידער אינאיינעם, און מיט מיינע שוועסטער אינאיינעם — שאַנד און שפּאָט אריבערטראָגען, וואָרים דערווידער איז מיר זייער לויב און געזאַנג. וואָרים צו מיין האַלז טהוען זיי זיך בוקען, און מיין וואָרט האָבען זיי געטהאָן פערגעסען. דאָ מיט דיר וויל איך וואַרטען, ביז עס וועט קומען דער טאָג פון נאָט, און דו וועסט מיט דיין שופר בלאָזען, צו פערזאַמלען די פעלקער הינטער דיין באַרג. און — ווי דער געטרייער שעפער זיין שאָף, אין טאָג פון היץ און וואַרעמ־קייט, זאַמעלט פון וואַסער אויף — וועל איך מיין סטאַדע צוזאַמענ־נעהמען און וועל גאַנץ מאַכען דאָס, וואָס דער לייב האָט פערצוקט, און וואַרעמען דאָס, וואָס דער ווינטער האָט פערקיהלט, און היילען דאָס, וואָס די הינד האָבען צוביסען. און ווישען וועל איך די טרערען פון אונגליקליכען, און הויבען דעם צובראָכענעם געמיטה, וואָרים דענסטמאָל וועל איך זיין מיט זיי און מיינע ווערטער וועלען לעבען אין זיי.

.3

...עס איז געקומען די צייט פון „לויפען“. די ענגע קאַרזע, וואָס שמעהט מיט איהרע אַלטע בעלי־בתים — די ערנסטע הייזער — פון דור־דורות, איז געוואָרען איינגעטונקט אין אַ ים פון פערסישע היט און טערקישע מיצען. געפּאַקט זיינען געוועזן די באַלקאָנען מיט די פּאַר־נעהמסטע סינאָרעס און סינאָרען, וועלכע, אין ווילדע מאַסקעס און אויסגעלאַסענע קאָסטיומען, האָבען זיך מיט גרויס נייגיריגקייט צוגע־קוקט צום „לויפען“. פון יעדען פענסטער און באַלקאָן, וואו די רוימער געזעלשאַפט איז געווען פערזאַמעלט, פון אַרקאַדאַ מיציאַנאַ איבער די גאַנצע קאָרזע, ביז צו דער קירכע סאַן־מאַרקאָ, האָבען אַראָבגעהאַנגען ברייטע פּערשיערען־קאָלירטע טעפּיך־בענדער, קראַנצען בלומען און זיינען אַרויפגעפאַלען אויף די מאַסע קעפּ פון דער אָנגעפילטער קאָרזע. מיט שווערליכקייט האָבען די אויפזעהער פון דעם קאַרנאַוואַל, וואָס זיינען געווען אָנגעטהאָן אין רויטע, ווילד־אינדישע פעדעם־היט, מיט נאַקעטע פיס, געקענט פּלאַץ מאַכען צווישען די מאַסקעס פאַר די לויפערס. און איבער דער קאָרזע, איבער דעם זעלבען אָרט, וואָס זיינען אַמאָל, פאַר די קריסטען־צייט, די שעהנסטע און פאָרנעהמסטע יונג־לינגען פון רוים נאַקעטערהייד געלאָפען פאַר ווילדקייט און פרייקייט פון מעטאַ צו מעטאַ, און די שעהנסטע יונגפרויען פון רוים האָבען זיך זיי אין די אָרעמס געוואָרפען און געשטערט זיי, — זיינען היינט, — פאַר די אויגען פון דעם הייליגען „פאָטער“, וועלכער איז געזעסען אין פענסטער פון דער מעטאַ, אין סאַן־מאַרקאָ׳ס קירכע, — געלאָפען אַכט גרייז־גראָע אידען, געיאָגט פון קאַרנאַוואַל־זעלנער אויף פערד און אונטערגעשמיסען מיט ריטער. די אידען וואָס זיינען נאַקעט געווען, נור בלויז אויף זיך לייכטע העמדער געהאַט, האָבען, מיט זייערע אויסגע־קרימטע פיס און פולע בייכער (ווייל מען האָט זיי פיעל צום עסען געגעבען פאַר׳ן לויפען), דאָס ווילדעסטע געלעכטער אַרויסגערופען ביי די רוימער. געהעצט און געיאָגט פון די מאַסען, זיינען די אַלטע אידען געלאָפען. וועלענדיג פערדעקען זייער טהיילס־נאַקעט לייב, שעהמענדיג זיך פאַר די פרויען, זיינען זיי געפאַלען און זייערע קרומע בעוועגונגען האָבען אַרויסגערופען דאָס ווילדעסטע לאַכען און די רווישענדסטע העצ־רייען ביי דעם אויפגערודערטען עולם. פון די פענסטער האָט מען זיי

אַראָבגעוואָרפֿען געשרייען און צורופֿען. די מאַסע האָט זיי נאָכגעיאָגט מיט האַנד־פֿאָכערן און רוישענדען געלעכטער, און די אַלטע אידען, געיאָגט פֿון די שמיץ פֿון די קאַרנאַוואַל־וועכטער אויף די פֿערד, גע־רייצט פֿון דעם ווילד־געוואָרענעם עולם, פֿערטויבט פֿון רוישענדען לאַכען און געוואַלדען, זיינען ווי משוגע געלאָפֿען. געלאָפֿען ווי אויס א שרפֿה, נישט וויסענדיג פֿון וואַנען און וואוהין, געלאָפֿען ווי צומישטע; בענליים מיט שפּאַס און שמיץ, זיינען זיי ווי אויס זיך אַליין געלאָפֿען; געלאָפֿען ווי אין א חלום, נישט געזעהן קיין מענש און הויז, נאָר שדים און רוחות, און לאַכען און שמיץ, ביז זיי זיינען צו די מעטא פֿאַר דער סאַן־מאַרקאָ אַנגעקומען... נאָך רוישט די צוהיצטע מאַסע, נאָך רופֿט זי זיי מיט לויטען לאַכען, און נאָך פֿאָכערן די טיכער פֿון די באַלקאָנען נעבען דעם ערשטען וואָס איז צו צו דער מעטא. — נור פּלוצלונג, זעהט: די הים אַראָב! דער עולם פֿאַלט מיט די פּנים'ער צו דער ערד, און א שרעקעדיג שטילשווייגען רוהט איבער די ליעגענדע אקסלען און די איינגעגראָבענע פּנים'ער אין דר'ערד. דאָ און דאָרט פֿערהאַקען זיך די פֿענסטער, די סינאָרעס און די סינאָרען אויף די באַלקאָנען פֿאַלען אויף די קניע, בויגען די קעפּ; און די גאַנצע קאָרזע — ווי איין שטראָם ליעגענדע קעפּ — און די שטילקייט, און דער שרעק רוהט איבער זיי. ער, דער מענש־גאָט, איז געווען צווישען די „לויפֿערס", זייער גאָט האָבען זיי געשמיסען, זייער גאָט האָבען זיי געיאָגט. מיט זיין בלייך פּנים האָט ער זיך אומגעדרעהט פֿון דער סאַן־מאַרקאָ וואַנד. מיט יוסף'ס לייליך פֿון דער שטאָדט ערימתא האָט ער זיינע נאַקעטע פֿיס צוגעדעקט, און הויך האָט ער אויפֿגעהויבען דעם קרייץ איבער די ליעגענדע קעפּ און איז אדורכגעגאַנגען דורך זיי....

.4

דער לעצטער פֿון די פּינף האָט אין א פֿענסטער אריינגעקלאַפּט:
— מענשען! אונזערע ליגען געשאָכטען אין מיטען מאַרק... מען לויפֿט מיר נאָך... לאָזט זיך פֿערשטעקען....

פֿערשלאָסען איז געווען דעם ברודער'ס האַרץ ווי די טהיר פֿונ'ם הייזעל.

און עס האָט געבלישצעט.... און א יונגלינג־בלוט האָט א טויטעס שטאָהל אין א לעבעדיגער האַנד געוואַרימט....

און די זון האָט זיך אין אַ בלאָהען, טונקעלען וואָלקען געהילט, איהר ליכט האָט זיך דאָ און דאָרט פון די וואָלקען־רים געגאָסען און בעקושט וואסער, פעלד, הויז און בוים מיט הימעל־ליכט. נאָר באַלד האָט דער וואָלקען זיינע רים בעהעפטען און מאָט איז געוואָרען וואסער, פעלד, הויז און בוים. נאכט איז געוואָרען איבער דעם טרויאַנאַווער הימעל און איבער די טרויאַנאַווער ערד. זעה די שווארצע האַנד, וואָס ציהט שווארצע שלייערען פון אַלע עקען פון דער וועלט, און ווארפט זיי אַיינס אין אַנדערען אריין, און שלעפט זיי איבער טרויאַנאַוו אַרום. שווארץ און נאכט איז איבער טרויאַנאַוו; שווארץ און נאכט איז איבער די הייזלעך, וואָס שטעהען, טהיר און לאָדען פערהאַקט, פון פאַר זונען־אונטערגאַנג ביז נאָך זיין אויפגאַנג, און דער טויט וואוינט אין זיי. לעבעדיגער טויט און טויטעס לעבען, און דער מלאך המות האָט זיין מאַנטעל פערשפרייט איבער זיי. שטעהען זיי, די הייזלעך, ווי נאָך וידוי אָבגעזאָגט, אַנגעגרייט צו אַלעם. נור פון איין זייט זעהט מען נאָך אַ רויטען ווייטען שטראַנד איבער'ן הימעל אויף מערב זייט, ווי אַ ראַנד פון אַ רויטען ווייסען פייערדיגען ברעג אויף אַ שווארצען ים. און פון איין עק דאָרט שטראַהלען ארויס פראַנק און פריי אין די נאכט אריין ליכטיגע שטראַהלען פון אַ ברענענדען לאָמפּ און באַהרען דורך מיט שרעק די טויט־נאכט איבער דער שטאָדט. און פון דאָרט הערט מען אַ ווייט ווייט שפּיעלען פון אַ האַרמאָניקאַ. נאָר די ליכטיגע שטראַהלען פון די פענסטער און די קלאַנגען פון דער האַרמאָניקאַ שרעקען מעהר ווי די שווארצע טויטע נאכט וואָס איז אויסגעשפרייט...

און אין פנים אריין פון שווארצען הימעל טראָגט די טרויאַנאַווער ערד אויף זיך, אין מיטען פון איהר שעהנסטען פּלאַץ פון איהר מארק, איבערגעגעבען הפקר דער נאכט און דעם שווארצען שלייער, פיער טויטע לייכען אין ברודיגע וואָכעדיגע אַנגעטהוערס. און איינער ליעגט, אין זיין שווארץ בלוט געגליווערט, פאַר אַ פערמאַכטע טהיר, הינטער דעם טרויאַנאַווער נאכט־הימעל.

און זעה, ווער איז דאָס? פון וואַנען קומט דאָס די וואָס געהט ארויס פון דער נאכט און פון דעם שוואַרצען, אין איהרע ווייסע תכריכים, אין איהר הויב אויפ'ן קאָפּ, און איהרע שבת אויעררינגלעך אין איהרע אויערען? און הויך איז זי ווי אַ קעניגין, און געהט, ווי אַ משוגע'נע טאָמע וואָלט זי געווען, און טראָגט עפּעס אין איהר ברייטער שירץ און

ציהט עפעס פון איהר ברייטער שירץ ארויס. זעה: שטיקער צוריסענע ספרי־תורות, שטיקער צוריסענע טליתים, שטיקער צוריסענע פרוכת׳ער, און נעהט, נעהט א לאנגע, לאנגע פלאכטע, און רעדט שטיל און שמייכעלענדיג צו זיך.

.... מיינע קינדער האָבען זיי מיר געטויט, האָבען זייערע לייבער אין די גאסען געוואָרפען. כ׳האָב מורא, די פויגעל זאָלען מיר זיי ניט אויפעסען, מיה איך מיר! לייליכער נעהען, לייליכער נעהען.... גיט מיר שטיקער ספרי־תורות, גיט מיר צוריסענע פרוכת׳ער, גיט מיר טליתים, גיט מיר... גיט מיר... איך מוז דאָך מיר לייליכער נעהען, לייליכער נעהען, מיינע קינדער׳ס לייבער צודעקען. כ׳האָב דאָך מורא, פויגעל זאָלען זיי נישט אויפעסען...

צי איז זי נישט די, וואָס שטעהט אליין אויפ׳ן וועג קיין בית־לחם, איהרע אייגענע האָבען זיך אין דער מערת המכפלה בעהאלטען. איהר מאַן מיט איהר שוועסטער... האָבען זי אליין אויפ׳ן וועג איבערגעלאָזט, אז זי זאָל די קינדער היטען. שטעהט זי יעדע נאכט אויף און קוקט דורך די פענסטער, דורך די לאָדען אריין, אָבער איהרע קינדער טהוען שלאָפען.

איז זי אליין פון וועג וואָס פיהרט קיין בית־לחם אנגעקומען, פלאכטעס נעהט זי זיך, — איהרע קינדער׳ס לייבער צו פערדעקען.

און ווער איז די, וואָס נעהט איהר נאָך, א טריט נאָך א טריט? יונג איז זי, ווי איר׳ס א טאָכטער. זעה, זי שטרעקט נאָך איהר איהרע הענד אויס, און בעט זיך ביי איהר: — לאָז מיך, מאמעשי, לאָז מיך דיר העלפען די פלאכטעס נעהען... מיין קינד האָב איך פאר זיי צום קרבן געבראכט.... איך האָב געזעהען ווי די בלוט רינט פון די לעכער פון זיינע הענד, פון די לעכער פון זיינע פיס, ווי זיי האָבען איהם מיט די נענעל אין האָלץ געקלאפט, און זיין רוקען ברעכט זיך הינטער איהם. און ווי ער האלט די אויגען צום הימעל געווענדעט און בעט מיט די ליפען: „וואסער". זיי האָבען איהם א שוואָם אין עסיג דערלאנגט. פרעהליך בין איך געווען, מאמע, איך האָב די טרערען אין מיר געשלונגען און פרעהליך בין איך געווען. איך האָב מיך געפרעהט, מאמעשי, אז איך ברענג מיין קינד א קרבן פאר זיי, א קרבן ברענג איך איהם צו גאָט, פאר די וועלט, פאר זיי, פאר זייערע זינד, פאר זייערע זינד.... זעה, יעצט האָבען זיי מיין קינד׳ס בלוט גענומען, און צום נעלעכטער

די מענשען דערמיט די פנים'ער פערשמירט.... אין מיין קינד'ס נאָמען האָבען זיי מיינע קינדער געשאָכטען. עס זיינען מיינע מתים... מיינע הרוגים... מיינע קינדער האָבען דאָס געטהאָן, אין מיין קינד'ס נאָמען... לאָז מיך דיר העלפען פלאַכטעס נעהען.... מיינע מתים פערדעקען, אז די פויגעל פון הימעל זאָלען זייערע לייבער נישט עסען... לאָז מיך דיר העלפען, די פלאַכטעס נעהען....

און די מאמע רחל מיט איהר טאָכטער מרים האָבען זיך אין מי־טען מארק געזעצט, אין נאכט און שווארצען נעהילט, האָבען פלאַכטעס גענעהט, פון צוריסענע ספרי־תורות פלאַכטעס גענעהט, פון צוריסענע טליתים, פון צוריסענע פרוכת'ער, וואָס די מאמע רחל האָט אין איהר שירץ אויפגעקליבען, — און די טויטע לייבער פון איהרע זיהן פער־דעקט, פערשטעלט פון די פויגעל פון הימעל, און ווייט אויסגע־צויגען די פלאַכטעס, ווייט אויך צו פערדעקען דעם איינעם זוהן, וואָס איז געלעגען פאַר דעם פערשלאָסענעם טויער, פאַר'ן הייזעל.

# אין דער פרעמד

ה׳ פינקעלשטיין האָט נאָכ׳ן פאַגראָם פערלאָזט אדעס און איז ארויסגעפאָהרען קיין אויסלאַנד. ער האָט געהאט וואוינען א זוהן אין פאריז — יענער איז שוין אין פאריז א צייט מיט יאָהרען. חתונה גע־האָט און געוואָרען א גאַנצער דאָרטינער — האָט ער צו איהם געשריבען א בריעף, אז ער וויל ארויספאָהרען קיין אויסלאַנד. דער זוהן האָט פאר׳ן פאָטער און פאר די גאַנצע משפחה אָבגעדונגען א וויללע — אַן אלט שלאָס אין דער פראָווינץ סאַוואָיא — וואוהין ה׳ פינקעלשטיין און זיין פאמיליע זיינען אוועקגעפאָהרען צו פערבלייבען דאָרט, ביז עס וועט רוהיג אין דער היים ווערען.

דאָס שלאָס איז געלגען אין אַן אלטען פערלענטען גאָרטען נעבען א נעדיכטען שווארצען וואלד טיעף אין טהאָל, אונטער דעם באַרג מאָן־בלאַן, וועלכער האָט תמיד אריינגעקוקט אין דעם קליינעם דאָרף מיט זיין ווייסען בעשנעעטען קאָפּ. דאָרט איז זעהר שטיל געווען. דאָס שלאָס פלעגט גאַנצע מאָנאַטען ליעגען אין שאָטען. און פון געדיכטען שווארצען וואלד פלעגט א ווינד יאָגען און בויגען די הויכע טאָפּאָלען, וואָס זיינען געשטאַנען ארום דעם שלאָס, און געוואָרפען זייערע צווייגען אויף דעם דאַך פון הויז, אז עס האָט דערוועקט אַן א י מ ה.

נעקומען מיט ה׳ פינקעלשטיין איז זיינע א טאָכטער, אַן א ל מ נ ה, מיט איהר׳ס א זיעבען־יעהריג יונגעל. דאָס קינד, אזוי ווי די מוטער, איז געווען זעהר שוואַך, מיט שרעקליך אויפגערייצטע נער־ווען. נאָר בעזונדערס איז די מוטער פון דעם קינד זעהר נערוועז קראַנק געווען. יעדע מינדעסטע איבערראַשונג, וועלכע איז נעקומען איבער איהר א ו נ ג ע ר י כ ט, פלעגט זי טרייבען אין א קרעמפּען־שוואַכקייט; ביי יעדער בעוועגונג פלעגט זי דערציטערט ווערען, איינ־רייִדענדיג זיך, אז א נישט געזעהענע קראַפט פערפאָלגט זי...

די קרענק האָט זי בעקומען בשעת דעם פאַגראָם. ווען די חוליגאַ־

נעם זייגען אין זייער גאס אריין, האָט זי זיך מיט איהר קינד בעהאַל־טען ביי א בעקאַנטען קריסט. דער קריסט האָט אפילו ארויסגעוויזען זיין אונצופריעדענהייט, נישט איבער שלעכטסקייט ווי איבער שרעק, אז די חוליגאַנעס זאָלען זיך אויף אָן איהם נישט נוקם זיין, געפינענדיג זיי דאָ, — נאָר דאָך האָט ער נישט געקאָנט, אלס אן אלטער גוטער פריינד, מעיז פנים זיין. דאָס קינד האָט אָבער אין רעש אָנגעהויבען צו ציטערען און וויינען... אין שטוב איז געוואָרען א שרעקליכע אויפ־רעגונג. זיי האָבען געפּרובט דאָס קינד איינצוגעהמען מיט אלעס, אָבער דאָס דערשראָקענע נערוועזע קינד איז אונמעגליך געווען איינצו־שטילען. דער קריסט האָט זעהר בעדויערט, ער האָט אויך קליינע קינ־דער, און כמעט ווי געסטראַשעט זי מיט'ן ארויסוואַרפען. נאָר דאָס קינד, פּלוצלונג דערהערענדיג די שאָסען פון די זעלנערשע זאַלפען אין גאַס, האָט אויפגעהערט צו וויינען און פערשפּיעלט זיך מיט די שאָסען. כדי דאָס קינד וואָס מעהר צו פערשפּיעלען, האָט די מוטער עס צוגע־נומען צום פענסטער, איינהאָרכענדיג זיך.

— וואָרט, וואָרט, יוסף'ל, אָט באַלד וועט ווייטער מאַכען פּיף־פּאַף....

— הערסט, מאַמע, אָט, אָט ווי עס מאַכט: ראַם־ראַם: האָט דאָס קינד זיך געפרעהט, פּאַטשענדיג זיך אין די הענדטלעך מיט נאָך פול־פערוויינטע אויגעלעך.

דאָס האָט איבערגעלאָזען אין דער מוטער אזא איינדרוק, אז יע־דעם מאָל ווען זי האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם, — פלעגט זי אנידערפּאַ־לען אויף דער ערד, האַקען זיך דעם קאָפּ אָן וואַנד, רייסען די האָהר פון קאָפּ, קריצען מיט די צייהן און אויסשרייען מיט א נישט־מענשליכער שטים:

מיט ה' פינקעלשטיינען איז אויך מיטגעקומען זיין פאָטער, ר' נחום — אן אכטציג־יעהריגער בלינדער זקן, מיט א הויכען שטערן און א לאַנגער ווייסער באָרד. דער זקן, וואָס איז שוין בלינד געווען 20—30 יאָהר, האָט אייגענטליך די אויגען שוין נישט געדאַרפט און האָט שוין נישט געבענקט נאָך זיי. זיין דאַוונען מיט דעם יום תהלים פאַר יעדען טאג האָט ער געקענט אויסווייניג און אין די צימערען פון זיין זוהן'ס וואוינונג אין אדעס, ביי וועלכען ער איז געווען זינט ער איז אן אלמן געוואָרען, איז ער געווען אזוי בעקאַנט, ווי יעדער איינציגער פון די הויז־

מענשען. ער האָט תמיד געפונען זיין אָרט און געוואוסט יעדע זאַך, וואו זי געפינט זיך — אזוי האָט ער זיך אויסגעלערענט מיט זיינע הענד טאפּען, אָנשטאָט די אויגען צו בענוצען.

אין דעם אינטעליגענטען הויז ביי ה׳ פינקעלשטיינען איז דער אַלטער געווען זעהר בעליעבט. די קינדער האָבען זיך געלערענט אין אויסלאַנד און ווען זיי פלעגען אמאָל אויף א יום־טוב אהיים קומען צו די עלטערן און געפינען דעם אלטען בלינדען זיידען אין א ווינקעל שטוב, פלעגט ער אויף זיי מאכען אַן איינדרוק עפּעס ווי אַן אלט ספר, וואָס מען האלט עס אין שטוב פון א זכר וועגען, אָדער ווי אַן אלטער אנטיק, וואָס האָט דורכגעלעבט געוועזענע צייטען...

פון פּאָגראָם אָן, איז דער אַלטער געוואָרען צופיהרט אין גאנצען און פיהלט זיך זעהר פרעמד און שלעכט. ער האַלט זיך אליין פאר איבערדריסיג. „געגוג", פלעגט ער זיך אליין זאָגען — און עס האָט זיך איהם געוואָלט שטארבען. נישט, אייגענטליך, דער פּאָגראָם אליין האָט געמאכט אויף איהם אזא איינדרוק. דער פּאָגראָם איז ביי איהם געווען א געוועהנליכע זאַך: עס איז געקומען אַן „עת צרה" אויף אידען — און דאָס איז פאר איהם גענוג געווען צו ערקלערען די לאַגע: עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, עס איז נישט דאָס לעצטע מאָל... אין יעדען דור פלעגען קומען צרות אויף יודען; אונזערע עלטערן האָבען אזעלכע צרות געהאַט, מיר — אזעלכע. און ווען מען האָט איהם פון שטוב ארויסגענומען און בעהאלטען איהם אויף א בוידעם, איז עס ביי איהם געווען רעכט; קיין וואונדער נישט, — אזוי ווי ער וואָלט זיך גערעכט אויף דעם. האָט ער געהערט שיסען, געוואַלדען — האָט ער וידוי אָבגעזאָגט און איז גרייט געווען... נאָר פון דער צייט אָן, אז מען האָט איהם אויף דעם בוידעם ארויפגעפיהרט, פיהלט ער זיך ארום זיך פרעמד. אין שטוב ביים זוהן פלעגט ער געהן פינף טריט פון זיין „אָרט", אָנקלאַפּען מיט'ן שטעקען — איז געשטאַנען דער טיש. נאָך דריי טריט רעכטס — איז געשטאַנען דער אַלמער, דאַן קלאַפּט ער אָן מיט'ן שטעקען אין טהיר פון סאַלאָן, און דערנאָך איז דאָס פענסטער. ער האָט זיך אָריענטירט און געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. נאָר זינט מען האָט איהם אויפ'ן בוידעם אליין איבערגעלאָזט, איז ער שטעהן געבליבען ערגיץ אין א „מיטען". געקלאַפּט מיט'ן שטעקען רעכטס, לינקס, גערופען שטיל א נאָמען — קיינער האָט איהם נישט אָבגעענטפערט, —

נור דרויסען אין דער גאס איז א רעש... א געוואלד... מען שיעסט, ווייבער חלש'ן... קינדער וויינען... שכורים שרייען... פון דעמאלט אן פיהלט זיך דער אלטער, ווי ער וואלט שטעהן געבליבען אין מיטען אין א גרויסען וויסטען מדבר, ארום איהם ליעגען שטיינער, און ווי ער ריהרט זיך, פאלט ער איבער עפּים. מען האט איהם געפיהרט ערגעץ ווייט אוועק, אין א פרעמדע מדינה. פערשיעדענע שפּראכען האט ער נעהערט ארום זיך, פערשיעדענע מענשען זיינען געזעסען ארום איהם — אלץ ווייטע, פרעמדע. איצט איז ער אויף אן ארט, אין אן אנדער שטוב. דא מוז עפּעס זיין נעבען הויז. א ווינד יאגט, א בייזער ווילדער ווינד קומט יעדע נאכט אן צו יאגען און וויינט אין פענסטער. די שטוב איז איהם פרעמד. וואו מען זעצט איהם אנידער — דארט בלייבט ער זיצען און ווארט ביז מען וועט איהם פון דארט אוועקפיהרען. ער האט זיך מורא צו ריהרען פון ארט, ער זאל נישט אן עפּים וואס זיך אנקלאפּען. אזוי זיצט ער גאנצע טעג, דאווענט אדער זאגט תהלים. גאט איז אומעטום, ער וועט איהם פון דאנען אויך הערען....

ביי־טאג ווי ביי־טאג, נאר ווען די נאכט פאלט צו, און א ווינד קומט אן צו יאגען פון דעם הויכען בארג מאן־בלאן און טוליעט איין מיט איין פליענעל דעם גאנצען וואלד און קלאפּט אויף די ווענד פון דעם הויז — פלעגט דער אלטער זיצען אין א ווינקעל און ציטערען. אן אימה פלעגט איהם בעפאלען. ער האט עפּעס פערשטאנען, אז דאס איז נישט א היימישער ווינד. דא נעבען איהם, הינטער'ן הויז מוז עפּעס אזעלכעס זיין, פון וואנען עס קומט צו יאגען דער ווינד — נאר וואס דאס איז אזעלכעס, האט דער אלטער זיך נישט געקאנט פארשטעלען. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס מוז זיין עפּעס אן אונגעהייערליכעס, אזעלכעס, וואס מיר, פּראסטע מענשען, זיינען נישט געוואוינט צו דעם, און ער פלעגט מורא קריגען דערפאר...

צו דער משפחה איז געקומען צופאהרען דעם זוהן'ס פרוי פון פאריז מיט איהר'ס א פינף־יעהריג קינד. זי איז געווען א קריסטין — א פאריזער קליין־בירגער'ס א טאכטער, מיט אלע מעלות און חסרונות פון די פאריזערינס: אפּענהערציג, גוט, לייכטזיניג און איבערהויפּט קאקעט. זי האט פאר איהר מאן חתונה געהאט, נישט אבשטעלענדיג זיך פיעל, צי ער איז יא א יוד אדער נישט. עס האט איהר גאנץ ווייניג אויסגעמאכט: זי האט איהם ליעב געהאט. איהרע עלטערן האט

עס אויך גאנץ ווינציג אויסגעמאכט. ער איז א דאָקטאָר און האָט געלד א וואוינונג אויסצומעבלירען זיך — און זי וועט ביי איהם א שעהן לעבען האָבען.

דער ה׳ פינקעלשטיין איז געווען איינער פון די אַלטע משכילים, וועלכער האָט די פינגער געלעקט פון א העברעאישען שיר און איז בטל געוואָרען פאר יעדען יונגעל, וואָס טראָגט מעשענע קנעפּ פון א שול־אנשטאַלט, און ווער רעדט נאָך פון „פראנצויזיש“. איהם האָט עס יאָ אפילו בשעת מעשה פערדראָסען, ווען דער זוהן האָט איהם געשריי־בען, אז ער נעהמט א קריסטין פאר א פרוי: „אלמאי וואָלט זי זיך מגייר געווען — האָט ער גע׳טענה׳ט — אין פאריז מעג מען זיך דאָך מגייר זיין.“ נאָר די טעכטער האָבען געלאכט פון איהם און בעוויעזען איהם, ווי ער איז ניט טאָלעראָנט. „פאר וואָס זאָל ער זיך ניט שמר׳ן?“ — האָבען זיי צוריק גע׳טענה׳ט — „יודען זיינען קיינמאָל ניט טאָלעראַנט!“ דער פאָטער האָט זיך אביסעל געשעהמט פאר די קינדער צו ווייזען זיך פאר א רעאקציאָנער, א פאנאטיקער. אין הויז האָט מען אויפגעהערט צו רעדען דעריבער.

זי, דעם זוהן׳ס פרוי, קומענדיג צופאָהרען צו זיינע עלטערן, האָט געמיינט, אז זי וועט טרעפען דאָ א פרעהליך לעבעדיג רוסיש הויז, וואָס וועט זי ענטציקען מיט דער ברייטקייט און נאָך ווילדקייט פון דער רו־סישער נשמה, פון וועלכע זי האָט אזוי פיעל געלעזען און געהערט דער־צעהלען. אידען האָט זיך אבסאָלוט ניט געקענט. ווי איבערהויפּט די אויסלענדער, האָט זי געהאַלטען יעדען יודען פאר א יודישען רוס, אָבער באלד אין די ערשטע טעג פון איהר אָנקומען, האָט זי געזעהען, אז די „רוסען“ לעבען גאנץ אנדערש, ווי זי האָט עס זיך פאָרגעשטעלט. אָנ־שטאט „פרעהליכע“ האָט זי געטראָפען מענשען מיט זעהר שווערע געמי־טער, צובראָכענע הערצער, יעדערער געהט זיך זיין איינזאמען וועג. און איבערהויפּט, איבער דעם גאנצען הויז שוועבט עפּעס א מרה־שחורה, וואָס זי האָט דאָס באין אופן נישט געקאָנט פערשטעהן....

אזוי האָט געלעבט דאָס הויז, יעדערער בעזונדער אין זיין וועלט — ווייט פון זייער היימאט אין א פרעמד לאַנד, אין דער שעהנער פראָווינץ סאַוואָיא אונטער דעם וויים־בעשנעעטען מאָן־בלאַן.

דער ה׳ פינקעלשטיין האָט נישט געהאט אָבגעריסען מיט דער היים אלע זיינע געשעפטען. ער האָט נור אָבגעווארט די צייט, ביז מען וועט

פון „דאָרט“ דער־הערען אַ גוט בשורה, אַז ער זאָל קענען צוריק פאָה־רען צו זיינע געשעפטען. דאָ, אין אויסלאַנד, האָט ער זיך געפיהלט פרעמד און שלעכט. ער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס מען נעהמט זיך, וועגען וואָס מען קלערט, און האָט געוואַרט מיט אונגעדולד, ביז „אין דער היים“ וועט רוהיג ווערען. אָבער דאָס רוסישע בלאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין דער וועלט פיער טעג ביז עס איז צו זיי אָנגעקומען, האָט יעדען טאָג אָבגעגעבען פון „דער־היים“ זעהר שלעכטע גריסען. אַלע טאָג נייע הריגות, אומגליקען. עס איז געווען אין די טעג פון דער דומע. און לייענענדיג דאָ, אין רוהיגען גאָרטען אין סאַוואָיאַ, די רע־דעס פון די דעפּוטאַטען, איז ה׳ פינקעלשטיין געוואָקסען אַזוי בעגייס־טערט, דאָס ער איז אַרומגעגאַנגען און אויסגעקלערט אַ רעדע, וואָס ער וואָלט געהאַלטען, ווען ער וואָלט געווען אַ דעפּוטאַט. און ניט האָבענ־דיג פאַר וועמען די רעדע צו זאָגען, פלעגט ער אַליין פאַר זיך די רעדע אָבהאַלטען אָדער זוכען אין פראַנצויזישען ווערטער־בוך ווערטער, כּדי די רעדע זיינע צו איבערזעצען און זי אין אַ פראַנצויזיש בלאַט אָבּ־דרוקען.

---

עס איז געווען אַ יונגער פריהלינגס־טאָג. די גאַנצע פאַמיליע איז אויף דער וועראַנדע געזעסען און מיטאָג געגעסען. דער בלינדער זיידע איז ביים עק טיש געזעסען, נעבען איהם — ביידע אור־אייניקלעך, וועל־כע האָבען זיך מיט זיינע הענד געשפּיעלט און געפרעגט איהם פער־שיעדענע שאלות. דאָס „פרעמדע“ אור־אייניקעל האָט ער נישט פער־שטאַנען — האָט מען איהם געדאַרפט איבערזעצען אויף יודיש, און ער האָט איהם אָבגענטפערט. די שנור פון פאַריז פלעגט קוקען מיט זעהר גרויס דרך ארץ אויף דעם אַלטען, און האָט עפּעס אַזוי ווי פאַר איהם מורא געהאַט... דער אַלטער ר׳ נחום האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס „פרעמדע“ אור־אייניקעל איז שוין נישט קיין יוד, נור ער האָט עס ווי געפיהלט. דאָך האָט ער דאָס קינד נישט ווינציגער ליעב געהאַט פון יענעם אייניקעל. ער האָט נאָר אויף דאָס קינד גרויס רחמנות גע־האַט. און אָנטאַפּענדיג זיין פול, רונדיג פּנים׳ל, וואָס האָט מיט אַ שמייכעלע אַרויסגעלאַכט צום זיידען, האָט ער געפיהלט, אַז עס איז נישט דאָס דאָר, ציטערענדיג, בלייך געזיכטעל פון יענעם אייניקעל — עס איז אַן אַנדער קינד...

נעגענאיבער זיי האָט געלאַכט אין די גליהענדע זון דער ווייסער מאַן־בלאַן, וואָס האָט געלויכטען פון מיילען ווייט.

דער בריעף־טרעגער האָט די צייטונג געבראַכט. ה׳ פינקעלשטיין האָט היינט, ווי יעדעס מאָל, פלינק די צייטונג אויפגעעפענט און אָנגע־הויבען צו לעזען הויך אויפ׳ן קול. פּלוצלונג איז ער שטיל געבליבען, און בלייך אוועקגעלעגט די צייטונג זיך אין טאַש און אָנגעהויבען פון עפּעס אנדערש צו רעדען.

די טאָכטער האָט דערנאָך די גאַנצע צייט די צייטונג ארומגעזוכט, האָט אָבער זי נישט געפונען. די צייטונג איז ערגיץ פערפאַלען גע־וואָרען.

ה׳ פינקעלשטיין האָט זיך אליין אין גאָרטען ארונגעדרעהט. ער האָט געוואָלט עמיצען דערצעהלען, זאָגען וואָס ס׳איז געשעהן. א פּאָ־גראָם, א נייער פּאָגראָם אויף יודען — הונדערטער דער׳הרג׳עטע, פער־וואונדעטע, יודיש פערמעגען צוראבעוועט.... א פּאָגראָם.... ער האָט גע־מוזט האָבען וועמען צו דערצעהלען. דער טאָכטער האָט ער מורא גע־האַט צו זאָגען דערפון, זי זאָל נישט קראַנק ווערען. ער האָט דערזעהען די שנור אין גאָרטען שמועסענדיג מיט׳ן בעל הבית פון הויז. ער האָט זי אוועקגערופען אָן א זייט און אָנגעהויבען דערצעהלען איהר, מיט א שטילען טאָן: אַן אונגליק, אזוי פיעל מענשען אויסגע׳הרג׳עט, קינדער, קליינע קינדער צושניטען.

די שנור האָט די אקסלען אויפגעצויגען, געקוקט אויף איהם פער־וואונדערט און געפרעגט:

— פאַר וואָס הרג׳עט מען? ווי הייסט, מען הרג׳עט? פאַר וואָס?

ער האָט איהר ניט געקענט געבען צו פערשטעהן: מען הרג׳עט, ווייל מיר זיינען יודען.

די שנור האָט עס נישט פערשטאַנען. זי האָט זעהר בעדויערט, עס איז איהר אָבער צום סוף לאַנגוויילג געוואָרען דאָס בעדויערען, איז זי מיטגעפּאָהרען מיט׳ן בעל הבית אין וואלד אריין.

ה׳ פינקעלשטיין איז געבליבען שטעהן אין גאָרטען. עס האָט איהם געדריקט דאָס שרעקליכע נייעס, און ער האָט עס געמוזט עמיצען דערצעהלען — א נאָהנטען, וואָס זאָל עס מיטפיהלען. ער האָט דער־זעהן דעם פּאָטער, דעם בלינדען יוד, וועלכען דיביידע אייניקלעך האָ־

בען געפיהרט־ביי די הענד אין גאָרטען אריין: איינער האָט גערעדט צו איהם פראנצויזיש, דער צווייטער — רוסיש.

ה' פינקעלשטיין האָט געקוקט אויף דעם אַלטען בלינדען יוד, וואָס די אייניקלעך — איינער א פראנצויזישער גוי, דער צווייטער — א רוסישער יוד — פיהרען איהם ביי די הענד, און עס איז איהם עפּעס א געדאנק קלאָר געוואָרען. דעם אידישען גלות האָט ער געזעהן פאַר זיך....

ער איז צוגעאנגען צום פאָטער:

— ווייסט, טאטע, מען הרג'עט ווידער יודען אין רוסלאַנד. א נייער פּאָגראָם.

דער אַלטער האָט די בלינדע אויגען געווענדעט צום הימעל:

— עס איז א עת־צרה אויף יודען, א גזרה רעה.

א מינוט זיינען זיי ביידע שטיל געבליבען. דער אַלטער האָט זיך פּלוצלונג אָבגערופען, אָנטאַפּענדיג מיט דער האַנד דאָס „פרעמדע" אור־אייניקעל:

— זאָג, שלמה, ער איז גע'מל'ט?

נאָך א לאנגען שווייגען האָט דער זוהן שוואך אָבגעענטפערט:

— ניין, טאַטע.

דער אַלטער האָט ביטער אָבגעקרעכצט.

— נו, ער וועט שוין פון דעם נישט וויסען....

# אַ חלל

פון אונטער דער שטאָדט־חורבה, וואָס שטעהט אויפ'ן באַרג ווי אַ גרויסע מצבה אויף אַ גאַנץ פאָלק, — איז דער מאָרגען־שטערן ארויס, רויט־פלאַמענדיג, און האָט זיין גלאַנץ איבער די גרויסע וואָלקען, וואָס זיינען איבער'ן הימעל ווי וואַסער־כוואַליעס פערגליווערט געווען, — אָבגעגלאַנצט. דער יונגער טאָג האָט אויפגעבראָכען. אין געסעל רודערט זיך שוין. צווישען די איינצעלנע, פריהע בויערשע פוהרען, וואָס דער נאַכט־טהוי האָט נאָך צערטליך אויף זיי זיין שפור איבערגעלאָזט, דרעהען זיך שוין איינצעלנע יודען און טהירען אין מאַרק זיינען נאָך פערשלאָסען; פאַר דאָס רוב איינוואָהנער איז נאָך דער טאָג נישט געבוירען געוואָרען. פון אַ טהיר אין אַ הויף הויז, מיט פערלאָשענע אויגען — צוגעמאַכטע לאָדען, לאָזט זיך אַ דיענסט מיט אַ קאָרב אויף דעם אָרעם ארויס. אויף דעם פרישען מאָרגענדיגען געזיכט, וואָס שיינט פון אונטער איהר לייכטען טוך ארויס, שוועבט נאָך דער חלום, וואָס זי האָט פאַר אַ שעה געזעהען. עס הערט זיך שוין די קירבען־גלאָקען, קלינג, קלינג — און דאָס איז דער ערשטער הויכער קול, וואָס דער יונגער טאָג פערנעהמט...

און אַ טאָג האָט עָס געזאָלט זיין ווי נעכטען, ווי מאָרגען — און פלוצים איז עפּעס וואָס געשעהן.

פון עק מאַרק, פון „וועג“ צו, קומט צו לויפען, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטהעם, יחזקאל דאָרפס־געהער. די ווייסע באָרד צו־פלאָשעט זיך איהם איבער'ן גאַנצען האַרץ, דער הוט ביז אין האַלבען קאָפּ ארויפגערוקט, דאָס זעקיל אויף די פלייצעס שלאָגט איהם אין רוקען, מיט'ן שטעקען מאַכט ער אַרויף און אַראָב, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען עפּעס דורך דעם שטעקען אויסזאָגען, — און די אויגען אויפגעריסען, ווי ברענענדיגע לאַמטערן, לויפען פאָראויס פאַר איהם, און זיין געוואַלד הערט זיך מיט האַרץ־שרעקען איבער דער גאַס.

— וואָס איז דאָס ?

קיין וואָרט הערט מען נישט פון זיין מויל, נור א ווילד, שרעקליך געשריי רייסט זיך פון הארץ ארויס מיט אן אימה. ער ווינקט מיט דעם שטעקען ווייזענדיג, דאָרטען הינטער'ן בארג!

און ר' יחזקאל דאָרפס־געהער לויפט ווידער פאָראויס, דאָס פעקיל טאַנצט איהם איבער'ן רוקען, און דאָס געסעל נאָך איהם. די לאָדען האָבען זיך מיט רעש געעפענט; פרענטען אייזען שלאָגען אָב פון דער־ווייטען, טהירען ווערען אויפגעריסען, און האלב־נאקעטע מענשען. באַ־פענדיג אויף זיך ווער א פאלטאָ, ווער א פאטשיילע, לאָזען זיך פון יעדער הויז־טהיר ארויס, ארויס אויפ'ן וועג נאָך ר' יחזקאל דאָרפס־געהער.

עס זעהט אויס, ווי די איינוואָהנער וואָלטען די שטאָדט פערלאָזט. געלאָזען די הייזער, דעם מארק — און דעם יונגען טאָג, וואָס קומט אָן... זיי זיינען באלד הינטער'ן בארג געקומען.

וואָס איז עס אזעלכעס ? — האָט עס גאָט פון הימעל אראָבגע־וואָרפען ?

צו פוסען פון בארג, פערוואָרפען צווישען די גרעזער, ליעגט ווער, האָרט און שטייף אויסגעצויגען, א מענש, און דאָך נישט קיין מענש; שטום און טויט ווי א שטיין. צוויי לאַנגע פיס, ניין, לאַנגע שטיוועל, איינער האָרט ביים צווייטען. די הענד בלייך, דאַכט זיך, צוויי לאַנגע, טויטע שטעקענעס, פערוואָרפען האלב איינגעזונקען אין גראָז. דאָס זשילעט אויפגעריסען, און פון דעם צוריסענעם העמד זעהט זיך א שטום־פערהאָרטעוועט הארץ ארויס. עס איז דורכגעשפּאָלטען, און א קאַלטער שטראָם בלוט איז פערגליווערט איבער'ן הארץ, איבער דער וועסט און איבער דעם גראָז... דער האלז לאַנג און אויסגעצויגען, פון מיטען זעהט זיך דער גאָרגעל, ווי ער איז אין האלז פערשטיינערט גע־וואָרען, אָהן א ריהר זיך צו געבען. די האָר פון דער קליינער באָרד, ווי דינע דראָטען, וועלכע דאָס ווינדעל בלאָזט ארום און מאכט זיי ציטערען און בעוועגט זיי, שרעקען עפּעס... דאָס פּנים בלייך, קאַלט און שווייגענ־דיג. די ליפען בלייך און פעסט בעהאַלטען איינע אין דער צווייטער. די אויגען קוקען שטום אויף אַלעמען און אויף גאָר נישט, און עס דאכט זיך, אז זיי זעהען אלעס און גאָר נישט... דער שטערען איז אין איין שטיק פערגליווערט בלוט פערהילט, און פון דעם „רויטען קאַפּעל“ ווייזט זיך איין שווארצע ברעם ארויס, און עס דאַכט זיך, אז די ברעם זעהט

מעהר פון דעם אויג. אונטער די שווארצע אוינגען־לעבער רוהט א טיע־פער, שטילער ערנסט פון א מענש א צדיק, וואס האט דאס זייניגע אב־געטהאן און געהט זיך מיט א רוהיג הארץ זיין וועג... אויף די טויטע פערגרעמפעלטע ליפען איז ווי א רוהיג צופרידענקייט אויסגעגאסען. פון אויבען ציהט זיך דער הימעל ליכטיג, ווי דער טאג; אונטען — די שטומע ערד. א ווינטעל בלאזט און בעוועגט די גרעזער. די האר פון בארד, די פערבלוטיגטע האר פון קאפ, ער בלאזט איבער די קאלטע, טויטע הענד, איבער'ן קאלטען, טויטען פנים. נור דאס פנים איז אבער צו שווער, אז דאס ווינטעל זאל עס בעוועגען, און עס דאכט זיך, אז דאס איז קיינמאל קיין מענש נישט געוועזען — נישט אויף די פיס געשטאנען, נישט קיין ווארט גערעדט. שטום איז עס שטענדיג געוועזען און טויט איז עס געוועזען, ווי א שטיין אין פעלד. ריהרט מען עס — ריהרט עס זיך, און אז עס ליעגט — ליעגט עס....

און דאך פערמאגט דאך נאך די שווארצע ברעם, וואס קוקט פון אונטער דעם רויטען, פערגליווערטען קאפעל, ווי עטוואס לעבען אין זיך, און זי ווינקט: איך וויים, ווער דאס האט געטהון, איך וועל עס פאר קיינעם נישט זאגען...

און די מענשען, די צוזעהער, שטעהען ארום דעם קערפער שטיל, און קוקען איינער אויפ'ן צווייטען: ווער איז דער? וואס איז דאס אזוינס? און ווער האט דאס געטהון? זיי קוקען אויף דעם טויטען, ווי זיי וואלטען געבעטען צו איהם אין זייערע הערצער, געפרענט איהם שטילע קשיות: ווער? וואס? ווען?... און די שווארצע ברעם פון אונ־טער דעם רויטען קאפעל, זי זאגט וואס און איז דאך שטום...

עס שיינט, אז דער מת בעהאלט אין זיך עפעס, עפעס זעהר טרוי־עריגעס, ער האט דעם סוד מיט זיך אין דער ערד גענומען, קיינעם קיין שפור דערפון נישט איבערגעזאגט.

און די מענשען שטעהען שווייגענדיג, קוקען איינער אויפ'ן צווייטען, קוקען אויפ'ן טויטען, און ווייסען נישט וואס צו טהון...

און די שווארצע ברעם ווינקט, און עס דאכט זיך, אז פון אונטער דער שויפעל ערד וועט עס ארויסווינקען, אויסזאגען — און דאך שווייגען.....

---

די זון איז אונטערגעגאנגען אויף יענע זייט לאנקע, אונטער'ן וואלד

אין געשטאלט פון א רוהיגען רויט־לילטיג פליסיגען טייך. דער טייך האט זיך אוועקגעלעגט ווייט אויף יענער זייט וועלט און איז אריינגע־שוואומען צווישען לייכט צימערענדיגע גרויע וואלקען, וואס האבען פון דערווייטען אויסגעזעהען, ווי קלאר וואסער פון אן אונענדליכען ים. און דער רויט־פליסענדיגער טייך האט זיך נישט אויסגעמישט מיט דעם קלארען וואסער — נאר פאר זיך אין דער שטיל. אין דער טיעפעניש אראב און דורך די פליסענדיגען וועלען האט זיך זייער ליכט געפונקעלט. און בעגילדעט האט דער טייך די קעפ פון די גרויע וועלען־בערג, וואס זיינען גאנץ ווייט איבער דער ערד געהאנגען, און פון דערווייטען האבען זיי אויסגעזעהען ווי ריעזיגע סקאלען, וואס שטעהען אויף יענער זייט ים. דארט זיינען די „מדבריות“... און דא, אויף דער זייט, ביים ברעג פון גאלדענעם טייך, זיינען געשטאנען איינזאמע, הויכע בוימער מיט די ארויפגעוואקסענע צווייגען און האבען „תשליך“ אבגעריכט פאר'ן גאל־דענעם טייך...

שטיל איז געווען ארום דער גאנצער געגענד. אויף יענער זייט הימעל צו מזרח צו, האט זיך אנגעהויבען, ווייס איך פון וואנען, צו ציי־העו זיך א ריעזיגער, שווארצער וואלקען — און האט זיך לאנגזאם, לאנג־זאם איבער'ן הימעל געצויגען.

דער טויטער קערפער איז זיך אלץ ווייטער אונטער דעם בארג גע־לעגען, שטום און גלייכגילטיג. ארום איהם נור נאך איינינע מענשען, וואס האבען טרויעריג און שווייגענדיג אויף זייערם גלייכען געקוקט, גע־קוקט און נישט פערשטאנען....

און טיעפער האט זיך אלץ דער גאלדענער טייך אין דעם גרויען וואלקען־ים זיך אריינגעלאזט, און פון דערווייטען האבען זיך געהערט ווי די טאפאלען שאקלען זיך איבער'ן טייך... אויפ'ן הימעל איז דער ריע־זיגער וואלקען געפלאצט, פון אלע זייטען זיינען מאסען אונבעקאנטע וואלקען אנגעקומען, איינער איז ארויף אויפ'ן צווייטען, איינער אריין אין אנדערען און מלחמה געפיהרט. דער הימעל א שלאכט־פעלד, און די וואלקען־שטיקער, צובראכענע הימלען גליטשען זיך איינס איבער דאס צווייטע. אט איז איינער אין צווייטען מיט'ן קאפ אריין און יע־נעם צושמעטערט אויף שטיקלעך. די שטיקלעך צושווימען זיך און יע־דער, וואס איז שטארקער, שלינגט דעם צווייטען איין. אט קומט איי־נער א ריעז אן, דעם קאפ שטעקט ער ארויס, און לאנגווייליג, ווי מיט

ישוב הדעת, לאזט ער זיך די גאנצע וועלט איינשלינגען. זיי, דאָרט פּערשטעהען: עס האלט שמאָל! און מאכען פּליטה, איילען זיך, און איי־לען זיך, ציהען אָב און דאָך שטעהען זיי אויף איין אָרט, ווי מען וואָלט זיי מיט קייטען איינגעבונדען.... אָט האָט שוין דער ריעז זיין פּליגעל אויסגעשפּרייט און זיי איינגעשלונגען; פון יענער זייט הימעל שטעקט א צווייטער ריעז דעם קאָפּ ארויס, נאָך א גרעסערער, און מיט איין שווארצען פליגעל שלינגט ער יענעם איין — וואָס איז דאָס? צי האָט א שפּיז דעם הימעל געשטאָכען? א ברענענדיג קויל איז אריין צווישען די וואָלקען, און באלד — וואָס איז דאָס? צי איז דער הימעל צושמעטערט געוואָרען? זיין קול האָט איבער די גאנצע וועלט אָבגעשלאָגען. די ערד קאָרטשעט זיך איין, זי האָט מורא פאר די ריעזען, וואָס פיהרען צווישען זיך מלחמה, אז זיי זאָלען זי נישט מיט איין הויך איינשלינגען, שווייגט!

אָט קומט עטוואָס מעכטיגעס! דאָס מוז גאָט אליין זיין. — איר־בער'ן גאנצען הימעל פערשפּרייט ער זיך, שווארץ און ריעזענדיג און שלינגט איין דעם גאָלדענעם טייך, מיט דעם בלאָען ים. דער גאָלדען־פּייעריגער גלאַנץ גלענצט זיך נאָך פון אונטער דעם שווארצען ריעזיגען העלד, וואָס ער האָט איהם איינגעשלונגען, נאָר וואָס א מאָל, וואָס א מאָל, ווערט דער שיין שוואכער, שוואכער, ער גיסט זיך אויס אין דעם ריעז און עס דאכט זיך, אז דער שיין איז אַן אויג, וואָס פונקעלט אין דעם שטערען פון ריעז, וואָס האָט דעם גאנצען הימעל איינגעשלונגען. נאָר וואָס א מאָל פערלעשט זיך דאָס אויג, דער שיין שטאַרבט אָב, אָט נאָך דער לעצטער שפּור — באלד יעהט דער שיין אין גאַנצען אויס...

און שווארץ איז דער הימעל, שווארץ—אויס, נישט קיין הימעל, נישט קיין ערד — ניט קיין אָנהויב, נישט קיין ענדע, נאָר שווארץ איז אלץ.

שווארץ און שטיל.

טיילמאָל פאלט א ברענענדער שפּיז אין די וועלט אריין און שטעכט וועמען, — א מינוט בלישטשעט עס. דער הרוג מוז א ריעז זיין, א שטיק הימעל, ווארום די גסיסה איז געוועזן אזוי שרייענדיג...

באלד פאלען איינצעלנע טראָפּען פון ערגעץ און שלאָגען אין די

ערד אָב. וואָס אַ מאָל ווערען זיי געדיכטער און שטאַרקער — און זי־דענדיגער. און אין דעם שוואַרצען רעגען פאַלען ברענענדיגע שפּיזען — זייער גלאַנץ בלישטשעט און ריזען פאַלען, וואָרום די נסיסה איז דונערענדיג....

אַ מלחמה אין דער פינסטער.

צי רעגענט נישט פון הימעל מיט בלוט? — — — —

אַ ווינד האָט די הרוגים פון הימעל אוועקגעשאַרט, פערשעהמט און צנועה׳דיג האָט דער נילדענער טייך אין ים זיך ווייטער אָבגע־שלאָגען.

דער הימעל ריין, שוואַרץ־העל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט אויף־בען געווען. דער אויר איז קלערער און פרישער — אויף דער ערד גיסט זיך האָס וואַסער.

אונטער דעם באַרג, פערוואָרפען פאַר זיך, אויף די נאַסע גרעזער ליענט דער קערפּער, טויט און שווייגענדיג, דאָס וואַסער האָט זיין בלוט אויפגעפרישט, און דער שטראָם וואַשט עס אָב מיטנעהמענדיג עס מיט זיך, אין דער וועלט אריין... עס בעווייזט זיך דאָס האַרץ בלייכער און שווייגענדיגער. דער טויטער, נאַסער קערפּער איז גלייכגילטיג און שוויי־גענדיג, דאָס וואַסער וואַשט דאָס רויטע קאַפּעל פון איבער דעם שטערען אָב, עס בעווייזט זיך די שוואַרצע ברעם, נאָר זי איז שוין אויך טויט און שווייגענדיג....

# א צואה

קייטען, הערט אויף צו קלינגען ; מערדער, הערט אויף די מעד־
סערם צו שלייפען ! זעצט אייך, פערוואונדעטע, אויף דער ערד אנידער,
פערשטיקט אויף א ווײלע אייערע וואונדען מיט די צויטלען פון אייערע
אבגעריסענע קליידער. יתומים, לעהנט אן אויף א ווײלע די מיערע
קעפ אויף די לייכען פון אייערע איינענע. לאזט רוהען אויף א מינוט
דאס צושפאלטענע קינד ביי איהר מוטער׳ס אבגעשניטענע בריסטען.
פערזאומרייניגטע שוועסטער, ענטפלעקט אויף א רגע די נעזיכטער פון
די פערשטעלטע הענד. דעקט די טויטע מיט די שווארצע ליילי־
כער צו, אין דער שטיל הערט מיך אוים, מיט די הערצער הערט מיך
אוים, דאס וואס איך וועל אייך דערצעהלען פון הינטער דעם תלין׳ס
מעסער.

נישט טרייסטען בין איך אייך געקומען, נאר א צואה בין איך אייך
געקומען לייענען. א צואה פון אונזער זיידען. און וועט איהר אויף דעם
בלוט קוקען, וואס די ערד האט אין זיך איינגעזאפט — זאלט איהר ווי־
סען, פאר וואס עס איז פערגאסען געווארען. און וועט איהר אויף איי־
ערע מתים קוקען — זאלט איהר וויסען צוליעב וואס זיי זיינען גע־
שאכטען געווארען.

פון דער פרעמד איז אונזער זיידע געקומען צו ציהען, אין א פינס־
טער, ווילד לאנד. הארט, גראב, און אונבעארבייט איז געווען די ערד
פון דעם לאנד. גראב, ווילד און קנעכטיש איז דער מענש געווען, וועל־
כער האט דאס לאנד בעוואוינט. אין פאלע פון זיין קלייד האט אונזער
זיידע א ווארצעל געהאט איינגעבונדען. א ווארצעל פון אן איילבירט־
בוים, וועלכען ער האט געפיהרט מיט זיך פון איבער ימים און טייכען,
פון איבער בערג און טהאלען, פון זיין „היימאט“ לאנד. וואו ער האט
זיך אבגעשטעלט אין זיין אהן־צוועקליכען רייזע־גאנג, האט ער דעם
ווארצעל איינגעפלאנצט.

שווער, אונגעהייער שווער האָט דער וואָרצעל פון דעם איילבירט־בוים אין די נייע לענדער זיך אָנגענומען. צו קאַלט איז די ערד געווען דעם וואָרצעל חיונה צו געבען, אין זיינע אָדערען חיות אריינגעבען. נאָר קוים האָבען זיך די צווייגלעך פון דעם איילבירט־וואָרצעל פון דער ערד אויסגעבראָכען, האָט דער זיידע געוואוסט, אז עס איז שוין מעהר פאר איהם קיין אָרט נישט דאָ, האָט ער פון די וואָרצעל פון דעם ניי־פער־פלאַנצטען בוים גענומען און ווייטער אין וואַנדלער־וועג געגאַנגען.

נאָר שווערער פון אלע לענדער איז דעם זיידען אָנגעקומען צו פער־פלאַנצען זיין איילבירט־וואָרצעל אין דעם פינסטערען לאַנד, אין וועל־כען ער איז אריינגעקומען. צו האַרט איז די ערד געווען אין איהר צו גראָבען. צו גראָב און ווילד זיינען זיינע איינוואָהנער געווען צו פער־שטעהן דעם ווערטה פון אַן איילבירט־בוים.

האָט ער געפּרופּט זיין לאָפּאַטע אין די ערד אריינשטעקען, האָבען זיך ארום איהם די איינוואָהנער פערקליבען, זיין לייב צוריסען, זיינע פינגער אויסגעדרעהט:

— מענש, וואָס פערדארבסטו אונז די אויבערפלאכע פון דער ערד?

האָט זיך דער גערטנער ביינאַכט אין קעלט און רעגען געפּערזשערט, בעהאַלטענערהייט זיין וואָרצעל פערפלאַנצט, בעהאַלטענערהייט פאר גאָט און מענשען.

אָבער צו קאַלט איז די ערד געווען אין זיך דעם וואָרצעל צו האַל־טען, צו קאַלט איז דער קלימאַט געווען דעם איידעלען וואָרצעל צו ענט־וויקלען, צו פוילען האָט ער אָנגעהויבען — איז דער זיידע געקומען, יעדע נאַכט זיינם א קינד געשאָכטען, און מיט דעם בלוט די ערד אָנגע־ווארעמט דעם וואָרצעל צו ערהאַלטען ביים לעבען.

האָט דער וואָרצעל זיינע צווייגלעך פון דער ערד אָנגעהויבען ארויסשיקען, זיינען זיך צוזאמענגעקומען די היטערס פון דעם לאַנד און האָבען געזאָגט, אז די בלעטער פון בוים זיינען סם פאר די איינוואוינער און האָבען זיי ארויסגעריסען. דאָס אָרט וואו די בלעטער האָבען זיך געוויזען האָבען זיי מיט שטיינער אויסגעשטיינערט....

אָבער דעם וואָרצעל פון דעם איילבירט האָבען זיי ניט געקענט אויסרייסען. צופיעל בלוט האָט דער וואָרצעל אין זיך איינגעזאַפּט.

אז ער זאָל פוילען, צו טיעף איז ער אין דער ערד אריינגעדרונגען, אז מען זאָל איהם אויסרייסען קענען.

צווישען די שטיינער האָבען זיך די בלעטער, די צווייגען פון וואָר־צעל געריסען, און געבליהט, און געצויגען זיך צו דער זון.

און צווייג אויף צווייג, און בלאַט אויף בלאַט האָבען די וועכטער פון לאַנד געריסען: סם איז עס; געוואלד, איהר וועט זיך פער׳סם׳ען!

נאָר בחנם: די ערד האָט זיך אָן דעם וואָרצעל אנגעשטעקט, דאָ האָט מען דעם וואָרצעל אויסגעריסען, דאָ האָט ער אָנגעהויבען צו בלי־הען; דאָ האָט מען דאָס בליהען פערשטיינערט, דאָרט האָט עס פון צווישען די שטיינער און מויערען זיך געריסען.

וואָרום נאַכט אויף נאַכט איז דער גערטנער געקומען, קינד נאָך א קינד האָט ער אויף דעם וואָרצעל געשאָכטען, און דאָס יונגע בלוט האָט דעם וואָרצעל מחיה געווען, די ערד ווארעם געמאַכט, אז דער וואָרצעל זאָל זיך אין איהר קענען האַלטען.

בחנם איהר ווינדען, בחנם איהר שטורמען, דעם וואָרצעל, דעם שורש וועט איהר ניט קענען אויסרייסען.

— גערטנער, דו גערטנער, וואָס פלאַנצט דו דאָ, אז דיר לוינט דיינע קינדער אויף דעם וואָרצעל צו שעכטען?

— איך פלאַנץ דאָ פאַר אייך א פרייהייטס־בוים, וועט איהר פון זיינע פרוכטען געניסען, וועלען אייך די אויגען זעהענדיג ווערען, וועט איהר דעם יאָך פון די אַקסלען וואַרפען, וועלען אייך די פערבונדענע הענד בעפרייט ווערען, וועט איהר פון קנעכט צו מענשען ווערען...

— ניין, דו גערטנער, ניין! אונזער קלימאַט איז צו קאַלט פאַר דעם געוויקס, אונזער ערד צו האַרט פאַר דעם וואָרצעל, אונזער מענש איז צו גראָב פאַר די פרוכט...

פון זיין לייב האָט מען פאַסען געריסען, שטראָמען בלוט האָבען זיך פון זיינע אָדערען געגאָסען, אין די ערד אריינגעפלאָסען, וויבער איז די ערד געוואָרען, ווארעמער איז די ערד געוואָרען, און זי האָט זיינע פלאַנצען געוואַרעמט.

און ווי גאָט׳ס א וואָרט, אזוי האָט זיך דאָס בליהעכטס פון אונטער די שטיינער געריסען, דורך נאַכט אויפגעוואַקסען, אין א שעהנעם פריה־מאָרגען פאַר דער וועלט געשטאַנען.

די וועלט האָט זיך געוואונדערט, ווער האָט דאָס אזוי דורך די

פינסטערע נעכט, דורך די לאנגע ווינטער־נעכט, דאָס בליהעכטס געהאַל־
טען, געהאָדעוועט.

נאָך וואונדערט זיך די וועלט. די מענשען אָבער פון דעם לאנד,
פאַר וועלכע דער גערטנער האָט זיין בוים געפלאנצט, האָבען די צווייגען
פון בוים אָבגעריסען, און מיט זיי דעם לייב פון דעם גערטנער געדראָ־
שען, די האָאר פון קאָפּ האָבען זיי איהם אויסגעריסען, זיינע קינדער
האָבען זיי פאַר זיינע אויגען געשאָכטען, זיינע טעכטער האָבען זיי פאַר
זיינע אויגען פעראונרייניגט, פון זיין מוטער די בריסטען געשניטען און
פאַר די הינד געוואָרפען.

נעהם דו, גערטנער־וואַנדלער, א וואָרצעל פון דיין פלאנצעכטס
אין פאָלע און געה אין דיין וואַנדלער־וועג דיין בוים פלאנצען.

דיין גאָרטען איז שוין פאַרטיג, מיט די שאַרפסטע מעסער וועט
מען זיינע צווייגען נישט קענען אָבשניידען, מיט די שאַרפסטע העק
וועט מען זיינע בוימער נישט קענען אונטער־האקען, אין די וואָרצלען
פון דעם גאָרטען לעבט דיינע קינדער'ס בלוט.

פון די פרוכט פון גאָרטען וועלען אנדערע געניסען, דו געה אין
דיין אייביגען וואַנדלער־וועג, זיי מקיים דיין גאָט'ס שליחות, — דיין
פרייהייטס־בוים פלאנצען.

דעם וואָרצעל האָסטו אין דיין פאָלע איינגעבונדען.

# אין שלעכטע צייטען

(אַ פּאָגראָם־בילד)

אַ פּארצייטיג שולעכיל, ביז אין דער העלפט איז עס אין דער ערד אריינגעגראָבען. מיט אַ כיון האָבען עס אונזערע עלטערן אזוי געמאכט, כדי עס זאָל נישט הויך פון אויסווענינ אויסזעהען.... פון דרויסען זיינען די פענסטער נאָהענט פון דער ערד, אינווענינ אָבער הארט ביים באלקען. פון דרויסען איז עס אָרים, איינגעפאלען, — מיט פערפוילטע ברעטער בעקלאַפּט; עס שטעהט נור, הייסט עס, ווייל עס איז אַ שולעכיל.... אינווענינ נאָך מיט געזונדטע ברעטער בעפרישט, אויסגעמאָלט מיט קוים אָנזעהענדיגע מנורות, צוויי שופרות פוןביידע זייטען בעלעמער. דאָס מזרח־ווענטעל איז אויסגעפּוצט מיט רויט גילדערנע אותיות, וואָס זיינען אויסגעמעקט פון אלטקייט — אַ קאָפּ פון אַ הירש דערקענט מען נאָך אין דער הויך איבער די צוויי ליִבען, וואָס זיינען אויף דעם ארון אין אַ קליין פערשטויבט פענסטעריל, אויסגעשטיקט מיט פערשיעדען־פארביגע גלעזערלעך, די הענגלייכטער האָט מען פון דער שול ארויסגע׳גנב׳עט און עס הענגען נאָר לאַנגע שווארצע שטריק אויף אַ זכר פון באלקען אראָב. ביי די צוויי אלטע מעשענע לייכטערלעך, וואָס זיינען אויפ׳ן בעלעמער, הענגט אַ רונדיגע מצה לזכרון.

אין דער גאַס מוז נאָך גרויסער טאָג זיין, וואָרום די קליינע פענסטערלעך אין דער הויך בלישטשען און די רויטע שטיקלעך שויבען גלענצען. דאָס שפּינוועבס ארום לאָזט די שטראהלען אין שולעכיל נישט אריין, זיי זאָלען, חלילה, אין גאַס נישט אויסזאָגען, וואָס עס טהוט זיך אין שולעכיל אָב....

אין שולעכיל איז האלב טונקעל; קאַלטע אונבעוועגליכע שאָטענס ליעגען ביז אויף די העלפט ווענט, נאָר אויבען אין דער הויך, אין די

קליינע פענסטערלעך, וואָס זיינען אין דער ווייבערשער שוהל, דרינגען ליכטיגע שטראַהלען פון אונטער די פאַרהענגלעך אריין, און פון אויבען, פון דער ווייבערשער שוהל, הערט זיך אַ שטילער געריוש, ווי מתים וואָלטען אין דער שטיל אויף די הינער־פיסלעך ארומגעגאַנגען...

אין מיטען טאָג, נאָך נישט מנחה צייט און די עדה איז אין שולע־כיל פערזאַמעלט. וואָס איז דאָס? דער עולם איז היינט אויסגעמישם: בעלי־בתים, חברה־לייט, חסידים און דייטשען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר שמע־קען זיי אין שוהל נישט אריין, זיינען היינט אַלע צוזאַמען. בחורים, חדר־יונגלעך, מיידלעך קליינע, ווייבער זיצען ארום די הינטערשטע שטעדט. „ווייבער אין מאַנס־שוהל"? ווייבער האַלטען די פיצלעך קינ־דער אין קישעלעך פערבונדען און גיבען זיי וועהמוטהיג די ברוסט אין די מיילכעלעך, און פון די אויגען רינען שטילע, איינזאַמע טרעה־רען, וואָס רופען קיין מינדסטען קרעכץ ניט ארויס. און דאָס קינד זויגט אַ טראָפּען מילך און אַ טראָפּען די מאַמעס טהרער... און מען דערקענט אין זייערע קרומע פערביסענע קנייטשען ארום די מייל־לער, אז זיי שטאַרקען זיך, דאָס געוויין אין זיך צו פערשטומען, אז מען זאָל זיי, חלילה, נישט הערען. דאָרט ביי דער טהיר שטעהען קאַסטענס, גרויסע און קליינע. עס ליעגען פּעק בעטגעוואַנד אין ווייסע לײלעכער איינגעבונדען, שטובזאַכען אין טיכער פערפּאַקט. איין פּאַק קניפּט זיך אויף, און פון טוך פאַלען ארויס צוויי מעשענע לייכטערלעך, אַ פּאָר ספרים׳לעך אָהן טאָוולען, אַ צובראָכען טעלעריל און נאָך עפּעס...

אין אַ ווינקעל שוהל, אויף „כסא אליהו", ליעגט אַ יודענע אויף בעטגעוואַנד אויסגעבעטעט, איהר בלייך געזיכט קוקט מיט שרעק און אימה פון דער ארומגעוויקעלטער טוך ארויס, און אזוי ווי מען וואָלט עס איהר מתיר געווען קרעכצט זי הויך, און פון איהר האַרץ רייסען זיך פּראָנק און פריי ביטערע וויהען ארויס; ארום איהר טהוען איינינע ווייבער, יונגע און אַלטע, איינע האַלט איהר דעם קאָפּ ארום, און דער הויכער איד אין קורצען רעקיל גיט איהר אַ פלעשעל עפּעס צו שמעקען; מאַנספּער־שוינען קוקען דאָרט מיט שרעק אַהין...

דער עולם זיצט היינט ניט כסדר — אויסגעמישט, די מאַנספּער־שוינען טהייל זיצען שטיל, פערטראַכט, דאָס פּנים אין די הענד פער־באָרגען און מאַכען „חשבון הנפש". טהייל יונגע קענען נישט איינרוד־הען אויף די ערטער: האַלב שטעהען, האַלב זיצען זיי, און איינער קוקט

אויפ'ן צווייטען, דאָך האָבען זיי מורא נישט בלויז צו רעדען, נור אפילו צו ווינקען איינער צום צווייטען. אַלע אויגען קוקען מיט איין ווארטענדיג אויסדריק אויפ'ן אַלטען רבי'ן, וואָס שטעהט, איינגעוויקעלט אין שלאָפראָק, אין א ווינקעלע, נישט אויף זיין שטאָדט, און קוקט פערטראכט אין א ספר אריין. ער זעהט אויס גאָר ווייט צו זיין פון דאַנען, ער שוויינט קלערענדיג עפּעס פון הויכע, הויכע ענינים...

רוהיג און שטיל איז צווישען דעם עולם, אַזוי, אַז עס הערט זיך א שטילער קרעכץ פון א שוואכער פרויען־ברוסט, שלאָגט ער אָב מיט שרעק איבער דער גאַנצער שוהל, און די שטילקייט פון די מאַנספּערשוינען, דאכט זיך, וואָלט אויסגעזאָגט, אַז נישט בלויז זיי זיינען מסכים אויפ'ן קרעכץ, נור ער איז א „חזן“ פאר זייערע געפיהלען...

דער זון־פלעק געהט אין דער שטיל וואָס א מאָל העכער אויף די ווענט, ביז ער בעהאַלט זיך פון די אויבערשטע פענסטערלעך, און א טונקעלער געדיכטער שאָטען שוועבט איבער די האַלבע שטוב און פערשטעלט די לעצטע סמנים פון די ווייבער, וואָס זיצען ארום די הינטערשטע „שטעדט“. ער פערכמארעט די איינצעלנע זיצענדע, אַזוי, אַז עס דאכט זיך, אַז איין שווארצער בולט'ער פלעק זונדערט זיך אָב פון די ארומיגע פיער ווענד און באַלקען, און דער פלעק איז אין איינעם צוזאַמענגעגאָסען, טויט און נים ריהרעוודיג. דאָך אָבער שטאַרט פון פלעק טיילמאָל א הויכער שפּיץ ארויס און בעוועגט זיך טרויעריג. איבער די ווענט, און פון מיטען כאַפּט זיך טהיילמאָל א ביטערער זיפץ ארויס, און עס דאכט זיך, אַז דאָס האָט דער גאַנצער פלעק אָבגעזיפצט...

פינסטער איז; קיין ליכטעל צינדט מען נישט אָן, און די פינסטערקייט שטייגט וואָס אמאָל העכער, ביז זי מישט זיך אויס מיט דעם שווארצען פלעק און מיט די פיער ארומיגע ווענט, און עס גיסען זיך צוזאַמען ארום די פיער ווענט מיט'ן אָרון הקודש און בעלעמער, דער באַלקען מיט די כרובים. און אַלץ ווערט איין פינסטערעס שטיק, איין שרעקליכע. אַלץ ארום איז פינסטער און שטיל...

נאָר דאָס שוויינען איז א ווארטענדיגעס. מען דערקענט, אַז דער פלעק איז פון פערשיעדענע שטיקלעך צוזאַמענגעגאָסען און ביי דער קלענסטער בעוועגונג צוריהרען זיך די שטיקער אין קליינע שטיקלעך. אָבגעזונדערטע שאָטענס טאַנצען אויף די ווענט. מעהרסטענטהייל אָבער איז דער שווארצער פלעק איין שטיק, וואָס שוויינט און ווארט...

פלוצים, מען ווייס נים פון וואנען עס האָט זיך גענומען, און דער פלעק פלאצט, און יעדער איינציגער הויבט זיך אָן צוצושטופען צום אָרון הקודש. טייל כאַפּען די קינדער אויף די אקסעל און שטופען דעם צווייטען און לאָזען זיך אויף די טרעפּלעך צו צום אָרון הקודש. אין שו־לעכיל שטאַרקט זיך די בעוועגונג, נאָר אין דער שטיל און שווייגענדיג. וויבאַלד עס הערט זיך אַ קינדיש ערנסט און פאַרכטענדיג געוויין, פּרובט מען עס איינצושטילען. פון דאָרט, פון עק שוהל הערט זיך אַ יודענעס וויינעדיגער קול: משה, משה, וואו איז היים'ל? חיים'ל וואו איז? דאָס גערודער פערגרעסערט זיך. מען שטופּט זיך, ווייבער הויבען אָן צו שלוכצען הויך, די קינדער, הערענדיג די מוטער'ס געוויין, וויינען אויך.

— שווייגט, געדענקט אין גאָט, מען וועט דאָך אונז הערען!

די ווייבער פּרובען שטיל צו שווייגען, פון זייערע פערשטיקטע שלוכצען רייסט זיך אַ טיעפער, ביטערער ברום און דאָס ווארפט אויף אַלעמען ארויף אַ פינסטערע מורא.

אַ מינוט איז שטיל. און נאָך אַ מאָל האָט זיך דער באַלקען און די פּאָדלאָגע און אַלע פיר ווענט אין איין שווארצען פלעק צוזאמענגענאָ־סען. ארום און ארום איז שאַ, שטיל, ווי מתים וואָלטען אויף דער ערד צוזאמען געלעגען. און דער פלעק — איין שווארץ ליילעך איבער זיי צוגעדעקט. און די ערנסטע, שטילע ליכטיגקייט דרענגט מים אַן אָרים־קייט ארוים פון „נר תמיד'ל", וואָס איז אין דער וואנט איינגעמויערט, און דער שטראַהל פאַלט איבער דעם טויטען שווארצען פלעק, און עס דאכט זיך, אז אַ נשמה־ליכטעל ברענט צו־קאָפּענס אַ גאַנצע עדה יודען... און מען שווייגט...

פלוצים, מען ווייסט ניט פון וואנען און פון וואו, לאָזט זיך פון עולם הערען אַן אַלטע, אין טרעהרען פערטרונקענע שטימע, און די שטימע שלאָגט איבער די קעפּ פון דער עדה, דעם שווארצען פלעק, ווי אַ טרויעריגער מתים נגון, וועלכער דריקט ארוים די ווערטער:

אש־רי יוש—בי בי—ת—ך.

דער רב דאַוונט פאר'ן עמוד מנחה.

און דאָס קול פון עולם האָט זיך אין איינעם צוזאמענגעגאָסען און עס איז געווען נישט קיין וויינעדיג קול, נישט קיין בעטענדיג קול, נאָר אַ שטילע שטימע, ווי פאר זיך זעלבסט...

אש—רי יוש—בי בי—ת—ך.

און א קינדיש וויינענדיג קול'כעל האט מיטגעהאלפען די עדה דיקענדיג די זעלבע ווערטער ווי אן אלטער.

און דער באלקען און די פאדלאגע און אלע פיער ווענט זיינען איין שטיק, איין שווארצער פלעק און אלע שטימען זיינען איין ערנסט טרויעריג קול.

א ודוי פון א גאנצער עדה...

און פינסטער איז ארום, און דער שטראהל פון דעם „נר תמיד'ל" דרינגט איבער דעם פלעק.

און דער צוזאמענגעגאסענער, שווארצער פלעק בעוועגט זיך אהין און צוריק, און די קולות, וואס זיינען א תפילה פון איין הארץ, לאזען זיך הערען צו ערשט פאמעלעך, פאמעלעך, נאר וואס א מאל העכער און העכער.

פלוצים ווערט שטיל צווישען דעם עולם. דער שווארצער פלעק שטעהט, ווי ער ווארט אויף עפעס. נאר אין דרויסען איז שטיל. מען הערט אפילו קיין שארך נישט, דאך קען מען עפעס נישט ווייטער דאווענען. די שטילקייט ווערגט, די שטילקייט שרעקט. מען ווארט... מען הארכט... באלד פון דערווייטען, פון גאנץ ווייט הערט זיך א געלייפיג רוישענדיג קול, עס געהט, עס געהט און קומט אן. וואס איז דאס אזוינס? און דער רעש'דיגער קול געהט וואס א מאל נעהנטער.... מען דערקענט, ווי ער קומט אן...

מען געהט!

און דער עולם, צוזאמענגעגאסען אין איין שטיק, הויבט זיך פלוצלונג אן צו שאקלען, בלייבענדיג אויף איין ארט, און פערשיעדענע שטימען, מענליכע, ווייבליכע און קינדערשע גיסען זיך צוזאמען, עס ווערט איין קול, און דער קול איז שרעקליך טרויעריג:

רבונו של עולם! רבו—נו של עו—לם.

און פלוצלונג הערט זיך דעם רבי'נס שוואכע, אין טרעהרען פארטונקטע שטימע מיט א מין זיכערקייט און פעסטקייט:

— אב הרחמן! שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—ה—נו חוס ור—חם ע—לי—נו.

און דער עולם האט שוין אן אלעם פערגעסען, — איין צער אין הונדערטער הערצער צוגיסט זיך אין איין קול:

— אָב הרחמן ! שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו חוס ור—חם ע—לי—נו.

און דרויסען ביי דעם שולעכיל איז נאָך שטיל, שטיל און שווייגענדיג, נאָר עס הערט זיך ווי אַ קול געהט פון דערווייטענס, איין געוואַלדינער רעש'דיגער קול מיט עזות. מען ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אזוינס ? און דאָס קומט... מען הערט, ווי טויזענדער שטיקער אייזען וואַלטען אויף שטיינער געקלאַפּט, עפּעס אַן אונגעהויערע קראַפט איז אין אַ ווילדע חיה אריין, און די חיה קומט אָן. שטיל איז נאָך דערווייל, נאָר אלע פּיהלען, אז עפּעס וואָס דאַרף באַלד אויסברעכען... הורא! הורא! די חיה האָט טריאומפירענד די שטאָלענע רינגען פון איהר לאַנג געפּעסעלטען שטייג אויסגעריסען און קומט, אָט מאַכט זי חרוב די גאַנצע וועלט...

און דער עולם אין דער שטיל שטעהט צוזאַמענגעדריקט איינער צום צווייטען.קיינער ריהרט זיך נישט פון אָרט. מען שאָקעלט זיך ; טאַמעס כאַפּען די קינדער אויף די אקסלען און פון די ווייבער הערט זיך אַ ווילדער מורא'דיגער געשריי, אַ געשריי אָהן אַ וואָרט, אָהן אַן אויסדרוק. און דער קול פון די מתפּללים ברעכט זיך ארויס, און צווישען די קולות הערט זיך דעם רבינ'ס ערנסטע רייסענדיגע שטימע, ווי ער זוכט אין די ווערטער די איינציגע הילף.

— אָב הרחמן שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו.

און די עדה איז איין הארץ און איין קול.

— אָב הרחמן שמ—ע קו—ל—נו ה' אל—הי—נו.

און אין דרויסען שטעהט שוין די ווילדע חיה, מען שפּירט איהר הייסען דאָרשטיגען אָטהעם... אונגעהויערע לאַפּעס, דאַכט זיך, קלאַפּען אויף די ווענט, אָט, אָט מען זוכט... מען טאַפּט...

און אינווענינג איז איין קול און די איינציגע הילף איז —

— אב הרחמן ! אב הרחמן !

און פון דרויסען שרייט די דאָרשטיגע חיה :

— הורא ! הורא !

און די קולות פון דרויסען און די קולות פון אינווענינג האַלטען מלחמה, ווער וועמען וועט גובר זיין.

אויף אַ מינוט ווערט דער עולם שטיל, מען וואַרט.

קראַך, קראַך, די טהיר איז צושמעטערט.

# קאָנסטיטוציע

עס איז נאָך געווען נאכט, נאָר דאָך האָט שוין אַ גרויער מאָרגען־פלעק פון אַ השון טאָג ברונז'דיג און פרעמד זיין גרויקייט אויסגעגאָסען אין אָן עק הימעל וואָס האָט זיך געוויזען ווייט אין עק גאַס, צווישען צוויי הויכע ציילען הייזער.

די הויכע גאַס הייזער, אזוי ווי מען וואָלט פלוצלונג פון זיי די שווארצע נאכט־דעקע אראָבגענומען, זיינען ווייטער געשטאַנען ווי פריהער, פערשלאָפען און שטום... אין גאַס איז קיינעם ניט געווען צו זעהן, נאָר פון ערגעץ ווייט האָט זיך געהערט אַ רעדער־קלאַפען פון אַ לויה־וואָגען, וואָס איז ערשט דורך די נאכט אין דער גאַס דורכגעפאָהרען.

און די רעדער האָבען אין די שטיינער אָבגעהאַקט ווי אַ שווערער קויהלען־וואָגען. דעם לויה־וואָגען איינער אליין, מיט אַ מת אין זיך, און מיט איין לעבעדיגען מענש — דעם שמייסער — אויף זיך, האָט געשלעפט איין לעבעדיגער פערד, וואָס דאכט זיך אז קיינער האָט עס אָנגעטריבען, נאָר איינס אליין האָט עס געבלאָנדזשעט גאַס אויס, גאַס איין.

אויפ'ן טראָטואר, געגענאיבער אַ נאקעטען בוימען־סקווער, איז געלעגען אַ טוידטער קערפער פון אַ גע'הרג'עטען יונגען מענש, האַלב פערנעצט אין דעם בלוט וואָס איז פון זיין אויפגעשפאָלטענעם קאָפּ גערונען, האָט ער יעצט, אין דער נאכט, זעהר שוואַרץ אויסגעקוקט...

די טוידטע שמאטע וואָס האָט זיך אויפ'ן טראָטואר אַרומגעוואַלגערט האָט אזוי עפּעס פערשטומט די גאַס, אז דער זעלנער מיט די ביקס, וואָס איז ניט ווייט פון איהר געשטאַנען איינגעוויקעלט אין זיין פייכטען מאַנטעל, האָט אויך דעם איינדרוק געמאַכט ווי אַ טוידטע שמאטע איינגעוויקעלט אין אַ זעלנערשען מאַנטעל, וואָס מען האָט

אגיערערגעשטעלט נעבען א וואנד, און ווי עפּעס א שפּיעלעריי, האָבען איהם קינדער א ביקס אין אָרעם אריינגעשטעקט...

אויף זיי ביידע, אויף דעם טוידטען קערפּער און אויף דעם זעלנער, האָבען די נאַקעטע צווייגען פון די נאַקעטע ביימער אין דעם גאַרטען־סקוועד געשאָקעלט אהין, געשאָקעלט אהער, געזאָגט... געזאָגט... און געזאָגט, און איין גאָט ווייס וואָס זיי האָבען געוואָלט...

און ביי דעם אלעם איז אין גאס אזוי שטיל געווען, ווי איינער וואָלט מיט דעם צווייטען פרעמד געווען... ווי איינס וואָלט דאָס צווייטע נים דערקענט...

אזוי פרעמד און אונבעקאַנט האָט זיך איבער דעם אלעם געצויגען א גרויע פלאַכטע פון א פערנעבעלטען חשון טאָג...

ווייט אין עק גאַס האָט זיך א שווארץ פלעקעל געוויזען, וואָס איז וואָס אמאָל נעהנטער אָנגעקומען! אין דער שטילער גאס, ווי פון א פרעמדער וועלט, איז א אינגעל, א גאזעטען־טרעגער, מיט באָרפוסע פיס און אן אויפגעדעקטען קאָפּ אָנגעקומען צו לויפען. אין אָרעם האָט ער געהאַלטען א פּאַק מיט „עקסטראַס“ אין א ווייס שטיק פּאַפּיר איין האנד, און א קול פון א יונגע ברוסט האָט די שטילע לופט פון די שטילע נאַכט דערציטערט:

„קאָנסטי־טוצ־יאַ!“

ער האָט געגעבען א בליק אויף דעם טוידטען קערפּער, וואָס האָט זיך אויפ'ן טראָטואַר ארומגעוואַלגערט, און פלינק געמאַכט פיס... פון הינטער איהם האָט זיך געהערט זיין קול:

„קאָנסטי־טוצ־יאַ!“

# א פרעמדער קלימאט.

(ערצעהלונג)

---

מר. לייזעראוויטש איז אין אבענד אהיים געקומען פון האספי־טאל און האט זיך, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען די לעצטע צייט, צוגעשלאסען ביי זיך אין קאבינעט און איז געבליבען אליין ביז צום אבענד־ברויט. די דיענסט האט שוין איינינע מאל אנגעקלאפט אין טהיר און איהם ארויסגערופען צום עסען, און דער דר. האט געגעבען זיין געוועהנליכען מרוק, וואס עס האט געזאלט הייסען, אז ער קומט באלד ארויס, און איז געבליבען ווייטער איינגעשלאסען אין זיין קא־בינעט. נור דאס מאל האט מען איהם ניט געלאזט רוהען מעהר ווי אין אנדערס מאל און פון דער צווייטער שטוב האט זיך אפילו שוין געהערט אננא איסאקאוונא'ס, זיין ווייב'ס ווייכע און שוואכע שטימע, וועלכע האט גערופען: „באַרים, מי זשדיאם“. דער ווייב'ס שטימע האט דר. לייזעראוויטש'ען געוועקט פון זיין וואכענדיגען חלום. עס איז איהם געווען, ווי ער וואלט פלוצלינג דערהערט אן אויסטערלישע, אומגעוועהנליכע זאך.

ווארום העכער א יאהר, זייט זיין עלטסטער זוהן, מיכאאיל, איז אוועק אין מאסקווע און איז דארט אנגענומען אין דעם אוניווערזיטעט אויף דעם מעדיצינישען פאקולטעט — האט דר. לייזעראוויטש גע־זעהן אויסצומיידען זיין פאמיליע, וועלכע איז בעשטאנען, אויסער פון זיין דערמאנטען עלטסטען זוהן, פון זיין פרוי, אננא איסאקאוונא, וועלכע האט תמיד געקרענקט (און ער האט זי סיי־ווי־סיי וועניג וואס געזעהן אין זיין לעבען), פון א אינגערער טאכטער, זשאנקא, און א אינגעל אין פינפטען קלאס גימנאזיע, זיין מיזשיניקעל, סאלאמאן, וועלכען ער האט זעהר געליעבט. ער פלעגט אויסמיידען די שטוב,

זעהן וואס וועניגער אין דער היים צו זיין. און ווען ער איז אהיים געקומען פון האספיטאל, האט ער זיך איינגעשלאסען אין זיין קאַבינעט, געמאכט זיך ארבייטען, אבער אין אמת'ען האט ער נישט גע־ארבייט (ער האט שוין קיין בוך נישט געהאלטען אין דער האנד, זייט ער איז ארויס פון אוניווערזיטעט), נור ער האט נאכגעקלעהרט וועגען זיין עלטסטען זוהן, וואס איז אוועק קיין מאסקווא און איז דורך א פראטעקציע פון פארזיצענדען פון אקרוזשנאי סוד, זיין פריינד וואסיל איוואנאוויטש, געווארען אנגענומען אין אוניווערזיטעט. דר. לייזערוויטש האט געוואוסט, ווי זיין גאנצע פאמיליע, אז מיכאאיל איז נישט געווארען אנגענומען אין אוניווערזיטעט דורך פראטעקציע (די פראטעקציע האט מען נור בענוצט אויבען פאר מענשען), נור מיכאאיל האט זיך גאנץ איינפאך אבגע'שמד'ט. כאטש קיינער האט דערפון נישט גערעדט, אין דער משפחה האט מען דערפון קיין אייןווארט נישט איבערגע'חזר'ט, דאך האט זיך דר. לייזעראוויטש פון דער צייט אַן געוועזן ערנסט, יעדער פערנומען מיט ס'זייניגע און אננאַ אין זיין קאבינעט. און אז דער דאקטאר פלעגט פערלאזען אין א צוויי שעה ארום זיין צימער, פלעגט ער שוין טרעפען דעם טיש בעזונדער און איינזאם געדעקט פאר זיך. זיין גאנצע פאמיליע איז פון דער צייט אַן געוועזן ערנסט, יעדער פערנומען מיט ס'זייניגע און אננאַ איסאקאוונא איז, ווי איהר געוואהנהייט, געגאנגען פריה שלאפען. דער דאָקטאָר האט פערקלעהרטערהייט ארייננעכאפט זיין עסען און איז צוריק אריין אין זיין קאבינעט, גענומען אַן אלטען „רעטש" אין האנד און פערטיעפט זיך אין א רעדע, וואס א קאדעטישער דע־פוטאַט האָט געהאַלטען פאַר אַ יאָהרען אין דער דומע איבערן ביודזשעט. ער איז, ווי זיין געוואהנהייט, ביי דער רעדע איינגעשלאפען. טיילמאל איז ער אזוי דורכגעשלאפען די גאנצע נאכט, טיילמאל איז די אלטע דיענסט, וועלכע איז געוועזן אין דעם הויז א צייט מיט יאהרען, אריין אין קאבינעט, איהם בעמערקט — האט ער זיך אויסגעטהאן און געווארפען זיך אויף דער קאנאפע, וועלכע איז געשטאנען אין א ווינקעל קאבינעט און אויף וועלכע ער האט בייטאג אונטערגעזוכט קראנקע, און איבער וועלכע עס איז געהאנגען אַן אלטע רעפּראָדוקציע פון א זשורנאל, רעמבראנד'ס אנאטאָמישע שולע.

דורך דעם איז דר. לייזעראוויטש'ען געווען אזא וואונדער, וואס

ער האט דאס היינטיגע מאל געהערט זיין ווייב׳ס שטימע איהם רופענ־דיג פון זיין קאבינעט. ער האט פערשטאנען, אז עס האט עפּעס גע־מוזט פּאַרפּאַלען ווערען, און ער האט זיך געשראָקען פאר דער נייעס. און טאקע, ווען דער דאָקטאָר איז ארויס פון זיין קאבינעט, האט ער געפונען זיין פאמיליע ווארטען ארום טיש מיט מיטאג אויף איהם. דאס איז איהם געווען אזוי ניי, אז ער האט זיך געפרעהט און ביי זיך נעקלעהרט, אז עס איז גאר א גוטע זאך צו עסען צוזאמען מיט די קינדער. נור אין הארצען האט איהם געשראָקען פאר דער נייעס. ער איז צו נערוועז געווען צו ווארטען — האט ער ביים טיש געפרעגט, אזוי ווי מען האט זיך נור אוועקגעזעצט: „וואס איז געשעהן?" — די קינדער האבען איינס דאס צווייטע אנגעקוקט, שטיל געווען, און אננא, וועלכע איז היינט געזינדער און מענשליכער געווען, ווי אין אנדערע מאל, האט געענטפערט: „גאָרנישט איז געשעהן". פון דעם ערנסט און שווייגען ביים טיש איז דער דאָקטאָר נאך מעהר אויפ־נערעגט געווארען, האט ער געשריען, אז עס איז יא עפּעס געשעהן. און מען זאל איהם נישט די נשמה אויסציהען, און זאגען באלד. אננא איסאַקאָוונא האט איהם געענטפערט מיט א טאָן, ווי זי וואלט איהם דאס גרויסע אונגליק געוואלט אויף איינמאל אויסזאגען: „מיכאאיל האט געשריבען, אז ער קומט אהיים אויף פסח". האט שוין דער דאָקטאָר געשוויגען און אלע ביים טיש האבען שוין גע־שוויגען, ווי עס וואלט געווען א טויטער אין שטוב.

די נאַכט איז דער דאָקטאָר נישט איינגעשלאָפען, ווי אין די אנ־דערע נעכט, אויפ׳ן „רעטש' ביי א קאַדעט׳ס א רעדע. ער האט נאכגעקלעהרט וועגען זיך און וועגען זיין קינד. אייגענטליך האט ער אליין נישט פערשטאנען, פארוואס מיכאאיל׳ס אוועקגעהן פון אידיש־קייט האט געמאכט אויף איהם אזא איינדרוק. קיין גרויסער איד איז נישט ער און נישט זיין זוהן קיינמאל ניט געווען. ער אליין געדענקט קוים וואס פון אידישקייט: דער פסח און דער יום־כפור איז איהם געבליבען אין זכרון פון זיינע אמאליגע קינדער־יאהרען. זיין פאטער, דער קרעמער פון א קליינער שטאדט, איז געווען א פרומער איד, נור זייט ער האט זיך ארויסגעקליבען פון דער קלייגער שטאדט און איז אריין אין מאסקווע, וואו ער איז דענסמאל אין זיין יוגענד אוועק שטודירען, האט ער מעהר זיין פאטער נישט געזעהן

און מעהר פון די אידישע יומים־טובים נישט געוואוסט. אננא איסאקאוונא, מיט וועלכער ער האט זיך בעקענט דאן אין מאסקווא און חתונה געהאט, האט געווים אויך קיינמאל נישט געוואוסט פון קיינע אידישע ימים־טובים, און די קינדער האבען זיך ביי איהם ערצויגען, ווי די קינדער פון פיעלע פאטערס זיינס גלייכען. אהן טראדיציע, נור מיטגעלעבעט מיט די מנהגים און יומים־טובים פון דער שטאדטשער בעפעלקערונג. און אייגענטליך איז מיכאאיל געווארען אויפגעצויגען צו דעם, אז ער זאל זיך שמד'ען. פעהיג איז ער געוועזען, און פון פינפטען־זעקסטען קלאס אן האט ער אנגעהויבען ארויסצואווייזען גאר בעזונדערע פעהיגקייטען צו מאטעמאטיק. אז מיכאאיל האט זיך פארגענומען ערנסט צו שטודירען, איז ביי קיינעם פון די שטוב־מענשען מעהר קיין ספק נישט געוועזען, אז מיכאאיל, אום אויסצומיידען יעדע שטערונג, וואס קען איהם שטעהן אין וועג צו זיין קאריערע, בעדארף זיך שמד'ען. דער פאטער, די מוטער און מיכאאיל אליין האבען געקלעהרט וועגען דעם, כאטש זיי האבען קיינמאל קיין ווארט דעריבער נישט געלאזט פאלען — און פארוואס יעצט, ווען עס איז געקומען צו דעם, ווען מיכאאיל האט שוין דאס זייניגע דערגרייכט — פארוואס לאזט עס איהם נישט רוהען? וואס איז די קראפט, וואס וועקט זיך אין איהם און בעפרעמדעט איהם פון זיין הויזליכען לעבען און פון זיין גאנצע פאמיליע?

פיעל האט דר. לייזעראוויטש נאכגעקלעהרט וועגען דעם אין די לעצטע צייט און געפרואווט מיט אלע מעגליכקייטען ארויסצורופען די זכרונות פון די פערגאנגענע יאהרען זיינע, נור עס איז איהם שווער אנגעקומען. ווען ער האט אנגעהויבען קלעהרען וועגען דעם — איז ער מיעד געווארען, זיין ברייט־בייניגער קערפער — שווער, און עס האט איהם אנגעהויבען שלעפערען. ווארים דר. לייזעראוויטש האט דורך די דריי און צוואנציג יאהרען, וואס ער איז אבגעזעסען אין דער פראווינץ־שטאדט אין דעם אידישען תחום, פערגעסען דאס דענקען. אמאל איז ער, ווי אנדערע סטודענטען אין זיינע יאהרען, אויך געוועזען א אידעאליסט, „ער וועט ענדיגען — האט עס געהייסען דענסטמאל — און וועט געהן אין פאלק אריין“: אריינציהען זיך אין א פערוואר־פענעם דארף, און היילען די פויערים און פויערטעס און לערנען לעזען און שרייבען די הירפס־אינגלעך, ווי פיעלע סטודענטען האבען

דענסטמאָל וועגען דעם גערעדט. נור ווען דר. לייזעראָוויטש האָט געענדיגט אין מאָסקווא, האָט ער זיך נישט אריינגעצויגען אין אַ פערוואָרפען דאָרף. ער האָט זיך דאָן פערליעבט אין אננא איסאַקאָוונא, וואָס איז געוועזן אַ טאָכטער פון דעם „דירעקטאָר“ סאלאָמאָן. ביים דירעקטאָר סאלאָמאָן, אַן אלטער אויסגעדיענטער „אינוואליד“ פון אַ פאבריק, וועלכער האָט געהאט פיער טעכטער, האָבען דאָן פערקעהרט די אידיישע סטודענטען אין מאָסקווא. די מיידלעך האָבען געשפּיעלט פּיאַנאָ, און ביים „דירעקטאָר“ האָט מען זיך געפיהרט אריסטאָקראַטיש: דער לאַקיי, אַן אלטער גוי, האָט דערלאַנגט מיט האַנדשוהען ביים טיש, כאָטש עס איז ניט געווען אַ סך צו דערלאַנגען — האָט דער לאַקיי מיט די האַנדשוהען און די פּיאַנאָס געמאַכט אויף דר. לייזעראָוויטש אַ גרויסען איינדרוק. און אויף זיין חלק איז אויסגעקומען די שוואַכסטע און די מיאוס'טע פון אַלע „דירעקטאָר“ סאלאָמאָן'ס טעכטער, אננא.

נור קוים האָט דר. לייזעראָוויטש חתונה געהאט מיט אַ טאָכטער פון דער אריסטאָקראַטישער הויז, האָט ער פערגעסען באַלד אַן זיין אידעאַל, איז אוועק דאָן מיט זיין יונג ווייב, וואָס האָט באַלד נאָך דער חתונה אָנגעהויבען קרענקען, אין אַ שטאָדט פון דעם אידישען תחום, אין וועלכע „דירעקטאָר“ סאלאָמאָן האָט געהאַט פיעל פערוואַנדטע און בעקאַנטע, און אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען. צומאָלס האָט עס נאָך געהייסען, אַז אויך אין תחום קען מען זעהר פיעל אויפטהאָן, און „ליכט“ דאַרף מען נישט בלויז איז רוסישען דאָרף, נור אויך אין די רוסישע שטעדט. נור באַלד האָט זיך דר. לייזעראָוויטש בעקענט מיט די שטאָדטישע אינטעליגענץ: מיט'ן אַפּטייקער און „פּרעדסעדאַטעל“ פון סוד, און מיט זיי איז ער אָבגעזעסען האַלבע נעכט אין „קלוב“ און געשפּיעלט אין קאָרטען. די שטוב פלעגט ער זעהן אויסצומיידען. ער האָט די „אריסטאָקראַטקע“, נאָך דעם, ווי זי האָט אָנגעהויבען צו קרענקען, נישט איבריגענס ליעב געהאַט, נור דאָס האָט איהם נישט אָבגעהאַלטען צו האָבען מיט איהר פינף קינדער, פון וועלכע צוויי האָט זי נישט אויסגעטראָגען און די איבריגע דריי האָבען זיך אויפגעצויגען אָהן זיין וויסען, ביז עס האָט איהם אויפגעוועקט פון זיין קאָרטען־שפּיעל די געשיכטע מיט דעם שמד פון זיין עלטסטען זוהן מיכאַאיל.

וואָס מעהר עס האָט זיך דערנעהענטערעט דעם זוהן'ס קומען פון מאָסקווא, אַלץ אונרוהיגער איז דר. לייזעראָוויטש געוואָרען, און אַלע האָבען זיך ווי פאר עפּעס געשראָקען. דר. לייזעראָוויטש אַליין האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהלען ביי זיך אין דער היים, ווי א פרעמדער און ערגעץ זיך נישט קיין אָרט געפונען. אין קלוב האָט ער אויפגעהערט צו געהן, און ביי זיך אין קאַבינעט ביים „ריעטש" האָט ער אויך שוין מעהר נישט געקאָנט איינזיצען. צוערשט האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אַז די אונרוהיגקייט קומט איהם דערפון, וואָס ער איז נישט צוגעוואָהנט און ער שרעקט זיך פאר דאָס נייע געשעהעניש אין זיין הויזליכען לעבען, נור קוים וועט ער זיך צוגעוואָהנען צו דעם, אַז זיין זוהן איז גע'שמד'ט, און מען וועט עס געוואָהר ווערען אין דער שטאָדט, און אַלע וועלען שוין אויפהערען דערפון צו רעדען, וועט ער זיך אויך בערוהיגען און דאָס לעבען וועט ווייטער געהן זיין נאַטירליכען וועג. נור באַלד האָט ער איינגעזעהן, אַז די אונרוהיגקייט קומט נישט פון א נישט צו־געוואָהנטען צושטאַנד, נור די אונרוהיגקייט ביי איהם איז א פיעל טיעפערע. ער האָט פאר עפּעס מורא, און די סיבה פון דעם ווייס ער נישט. טויזענד מאָל האָט ער זיך געזאָגט, אַז עס איז גאָרנישט געשעהן, אַז מיט דעם, וואָס זיין זוהן האָט זיך גע'שמד'ט, איז נישט ער און נישט זיין זוהן אַנדערש געוואָרען. ער איז נישט רעליגיעז און נישט אבערגלויביש, אַז ער זאָל גלויבען, אַז דאָס, וואָס דער זוהן האָט אויסערליך געביטען זיין רעליגיע, זאָל האָבען א טיעפערע בעדייטונג. ווארים אין אמת'ן — נישט ער, נישט זיין זוהן גלויבען אין גאָט, איז וואָס קען די אויסערליכע שיין פערענדערן זיין אינערליכען פסיכישען צושטאַנד? און ווידער לוינט זיך דען איבער אַן אבערגלויבען, אַז דער פעהיגער יונגער מאַן זאָל אוועקשענקען זיין קאַריערע, זיינע פעהיגקייטען, זיין צוקונפט? האָט דען נישט מיכאַאיל געהאַנדעלט גאַנץ לאָגיש, וואָס ער האָט איינמאָל פאר אַלע מאָל אוועקגענומען די שטערונגען, וואָס זיינען איהם געלעגען אויף דעם וועג פון זיין צוקונפט? נור די אַלע רייד האָבען דר. לייזעראָוויטש נישט געקענט בערוהיגען. ער האָט געפיהלט, אַז עס איז געשעהן א טיעפערע זאַך, ווי אַן אויסערליכע ערשיינונג, אַז צווישען איהם און זיין זוהן שטעהט יעצט א וואַנד, וועלכע טהיילט אָב איין דור פון דעם צווייטען, אַז דער זוהן איז נישט א פאָרטזעצונג פון

איהם, נור ביי איהם האָט זיך עפּעס וואָס געענדערט, און ביים זוהן הויבט זיך עפּעס וואָס אָן, און זיי קעהרען ביידע שוין צו צוויי פערשיעדענע וועלטען, און פאַר דער וואַנד, וואָס שטעהט צווישען זיי, האָט ער זיך געשראָקען און איז געוועזן אונרוהיג.

צוויי טעג פאַר פסח איז אהיים געקומען דער יונגער מאַן. דר. לייזעראָוויטש האָט זיך מיט איהם נאָך נישט געזעהן, ער האָט אנגסט געהאַט זיך צו בעגעגענען מיט איהם אויג אויף אויג. פלעגט ער האַלבע נעכט אַרומלויפען ביי קראַנקע, שפּעט אהיים קומען, און אַז ער האָט געהערט מאָרגענס דעם זוהן'ס שטימע פון דער צווייטער שטוב, האָט ער אויפגעציטערט. ער פלעגט דורך אַ שפּאַרע פון דער טהיר אַריינקוקען, כאַפּען אַ בליק אויף זיין זוהן, ווי זעהט ער אויס? אָבער דער זוהן זיינער האָט זיך גאַרנישט געהאַט געענדערט: דאָס זעלבע קינדישע פּנים מיט די בעקאַנטע צוויי קינדישע אויגען, וועלכע האָבען תמיד געריהרט דר. לייזעראָוויטש'עס פאָטערליך האַרץ. און דער דאָקטאָר האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער זוהן זיינער האָט זיך נאָכ'ן שמד'ען גאָרנישט געענדערט. — ער זעהט ווייטער אויס, ווי זיין קינד — און דאָך האָט ער אזוי מורא פאַר איהם...

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיין זוהן איז אין דער היים געוועזן — איז אין די הויז געוועזן אויסגעשטאָרבען. מען האָט נישט געהערט דאָס אַמאָליגע רוישען פון די קינדער, ווען זיי זיינען פון דער שוהלע געקומען, מען האָט נור געהערט פון דער צווייטער שטוב, ווי די קינדער געהען אויף די שפּיץ נעגעל אַרום. און, ווי זיי וואָלטען זיך געשעהמט איינם דעם צווייטען אין די אויגען צו קוקען, זיצען זיי יעדעם בעזונדער אין אַ ווינקעל און לעזען. דאָס שטילע שווייגען האָט דעם דאָקטאָר נאָך מעהר דענערווירט. און ער האָט פיעל מאָל געוואָלט אַרויסגעהן צו די קינדער און אָנהויבען זיך מיט זיי שפּיעלען, ווי ער פלעגט דאָס אַמאָל טהאָן, ווען זיי זיינען קליינע געוועזן, נור קוים האָט ער בעמערקט דורך דער שליסעל-לאָך דעם עלטסטען — האָט ער זיך געשראָקען און צוריקגעהאַלטען.

נור אַם מעהרסטען האָט איהם דוקא געריהרט דער עלטסטער זוהן — דער משומד. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד זעהט אויס, זייט ער האָט זיך גע'שמד'ט, פיעל שוואַכער און טרויעריגער, און דער דאָקטאָר האָט אויף איהם גרויס רחמנות געקראָגען. און

סיינמאָל האָט ער נאָך נישט געפיהלט אַזאַ נאָהנט פאַטערליך גע־פיהל צו אַ קינד, ווי טאַקע צו דעם משומד. דאָס האָט איהם גע־פרעהט, וואָס ער האָט דאָס געפיהל צו זיין קינד, און טרויעריג גע־מאַכט. און איינמאָל האָט ער איהם געזעהען דורך אַ פענסטער, ווי דאָס 18־יאָהריגער אינגעל אין זיין בלויליכע סטודענטישע קליי־דונג, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט צו איהם, איז געזעסען אין אַ ווינ־קעל שטוב און געלעזען. דאָס אינגעל האָט זיך אין דער שטוב אַזוי פרעמד געפיהלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט הויך צו רעדען. זיין געזיכט איז געווען בלייך, אין זיינע אויגען און אַרום זיינע ליפּען איז געלעגען אַ צער אויסגעגאָסען, ווי עס ליגט איבער אַ מיידעל, וועלכע האָט פע־ארען איהר אונשולד. דער דאָקטאָר האָט עס גאַנץ גוט בעמערקט און ער האָט גרויס רחמנות געקראָגען אויף זיין קינד, וואָס מוז זיין לעבען אָנהויבען מיט אַזאַ זינד. האָט ער זיך נישט גע־קענט איינהאַלטען, איז אריין צום זוהן אין עס־צימער. ער איז צו איהם צו און אויפגעלעגט זיין ברייטע, דיקע האַנד אויף דעם זוהן'ס שוואַכע, קינדישע אַקסלען און ער האָט איהם געקוקט אין די אויגען אריין:

— מיכאַאיל, וואָס מאַכסטו?

דאָס אינגעל האָט זיך אויפגעריסען. דערזעהן דעם פאָטער, איז ער בלייך געוואָרען, צומישט האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום פאָ־טער, אויס געוואָהנהייט, און אויסגעשריען: „פּאַפּאַ!" — אָבער באַלד האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און איז שטעהן געבליבען שול־דיג און שוויינענדיג.

— ווי אַזוי ביזטו אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט? — האָט דר. לייזעראָוויטש געפרעגט דעם זוהן גראָב און האָט מיט זיין גרויסער האַנד איבערגעווישט זיין רויה, גרויס געזיכט.

דאָס אינגעל האָט אַ מינוט געשוויגען, דאַן האָט ער בייז זיינע דינע, בלייכע ליפּען פערביסען און אָבגעענטפערט:

— איך האָב נישט געוואוסט, אַז עס וועט אויף דיר אַזאַ איינ־דרוק מאַכען.

דער פאָטער האָט געשוויגען.

און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער זוהן ווידער אָנגערופען:

— אז דו ווילסט, וועל איך ווארפען דעם אוניווערזיטעט און ווערען צוריק א איד, עס איז מיר אויך עקעלדיג.

— מען דארף נישט, — האָט דער פאָטער שטרענג אָבגעענטפערט.

— פאַר וואָס ? — האָט דער זוהן געפרעגט.

דער פאָטער האָט זיך נעהענטער צוגערוקט צום זוהן, געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין מיט א טריבען, שלעכטען בליק, און געזאָגט אזוי :

— דאָ האנדעלט זיך דאָך נישט צוליעב רעליגיע. דו ווייסט דאָך, איך בין נישט רעליגיעז ; דאָ האנדעלט זיך דאָך אום א פּרינ־ציפּ. און דעם פּרינציפּ האָסטו דאָך שוין איינמאָל געבראָכען — וואָס איז דער חלוק, אז דו וועסט יעצט צוריק א איד ווערען ? די זאך וועט עס דאָך שוין נישט ענדערען, פּונקט אזוי ווי א מיידעל, וואָס האָט פערלאָרען איהר אונשולד, קען זי דאָך זי שוין צוריק נישט בעקומען — האָסטו פערשטאַנען ?

און דר. לייזעראָוויטש האָט געכאפּט דעם זוהן'ס קאָפּ און האָט איהם, אפשר צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, א קוש געטהאָן און איז ארויס פון שטוב.

---

אין א פּאָר טעג ארום איז דר. לייזעראָוויטש געוואָהר געוואָרען נאָך א נייעס, אז אינאיינעם מיט מיכאאיל'ן האָט זיך אויך גע'שמד'ט יוסף קאלמאנאָוויטש, מיכאאיל'ס שוהל־פריינד, מיט וועלכען ער האָט אויך צוזאמען די גימנאזיע געענדיגט. עס איז פאר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אז קאלמאנאָוויטש'עס זוהן, יוסף, איז פערליעבט אין זיין, דר. לייזעראָוויטש'עס טאָכטער זשאנקא. אין דער שטאָדט האָט מען זיי שוין געהאלטען פאר חתן־כלה. דר. לייזעראָוויטש האָט אָבגעווארט, אויב דער יונגער מאן וועט וואגען אריינקומען צו איהם אין שטוב אריין, און ווי עס וועט זיך בעציהען זיין טאָכטער צו איהם. אָבער באלד נאָך די ערשטע פּאָר טעג האָט דר. לייזעראָוויטש אָנגעטראָפען דעם יונגען מאן ביי זיך אין שטוב, און זיין טאָכטער איז מיט איהם ארויסגעגאנגען, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. אין דער היים ביי איהם נעהמט מען איהם אויף ווי תמיד. דער דאָקטאָר האָט זיך אליין פערוואונדערט און האָט ביי זיך געטראכט, אפשר

איז נור ער אליין אזא רעאקציאָנער, אזוי אבערגלויביש געשטימט, אז אויף איהם מאכט דאָס שמד'ען זיך א איבריגען איינדרוק. דאָך האָט דער דאָקטאָר זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אז נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגעפאלען מיט זיין זוהן, זאָל זיין טאָכטער נאָך וואגען חתונה האָבען מיט דעם גע'שמד'טען יונגען מאַן, און זיין פרוי זאָל גלייכגילטיג זיין צו דעם. ער האָט בעשטימט ביי זיך צו פערפיהרען מיט דער טאָכטער וועגען דעם א שמועס. ער האָט אָבער באלד פון איהר געהערט קלאָהרע ווערטער, אז „ביי איהר מאכט עס נישט אויס, אויב איהר חתן אין א איד אָדער א קריסט; זי האָט זיך פערליעבט אין דעם מענשען, און ווען דער פאָטער וועט איהר נישט ערלויבען חתונה צו האָבען מיט איהם, וועט זי אזוי לעבען מיט איהם". דענסטמאָל ערשט איז דעם דאָקטאָר קלאָהר געוואָרען זיין גאנצע סיטואציע, אז זיינע קינדער געהען אוועק פון זיין הויז און פון זיין גלויבען, און ער אליין וועט איבערבלייבען אויף דער עלטער פער־לאָזט אין א פרעמדען גלויבען, און אפשר זיך נאָך אויפהאלטען ביי די קינדער און ערציהען פרעמדע אייניקלעך, און אפשר וועלען איהם די קינדער נאָך אליין אָב'שמד'ען פאר'ן טויט. כדי ער זאָל ליגען מיט זיי אויף איין בית־עולם. דאָס האָט דעם דאָקטאָר אין גאנצען אויפגעוועקט פון זיין אפאטישען שלאָף און ער האָט בעשטימט ביי זיך, אז ער מוז אָנהויבען עפּעס צו טהאָן.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך דר. לייזעראָוויטש איינגערעדט, אז ער איז פרום געוואָרען, און פלעגט אויפזוכען אין שטאָדט חברות, שטיבלעך, וואו מען פלעגט דאווענען, און אריינקומען דאָרט צווישען מנחה און מערב. ער האָט זיך אָבער אליין נישט געקענט אָבנאַ־רען. דאָס דאווענען פון די פראָסטע, וואָכענדיגע אידען, וועלכע האָבען זיך אריינגעכאפּט אין שוהלעכעל אויף א שעה פון זייער טאָג ארבייט, אָבגעבען גאָט דאָס זייניגע, און געוואָלט וואָס גיכער דורכקומען זייער חוב — האָט אויף איהם קיין איינדרוק נישט געמאכט. די תפילות האָט ער נישט פערשטאַנען, נישט פערשטאַנען די העויות וואָס די אידען האָבען געמאכט, און זייערע תנועות און שאָקלען זיך זיינען איהם אפילו ווילד פאָרגעקומען, דאָך האָט ער נישט פערלאָ־רען זיינע האָפנונגען און ביי זיך געווען זיכער, אז ערגעץ־וואו מוז זיך געפינען דאָס גרויסע, דאָס שטאַרקע יודענטהום — דאָס יודענטהום.

וואָס בעצאָהלט פאַר אַלע עולות, וואָס מען שטעהט אויס צוליעב איהם, דאָס יודענטהום, וואָס גיט אידען כח אויסצוהאַלטען די אַלע גזרות און בלייבען ביי איהם — דאָס יודענטהום דאַרף ער זו־כען, און דאָס וועט איהם שוין בעצאָהלען פאַר דעם אָנגעוואָרענעם נחת פון זיינע קינדער.

דאַן האָט ער אויך געפּרואווט איינצופיהרען אין זיין הויז די אידישע יומים־טובים. אַליין איז ער נישט געווען קיין גרויסער בקי אין זיי. ער אַליין האָט זיי נישט געדענקט און עס איז איהם עפּעס פאַרגעקומען לעכערליך, ווי ער לויפט אין גאַס אַליין אַרום, שאַפט זיך איין כשר פליייש, חלות, אָדער בעזאָרגט זיך מצות און ברענגט דאָס אַהיים. מען האָט עס אין שטוב אפילו ביי איהם זעהר ערנסט אויפ־גענומען, די מצות האָט מען אויף פסח אַרויפגעלעגט אויף אַ טאַץ, דערלאַנגט צום טיש און מורא געהאַט זיך צוצוריהרען צו זיי. די שטוב־מענשען האָבען געפּרואווט אַזוי ערנסט דערביי צו זיין, ווי ער — דאָך האָט ער געוואוסט, אַז עס איז נור אַ קאָמעדיע. ביי איהם אין שטוב האָט מען קיינמאָל פון קיין יום־טוב נישט געוואוסט. פון יומים־טובים האָט מען איינענטליך ביי איהם געהאַלטען פון אַלע. אַז אַ נאַציאָן האָט אין זיין שטאָדט געפייערט אַ יום־טוב, האָט מען ביים דאָקטאָר אין שטוב מיטגעהאַלטען דעם יום־טוב. פּאַסכאַ מיט די רוסען, קריסטוס־בוים מיט די קאַטאָליקען — אָבער זייערע איינענע יומים־טובים האָט מען אין שטוב ביים דאָקטאָר נישט געהאַט. דורך דעם איז עפּעס לעכערליך אַרויסגעקומען, אַז ער האָט מיט אַמאָל פּרובירט איינצופיהרען ביי זיך „אייגענע" יומים־טובים.

איבריגענס, האָט ער דאָס געטהאָן פאַר זיין פיערצעהן־יעהריגען אינגעל, סאַלאָמאָן, וועלכער האָט איהם מעהר פאַר אַלע נישט געלאָזט רוהען. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קינד ליידט, אַז דאָס קינד איז גאָר אַנדערש געשטימט, ווי די איבריגע זיינע קינדער. עס איז איהם זעהר שווער אָנגעקומען אַריינצוקריגען דעם אינגסטען זוהן אין גי־מנאַזיום. עס איז שוין געווען די צייט, ווען די שנאה צו אידען האָט זיך צופלאַקערט ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג און זי איז אַריינ־געגאַנגען אין דער מאָדע. דעם אינגעל איז אויסגעקומען פיעל צו ליידען אין דער שוהלע פון זיינע קריסטליכע חברים. און ער פלעגט אָפט אַהיים קומען פון דער שוהלע, און אויף זיינע פּייבטע. דער־

שראַקענע אויגען איז געהאנגען די שרעקליכע פראגע: „פאר וואס?“ אין אָנפאַנג, ווען דאָס אינגעל איז נאָך אַ קינד געווען, האָט ער דעם פאָטער געפרעגט: „פארוואָס מען פייניגט איהם אין דער שוהלע? וואָס האָבען אידען אזעלכעס געטהאָן? און פארוואָס מיר בלייבען אידען?“ אָבער, אַז דער פאָטער האָט איהם נישט קיין ריכטיגען צופריעדענעם אנטוואָרט געגעבען, האָט דאָס אינגעל אויפגעהערט צו פרעגען. באלד איז דאָס קינד אליין געוואָרען געוואָהר דעם טעם פון אידישקייט; ער האָט זיך צוגעוואָהנט דערצו און האָט, ווי אַ גרויסער, געטראָגען דעם צער מיט הכנעה און געדולד. אויפגעהערט פרעגען, נאָר מען האָט געזעהן, אז דאָס אינגעל איז איינגעגאנגען אין זיך: ער איז זעהר אויסגעוואַקסען דורך די פאָר יאָהר, וואָס ער איז אין גימנאזיום, געלעזען ערנסטע ביכער און געקראָגען אַ צוקנייטשטען שטערן. שטיל געוואָרען, און אויף זיינע ליפּען האָט שוין געהאנגען דאָס פעראכטענדע שמייכעלע צו אלעם און צו אלע, דאָס שמייכעלע פון דעם ליידענדען איד צו דער וועלט. פאר'ן אינגעל האָט זיך דר. לייזעראָוויטש מעהר געשעהמט, ווי פאר אלע זיינע קינדער, און געפיהלט, אז ער מוז עפּעס טהאָן צו ענדערען די סיטואציע. ער האָט געפיהלט די פעראנטוואָרטליכקייט, וואָס ער טראָגט פאר דעם קינד, אז ער בעדארף זאָרגען, אז דעם זאָל ניט אויסקומען זיך צו שמד'ען. און דאָס האָט איהם געטריבען צו קלעהרען אויף אַ תכלית... פיעל מאָל האָט דער דאָקטאָר געוואָלט פערפיהרען אַ געשפּרעך מיט זיין אינגסטען זוהן וועגען עלטסטען'ס שמד, נור ער האָט זיך נישט געוואגט. ער האָט מורא געהאַט פון איהם צו הערען דעם אמת, וואָס ער האָט פון קיינעם ביז איצט נישט געהערט, אז אין דעם, וואָס מיכאאיל האָט זיך גע'שמד'ט, האָט ער, דער דאָקטאָר, מעהר שולד, ווי זיין זוהן. ער האָט גאָרנישט געטהאָן, אז דער זוהן זאָל זיך ניט שמד'ען. דעם ענטפער האָט ער שוין אראָבגעלעזען פון זיין אינגסטען זוהן'ס פעראכטענדען שמייכעלע, וואָס איז געהאנגען אויף זיינע ליפּען, און מעהר אין דעם, וואָס דאָס קינד האָט מעהר נאָך אויסגעמיעדען די היים, ווי ער. ער איז תמיד אָבגעזעסען ביי זיין'ס אַ שוהל-פריינד און איז ווייניג וואָס אין דער היים געווען. און נאָך מעהר האָט ער געמיעדען די היים, זייט דער עלטסטער ברודער האָט זיך גע'שמד'ט.

אין דעם אויסמיידען די היים האָט דער דאָקטאָר געזעהן אַ פּער־זענליכע בעליידיגונג פאר זיך. — דאָס קינד מיידט מיך, — האָט דער דאָקטאָר זיך געזאָגט — און דאָס האָט איהם געקרענקט, און ער האָט געערדט צו זיך: „וואָס מיידט ער מיך?“ און אמאָל, אַז מען האָט איהם געזאָגט, אַז סאלאָמאָן איז נישט אַהיים געקומען צוויי נעכט נעכטיגען (עס זיינען געווען די ערשטע נעכט, ווען דער משומד, דער ברודער, איז אַהיים געקומען), האָט דער פאָטער איהם אויפגעזוכט ביי זיין פריינד און ארויפגעפאלען אויף איהם:

— פאר וואָס קומסטו נישט אַהיים? — וואָס לויפסטו פון דער שטוב?

— איך לויף פון דער שטוב?! דאָס לויפסטו, פּאַפּאַ, פון דער שטוב, — האָט איהם דאָס אינגעל דרייסט געענטפערט.

אין דעם אנטוואָרט האָט דער דאָקטאָר געהערט זיין גאַנצען אי־נערליכען אמת, — אַז ער איז פעראיינזאַמט און לויפט פון זיך, פון דער שטוב, וועלכע ער האָט געשאַפען; ער האָט אין דעם אנט־וואָרט געהערט זיין גאַנצע אָרימקייט, זיין גאַנצע פערלאַזענקייט אין דער סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך, און האָט שוין אויפ־געהערט דעם קינד צו בעלעס[illegible] פראַגען.

דאָקטאָר לייזעראָוויטש האָט זיך אָנגעהויבען צו צוהערען וואָס עס טהוט זיך ביי די אידען. ער האָט אָנגעהויבען צו לעזען אידיש־רוסישע צייטונגען, פעראינטערעסירט זיך מיט די אידישע אינטערע־סען און איז געוואָהר געוואָרען פון ארץ־ישראל, אַז עס ווערט דאָרט בעשאַפען אַ ניי־אידיש לעבען, אַז אידען האָבען זיך בעזעצט אין ארץ־ישראל, זיי זיינען ערד־ארבייטער, עס ווערט דאָרט פערווירק־ליכט די האָפנונג פון אידען צו האָבען אַן אייגען לאַנד, וואו דאָס אידישקייט זאָל זיך קענען ענטוויקלען פריי און פראַנק, אין זיין גאַנצע קראַפט. ארץ־ישראל האָט אויפגעוועקט אין דעם דאָקטאָר די זכרונות פון זיינע קינדער'שע יאָהרען, פון זיין פאָטער, דעם קרעמער אין דער קליינער שטאָדט. ער האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָהנען אָן די אי־דישע יומים־טובים, וואָס זיינען געווען ביי זיין מוטער אין דער היים; דעם אידישען שבת, ווען זיין מוטער האָט די ליכט געצונדען; די חברה, אין וועלכער ער האָט געדאַווענט; דעם אידישען פסח, ווען

אלעס איז אין שטוב אזוי ריין געווען, און מען איז אויסגעזעסעןביים סדר און איהם האט זיך געדאכט, אז דאס אלעס האט געהאט א נאהנטע שייכות צו ארץ־ישראל, אז דאס איז געקומען פון ארץ־ישראל. און דארט, אין דעם נייעם ארץ־ישראל, וועט דאס אלעס ארויס שטארקער און פרייער, און דארט ווערט דאס גרויסע אידישקייט געשאפען. עס איז איהם מיט אמאל די אויגען אויפגעגאנגען און ער האט דערזעהן אין ארץ־ישראל דאס גרויסע אידישע גליק; אז דאס איז עס, דאס אידישע, דאס גרויסע, דאס הייליגע, וואס בעצאהלט פאר אלע צרות, וואס גיט אידען דעם כח און דעם מוטה אויסצוהאלטען די אלע חרפות און בזיונות, וואס מען שטעהט אויס צוליעב דעם. ארץ־ישראל בעצאהלט פאר אלעס. ער האט זיך דערמאהנט, ווי אין א חלום, אן די ביבעל, אן די בילדער פון דער ביבעל, אן זיין פאטער. דעם פרומען קרעמער'ס לעבען האט פלוצלונג ביי איהם געקראגען א טעם, ער האט עפעס געזעהן א געוויסען צוזאמענהאנג צווישען זיין פאטער, דעם קרעמער, צווישען די ארימע, פערלאזענע אידען ביי זיך אין שטעדטעל — און די עלדרען פון דער ביבעל. דאס איז דאס לאנד פון ארץ־ישראל, וואס פערבינדט זיי אינאיינעם. זיין פאטער, דער קרעמער, קומט ארויס פון דעם זעלבען לאנד, און בענקט צוריק צו קומען אין דעם זעלבען לאנד, ווי אברהם, יצחק, יעקב, און ליעבט דאס זעלבע לעבען, וואס זיי, און האט די זעלבע מצוות און מנהגים, וואס זיי. נור דא אין גלות, וואו מען יאגט זיי, קענען זיי נישט אזוי לעבען, ווי די הייליגע אבות, און זיין ערד־ארבייטער, שעפסען־פאסטוכער. דא האבען זיי נור דעם שבת און דעם פסח, וואס די אבות האבען געהאט; אבער דארט, אין דעם לאנד פון די אבות — לעבען אידען דאס זעלבע לעבען, וואס די אבות: זיי ארבייטען די ערד אליין, זיי פיטערען די שאף אליין און לעבען אין א געטליכער פרומקייט. דארט קומט ארויס דאס אידישקייט אין זיין גאנצער גרויסקייט און ריינקייט, דארט ערשט זעהט מען וואס פאר א מאראליש, פרום פאלק דאס אידישע איז און ווי ריין און איינפאך זייער לעבען איז, דארט קומען ארויס די גרויסע אידישע יומים־טובים אין זייער גאנצער הייליגקייט — ער וועט עס צוריק זעהן מיט די זעלבע אויגען און פיהלען מיט די זעלבע געפיהלען צוריק דעם אידישען פסח, דעם אידישען שבת, דעם אי־

דישען יום־טוב, ווי דענסטמאָל, ווען ער איז נאָך א קינד געווען, ווען ער איז נאָך ביי זיין מוטער, ביי זיין פאָטער אין דער היים געווען.

דער דאָקטאָר האָט בעהאַלטען די מציאה, וואָס ער האָט געפונען, דאָס ארץ־ישראל, טיעף אין זיין הארצען, ווי מען בעהאַלט א טהייערען, גרויסען אוצר. ער האָט מורא געהאַט עס צו פערטרויען זיינע אייגענע. ער איז רוהיגער און זיכערער געוואָרען. ער איז שוין ניט געזעסען איינגעשלאָסען אין זיין קאַבינעט גאַנצענע נעכט, ער איז שוין נישט געגאַנגען אין „קלוב“, ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבען צו עסען אינאיינעם מיט די קינדער ביים טיש. און ער איז אפילו זעהר גוט געוואָרען צו זיין ווייב. פון די אויגען האָט ארויסגעשמייכעלט עפּעס א בעהאַלטען גליק, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז, ווי קיינער האָט נישט געוואוסט די סיבה, פאַר וואָס דער דאָקטאָר האָט זיך אזוי פּלוצלונג געענדערט.

ער האָט זיך געוואָלט טהיילען מיט זיין מציאה מיט דעם אינגסטען זוהן, סאַלאָמאָן, — ער וועט פערשטעהן דאָס גליק אזוי ווי ער, דער דאָקטאָר, אליין. דאָס וועט דעם קינד גוט מאַכען און היילען איהם, — האָט ער זיך געטראַכט — און פאַר וואָס טאַקע נישט מיט דעם קינד אליין אראָבפּאָהרען? און ער האָט בעשטימט מיט סאַלאָמאָנ'ען צו פערפיהרען דעריבער א געשפּרעך. און אזוי ווי זיין געוואָהנהייט איז געווען — נישט קענען אָבלעגען קיין זאַך אויף שפּעטער—האָט ער עס באַלד געוואָלט אויספיהרען און איז אריין צום אינגעל אין זיין צימער, וואו דאָס 15־יעהריגער אינגעל איז געזעסען איבער א בוך און געמאַכט זיין לעקציע. דער דאָקטאָר האָט, אָהן לאַנגע שהיות, געקלאַפּט דעם אינגעל אויפ'ן פּלייצע און געזאָגט צו איהם:

וואָס קלעהרסטו, סאַלאָמאָן, וועגען פּאַלעסטינא?

דאָס אינגעל האָט אויפגעעפענט ברייט די אויגען און דעם פאָטער אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— ווי קומסטו, פּאַפּאַ, צו דעם?

— ווי הייסט?

עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען, אז דאָס אינגעל אינטערעסירט זיך שוין לאַנג מיט פּאַלעסטינא. ער קעהרט אָן א יונגע ציוניסטישע שילער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זיי האָבען אין גימנאַזיע, און ווייסט פון אַלעס, וואָס עס טהוט זיך אין פּאַלעסטינא, און קען די נעמען פון

אַלע אידישע קאָלאָניעס. דער פּאַטער איז געווען אויסער זיך פאַר שמחה און האָט אַלץ געהאַלטען אין איין קלאַפּען זיין קינד איבער די פּלייצע:

— און דו ווילסט מיט מיר אַראָבפאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ?

דאָס קינד קוקט איהם אָן פערוואונדערט:

— מיינסט עס מיט אַן אמת, פּאַפּאַ?!

— געוויס, סאָלאָמאָן, געוויס! זעהסטו נישט אַז איך ווער דאָ דערשטיקט? וואָס האָב איך?... — וויל שוין דער דאָקטאָר אַרויס־שיסען פון זיך אַלעס, וואָס האָט איהם געדריקט די לעצטע צייט. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעהאַלטען און פערענדערט דאָס געשפּרעך האַלב אין געלעכטער:

— געוויס, געוויס, סאָלאָמאָן! — דאָרט זיינען דאָך אידען גרויס, ריין — דאָרט איז דאָך דאָס אידישע לעבען — צוקאַכט זיך דער דאָקטאָר, — און דו וועסט מיטפאָהרען.

— געוויס וואָלט איך מיטגעפאָהרען, — ענטפערט אָב דאָס קינד.

— אפילו ווען די מאַמע און די עלטערע קינדער וועלען דאָ בלייבען?

— זאָלען זיי בלייבען, ווען עס געפעלט זיי דאָ! — האָט דאָס קינד אָבגעענטפערט, — איך וויל דאָרט זיין, וואו אידען זיינען גלייך צו אַנדערע מענשען, וואו אידען זיינען פריי!

— וואו אידען זיינען פריי! — האָט דער דאָקטאָר אונטערגע־ברומט אונטער זיך. — גוט, גוט, סאָלאָמאָן! זאָלען זיי בלייבען, זאָלען זיי בלייבען, ווען עס איז זיי דאָ גוט! — האָט דער דאָקטאָר עפּעס געביסען אין זיך, פּלינק זיך אויסגעדרעהט פון דעם קינד און אַרויס פון שטוב, מורא האָבענדיג, אַז עס זאָל עפּעס נים אַרויסשפּרי־צען פון זיינע אויגען — פון זיינע אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגען, וועלכע זיצען אין אַ שווערען, שלעפּערדיגען קערפּער, מיט אַזוי פיעל פּעטס אַנגעוואַקסען, אַז עס דאַכט זיך, עס געהט שוין גאָרנישט צו צום האַרצען, און דאָך...

פון דענסטמאָל אָן האָבען טאַטע און זוהן זיך געפונען אין דער פרעמדער היים. מען האָט זיך געפיהלט רייכער און פרייער פאַר אַלע מענשען אין שטוב, געקוקט אויף די מאַמע מיט דער שוועסטער, מיט'ן געשמד'טען ברודער מיט רחמנות. און די האַלבע נעכט איז מען אָב־

נעזעסען אויף די קארטע פון פּאלעסטינא. סאלאמאן האָט געוויזען, וואו די אידישע קאָלאָניעס ליגען, ווי זיי הייסען; מען האָט זיך שוין אזוי גאָר אָנגעהויבען צו לערנען לשון־קודש. דער דאָקטאָר האָט עס אוועקגעוואָרפען נאָך דער צווייטער לעקציע, די קאָפּ שטעהט שוין נישט צום לערנען. אָבער סאָלאָמאָן! ווען סאָלאָמאָן האָט גערעדט פון נייעם לעבען, ווען דער פּאָטער מיט'ן זוהן האָבען פאנטאזירט פון ארץ־ישראל, האָט דאָס אַלטע דאָקטאָר'שע הארץ צוזאמענגע־שרומפּט זיך, דער גרויסער קערפּער איז לייכטער געוואָרען, און עס איז געווען, ווי אמאָלביים פּאָטער דעם קרעמער — אמאָל, אין די קינדער יאָהרען...

אין אַ שעהנעם אבענד האָט דער דאָקטאָר געלאָזט צוזאַמענ־רופען זיין פאמיליע, פאר וועלכע ער האָט זיך פאָרגעברייט צו האלטען אַ גאַנצע רעדע. די רעדע האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען: אין דער לעצטער מינוט, ווען אלע זיינען געווען פייערליך צוזאמען, איז ער אריין אין שטוב, געגעבען אַ קלאַפּ אין טיש און אויסגעשריען גאָר נית פייערליך: „ווער פאָהרט מיט מיר קיין פּאַלעסטינא?" אז זיי האָבען איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט, האָט ער זיך געווענדעט צו דער שוואכער ווייב, וואָס ער האָט זי שיער נישט אָבגע'ממית'ט מיט זיין געוואלד און מיט זיין שרייענדע בעוועגונג: „ווילסט מיט מיר פאָהרען קיין פּאלעסטינא, אָדער איבערבלייבען מיט די גע'שמד'טע קינדער?" דאָס ווייב האָט איהם אָנגעקוקט מיט צושראָקענע אויגען און ארויסגעשטאַמעלט:

— איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט פון מיר. וואו מיינע קינדער וועלען זיין, דאָרט וועל איך אויך זיין.

— גוט, גוט — האָט דער דאָקטאָר געליאַרעמט, — בלייב וואו דו ווילסט. איך וועל פערקויפען מיין פערמעגענס און מיט דיר זיך טהיילען. איך מיט'ן אינגסטען קינד פאָהרען אַראָב קיין ארץ־ישראל.

געמיינט האָבען זיי צוערשט, אז עס איז אַן אויסברוך פון כעס ביי איהם, וואָס קומט פאָר די לעצטע צייט זעהר אָפט, און ער וועט זיך באַלד בערוהיגען. נור באַלד האָבען זיי איינגעזעהן, אז דר. לייזעראָוויטש מיינט עס ערנסט — ער האָט אויפגעהערט צו בעשעפטיגען זיך מיט דער פּראַקטיק און איז אַרומגעגאַנגען צו די מעקלער פער־

האַנדלען זיין הויז, וואָס ער האָט אין שטאָדט; ער האָט עס אויך פערקויפט פאר שפּאָט־ביליג.

* * *

מיט קיינעם נישט געזעגענט זיך, נור מיט זיין איינגסטען קינד, סאָלאָמאָן, איז ער אוועק קיין פּאַלעסטינאַ אויסזוכען פאר זיי אַ רוהע אין דער נייער אידישער היים.

* * *

אין אַ פּאָר וואָכען ארום, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, איז דר. לייזעראָוויטש צוריק אַהיים געקומען. ער האָט זיך פערשעהמט אריינגעגנב'עט אין זיין שטוב און געשעהמט זיך פאר די קינדער און ווייב צו ווייזען. געמיינט האָבען זיי, אז דער דאָקטאָר וועט נעהמען זיין איינגסטען זוהן און באלד ווידער אוועקפאָהרען. ערשט, זיי האָבען געזעהן, ווי ער נעהמט זיך צו דער פּראַקטיק און איז זעהר שטיל און נאָך מעהר צוגעשלאָגענער געוואָרען ווי פריהער. זיי האָבען איהם נישט געפרעגט, וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט דאָרט געטהאָן.

ער האָט געשפּירט אויף זיך דעם פרעגענדען בליק פון זיין איינגסטען קינד. דאָס קינד האָט איהם גאָר נישט געפרעגט, נור געזעהן, ווי דער פאָטער נעהמט זיך צוריק צו דער פּראַקטיק, איז ער געוואָרען אַ ניעדערגעשלאָגענער און האָט אָנגעהויבען צו מיידען די היים, ווי ער האָט עס געטהאָן נאָך דעם ווי דער עלטערער ברודער האָט זיך געהאַט גע'שמד'ט. דר. לייזעראָוויטש האָט זיך געפיהלט פאר דעם קינד שולדיג, און האָט אויסגעמיעדען מיט איהם אַ געשפּרעך. אָבער דאָס איינגעל איז וואָס אַ טאָג בלייכער געוואָרען, און פערשטומט אין זיך.

איין מאָל האָט איהם דר. לייזעראָוויטש פּלוצלונג אריינגערופען צו זיך אין קאַבינעט. דאָס איינגעל איז טויט־בלייך געווען און מען האָט געהערט ווי זיין הארץ קלאַפּט, און ער האָט געשעהמט זיך צו קקען דעם טאַטען אין די אויגען.

— איך האָב ניט געקענט דאָרט בלייבען. דו פערשטעהסט, סאָלאָמאָן, — הויבט אָן דער פאָטער צו ריידען ווי מיט אַ בעטענדיגע שטימע, — עס איז גאָר נישט דאָס. איך האָב מיך פאַרגעשטעלט פאַר־

לעסטינא גאנץ אנדערש, גאנץ אנדערש. אָבער עס איז דאָך גאָר ניט דאָס.

דאָס איינגעל האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געוואָרפען אויפ'ן טאַטען אַ בליק. דר. לייזעראָוויטש איז דערנערווירט געוואָרען פון דעם בליק. ער האָט פערגעסען די רעדע, וועלכע ער האָט זיך געהאַט פאָר־גענבעריים צו האַלטען פאַר זיין קינד — פאַר וואָס ער איז צוריקגעקומען. ער האָט אָנגעהויבען הויך און נערוועז צו ריידען:

— עס איז צרהיים דאָרט. ניט אונזער קלימאַט, ניט געקענט אַקלימאַטיזירען זיך. צו אַלט שוין דערצו. דו אפשר, דו ביזט דאָך נאָך יונג, דו וועסט עס קענען...

דאָס איינגעל האָט ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען, און דאָס מאָל האָט זיך דעם דאָקטאָר געדאַכט, אַז ער בעמערקט אַ לייכט שמייכעלע אויף די בלייכע געשפּאַלטענע ליפּען פון זיין קינד. עפּעס ווי אַ עלטערער, ערפאַהרענער מענש קוקט אויף אַ יונגען. דר. לייזעראָוויטש האָט זיך נאָך מעהר צובייזערט:

— וואָס שמייכעלסטו? פערשטעהסט — ניט געקענט. דו פערשטעהסט: איך האָב געמיינט פּאַלעסטינא — אַ אידישע גאָסודארסטווע. איך וועל געפינען דאָרט דאָס, וואָס איך האָב געהאַט ווען איך בין אַ קינד געוועזען. אַ שבת, אַ יום־טוב, מיט איין וואָרט אַ אידישע גאָסודאַרסטווע — מיט אַ גרויס אידיש לעבען — אפשר ווערט עס דאָרט. נאָר איך בין שוין צו אַלט דערצו מיטצואוואַקסען. איך האָב בעדאַרפט פּאַרטיגע פרוכט, דו פערשטעהסט — פּאַרטיגע פרוכט. און דאָס איז נאָך ניטאָ. אַלעס גרין נאָך און אָרים. עפּעס פיהלסטו זיך ווי אַ פרעמדער, אַ מענש פון אַן אַנדער קלימאַט, דו פערשטעהסט, אַן אַנדער קלימאַט דאָרט. דו פיהלסט זיך ווי אַ פרעמדער שפּראַצונג אין אַן אַנדער קלימאַט.

— טאַטע, ניט דאָס קלימאַט איז שולדיג, נור דאָס שפּראַצונג.

— אפשר טאַקע דאָס שפּראַצונג. צו אַלט — נור צו לאַכען איז ניטאָ וואָס.

דאָס איינגעל האָט רחמנות געקראָגען אויפ'ן פאָטער און האָט געזאָגט:

— אָבער, פּאַפּאַ, איך לאַך דאָך גאָרנישט. ווער זאָגט אַז איך לאַך.

— דו לאַכסט נים. א שעהנעם דאַנק דיר. און איך זאָג דיר, אַז איך האָב מיין אידעאַל אויפגעגעבען, ווייל ער איז אין אַ צו היי־סען קלימאַט, און אַז דו ווילסט — לאָך דערפון, לאַך פון אַן אַלטען זעקס־און־פופציג יעהריגען אייזעל, וואָס איז דיין טאַטע, וואָס האָט זיך ניט געקענט אַקלימאַטיזירען אין אַ פרעמדען קלימאַט, ווייל עס איז צו ווארים. לאַך דערפון, אַז דו ווילסט! — האָט זיך דר. לייזעראָוויטש צושריען.

אויף דעם אינגעל'ס גלענצענדע אויגען האָבען צוויי גרויסע טרעה־רען ארויסגעשפּראָצט און ער האָט פלינק און אָהן ווערטער די שטוב פערלאָזען.

און פון דענסטמאָל אָן מיידען זיך פאָטער און זוהן אויס, און אַז זיי טרעפען זיך, שעהמט זיך איינער דעם צווייטען אין די אויגען צו קוקען.

# דער ציוניסט.

(א געשטאלט)

זיין גאנץ לעבען איז געוועזען א בענקשאפט נאך ציון, א ליעד, וואס ער האט געזונגען אהן ווערטער, אפילו אהן א מאטיוו, נור מיט אן איר־נערליכען אהנ־ממש׳דיגען און אונגעהערטען ריטם. פונקט אזוי ווי זיין ציון וואלט ניט געוועזען א רעאלע זאך, וואס ווען ער וויל קאן ער עס אויספיהרען, נור ווי עפעס א העכערער רעליגיעזער חלום, צו וועלכען מען קען נור בליקען, און עס ערשיינט צו אונז אין א פערנעבעלטער ליכט אין מאמענטען פון העכסטען עקסטאז... און דאך איז זיין ציון ניט געוועזען קיין רעליגיעזע בענקשאפט, ניט קיין משיח׳דיגע וועלט־אויסלייזעניש, נור א פשוט׳ע, רעאלע זאך, וואס הונדערטער און טויזענדער האבען עס געטאן — ער האט געבענקט זיך צו בזעצען אין ארץ ישראל און צו ווערען א פשוט׳ער פארמער.

אייגענטליך האט ער עס געקאנט זעהר לייכט אויספיהרען. רייך איז ער געוועזען גענוג. זיינע געשעפטען און די פראצענטען פון זיין געלד האבען איהם געקאנט פערזיכערען אן עקזיסטענץ. און צי האט ער דען געבענקט צו זיין א רייכער גוט־בעזיצער אין ארץ ישראל? ניין. ער האט דאך נור געבענקט צו זיין א פראסט־פשוט׳ער ערד־ארבייטער. וויפיעל מאל האט ער זיך פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע, ווי ער וואוינט אין ארץ ישראל אין א קליין הייזעל, ערגעץ־וואו אונטער א היסטארישען בארג, ביים טייכעל קישון? — ער ווייס אליין ניט. עס האט זיך איהם איינגעקריצט אין זיין מוח דער טייכעל קישון פון זיין קינדהייט אן, ווען ער האט געלערנט אין חדר. פאר זיין הייזעל וועט שטעהן דער בארג תבור, אדער אפשר גאר דער בארג גלבוע, אויף וועלכען שאול המלך איז געפאלען — און ער וועט בעאקע־

רעו די ערד. ער אליין מיט זיינע אייגענע הענט. אט זעהט ער זיך אנגעטאן אין א פארטוך פון אן ערד־ארבייטער, און ער האט א פאר שטארקע, אבגעברענטע הענד, מיט א רויט אבגעברענט געזיכט פון דער זון, און ער זעהט אוים א שטארקער, אזוי ווי עס בעדארף אויס־זעהן אן ערד־ארבייטער, און אזוי ווי עס ווערט בעזונגען אין ערד־אר־בייטער אויפ'ן באדען פון ארץ ישראל אין די ליעדער פון די משוררים, וואס דרוקען זיך אין די העברעאישע צייט־שריפטען, וואס ער בעקומט. ער האט זיך געזעהן עהנליך א ביסעל צו יענעם ערד־ארבייטער אין ארץ ישראל, וואס שטעהט אויסגעמאהלט אויף די אקציעס פון די ציוניסטען — ער האט עס דאך געקענט אזוי לייכט אויספיהרען — ער האט נור געדארפט אוועקפאהרען אין ארץ ישראל און פערווירק־ליכען זיין אידעאל — און דאך...

אייגענטליך האט ער שוין געהאט זיין פארם אין ארץ ישראל. ניט אונטער די בערג פון גלבוע, נור אין א פעטע, געזונטע געגענד אין יהודה, נעבען רחובות. און ניט ער אליין האט עס פארפלאנצט — מיט זיינע אייגענע הענד — אזוי ווי עס איז זיין אידעאל געווען. נור פרעמדע האבען פאר איהם געאקערט און געזייהט, און פרעמדע האבען פערפלאנצט זיין וויינגארטען — און ער פלעגט בעקומען פון זיין וויינגארטען צוגעשיקט אויף יעדען יום טוב ארץ־ישראל־פרוכטען. אויף סוכות א לולב מיט אן אתרוג, וועגען וועלכע דער פערוואלטער פלעגט איהם שרייבען, אז דאס איז פון זיין וויינגארטען. אויף פסח — א קעסטעלע שעהנע, גרויס־אויסגעוואקסענע פאמעראנצען, וואס דער פערוואלטער פלעגט איהם שרייבען, אז דאס קומט פון זיין וויינ־גארטען. א קעסטעלע מאנדלען, וועלכע וואקסען אויף די בוימער פון זיין וויינגארטען. און אז ס'פלעגען קומען צו איהם געסט אויף יום טוב, פסח צום סדר, וואס ער פלעגט פערבעטען, האבען זיינע אויגען געגלאנצט מיט א ליכטיגען, יום טוב'דיגען שיין. זיין פנים האט אנגענומען א גאנץ אנדער געשטאלט — ער פלעגט אויסזעהן ווי א חתן, ווי א כהן, ווען ער פלעגט פלוצלונג אין דער בעסטער אונטער־האלטונג פון זיינע געסט, ארויפטראגען מיט זיינע אייגענע הענד דאס קערבעל פאמעראנצען און אוועקשטעלען עס אויפ'ן מיטען טיש, און זאגען מיט א פרייד און א נחת אין זיין שטימע, מיט בעטרערענטע אויגען:

— דאס איז פון מיין וויינגארטען אין ארץ ישראל.

קיינער פון די געסט האט ניט געוואגט אנצוריהרען די פאמע־ראנצען, אזוי ווי עס וואלטען אין קערבעל ניט געלעגען קיין פרוכט צום עסען, נור הייליגע און אויסטערלישע פרוכטען, וואס קומען פון אן אונבעוואוסטען גארטען און זיינען בעשטימט צו רעליגיעזע צוועקען...

מיט ציטערענדע הענד פלעגט ער איינטיילען די געסט די מאנדלען פון ארץ ישראל, און קיינער האט זיי ניט געוואגט, חלילה, צו עסען, נור יעדער גאסט האט אוועקגעלעגט די מאנדלען אין זיין טאשעריין און געוויזען זיי זיין פאמיליע, זיינע פריינד:

— דאס זיינען מאנדלען פון ארץ ישראל.

און יעדער איינער פלעגט בעוואונדערען „די מאנדלען פון ארץ ישראל", און קיינער האט זיי ניט געוואגט, חלילה, צו עסען, נור מען האט זיי גענומען און איינגעשלאסען אין שויבען־שענקעל אין איינעם מיט די שבת־יום־טוב'דיגע זילבער, און זיי זיינען דארט געלעגען, אלס קמיעה, אלס זעהענס־ווירדיגקייט, און מען פלעגט אנווייזען אויף זיי געסט און מחותנים:

— דאס זיינען מאנדלען פון ארץ ישראל.

---

פון די ציוניסטישע טעאריעס און נאך מעהר פון זיין אייגענער ערפאהרונג האט ער געוואוסט און געגלויבט, אז אידען האבען קיין קיום ניט אין גלות. אז דא איז בעשערט דאס אידישע פאלק אונטער־צוגעהן, אז אידען זיינען דא ניט קיין פראדוקטיווער עלעמענט, נור א האנדעלס־פאלק, לופט־מענשען — און ווי מיר זאלען זיך ניט שטאר־קען, איז די אסימילאציע אזוי שטארק, אז זי רייסט אב אונזערע קינ־דער פאר אונזערע אויגען, און מיר קאנען זיך גאר ניט העלפען. און ווירקליך, ער האט געהאט גענוגענדע אורזאכען צו קומען צו דיזע איבערצייגונגען פון זיין אייגענער ערפאהרונג. זיין בעשעפטיגונג איז געווען אזעלכע, פאר וועלכע ער אליין האט ניט געקענט זיין בע־גייסטערט. ער איז געווען צו עהרליך, אז ער זאל ניט אליין פאראכ־טען דעם ארט האנדעל, וועלכען ער האט געפיהרט. וואס איז באשטא־נען פון פערקויפען אזעלכע מינים מעדיצינען, וועלכע ער האט פער־

קויפט אויף דער פּראָווינץ דורך אַלעוּליי רעקלאַמעס. ער אַליין האָט פּעראַכטעט ניט בלויז נור זיין האַנדעל, וועלכער, ער האָט צוגעגעבען, איז גנבה און גזלה, נור יעדען אַרט האַנדעל, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס אויסגענאַרעריי. ער אַליין פּלעגט אָפט ברענגען זיין אייגענעם האַנדעל אַלס בעווייז, ווי אידען נויטיגען זיך אין אַן אייגענע לאַנד. ניט איינמאָל פּלעגט ער זאָגען צו זיינע פריינד, דעבאַטירענדיג מיט זיי וועגען ציוניזם:

— נעהמט כאָטש מיין אייגענעם האַנדעל: איך אַליין ווייס דאָך, אַז עס איז ניינציג פּראָצענט גנבה.

נור עס איז איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז ער זאָל די גנבה אוועקוואַרפען און נעמען זיך צו עפּעס עהרליכעס, פּונקט ווי אַ פרומער איד, וואָס בעטראַכט די וועלט נור אַלס פאַר־צימער צו די אייבּיגע שטוב — יענער וועלט — און עס מאַכט איהם ניט אויס, מיט וואָס ער קומט דורך די וועלט, אַזוי האָט ער בעטראַכט דאָ, דאָס גלות, אַלס פאָדערצימער, אַלס עפּעס דורכגעהענדיגעס. סיי ווי סיי איז עס דאָך נור בלויז אויף דערווייל — און וואָס מאַכט עס איהם אויס, מיט וואָס ער האַנדעלט, וואָס ער טוט? דערפאַר אַבער, אַז ער וועט אַראָבקומען דאָרטען — אין זיין אייביגער וואוינונג, אַז ער וועט קומען קיין ארץ ישראל, וועט ער אָנהויבען לעבען גאָר אַ גאַנץ אַנדער לעבען. דאָרט וועט ער לעבען אויף געזונדע יסודות. זיין לעבען וועט זיין געבויט אויף גערעכטיגקייט און יושר. ער וועט לעבען פון זיינע אייגענע הענד — דאָרט וועט ער ווערען אַן ערד־אַרבייטער.

אין געשעפט, אויף דער וואַנד, צווישען די פּלאַקאַטען: „קויט'ס מאַגנעזיטיי", אָדער „דר. לאַנדויס פּילען, דאָס בעסטע אַבפיר־מיטעל" און נאָך אַנדערע אַזעלכע פּלאַקאַטען איז געהאַנגען אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע פון זיין ווייַנגאָרטען אין ארץ ישראל, וואָס האָט פאַר־געשטעלט ווי עס שטעהען אַרבייטער און נעמען אַראָפּ אַראַנזשעס פון בוימער, און אַ מיידעל שטעהט מיט אַ פולען קאָרב אַראַנזשעס און שמייכעלט ברייט און גליקליך. דער פערוואַלטער האָט איהם די בילד צוגעשיקט פון ארץ ישראל. אָפטמאָל, ווען ער פיהלט זיך טרויעריג און שלעכט פון זיין לעבען דאָ, געהט ער צו צו דער פאָטאָגראַפיע און קוקט זיך גוט איין אין איהר. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך געזעהן,

ווי ער שטעהט ווי איינער פון זיינע ארבייטער אונטער א בוים און שנייט אראנזשעס. ער האט זיך געזעהן אין יענעם גליקליכען, לאכענ־דיגען לאנד און די ברייטע יום טוב זון בעגיסט איהם — ער איז אן ערד־ארבייטער אין ארץ ישראל, אויף דעם לאנד פון אונזערע על־טערן; אויף דעם בארען, וואו עס האבען געטראטען די פיס פון אונ־זערע העלדען, וואו עס האט זיך געגאסען דאס בלוט פון די חשמונאים. שטעהט ער מיט א שאפעל אין האנד און גראבט אויף די ערד, די ערד פון ארץ ישראל, און בעפלאנצט זיין וויינגארטען.

זיינע אויגען פלעגען גליהען מיט א הייליגען פייער און זיין פנים פלעגט דאמאלס לאכען. ער האט זיך פערגעסען וואו ער געפינט זיך. ער האט זיך געטראגען אין זיין פאנטאזיע צו יענעם לאנד פון זיין חלום — און געזעהן זיין נייעם יונגען און אייביגען לעבען...

אין אזעלכע מאמענטען פלעגט ער זיך ניט קענען איינהאלטען און זאגען צו אימיצען, וואס האט זיך געפונען אין זיין קאבינעט, צו די סטענאגראף־מיידעל, אדער צו א קונד, אדער צו גאר א ווילד־פרעמדען אגענט:

— איהר זעהט, אונטער יענעם בוים — און ער פלעגט יענעם צופיהרען צו דער פאטאגראפיע און אנווייזען אויף די בוימלעך — אט אונטער יענעם בוים וועל איך שטעהן מיט א שאפעל, מיט א האק, אט אזוי מיט שטארקע הענד און וועל בעארבייטען די ערד פון ארץ ישראל.

אויף וואס דאס סטענאגראף־מיידעל, אדער דער קונד, אדער דער פרעמדער אגענט פלעגט איהם אנקוקען מיט אויפגעצויגענע אקסלען און ניט פערשטעהן וואס ער רעדט, און פלעגט איהם פרעגען:

— וואס, איהר וועט ווערען א פארמער?

— יא, וואס דען, איך וועל דא זיצען און פערקויפען אבפיהר־פילען.

און ער האט געגלויבט באמונה שלמה, אז ניט היינט־מארגען, אבער אין א יאהר ארום וועט ער אלצדינג אוועקווארפען און ארא־פאהרען נאך ארץ ישראל און אנהויבען דאס נייע לעבען. ניין, זיין לעבען — ביז אהער האט ער גאר ניט געלעבט, נור יעצט וועט ער ערשט אנהויבען צו לעבען... און עס פלעגט קומען דער מארגען, דער איבערמארגען, דער איבער א יאהר, און ער איז נאך ניט געפאהרען.

ער האט גאר קיינמאל ניט געקלערט דערפון, פאר וואס ער פאהרט ניט. ער האט נור געקלערט צו פאהרען אין דער צוקונפט — און אזוי זיינען דורכגעגאנגען יאהר־איין, יאהר־אויס. איין געשעפט האט פערוויקעלט אן אנדער געשעפט. און די געשעפטען זיינען געווען אזעלכע וויכטיגע. עס איז געשטאנען א סך געלד צו פערדינען, א סך געלד צו פערלירען. און דער קאפ איז געווען שטענדיג פערנומען מיט אזעלכע וויכטיגע פלענער — און פלעגט ער אמאל כאפען א בליק אויף דער פאטאגראפיע פון זיין וויינגארטען און אריינטראכטען זיך וועגען זיין נייעם לעבען, וואס שטעהט איהם פאר — האט ער זיך א מינוט געפונען אין אן אאזיס — ער פלעגט זיך נור אויף א מינוט אריינכאפען אין זיין וויינגארטען און אפרוהען זיך. אבער באלד איז ער ווידער פערבלאנדזשעט געווארען אין מדבר פון זיין גלות־לעבען.

עס איז געווען ווי עפעס א מאכט, איבער וועלכער ער האט קיין קאנטראל ניט, שטעהט הינטער זיינע פלייצעס און לאזט איהם ניט אויספיהרען זיין אידעאל — עפעס ווי אימיצער שטעהט ביי די טויערען פון זיין גן־עדן און לאזט איהם ניט אריין אין זיין וויינגארטען, אנהויבען צו לעבען זיין נייעם לעבען. ער האט גאר קיינמאל ניט געקלערט דערפון — זיין קאפ איז אזוי פול געווען מיט געשעפטען...

און דערווייל האט ער ניט בעמערקט, ווי ער ווערט מיט יעדען יאהר אלץ עלטער און עלטער. ער האט ניט בעמערקט ווי דאס אמת'ע לעבען, וואס ער האט געשאפען פאר זיך, איז אויסגעוואקסען א פרעמדעם — און א ווייסטעס. די קינדער זיינע, אויף וועלכע ער האט זיך געלאזט קאסטען געלד אין זייער יוגענד, און געלאזט זיי לערנען לשון־קודש און געמיהט זיך (ניט שטארק, נור אויף וויפיעל ער האט צייט און קאפ געהאט דערצו) — אז זיי זאלען אויסוואקסען אין זיין גייסט — מיט ליעבע צו זיין פאלק און לאנד — האבען איהם ניט פערשטאנען, און ניט געוואוסט, וואס דער פאטער וויל פון זיי. קליינערהייט האבען זיי זיך נאך אפגעגעבען צו זיינע קאפריזען, ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר איהם. נור פלוצלונג זיינען זיי אויסגעוואקסען פאר איהם — אויסגעוואקסען פרעמדע, אונהיימישע אינדיווידומס מיט וועלכע ער האט קיין בשותפות'דיגעס ניט געהאט; וועלכע האבען איהם ניט פערשטאנען און בעטראכט איהם אלט א מאדנעם מענשען. ניט האבענדיג קיין קאנטראלע איבער זיי, האט ער זיי אנגעהויבען

פיינט צו קריגען. זיי האבען איהם אפגעענטפערט מיט דיזעלבע מאס. און פלוצלונג האט ער זיך געפונען ארומגערינגעלט מיט א פרעמדער וועלט, צו וועלכער ער האט ניט געהערט.

דענסטמאל פלעגט ער זיך איינשליסען אויף שעה'ן לאנג אין זיין קאבינעט און לעבען זיין אייגען לעבען.

אין זיין קאבינעט האט ער געהאט הענגען די פערשיעדענע בילדער פון ארץ ישראל, וואס די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט ארויסגעשיקט צו איהרע מיטגלידער. פון איין זייט איז געהאנגען זיין אקציע אין דער קאלאניאל־באנק, איינגערעמט אין א ראם. די דיפלאמא פון „גאלדענעם בוך" פון נאציאנאל פאנד, אין וועלכען ער איז געווען איינגעשריבען. הערצעל'ס בילד אין א גרויסען פארמאט, און אנדערע ציוניסטישע גדולים. דער קאבינעט איז איז פערשידענע אופנים געווארען זיין „ווייגגארטען", וואו ער פלעגט איינשליסען זיך און בעהאלטען זיך פון זיין וואכעדיג גרוי לעבען; דארט, אין דעם קאבינעט, האט ער געלעבט דאס לעבען פון יענער נייער וועלט, וואס ער וועט אמאל אנהויבען. פערטיפט זיך אין די ציוניסטישע אויפגאבען, נאך אמאל און צום הונדערטען מאל איבערגעלעזען אן ארטיקעל, וואו עס ווערט בעגרינדעט, אז דאס לעבען אין גלות האט ניט קיין קיום, אדער אנקווועלענדיג פון די ישועות טובות, וואס די ציוניסטישע אויסגאבען האבען געבראכט פון די אידישע קאלאניעס אין ארץ ישראל, איבערגעצעהלט נאך אמאל די דערפער און די קאלאניעס, וואס מיר פערמאגען אין ארץ ישראל, וויפיעל איילבערט בוימער עס זיינען שוין פערפלאנצט, אדער גאר זיך פערטיפען אין א העברעאישען שיר פון א בעריהמטען העברעאישען פאעט און לעקען די פינגער פון לשון — דארט אין דעם קאבינעט זיינעם האט ער זיך געפיהלט ווי ער איז אנטרונען אויף א רעטונגס־אינזעל פון זיין טאג־טעגליכען גרויען מיאוס'ען לעבען. דער קאבינעט זיינער האט זיך פערוואנדעלט אין זיין „ווייגגארטען", וואס ער האט אין ארץ ישראל.

ער האט שוין איצט פערשטאנען, אז זיין לעבען איז ניט געווען דער ווייגגארטען אין ארץ ישראל, נור זייז האנדעל אין גלות. —און ניט געקענט זיך שוין מעהר בעפרייען דערפון. דאס אמת'ע לעבען, וואס ער האט געשאפען, איז געווען שטארקער פון זיין חלום – האנדעלט ער ווייטער מיט פערשידענע רפואות, און טראכט וועגען

דעם, אז ער האט אבגע׳חלום׳ט א לעבען אין דער פרעמד. דארט, אין יענעם לאנד פון זיינע אבות, איבער וועלכען עס שיינט שטענדיג די ברייטע יום טוב׳דיגע זון, איז געשטאנען זיין וויינגארטען און גע־ווארט אויף איהם.

# די אַקאַדעמיע.

(א מאנאלאג פון א פאטער)

רב אנשעל ליב איז דער שעהנסטער איד פון דער שטאדט. דאס פערמעגענס — דער גאסטעניגער וואלד, האט נאך זיין פאטער געהערט — און די מויער אין שטאדט מיט די צוויי אפיצינעס האט ער זיך שוין אליין אויסגעבויט. קינדער, ווי יעדער איד ווען עס געהט איהם גוט, האט ער געהאט, אהן עין הרע, פיעל, א זעקס זיהן, און א זעקס טעכטער, פרנסה בריות, א איד א הדרת פנים, פון די שעהנסטע משפחה.

רב אנשעל ליב'ס פאטער, ר' משה בער, איז אויך געווען א שעהנער איד, אפשר נאך א שעהנערער פאר איהם, א גרעסער תלמיד חכם, און געדאווענט אין חסידים־שטיבעל, און קינדער האט ער אויך געהאט, אהן עין הרע, פיעל — א זעקס זיהן און זעקס טעכטער — פרנסה בריות, א הדרת פנים, פון די שעהנסטע משפחה. נאר דער חילוק איז בעשטאנען אין זיי: וואס מעהר קינדער דער פאטער ר' משה בער האט געהאט, אלץ מעהר נחת האט ער דערלעבט. אלץ מעהר שמחות איז אין שטוב געווען. אלץ מעהר חתונות — מעהר ברית'ן. אבער וואס מעהר קינדער דער זוהן רב אנשעל ליב האט געהאט, אלץ מעהר צער, אלץ מעהר צרות, אלץ מעהר בזיונות האט ער פון זיי געהאט.

געטראפען האב איך רב אנשעל ליב'ן ביי זיך אין קאבינעט, ווען איך האב איהם בעזוכט, געזעסען איז ער מיט זיין שעהנע בארד און ווייסגעפרעסטען העמד אין דער פאטער־שטוהל, און איבער זיין קאפ האט געהאנגען זיין פאטער'ס בילד, רב משה בער, אויך אין זיין

שעהנעם קאפעל מיט די שעהנע באָרד. נאָר אָרום דעם אַלטען איד אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט געווימעלט פון זיהן מיט טעכטער, מיט איידעמס און שניר, און אייניקלאך און אור־אייניקלאך. דער אַלטער איד איז אויף דער פאָטאָגראַפיע פערטרונקען געווען אין א ים פון קינדער און אייניקלאַך, וואָס איז פון איהם ארויסגעגאנגען, און דער זוהן זיינער, רב אנשעל ליב, איז מיט די שעהנע באָרד זיינע געזעסען אליין, ביחידות און האָט מיט מיר אזוי איינגע'טענה'עט:

— איהר פרעגט מיך פאר וואָס איך קרעכץ, פאר וואָס איך בין אזוי טרויעריג, פאר פרנסה, זאָגט איהר, האָב איך אויסגעזאָרגט, און אז איך קרעכצע, און אז איך קלאָג, ווער זאָל נישט קלאָגען? — אזוי טענה'עט איהר צו מיר — נו, וואָס זאָל איך אייך ענטפערען? איך פרעג אייך, פאר וואָס זאָל איך נישט קרעכצען? וואָס פאר א נחת האָב איך פון מיין לעבען? קוקט זיך איין אין די פאָטאָגראַפיע וואָס הענגט איבער מיין קאָפּ (ער ווייזט מיר אן אויף דעם פאָטער'ס בילד). איהר זעהט, מיין פאָטער אין מיינע יאָהרען האָט שוין געהאַט, אהן עין הרע, א פינף טעכטער אויסגעגעבען, און א זעקס שניר אין שטוב אריינגעבראַכט. אז עס איז געקומען שבת נאָכמיטאָג, זיינען די שטובען ענג געוואָרען פון די פיעל אייניקלאך, וואָס זיינען געקומען דעם זיידען גוט שבת ביטען. אז עס איז געקומען פסח צום סדר, אָדער פורים צו דער סעודה, ווען מיר אַלע מיט די ווייבער און די קינדער זיינען צום טאַטען, עליו השלום, צוזאַמענגעקומען, האָבען די שטיבער ניט געסטייעט, אַלע טישען זיינען צו ווינציג געווען. בענקלאך האָט אויסגעפעהלט צו זיצען. די סערווירער מיט די כלי זמרים זיינען פון די שטובען נישט ארויס. אין אייגענע שטוב הייב־אָם געהאַט... און ארבייט האָט זי געהאַט איבער'ן קאָפּ... אז גאָט האָט געהאָלפען, מען האָט נאָך א וואָלד געקויפט, האָט מען נאָך א קינד אויסגעגעבען. א געשעפט געמאַכט — א ברית געמאַכט. געלד פערדיענט — נדן געגעבען. גאָט האָט קינדער געגעבען און פרנסה פאר זיי געגעבען. וואָס מעהר ליכט אין בית־המדרש ארונטערגעשיקט, אַלץ מעהר עשירות אין שטוב געווען. אין דער משפחה זיינען שטענדיג געווען שמחות: דאָ איז א אייניקעל בר מצוה געוואָרען; דאָ איז ווער אין דער משפחה א חתן געוואָרען; דאָ איז מען געפאָהרען א כלה זעהן — מען האָט שטענדיג געשפּיעלט, שטענדיג

שמחות געווען. און איך? גאט האט מיר אויך געהאָלפען — ווי מיין טאטע, עליו השלום, זעקס זיהן און זעקס טעכטער — וואס פאר א נחת האב איך פון זיי געהאט? זיינען זיי קליין געווען, האבען מיר געהאט צרות בגימנאזיע. אזוי ווי דאס האט געמוזט פאקען, מאזלען, האבען צאהן־וועטהאג, אזוי האט עס געמוזט דורכמאכען די מכה פון דער גימנאזיע. גאט, וויפיעל ממון און דמים דאס האט אבגעקאסט! און בזיונות און פערשטערטע שבתים — זאָל זיך איין גאט מרחם זיין. גוט, שוין דורכגעמאכט די גימנאזיע־קרענק, האט זיך אנגעהויבען די אוניווערזיטעט. מען נעהמט נישט צו, דוקא גאָלדענע מעדאלען מוז מען האבען. הכלל, זיי האבען נישט געקראגען קיין גאָלדענע מעדאלען, און אז מען קריעגט נישט קיין גאָלדענע מע־דאלען, קען מען נישט לעבען.

— אט האב איך נישט געקראגען קיין גאָלדענעם מעדאל און דאך לעב איך מיט גאט'ס הילף — טענה איך צו זיי — און האב חתונה געהאט און האב קינדער און האב פרנסה מיט'ן רבונו של עולם'ס הילף. האסט נישט געקראגען קיין גאָלדענעם מעדאָל, האב חתונה — טענה איך צו זיי. — ניין, און נישט אנדערש און נאר אין אוני־ווערזיטעט. אז נישט דא איז אין אויסלאנד, איז אין די הרי חושך, עס וועט זיך שוין געפינען.

הכלל, עס איז געווארען א געלויף פון מיין שטוב ארויס, ווי מען וואלט געווען געלאפען פון א מגפה, רחמנא לצלן. אין א שעהנעם פריה־מארגען, איך קוק זיך ארום, איך האב נישט מיט וועמען צום טיש צו געהן. ווער עס איז געלאפען קיין בערן, ווער קיין פאריז. איינער איז פערקראכען אין אזא שטאדט און אזא מדינה, וואס קיין מענש וויים נישט וואו דאס געפינט זיך. און אלעם לויפט, פון גרעסטען ביז צום קלענסטען. דער איז שוין געפאהרען, דעם פאהרט היינט, דער וועט פאהרען מארגען. ביז צום קלענסטען, ביז צו די גימנאזיע — אלעם גרייט זיך אין וועג אריין, און אלעם לערנט און שטודירט. גאנץ דייטשלאנד, די גאנצע וועלט וועלען זיי אויסלערנען און אויסשטודירען און מיר אהער ברייגנען — און דו, טאטע, שיק געלד.

גאט האט געהאָלפען, ס'איז צוריקגעקומען דער ערשטער, מיין אדאלף, דער בכור, א פארטיגער דאקטאר, מיט א דיפּלאָם אויסגע־

שטעלט פון די סאמע אויסלענדישע אתיווערזיטעט, אז ער איז א פארטיגער דאקטאר, גמור וחתום, נור געלד צו פערדיענען. זאגט ער צו מיר: „טאטע, זאג מיר מזל טוב, איך האב דעם דיפלאם". זאג איך: „וואס וועל איך דערפון נחת האבען? מיין טאטע האט זיין ערשטען זוהן אויסגעגעבען פאר ר' דוד קאליטערס טאכטער און איך האב זיך משדך געווען מיט דער בערנער אוניווערזיטעט און חתונה געמאכט מיין בכור מיט א פאפיערענעם דיפלאם". זאגט ער צו מיר: „טאטע, וועסט נאך פון מיר נחת דערלעבען". זאג איך צו איהם: „ווען וועסטו, מיין זוהן, געלד פערדיענען?" זאגט ער צו מיר: „צו געלד, טאטע, איז נאך ווייט. ערשטענס, מוז איך נאך האלטען א „גאסודארסטווענע" עקזאמען — און דאס איז זעהר א שווערע זאך, און דערנאך אפילו, אז איך וועל שוין האבען דורכגעמאכט דעם גאסודארסטווענע עקזאמען — וויל איך אויך ניט געלד פערדיענען, דערפאר, וואס איך האב ניט געלערענט צו זיין א דאקטאר כדי א קאריערע צו מאכען, נור אלס חכמה. מיר אינטערעסירט די ווי־סענשאפט".

האב איך אויסגעהערט און געשוויגען.

מיט דעם צווייטען זוהן האב איך זיך משדך געווען מיט די ליעזשער אוניווערזיטעט. ער איז אראבגעקומען א פארטיגער אינזשענער פון ליעזש (א שטאדט אין בעלגיען), פרעג איך מיין זוהן: „האסט א דיפלאם? זאגט ער. „יא, טאטע, איך האב א דיפלאם". פרעג איך איהם: „וואס האסטו געלערענט אזוינס, מיין זוהן?" זאגט ער: „טאטע, איך האב געלערענט בריקען צו סטראיען, ווי איבערצוא־ווארפען קיים־בריקען פון איין פעלז איבער דעם צווייטען, וואס מען דארף דאס ווען מען וויל אויסבויען אן אייזן־באהן". זאג איך צו מיין זוהן: „די מלאכה געפעלט מיר זעהר, זעהר א ניצליכע זאך. ווען וועסטו, מיין קינד, אנהויבען געלד צו פערדיענען?" ענטפערט ער מיר: „צו געלד פערדיענען, טאטע, איז נאך ווייט. ערשטענס, א גאסו־דארסטווענע עקזאמען, דערנאך דארף מען ערשט געפינען די אונטער־נעהמער, וואס סטראיען באהנען. און אזוי ווי באהנען סטראיעט ביי אונז די רעגיערונג, מוז איך אנקומען אויף א רעגיערונגס־שטעל. און אזוי ווי די רעגיערונג נעהמט דאך נישט קיין אידען, וואלט איך זיך חלילה, בעדארפט שמד'ען, און אזוי ווי שמד'ען זיך, חלילה, וועל

איך דאך ניט, וועל איך אויף קיין רעגיערונגס־שטעל ניט קענען אנקו־מען. און אזוי ווי כ'וועל ניט קענען אויף א רעגיערונגס־שטעל אנקומען — וועל איך קיין געלד ניט קענען פערדיענען". פרעג איך מיין זוהן: „צו וואס האט עס דיר געטויגט אזא זאך צו לערנען? פארוואס האסטו עפעס ניט געלערענט אזעלכעס, פון וואס דו וואלסט יא געקאנט געלד פער־דיענען?" ענטפערט ער מיך: „טאטע, איך האב ניט געלערענט קיין מלאכה, נור א וויסענשאפט — און די וויסענשאפט געפעלט מיר".
זאב איך ווידער אויסגעהערט און געשוויגען.

איז אראבגעקומען די עלטסטע טאכטער. פרעג איך זי: „טאכ־טער, מיט וועמען האב איך זיך משדך געווען?" ענטפערט זי מיר: „מיט די פאריזער סארבאנא, טאטע". זאג איך: „דער שידוך געפעלט מיר. וואס האסטו געלערענט, מיין קינד?" נעהמט זי ארויס א גאנצען בוך פראנצויזיש און ווייזט מיר: „דאס, טאטע, האב איך אנגעשריבען פאר מיין דאקטאר־עקזאמען". האב איך מיך דערשרא־קען: „דאס גאנצע בוך האסטו אנגעשריעבען, טאכטער, אויף פראנ־צויזיש?" זאגט זי: „יא". „און וועט עס העלפען צו א שידוך, טאכטער?" פרעג איך זי. ווערט זי ברוגז און געהט ארוים פון שטוב. הערט איהר — צו ערשט, איידער דאס איז געפאהרען נאך אויסלאנד, האבען זיך גע'שדך'ענט צו איהר יונגע לייט. די שדכנים האבען מיר די טהירען אבגעשלאגען. צייט זי איז צוריקגעקומען פון פאריז און מען האט געהערט, אז זי האט אנגעשריבען א גאנצען בוך אויף פראנ־צויזיש — איז שטיל געווארען. די יונגע לייט וואס קומען אריין, האבען דרך ארץ פאר איהר, האבען מורא פאר איהר, די שדכנים מיידען מיך. און מיט אן אמת, מיט וועמען קען זי חתונה האבען, אז זי האט אנגעשריעבען א גאנצען בוך אויף פראנצויזיש. ווי גע־בילדעט מוז שוין דער יונגערמאן זיין, וואס וויל מיט איהר חתונה האבען? מען האט מורא פאר איהר. און זי האט חתונה געהאט מיט'ן פראנצויזישען בוך.

אזוי איז אראבגעקומען איינער א מאטעמאטיקער און איך האב ניט ווער עס זאל מיר איבעררעכענען האלץ אויפ'ן קוביק, אלץ, זאגט ער, קען ער — נאר דאס וואס איך דארף האט ער זיך ניט געלערענט.

דערנאך איז אראבגעקומען א טאכטער, האט זי געלערענט אין לייפציג הויך־האנדעל. א דאקטאר צו זיין פאר האנדעל. פרעג איך

זי: „טאכטער, ווילסטו דיך נעהמען צו געשעפט?" „חלילה", שרייט זי אויס, „זי וויל ניט זיין קיין קופטשיכא!" „צו וואס זשע האסטו, טאכטער, געלערענט א דאקטאר אויף האנדעל?" „איך האב עס געלערענט פאר א חכמה — האנדעל! איך אנטלויף פון דיעזער „חכמה". ווען איך האב צייט, נעהם איך א ספר'ל אין האנד אריין, און זי לערנט א חכמה — האנדעל.

ווען עס קומט ביי מיר צו מיטאג, זעצט זיך אוועק בים טיש א גאנצע אקאדעמיע. דא האט איהר א דאקטאר און דארט א אינ־זשענער; דא א פילאזאפין און דארט א דאקטרין פון האנדעל. אלע חכמות, וואס זיינען נור אין דער וועלט, האבען זיי געלערענט, און האבען דיפלאמען פון אלע אוניווערזיטעטען, און קיינס פערדיענט ניט קיין גראשען, און קיינס האט ניט חתונה. זיצט אויף מיינע פלייצעס און לעבט פון ארימען וואלד, און איך האב ניט ווער עס זאל מיר א קוביק חשבון מאכען פאר'ן וואלד און איך האב ניט קיינעם, ווער עס זאל מיר אין געשעפט העלפען, דעם וואלד פיהרען, דעם וואלד, פאר וועלכען אונזער אלעמענס ארבייט איז נויטיג.

און אז איך קוק זיך אזוי צו און זעה די דאקטוירים מיט די אדוואַ־קאטען, מיט די אינזשענערען און די פילאזאפען ביי מיין טיש און דאס יונגווארג, וואס וואקסט אויף — אום צו ווערען דאקטוירים און אדוואקאטען מיט דיפלאמען; ווען איך זעה, ווי פון קליינערהייט אן וואקסט מען ביי מיר אין דאקטאר אריין — פאלט אן אזא שרעק אויף מיר: צי בין איך, אן ארימער איד, מחויב אויסצוהאלטען — אן אקאדעמיע?

צי זיינען מיינע כחות דערויף? און אלץ פון וואלד; — און קרח'ס אוצרות וואלטען דען סטאיען?!

# אין דער אַלטער היים

.1

**זעהר** שווער איז אָנגעקומען די רובינשטיינס אריינצוברענגען זייער אינגעל יאַש אין רעגיערונגס־גימנאַזיום. פאָטער און מוטער האָבען אָבער גע׳חלש׳ט צו זעהן זייער קינד אין די „מעשענע קנעפּ״. דער פאָטער, דער באַנקיר רובינשטיין, האָט אַליין נים געהאַט די מעג־ליכקייט אין זיין יוגענד צו געהן אין גימנאַזיום. ער האָט זיך אַליין אַרויפגעאַרבייט מיט זיינע אייגענע הענד, און ער האָט געטרוימט וועגען דעם צו געבען זיין קינד אַ „נאָרמאַלע״ ערציהונג, וואָס ער אַליין האָט נים געהאַט. און ער האָט אָנגעווענדעט גרויס איינפלוס און געלד און ס׳איז די רובינשטיינס ענדליך געלונגען זייער קינד אריינ־צוברענגען אין דריטען קלאַס. האָבען עס ניט נאָר יאַש׳ס עלטערען, נאָר די גאַנצע שטאָדט, באַטראַכט פאַר אַן אויסערגעוועהנליך גליק, און מען האָט זיי מקנא געווען.

יאַש האָט נאָך אַלס קינד געוואוסט, וואָס עס הייסט פאַר אַ אידען אָנצוקומען אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט, און ער האָט עס גע־וואוסט ווי צו שעצען. דאָס אינגעל האָט זיך גוט געלערענט, פאָרבע־רייטעט זיינע לעקציעס און ביז צו דער זיבעטער קלאַס זיינען געווען אַלע אויסזיכטען, אַז יאַש וועט ענדיגען דאָס גימנאַזיום מיט אַ גאָל־דענעם מעדאַל, וואָס איז נויטיג פאַר אַ אידען אָנצוקומען אין אוני־ווערזיטעט.

אָבער פּלוצים איז געשעהן עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט מיט אַמאָל געמאַכט אַ תל צו אַלע האָפנונגען פון יאַש׳ס עלטערען.

אין גימנאַזיום איז געווען אַ יום־טוב, גאָגאָל׳ס הונדערט־יעהריגער געבורטס־טאָג. אַלע שילער זיינען געווען פאַרזאַמעלט אין קלאַס, וואו דער דירעקטאָר פון גימנאַזיום האָט געהאַלטען פאַר זיי אַ פּאַסענ־

דען פּאָרטראַג איבער גאָנגאָל'ס שאַפונגען, וועלכען ער האָט באַלויכטען מיט אַ היסטאָרישען איבערבליק. ער האָט ערקלערט פאַר די קינדער די צייט פון „טאַראַס בולבאַ", די אונטערדריקונג פון די קאָזאַקען דורך די פוילישע הערשאַפט, און די ראָלע, וואָס אידען האָבען דערביי געשפּיעלט אַלס פאַכטערס און ארענדאַרס פון די קרעטשמעס און רוסישע צערקווען. ער האָט זיך אָבער מעהרסטענס אָפּגעשטעלט אויף דער אידישער ראָלע און האָט זי געשילדערט מיט גיפט און גאַל: די אידען האָט ער אָנגערופען „זשידעס" און ניט פאַרגעסען יעדען מאָל צוצולעגען דאָס וואָרט „שמוציגער", אָדער „לאַנגע קאַפּאָטע" אָדער „טרייסלענדיגע פאות". אין קלאַס האָט געהערשט אַ יום־טוב'דיגע שטילקייט, דעם צאַר'ס בילד אין לעבענס־גרויס איז געהאַנגען אויף דער וואַנד. די לעהרערס אין יום־טוב'דיגע פרעק, מיט גאָלדענע מעדאַלען באַהאַנגען, זיצען אויסגעזעצט אויף די פּלאַטפאָרמע, און גאָנגאָל'ס ביוסט, מיט לאָרבערקרענצע באַהאַנגען, שטעהט אויף אַ פּעדעסטאַל, דער דירעקטאָר מיט אַ בלאָנד בערדעל געשוירען אַ־לאַ־נאַפּאָלעאָן, און צוויי שפּיציגע כיטרע קאַרע אויגען קוקען ארויס פון זיין מיט זומער־פלעקען באַשפּרינקעלט פּנים. זיין קול איז זינגענדיג. און ער רעדט ארויס אין זיין פּאָרטראַג יעדען וואָרט מיט אַ באַזונדערען נחת, מיט גרויס הנאה און ליעבע צו זיך: און אַזוי האָבען די שמוציגע זשידעס פאַרשעהמט אונזער אָרטאָדאָקסישען גלויבען, אויסגעצאַפּט פון די עהרליכע קאָזאַקען־פויערען יעדען פאַרהאָרעוועטען גראָשען... אַז דער פּאָפּ האָט געוואָלט אַ קינד טובל'ען, אָדער אַ פּאָר פּאָלק חתונה מאַכען, האָט ער געמוזט אָנקומען צום זשיד. צוערשט געבען אַן אָפּצאָהלונג פאַר די פאַרשאָלטענע סינאַגאָגע איידער דער זשיד האָט דעם פּאָפּ דעם שליסעל ארויסגעגעבען די צערקווע צו עפענען, ביז עס האָט זיך ערוועקט דער גערעכטער צאָרן פון פּאָלק און זיי האָבען אין בלוט דערטרונקען יעם אָנגעזאַמעלטען שטורעם פון כעס..." דער דירעקטאָר האָט די לעצטע ווערטער געזאָגט אויך מיט דעם זעלבען רוהיגען זינגענדיגען טאָן. אין דעם זעלבען טאָן איז ער איבערגעגאַנגען צו שילדערען די שוידערליכע רציחות, וואָס די קאָזאַקען זיינען באַגאַנגען געגען די אידען און פּאָליאַקען. ער האָט זיך דערביי ניט אויפגערעגט. ער האָט זיין טאָן ניט געהעכערט מיט כעס אָדער שנאה צו ווערען, נאָר גלייכגילטיג,

זינגענדיג, און מיט הנאה פון זיין קול און פון זיך אליין האָט ער רוהיג געשילדערט די פאַרברענטע שטעדט און די געטויטעטע פרויען און קינדער, גלעטענדיג זיך דערביי מיט זיין ווייכע, זומער־פלעקען באַשפּרענקעלטע און בלאָנד באַהאָרטע האנד זיין גלאַטיג, לענגליך־געשוירען בערדעל, אָדער שפּיעלענדיג זיך מיט איינעם פון זיינע אָרדענס אויף זיין ברוסט.

די קינדער פון אַכט ביז אַכטצעהן יאָהר זיינען געזעסען אויסגעזעצט אין די רייהען, ווי האָלצערנע פיגורען, און האָבען שטיל, ווי א וואנד, אויסגעהערט דעם דירעקטאָר'ס פאָרטראג. טיילמאָל נאָר האָבען זיך אַ פּאָר אינגערע אינגלעך צולאַכט, ווען דער לעהרער האָט דערמאָנט די שפּאָטישע נעמען אויף די ליאַכען און די אידען. אָבער זעהענדיג, אַז די עלטערע שילער שווייגען, זיינען זיי אויך געבליבען שטיל. מעהרסטענס פון די אינגלעך זיינען געווען פּאָליאַקען אָדער אידען — און די פון די רוסישע קינדער פון טשינאָווניקעס אין דער שטאָדט האָבען אַ טייל געשוויגען אויס סימפּאַטיע צו די פּאָליאַקען און די אידען, און ביי אַ טייל האָט פון די אויגען אַרויסגעגלאַנצט דער נצחון'דיגער שיין און געשוויגען אויס רעספּעקט פאַר דעם דירעקטאָר און פאַר'ן מאָמענט. אָבער ווען דער דירעקטאָר האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „זשיד" אָדער „שמוציגער קאַפּטען" אָדער „פּאות" האָט זיך פון דאָ און דאָרט, סיי פון די רוסישע און סיי פון די פּוילישע קינדער, געהערט אַ שטיל לאַכען און אַ שפּאָטישער שיין אין די אויגען. די פּאָר אידישע אינגלעך, וואָס זיינען געווען צושפּרייט צווישען די קריסטליכע שילער, זיינען געזעסען פאַרשעהמטע מיט פלאַמענדע באַקען און אַראָפּגעלאָזטע אויגען. אַלע האָבען פאַרשטיקט אין זיך די שאנד און דעם אונמעכטיגען כעס און געוואַרט מיט אונגעדולד, ווען די מאַרטירעריי וועט שוין פאַראיבער. נאָר דער פאָרטראג האָט זיך געצויגען און געצויגען — אָהן אַן אויפהער. דער דירעקטאָר, זייענדיג פאַרליעבט אין זיך, אין זיין אנגענעהמער שטימע, האָט זיך זעהר פערוויילט מיט דעם קלאַנג פון זיין שטימע, און מיט דעם קלוגען פאָרטראג, וואָס ער האַלט פאַר די קינדער — האָט ער איהם ווייטער אויסגעצויגען, אַריינלאָזענדיג זיך אין דיטאַלען און שיטענדיג גיפטיגע באַשרייבונגען און העסליכע נעמען אויף די אידען.

פּלוצים האָט וועד פון די קינדער אויסגעשריען:

—עס איז אַ ליגען! עס איז אַ ליגען!

דער דירעקטאָר האָט אויף אַ מינוט אָפּגעהאקט זיין פּאָרטראַג, בלייך געוואָרען, אויסגעגלעט זיך די באָרד און געפרעגט:

— ווער האָט עס אויסגערופען?

די קינדער זיינען געבליבען זיצען ווי פארשטיינערט. אין דער גאנצער קלאס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, ווי קיין מענשען־לעבענס וואָלטען ניט געווען פארזאַמעלט אונטער דעם באלקען, נאָר פארשטיינערטע ברואים.

— עס איז אַ פייגהייט און געמיינהייט צו באהאלטען זיך אונטער יענעמס רוקען. איך רוף ארוים מיין געגנער, און ווען ער איז אַן עהרען־מאַן, זאָל ער האָבען דעם מוטה אויפצוהויבען זיך און זאָגען: איך האָב גערופען!

א מינוט זיינען אַלע געזעסען פארשטיינערט. פּלוצים האָט זיך פון דער שטיינערנער שטילקייט אויפגעהויבען אַ בלייכער אינגעל, מיט פארביסענע ליפּען. זיינע אויגען זיינען געווען האַלב געווענדעט צו דער ערד, און ער איז געבליבען שטעהן שטום.

— דאָס האָט איהר גערופען דעם אויסרוף?

דאָס אינגעל האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא.

— ענטפערט! — האָט דער דירעקטאָר באפוילען.

— יא — האָט דאָס אינגעל געענטפערט.

— ווי רופט מען אייך? — האָט דער דירעקטאָר געפרעגט, כאָטש ער האָט גאנץ גוט געוואוסט זיין נאָמען.

— רובינשטיין.

— אייער ערשטער נאָמען?

— יאַש מאָאיסעיוויטש.

— איהר זייט פון אידישען גלויבען?

— יא — האָט יאַש געענטפערט.

— ווי איז אייער אידישער נאָמען? יאַש איז ניט קיין אידי־שער נאָמען.

— יוחנן.

— פאַר וואָס רופט איהר זיך ניט מיט אייער אידישען נאָמען, נאָר איהר באהאלט זיך אונטער אַ קריסטליכען?

— די מוטער רופט מיך אזוי.

— גענוג, שווייגען, יוחנן מאַאיסעיעוויטש רובינשטיין, פון אידי־שען גלויבען. נו, דאָס איז פערשטענדליך, אַז אייך געפעלט ניט מיין פאָרטראַג, ניט וואהר? — ווענדעט ער זיך צו די לעהרער און די קינדער — עס איז פערשטענדליך, נו, יוחנן, „מאַישעוויטש" רו־בינשטיין, זייט אַזוי פריינדליך, נעהמט אייערע ביכער און געהט אריין אין קאַנצעלאַריע און וואַרט ביז איך וועל פאַרטיג ווערען מיט מיין פאָרטראַג.

יאַש האָט געטהאָן ווי מען האָט איהם געהייסען אונטער די שמייסענדיגע בליקען פון די לעהרער און די שילער.

אַז יאַש איז אַרויסגעקומען מיט די לעהר־ביכער פון דירעק־טאָר'ס קאַנצעלאַריע וואו מען האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז אויס־געשלאָסען אויף אייביג פון א רעגיערונגס־אינסטיטוט — האָט ער איבערגעטראַכט, וואָס ער האָט געטהאָן. עס האָט איהם ניט באַנג געטהאָן, נאָר עס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אונגעריכטער־הייד. און פאַר וואָס?

אין דער היים האָט ער געטראָפען זיינע עלטערען ביים מיטאָג־טיש. זיי האָבען זיך פאַרוואונדערט צו זעהן יאַש'ן אַזוי אויפגע־רעגט אהיים קומען פון גימנאַזיום מיט די ביכער אונטער'ן אָרעם.

— וואָס איז געשעהן? — האָט איהם די מוטער געפרעגט דער־שראָקען.

יאַש האָט דערצעהלט זיינע עלטערען וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— איך האָב ניט געקענט אַנדערש, איך האָב ניט געקענט — האָט יאַש אויסגערופען און גרויסע קאַלטע טרעהרען זיינען איהם געבליבען הענגען אויף די לאַנגע הערלעך פון די הייטלעך, און ער האָט געריסען די מעשענע קנעפּלעך פון זיין שווארצען סטודענטען־ראָק.

— באַרוהיג דיך, קינד, באַרוהיג דיך — האָט די מוטער געקושט איהם אויף די טרעהרען — אַן אונגליק האָט זיך געטראָפען, דאָס אַלץ, באַרוהיג דיך.

דער פאָטער איז געזעסען ביים וויים־געדעקטען טיש, אין די מיטאָג־שטונדע, ווען די סצענע איז פאָרגעקומען, אַ שטילער און אַ פאַרטראַכטער. ער איז זעהר טרויעריג געוואָרען, זיין הויכער, גלאַ־טער שטערען, וועלכער האָט זיך באַהעפט מיט זיין ליסינע, האָט זיך

אנגעהויבען צו קנייטשען, ער האָט זיך געגלעט מיט זיינע הענד זיינע וואָנסעס און געזאָגט פאר זיך :

— הייסט עס אַז דיין קאריערע האָט זיך געענדיגט, אין גאנצען געענדיגט.

ביים טיש האָט געהערשט א טויט־שטילקייט. די צוויי יונגע שוועסטערלעך מאשענקא און מאטילדא, וועלכע זיינען געגאנגען אָנ־געטהאָן אין זייער פענסיאָן־יוניפאָרם, ברוינע קליידלעך מיט שוואר־צע שערצלעך, און גלאטיג פארקאמט די האָר מיט א שווארצען באנד אין די צעפּ, האָבען זיך שטילערהייד ארויסגע'גנב'עט פון עס־צימער. די מוטער האָט געהאלטען אין איין טרייסטען, געווישט זיך מיט א טיכעל די אויגען, כאָטש אונגליקליך און באאונרוהיגט איז זי געווען דערפון מעהר פון אלעמען.

— פיליכט וועט זיך נאָך קענען עפּעס מאַכען, פיליכט וועלען מיר אָנווענדען פּראָטעקציע. עס איז דאָך ניט פארפאלען — עס קען דאָך ניט זיין. ער איז דאָך נאָך א יונג אינגעל — האָט זיך איהם ארויסגעכאפּט אָן אונגליקליך וואָרט. נו, בארוהיג זיך, מאָריטץ, וועסט זעהן, עס וועט נאָך גוט זיין — האָט זי געגלעט מיט דער האנד דעם מאַן אויפ'ן פארקנייטשטען שטערען.

יאַש איז דערביי געשטאנען. ערשט יעצט איז איהם קלאָר געוואָרען וואָס ער האָט געטהאָן. ער האָט אונגליק געזעהן מעהר אין פאָטער'ס פארקנייטשטען שטערען ווי אין די מוטער'ס טרעהרען. נאָר מיט דעם גאנצען געפיהל פון גערעכטיגקייט וואָס ווערט רייף אין ערוואקסענע קינדער, וועלכע האָבען נאָך ניט געהאט די געלעגענ־הייט צו זעהן קיין סך אונגערעכטיגקייטען און גלויבען נאָך אין יושר פון דער וועלט — האָט יאַש געפיהלט, אַז ער האָט געהאנדעלט אַזוי ווי ער האָט באדארפט, אנדערש האָט ער ניט געקענט.

— מאַמענקאַ, איך בין דאָך ניט שולדיג, ניט וואהר, מאַמאַ ?

— האָט ער זיך פארענטפערט ווי אמאָל אין די קינדער־יאָהרען ווען ער האָט אונגערן עפּעס צובראָכען.

די מוטער האָט אין דעם טאָן פון זיינע ווערטער געהערט איהר קינד'ס קינדישע באקאנטע שטימע ; און ווי אמאָל אין זיינע קינדער־יאָהרען, ווען יאַש האָט אַזוי גערעדט צו דער מוטער, האָט זי זיך יעצט אויך ניט געקענט צוריקהאלטען. זי האָט איהם אונ־

באוואוסט ארומגענומען און געקושט איהם אין קאָפּ:

— ניין, יאשענקא, ניין. בארוהיג דיך, קינד.

יאש האָט געקושט דער מוטער'ס האנד מיט גרויס ליעבע, ווי ער האָט עס אָפט געטהאָן, ווען ער האָט נאָר געהאט א געלעגענהייט. יאש האָט געהאלטען זיין מוטער פאר די שעהנסטע און איידעלסטע פרוי אין דער וועלט, און פלעגט אויך היינט, ווי אמאָל אין די קינדישע יאָהרען, באפאלען זיין מוטער, זי ארומנעהמען און איהר אויסקושען די אויגען און דאָס געזיכט, אָהן אורזאכע. אין די לעצטע צייטען, זייט ער האלט זיך פאר ערוואקסען האָט ער זיך געשעהמט אויסצודריקען זיינע געפיהלען צו זיין מוטער, און צוריקגעהאלטען זיך דערפון. יעצט אָבער האָט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען, און ער האָט מיט קינדישער ליעבע געוואָרפען זיך אויף איהר און ארומגענומען זי מיט זיינע צוויי יונגע שטארקע הענד, נאָר ווי אימער האָט איהם דער פאָטער דערמאָנט אין זיין אינגלישקייט.

— נו, הער אויף דיינע אינגלישע נארישקייטען, דו ביזט שוין מעהר קיין קינד ניט.

יאש איז באנאָסען געוואָרען מיט א רויטען פלאם, און ער האָט אָפּגעלאָזט זיין מוטער א פארשעהמטער. די מוטער האָט זיך אויך אָהן אורזאכע געדרויטעלט, דעם פאָטער'ס באמערקונגען זיינען איהר געווען אונאנגענעהם.

— קום מיט מיר אין קאבינעט, איך באדארף מיט דיר רעדען — האָט זיך פלוצים דער פאָטער אָנגערופען און איז אריין אין קאבינעט. יאש איז נאָכגעגאנגען נאָך איהם.

— מאָריטץ, נישט צו שטרענג, איך בעט דיך — האָט די מוטער צוגערופען.

— רעבעקא, — האָט דער פאָטער זיך אומגעקוקט און האָט שטרענג אָנגעקוקט די מוטער, אראָפּנעהמענדיג די ברילען פון דער נאָז.

אז זיי זיינען אריינגעגאנגען אין גרויסען קאבינעט האָט דער פאָטער זיך גוט ארומגעקוקט אויב קיינער הערט זיי ניט. ער האָט דאַן פארשלאָסען די טהיר און זיך אוועקגעזעצט.

— דו ביזט דאָך ניט קיין רעוואָלוציאָנער, יאש? — האָט איהם דער פאָטער געפרעגט.

יאַש איז בלייך און רויט געוואָרען פון דעם כבוד וואָס דער פאָטער וויל איהם געבען — צו וועלכען ער האָט זיך ניט געהאַלטען בארעכטיגט.

— איך ווייס פון גאָר ניט, פּאַפּאַ. פּשוט איך האָב ניט געקענט אויסהאַלטען, איך האָב ניט געקענט —

— מיר קענען אויך נישט, און דאָך מוזען מיר. ביסט דאָך קיין קינד נישט, דו ווייסט וואָס דו האָסט געטהאָן? — וואָס וועט יעצט זיין מיט דיר? האָסט דיין קאַריערע, דיין גאַנצעס לעבען האָסטו מיט די הענד אומגעבראַכט.

יאַש האָט שוין יעצט מעהר ניט געוויינט. עס האָט זיך אין איהם דערוועקט דער עקשנות'דיגער געפיהל פון גערעכטיגקייט. ער האָט פאַרביסען די ליפּען.

— לאָז זיין וואָס עס זאָל זיין, איך האָב ניט געקענט אַנדערש האַנדלען און דו וואָלסט אויך ניט געקענט. ער האָט זיך אַזוי גע־שאָלטען און זיין גלייכגילטיגע געלע מאָרדע — עס האָט אַזוי וועה געטהאָן.

— מען מוז קענען. איך שטעה אויס ערגערע זאַכען. האָסט פאַרגעסען, אַז דו ביזט אַ איד?

יאַש איז שטיל געוואָרען. ער האָט געבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד און געביסען זיך די שפּיץ־פינגער.

— אָבער אַזוי צו לעבען איז דאָך אונמעגליך, פּאַפּאַ! — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען.

— מיר מוזען אַזוי לעבען. קענסט דיר אַן אַנדער עצה געבען? אַז האָסטו אַנדערש געוואָלט לעבען — האָסטו דיר צובראָכען דיין לעבען — האָט דער פאָטער געזאָגט.

יאַש האָט שטיל געשוויגען.

— און פּילייכט איז עס מיין שולד. געוויס איז עס מיין שולד — האָט דער פאָטער געזאָגט ווי צו זיך אַליין, ווידער אָראָפּגעה־מענדיג די ברילען פון דער נאָז און רייבענדיג זיך מיט דער האַנד זיין קנייטשענדיגען שטערען — איך האָב דיר באַדאַרפט זאָגען דאָס. איך האָב דיך באַדאַרפט פאַרבערייטען צו דעם; באַדאַרפט דיך פאַרבערייטען איבערצוטראָגען און שווייגען; באַדאַרפט דיך פאַר־בערייטען צו לעבען ווי אַ איד, ווי איך לעב, ווי מיר אַלע אידען לעבען

אין רוסלאַנד, וואָלט עס פּיליי‏כט ניט געקומען דערצו. אַזוי איז עס געקומען פּלוצלינג, עס האָט וועה געטהאָן. דיר האָסטו שלעכטס געטהאָן, און זיי האָסטו גאָר ניט געטהאָן. מיין שולד, מיין שולד.

יאַש האָט רחמנות געקראָגען אויף זיין פאָטער מעהר ווי אויף זיך און מעהר ווי אויף זיין מוטער. די ווערטער „איך שטעה אויס ערגערע זאכען" האָט דעם אינגעל געגעבען אַ באַגריף פון פאָטער'ס לעבען, פון אַלע אידען'ס לעבען אין רוסלאַנד. און ער האָט געזאָגט ווי פאר זיך, בייסענדיג זיך די נעגעל, און גרויסע טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך ווידער באַוויזען אויף די הערעלעך פון זיינע הייטלעך — אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך, אונמעגליך.

דער פאָטער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו דעם נידערגעשלאָגענעם אינגעל און האָט אַרויפגעלעגט זיינע הענד אויף זיינע אַקסלען:

— נו, לאָז דיר דאָס זיין אַ לעקציע פאר ווייטער. לערען דיך צו לעבען ווי אַ איד אין רוסלאַנד. — ער האָט אונגעריכטערהייד אַרומגעכאַפּט דעם אינגעל'ס קאָפּ און איהם אַ קוש געטהאָן.

יאַש האָט דערפיהלט צוויי הייסע טראָפּענס אויפ'ן שטערען זיינעם און איז געבליבען שטעהן אַ פאַרשטיינערטער.

דער פאָטער איז מיט שטאַרקע טריט אַרויסגעטראָטען פון קאַבינעט.

## .2

די רובינשטיינס זיינען געוועזן באַקאַנט אין שטאָט ניט אַזוי איבער זייער רייכטהום ווי איבער מאַדאַם רובינשטיין'ס געזעלשאַפטליכע שטעלונג. מאַדאַם רובינשטיין איז געקומען פון פּוילען, וואו זי האָט געענדיגט אין וואַרשאַ אַ פּענסיאָן; און ווען הערר רובינשטיין האָט אַראָפּגעבראַכט זיין עלעגאַנט ווייבעל אין דער וואָהלינער פּראָווינץ־שטאָדט, וואו ער האָט זיך באַזעצט נאָך דער חתונה, האָט די ילישע יונגע ווייבעל געמאַכט אַ פּוראָר. זי האָט זיך אַנדערש אָנגעטהאָן ווי אַלע ווייבלעך; די שניידערקע האָט פאר איהר אויפגענעהט קליידער נאָך איהר אייגענער מאָדע, לייכטע, רעפאָרמירטע, אָהן אַ זאָרסעט. און באַלד האָבען איהר אַנדערע ווייבלעך נאָכגעטראָגן די קליידער. אין דער שטאָדט האָט זי געקראָגען דעם נאָמען פון אַ

„קראסאוויצע". און ווייבלעך פון פיינע הייזער, און יונגע לייט האָבען געזוכט איהר באַקאַנטשאַפט. רובינשטיין האָט דורך איהר געקראָגען אַן איינפלוס אין שטאָדט. זיין הויז איז געוואָרען דער צענטער פון די „אינטעליגענץ". ווינטער פלעגט מאַדאַם רובינשטיין איינאָרדנען בעלער, פאַר וואָהלטהעטיגע צוועקען; אַמאָל האָט זיך אויך געמאַכט, מען האָט געגעבען אַ ליעבהאָבער־פאָרשטעלונג. עס איז אָראָפּגעקר־מען אַ טרופּע אין שטאָדט אריין, האָט דער דירעקטאָר געפונען פאַר נויטיג צו באַזוכען מאַדאַם רובינשטיין אינאיינעם מיט אַנדערע „מעצענאַטען" פון די קונסט אין שטאָדט און איהר נאָמען פלעגט ניט זעלטען פיגורירען אויפ'ן אַפישע אַלס איינע פון דיעזע, וואָס פּראָטעקטען די איידעלע קונסט פון שוישפּיעל.

זעלבסטפאַרשטענדליך, איז באַלד באַוואוסט געוואָרען אין שטאָדט, אַז רובינשטיין'ס אינגעל איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון גימנאַזיום; די עלטערען האָבען זיך געשעהמט און יאַש פלעגט זיך ארומדרעהען אין גאַס, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, נאָך אין גימנאַזיסטישע קליידער, אָבער אָהן צייכענס. און אַלע האָבען איהם באַדויערט, זיי דאָס אינגעל וואָלט אריינגעפאַלען אין אַ שווערע אונהיילבאַרע קראַנקהייט. מען האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט יאַש'ן. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין סיי ווי סיי געגאַנגען צו די זומערדיגע וואַקאַציעס, ווען דאָס גימנאַזיום שליסט זיך — האָט מען באַשטימט יאַש'ן אַוועקצושיקען אויף די דריי חדשים אורלויב צום זיידען, כאַדאַם רובינשטיין'ס פאָטער, אין דעם קליינעם שטעד־טעל אין פּוילען. און דערנאָך, צום ווינטער, וועט מען זעהן.

ביים זיידען, אין פּוילישען קליינעם שטעדטעל, האָט זיך יאַש גאַנץ גוט געפיהלט, און האָט פאַרגעסען דאָס גאַנצע אונגליק מיט דער גימנאַזיע און מיט דעם דירעקטאָר. דאָס שטעדטעל איז איהם פאַרגעקומען באַקאַנט און עס האָט אויפגעוועקט אין איהם אַנגענעהמע עראינערונגען פון זיינע קינדערשע יאָהרען, ווען ער האָט פאַרבראַכט מיט זיין מוטער די זומערס אין דעם שטעדטעל ביים זיידען. אַלע זיינען איהם פאַרגעקומען אַזוי באַקאַנט. זיי האָבען געדענקט ווען יאַש איז געווען אַ קינד, און ארומגעלאָפען מיט אַ גרויסען הונד איבער'ן מאַרק. אַלעמען האָט ער דערשראָקען מיט זיין הונד. און יעצט איז ער שוין אַ „סטודענט", זיי האָבען שוין ניט געוואוסט צו

זאָגען איהם „דו“, ווי זיי זיינען געוועהנט געווען, נאָר געאירצט איהם, און יאַש האָט זיך אויך שוין געהאַלטען פאַר אַ ערוואַקסענעם.

פיעל ארומגעשוואומען אין דער ווייכסעל אָדער אַרומגעריטען, אָדער געלעגען אין סאָד, צווישען די פלוימען־בוימער און געלעזען דאָסטאָיעווסקי'ן. פאַרנאַכט איז ער געקומען אַריינצורייטען אין שטעדטעל, אָפּגעשטעלט זיך אין מיטען מארק, געטרונקען סאָדאַ־וואַסער מיט מאַלענע סאָק פון אידישען געוועלבעל און אידען זיינען געקומען רעדען מיט איהם „פּאָליטיק“ און האָבען איהם אויסגעפרעגט וועגען זאכען, וואָס זיי האָבען געמיינט, אַז נאָר ער, אַ סטודענט, מוז עס וויסען.

אמאָל זיינען געקומען צו איהם צוויי בחורים אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט רוסישע ביכלעך אין די הענד, און האָבען איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיי געבען „אוראָקען“, זיי ווילען זיך לערנען, „זיי זיינען שוין ניט אַזעלכע פאַנאַטיקער ווי זייערע עלטערען, און וויסען שוין, אַז אַ חוץ גמרא איז נאָך דאָ אַנדערע וויסענשאַפטען, וועלכע אַ מענש דאַרף קענען, און בעטען איהם, אַז ער זאָל זיי העלפען לערנען. זיי ווילען זיך אַרויסרייסען פון דעם קליינעם שטעדטעל, פון די פאַנאַטישע עלטערען און קומען אין די גרויסע וועלט אַריין און ניצליך זיין דער געזעלשאַפט, א. ד. גל., און ער, אַלס סטודענט, וועלכער איז געווים אַ אידעאַליסט, באַדאַרף זיי העלפען צו געניסען פון די געטליכע בילדונג, א. ד. גל.“ יאַש'ן איז איינגעפאַלען אַ אידעע, און אין אַ פּאָר טעג ארום האָט ער שוין געהאַט ביים זיידען אַ גאַנצען חדר פון ערוואַקסענע בית המדרש בחורים, וועלכע ער האָט געלערענט רוסיש לייענען, גראַמאַטיק, אַריטמעטיק — געבאָרגט זיי ביכלעך צו לעזען.

דורך די בחורים האָט ער זיך באַקאַנט מיט די „אינטעליגענץ“ פונ'ם שטעדטעל. דאָס איז געווען דער העברעאישער לעהרער קאַלמאַנאָוויטש, וועלכער האָט געגעבען אין שטעדטעל רוסישע און העברעאישע לעקציעס, און איז איבערהויפּט געווען דער גייסטיגער „שפּייזער“ און ליכט־פאַרשפרייטער פון שטעדטעל. קאַלמאַנאָוויטש איז ניט לאַנג צוריק געהאַט געקומען פון ראַסיי און זיך באַזעצט אין שטעדטעל. דאָס ווייב זיינס האָט אויפגעעפענט אַ דענטיסטישען

קאַבינעט, וועלכעס איז ביז דאַן געווען גאָר אַ נאָווינע אין שטעד־טעל, און ווי יעדע נייע זאַך האָט זי אַרויסגערופען אַ סענסאַציע, און עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו לאָזען זיך אַריינשטעלען ציינער, וואָס דאָס שטעדטעל האָט ביז דאַן ניט געוואוסט, און געמיינט, אַז דאָס קען זיך נאָר ערלויבען אַ מיליאָנער. קאַלמאַנאָוויטש האָט געהאַט פּרנסה פון דער ווייב'ס קאַבינעט, און אַליין האָט ער צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבען מיט השכלה און אַגיטאַציאָן פאַר'ן ציוניזם פון וועל־כען ער איז געווען אַ הייסער אנהענגער. כאָטש אַליין אַ קראַנקער, אונטערגעהוסט אַ ביסעל, די לונגען אָנגעריהרט פון הונגעריגע טעג, פון געבען שטונדען אין וואַרשאָ, ווען דאָס ווייב האָט זיך געלערענט צו זיין אַ דענטיסטקע, אַ דינער און אַ שוואַכער, וואָס האָט יעדע פּאָר טעג געפיבערט און געמוזט געהן אין בעט אריין — האָט ער ניט אויפגעהערט צו חלום'ען, אַז ער וועט אַמאָל שטעהן אויף די פעלדער פון ציון און האַלטען אַ גרויסע האַק אין האַנד, מיט וועלכער ער וועט אויפגראָבען די פאַרשטיינערטע, אונבאַאַקערטע שטיק ערד פון זיין וויין־גאָרטען. ער האָט זיך געזעהן אַ ניי־געבוירענעם מיט שטאַרקע מוסקולען, און אַ שטאַרק אָפּגעבערענט פּנים, אָנגעטהאָן ווי אַ קאָלאָניסט, פיהרט אַ פּאָר פערד מיט אַ אַקער איבער אַ שטיק נאַקעט פעלד. קאַלמאַנאָוויטש איז געווען אַזוי זיכער, אַז דאָס וועט אַמאָל געשעהן, און עס וועט אַזוי זיין, אַז ער האָט גערעדט דערפון, ווי פון אַ זאַך, וואָס דאַרף געשעהן היינט אָדער מאָרגען, כאָטש דער הוסט האָט וואָס אַמאָל איהם אַלץ מעהר נעדרושעט און די באַקען אויף די דאַרע באַקען־ביינער זיינע האָבען געגליהט מיט דעם קאָליר פון דער „טויטער רויז". קאַלמאַנאָוויטש האָט גע'חלום'ט זיין גאַנצעס לעבען, און עס איז געווען ווי די וועלט און יענע וועלט זיינען געוואָרען ביי איהם אויסגעמישט און זיינען געווען אונאונטערבראָכענע פאַרטזע־צונגען...

ביי קאַלמאַנאָוויטש'ן אין שטוב איז זיך צונויפגעקומען די אינ־טעליגענץ פון שטעדטעל. די אַקושערקע (אַ ערשיינונג אויך פון די לעצטע צייטען אין פּוילישע שטעדטלעך), אַ עלטערע מיידעל, וועל־בע האָט מיט גרויסע פיזישע מאַטעריניש געענדיגט די קורסען אין וואַרשאַ אויף אַקושערקע, און אָנגעהויבען אַליין פון א"ב. אין שטעד־טעל האָט זי זיך באַזעצט אָפּצורוהען, און זוכט גייסטיגע נאַהרונג

אין די אווענדען אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס הויז. דאָרט זיינען אריינגעקומען די בית המדרש בחורים, וועלכע קאַלמאַנאָוויטש האָט אַגיטירט פאַר ציוניסטען און געבאָרגט זיי השכלה־ביכלעך. שלמה׳לע אַגיטאַטאָר, דעם בית המדרש שמש׳ס זוהן, דער פאָרשטעהער פון „אינטערנאַציאָנאַליזם“ אין שטעדטעל, זעלבסטפאַרשטענדליך אַ שטענדיגער אָפּאָנענט פון קאַלמאַנאָוויטש׳ען, אָבער זיי האָבען ניט געקענט לעבען איינס אָהן אַנדערען. עס זיינען זיך צונויפגעקומען דיסקוטירען משה׳לע דעם חזן׳ס, וועלכער האָט געשפּיעלט פּיעדעל זעהר שעהן, און האָט קאָמפּאָנירט „עלעגיען“, און וועלכע די אַקושערקע האָט נביאות געזאָגט, אַז זיי וועלען די וועלט איינגעהמען. איהם האָט קאַלמאַנאָוויטש געהאַלטען אין איין אַגיטירען, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפען די פרעמדע מאָטיוועז און זאָל פאַרפאַסען אידישע נאַציאָנאַלע מאָטיוועז, וועלכע זאָלען באַזינגען די בת ציון. אויך איז געוועזען אַ באַשטענדיגער איינגעהער אין די אָווענדען לייביש דער סקלאַראַפּטעטשניק, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע נייגונג צום אידישען טהעאַטער, וועלכעס ער האָט אַזוי גוט געקענט פון לאָדז. ער איז געוועזען אַ גוטער דעקלאַמאַטאָר און פלעגט אָפט אין די אָווענדען פאָרלעזען שלום־עליכם׳ען. ער האָט באַהויפּטעט, אַז ער לעזט בעסער פאָר ווי שלום עליכם אליין, וועלכען ער האָט אַמאָל אַליין געהערט פאָרלעזען. זיין ערפאָלג פון „שלום עליכם“ האָט דעם „סקלאַד אַפּטעטשניק“ געגעבען מוטה און געוועקט זיין אַמביציע צו פּרואווען זיך אויף אַ גרעסערען פעלד. ער פּלאַנט יעצט אַ פאָרשטעלונג פון „מירעלע אפרת“ מיט אָרטיגע ליעבהאָבער־קרעפטען, מיט וועלכע ער שטודירט יעדען שבת, פאַר אַ וואָהלטהעטיגען צוועק, און מיט דעם קאָנקורירט ער מיט די אָרטיגע אָפּיציעלע „דראַמאַטישע געזעלשאַפט“, וועלכע עקזיסטירט ביי די „אידישע ביבליאָטהעק“, און וועלכע פּלאַנעוועט די זעלבע פאָרשטעלונג מיט דער הילף פון אַ גרויסער „קראַפט“, וואָס זיי האַלטען אין אַראָפּברענגען פון לאָדז, — פאַר דעם צוועק פון דער אידישער ביבליאָטהעק.

אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען, אין די האַלטאַנקע, אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס גרין גערטענדעל, וואָס איז געוועזען הינטער׳ן שטעדטעל, ביי דעם מילדען שיין פון דער לבנה און די שטערען, און ביים היימישען גרילען פון די זשאַבעס אין די זומפּען, זיינען אויסגעדיס־

פּוטירט געוואָרען די אַלע פראַגען צו רעטען דאָס אידישע פאָלק, רוסלאַנד און די גאַנצע וועלט. ביים היימישען סאַמאָוואַר און ביים זיסען פלוימען־איינגעמאַכטס האָבען זיך דורכגעקרייזט די וועלט־אידעען, זיינען געפּיהרט געוואָרען די גרויסע שלאַכטען צווישען ציוניזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, פון קאַלמאַנאָוויטש׳ען מיט דעם שמש׳ס זוהן. עס איז דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע וועגען אידיש און העברעאיש, עס זיינען אָפּגעשאַצט געוואָרען די טאַלאַנטען פון דער אידישער ליטעראַטור. דאָרט אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען ביי די ציטערדיגע שאָטענס פון די נוס־בלעטער האָט דעם חזן׳ס זוהן צום ערשטען מאָל אויסגעשפּיעלט זיינע „עלעגיען“ אויף זיין פּיעדעלע פאַר דעם קונסט־ליעבענדען פּובליקום. דאָרט, אין דעם אווענד־ציטער פון אַ ציהענדער בענקשאַפט זיינען אויסגעזונגען געוואָרען די אידישע פאָלקס־ליעדלעך, וואָס זיינען דאַן אַזוי אין מאָדע געוואָרען, און דער סקלאַד אַפּטעטשניק האָט דעקלאַמירט ביים שיין פון די ברענענדיגע לאָמפּען און בייסענדיגע פליגען שלום עליכם׳ס הומאָריסטישע ער־צעהלונגען.

אין די ראָמאַנטישע אָווענדען, אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס גריך־גאָרטען איז עס געווען, ווען יאַש רובינשטיין האָט זיך צום ערשטען מאָל פאַרליעבט און געפונען אַן אויסוועג פאַר זיין אָפּגעבראָכענע שטודירענדע קאַריער. ער האָט זיך פאַרליעבט אין דונישקע׳ן, קאַל־מאַנאָוויטש׳עס טאָכטער, וועלכע האָט שטודירט אין די גרויסע שטאָדט אויף די קורסען, און איז געווען אין דער היים צו־גאַסט איבער׳ן זומער און אַרום דעם מיידעל איז דאָס געשאַפען געוואָרען די קינסט־לערישע אַטמאָספערע פון שטעדטעל. פאַר איהר האָט דעם חזן׳ס זוהן אויסגעשפּיעלט די עלעגיען אויף זיין פּיעדעלע, וואָס די אַקושער־קע האָט ניט געקענט פאַרפעהלען צו באַמערקען מיט וועהטאָג און בענקשאַפט. און צו געווינען איהר הארץ האָט דאָס קאָנקורירט מיט איהם דער סקלאַד אַפּטעטשניק מיט זיינע דעקלאַמאַציעס. דאָס מיידעל אָבער, וועלכע איז שוין ניט געווען די בעזיצערין פון איהר אייגען האַרץ, נאָר עס האָט שוין באַלאַנגט צו אַ שוואַרץ־האָריגען און שוואַרץ־אויגיגען יונגען סטודענט, וועלכער האָט עס מיטגענומען מיט זיך איבער׳ן זומער צו די ברעגעס פון די וואָלגאַ, איז טויב געווען צו די עלעגיעס און דעקלאַמאַציעס, און איז געווען די גאַנצע

צייט פארנומען מיט דעם, וואס זי האט צו איהר הארץ־באזיצער בריעף געשריבען אדער פון איהם בריעף באקומען.

יאש האט אבער דערפון ניט געוואוסט און ניט געוואלט וויסען. ער פלעגט אין די אווענדען ביי קאלמאנאוויטש'ען קוקען אויף רוניש־קע'ן מיט אזעלכע פארליעבטע אויגען, אז עס איז ניט שווער געווען פאר דעם ארומיגען עולם צו באמערקען זיינע געדאנקען. און ניט איינ־מאל האט איהם קאלמאנאוויטש אויפגעוועקט:

— וואס איז אייער מיינונג מכח דער פראגע, וואס מיר רעדען דא?

יאש איז רויט געווארען, און האט אנגעהויבען עפעס צו פלאנ־טערען מיט דער צונג. די פראגען, וועגען וועלכע מען האט דיסקוטירט, זיינען איהם געווען אזוי ניי, ער האט פון זיי קיינמאל ניט געקלערט און איז ניט גרייט געווען צו געבען אן ענטפער. ער האט ליעב געהאט צו פארברענגען אין דער געזעלשאפט ביי קאלמאנאוויטש'ען, די געזעלשאפט, די דיסקוסיעס, דאס שפיעלען און דאס דעקלאמירען איז איהם געפעלען, ער האט ליעב געהאט די אטמאספערע פון דעם הויז, און האט זיך גליקליך געפיהלט וואס ער קען פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון דונישקע'ן, קוקען אויף איהר, און זיין לעבען איהר.

די געזעלשאפט האט זעהר גרויס דרך ארץ געהאט פאר יאש'ס גימנאזיסטישע קנעפלעך, און די אלע פראווינציעלע אליין־לערנער, וועלכע האבען גרויס רעספעקט פאר די, וועלכע ענדיגען עפעס, האבען אויך איהם געהאלטען פאר א גרויסען אויטאריטעט — א גימנאזיסט פון אכטען קלאס, און נאך דערצו, וואס ער קומט פון א גרויסער שטאדט, וואו ער האט די מעגליכקייט צו הערען רעפעראטען איבער די טהעמען פון באוואוסטע מענשען, און צו הערען מיינונגען — האבען זיי געגארט פון איהם א ווארט.

— מיט אן אמת זאגענדיג, — רופט זיך אפ יאש פארלעגען — איך וויים ווייניג וואס דא אריינצורעדען. איך הער זיך צו צו אייערע געשפרעכען. איך בין צופריעדען צו לערנען.

און ווירקליך האט יאש פיעל געלערנט אין דער געזעלשאפט. ער איז געווען מיט זיינע אכטצעהן יאהר א קינד נאך, וואס האט פון גאר ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אויסער די ווענט פון זיין שולע. ער האט קיינמאל ניט נאכגעקלערט וועגען די אלע זאכען,

וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין די אָוועגדען ביי קאַלמאַנאָוויטש׳ען. ער האָט געקראָגען אַ רעגעלמעסיגע ערציהונג, וואָס איז אַזוי טיפּיש אין אַ גוט־אָפּ אידישע הויז. טאטע־מאמע האָבען זעהר פיעל געזאָרגט איבער זיין פיזישען צושטאנד, און איבערגעלאָזט זיין גייסטיגען צו דער שולע און צו זיך אַליין. אין דער היים האָט ער קיינמאָל ניט געהערט פון אָט די אַלע זאַכען. די מאַמע האָט זיך אינטערעסירט מיט וואוילטהעטיגע אנשטאַלטען, פאר וועלכע זי פלעגט איינאָרדנען בעלער אָדער אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען און ליטעראַריש־וואָקאַלישע אָוונ־רען, און דער טאַטע האָט געהאַט זיין קאָנטאָר. קיינמאָל האָט מען אין דער היים ניט גערעדט איבער די אַלע פראַגען, און זיי האָבען קיינעם ניט אינטערעסירט. געווים האָט ער געפיהלט אויף זיין אייגע־נער הויט די ספּעציעל אידישע לאַגע. שוין פון זיין קינדהייט אָן, אין דער שולע, אין גאַס און צווישען זיינע קריסטליכע חברים. אָבער מען האָט דערפון ניט גערעדט, מען האָט געמיינט רק, אַז מען פאַרגעסט עס. וואָס אידען זיינען אַזעלכעס, האָט ער אייגענטליך גוט געוואוסט. רעליגיעזע עראינערונגען האָט ער געהאַט פון זיינע קינדערשע יאָהר׳ען, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין דעם קליינעם שטעדטעל ביים זיידען. ער האָט ליעב געהאַט דאָס קליינע ציכטיגע שוהלכעל, אין וועלכען דער זיידע האָט איהם מיטגענומען דאַוונען אין שבתים און יום־טובים, די פּריוואַטגדינגע ליכט־בענשען און דעם שעהנעם ווייס־געגרייטען טיש און די יום־טוב׳דיגקייט פון שבת־אָפּריכטען פרייטאַג אין אָוונד ביים זיידען. אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען שעהנע זכרונות פאַרבונדען מיט די קינדערשע יאָהרען, לאַנג שוין פאַרגעסענע. דאָס לעבען אין דער היים איז געווען אַן אַלגעמיינעם, אַ שטאָדטישעס, מיט אַלגעמיינע יום־טובים. געווים האָט ער געהערט אַמאָל פון אַ חבר און אַמאָל דורך אַ צופעליגען רעפעראַט אָדער צייטונגס־אַרטיקעל וועגען אידישע פּראָבלעמען. נאָר אויפגעצויגען געוואָרען איז ער צו זאָרגען איבער זיין פּערזענליכער קאַריערע; אַז עס איז גאָר ניטאָ, נאָר דאָס ביסעל גליק, וואָס איז דעם מענשען באַשערט אין זיינע געצעהלטע טעג, און מען דאַרף זיך גוט פאָרבערייטען ווי אַזוי עס אַריינצוקריעגען — ווייל בעלנים זיינען דאָ אַ סך און די, וואָס זיינען פעהיג, די באַקר־מען עס.

האָט זיך יאַש גוט געלערנט, זאָרגפעלטיג געמאַכט זיינע לעקציעס.

געזאָרגט זיך איבער די צייכענס, וואָס ער האָט געקראָגען. ער האָט געוואוסט, אז ער מוז ענדיגען דאָס גימנאַזיום מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, אַנדערש זיינען פארשלאָסען פאַר איהם די טויערען פון אוני־ווערזיטעט, וועלכער איז דער וועג צו אַ קאַריערע אין לעבען. ווען ער האָט צייט געהאַט, האָט ער געלעזען—ניט פאַר נוצען, נאָר פאַר פארגניגען, מעהרסטענס בעלעטריסטיק, און פון די סאַמע מאָדערנסטע וועלכע ריהרען אָן אינטערעסאַנטע טהעמען — אַרציבאַשעוו, ווערביצ־קאַיאַ. אין דעם גייסט האָט זיך יאַש ערצויגען, אין דעם גייסט פון נאָך דער באַנקראָטירטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

דאָ אויף דער פראָווינץ, אין דעם קליינעם פארוואָרפענעם פוילי־שען שטעדטעל, ביי קאַלמאַנאָוויטש׳ען אין הויז, האָט ער צום ערשטען מאָל געהערט רעדען פון זאַכען, וואָס האָבען ניט צו טהאָן מיט גימ־נאַזיום, און ניט מיט גאָלדענע מעדאַלען, און ניט מיט קאַריערע. אַ חוץ פערזענליכעס גליק זיינען דאָ נאָך אַנדערע און ברייטערע אידע־אַלען. ער האָט אָנגעהויבען צו פארשטעהן, אז מיט דעם, וואָס ער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון גימנאַזיום, איז ער נאָך ניט קיין פארפאַ־לענער מענש, אז עס איז נאָך דאָ אַ גרויסעס לעבען, פאַר וועלכען עס לוינט זיך צו לעבען. ער האָט ליעב געקראָגען די מענשען, די אַטמאָספערע אין קאַלמאַנאָוויטש׳עס הויז — און מעהר פון אַלץ די מיידעל מיט די שווארצע קרייזעלדיגע האָר, מיט די לאַכענדע אויגען, וואָס אַז זי ריהרט איהם אָן מיט איהרע פינגער, נעהמט דורך אַ ווארימער שטראָם דורך זיינע ביינער און עס איז אַזוי גוט צו קוקען אויף איהר, ווען זי באַוועגט זיך, אָדער צו הערען די קלינגענדע שטימע, ווען זי לאַכט.

.3

דער זומער איז געווען דער גליקליכסטער אין יאַש רובינשטיין׳ס לעבען. דונישקע איז געווען מעהר ענטוויקעלט און האָט געהאַט מעהר געלעזען פון יאַש׳ען, וועלכער איז נאָך געבליבען אַ קינד. און יאַש האָט פון איהר פיעל געלערענט. זיי האָבען איינאיינעם געלעזען, שפּאַצירט צוזאַמען, אין די אָוועגדען אַרומגעפאָהרען איבער׳ן טייך אין אַ שיפעל ביי דעם ליכט פון די שטערען און דעם ציטערענדען שאָטען, וואָס האָבען געוואָרפען פון זיך די באַוועגליכע בלעטער פון

טאָפּאָלען בוימער אויפ׳ן ברעג. אמאָל האָט דונישקע געזונגען, ווען דאָס וואסער האָט געגלעט, געלאַשטשעט די ווענטלעך פון שיפעל. יאש האָט זיך צוגעהערט צו איהר מיידעלשער בענקענדער שטימע, וועלכע די באַלויכטענע וועלען פון וואסער האָבען מיטגעשטראָמט מיט זיך און פארטראָגען זיי ערגעץ אין די פייכטע בושעס אויף א ווייטען ברעג... פון וואָס האָט געטרוימט דער 18־יעהריגער וואכע־דיגער בחור, ווען זיינע גרויסע שיינענדע אויגען האָבען געקוקט אויף די שטערען און א וויינענדיגע גרימאַסע האָט פארצויגען דעם קינדישען שניט פון זיין מויל? יאש איז געווען פארליעבט. ער איז געווען אין די יאָהרען פון פארליעבען זיך און ער וואָלט זיך געווען פארליעבט אין יעדער מיידעל, וואָס ער וואָלט געטראָפען. א פארלאנג נאָך עפּעס אונבאשטימטעס האָט אָנגעפילט זיין הארץ. ער האָט זיך געפיהלט רייף עפּעס צו טהאָן. און ער האָט געציטערט, ווי עס ציטערט דער יונגער, פרישער בוים פול מיט זאפט, ווען עס קומען אָן די פריהלינגס־טעג. ער האָט געפיהלט עפּעס אַ חרטה איבער ניט באגאנגענע זינד און אַ מורא פאַר עפּעס.

— וואָס קלערט איהר, יאַש? פאַר וואָס זייט איהר אַזוי שוויי־גענדיג? — פרעגט איהם דינישקע, ווען זיי זיינען אמאָל צוזאמען אין אָווענד ארומגעפאָהרען איבער׳ן טייך אין אַ שיפעל.

— עס איז טרויעריג און אַ שאַד עפּעס, — ענטפערט יאַש.

— דאָס וואָס מען האָט אייך אויסגעשלאָסען פון גימנאַזיום, מיינט איהר?

— ניין, ניט דאָס. יעדעס מאָל, ווען עס קומט דער זומער ווערט מיר טרויעריג. דאַכט זיך, אַלעס בליהט, וואַקסט, און איך אליין נעה ארום לעדיג.

—וואָס וואָלט איהר געוואָלט טהאָן?

— איך וויים אליין ניט וואָס. עפּעס אַזעלכעס, איך זאָל צופריע־דען זיין, איך זאָל וויסען, אַז איך טהו גוט.

— פאַר זיך בלויז, צו פאַר אנדערע אויך?

— דאָס איז די מעשה. ביז יעצט נאָר געטהאָן פאַר זיך, געלע־רענט פאַר זיך — און ניט צופריעדען געווען. אויפגעשטאַנען אין דער פריה — ניט געווען צו וואָס. דער פריהלינג קומט, אַלעס בליהט און מיר איז טרויעריג. דאַכט זיך די טעג געהען אוועק מיט נאָרנים.

די מאַמע זאָגט שטענדיג: „וואָס זאָרגסטו זיך? וואָס ווילסטו האָבען? לערענסט זיך גוט, זיי צופריעדען". און איך זאָג: „מאַמעשקע, דאָס איז נאָך ניט אַלעס". די מאַמע זאָגט אָבער, אַז היינט איז אַזאַ צייט, אַלעס נאָר פאַר זיך. יעדער איינער דאַרף זיך נאָר קימערען פאַר זיך, זיך צו מאַכען באַקוועם. אָבער דאָס קען דאָך ניט זיין. עס איז דאָך אַזוי לאַנגווייליג און טרויעריג צו לעבען אויף דער וועלט. נישט וואהר, דינישקע?

— און פאַר וואָס האָט איהר נישט געטהאָן פאַר אַנדערע אויך?

— ניט געווען וואָס, ניט געוואוסט וואָס.

— גאָר קיין חברים ניט געווען, וואָס זאָלען זאָגען?

— חברים? אַלע קלערען נאָר וועגען זיך. יעדער איינער זאָרגט זיך, ווי אַזוי בעסער צו לערנען זיך, די לעהרער און די דירעקטאָרען צו געפעלען, אַ גאָלדענעם מעדאַל צו באַקומען כדי גרינגער אין אוניווערזיטעט אַנצוקומען. אָבער לערנען זיך טאָן אַנדערע זאַכען? זיי זאָגען, אַז די עלטערע — די פון נײַנצעהן־פינף — זיינען נאַראָנים. רעוואָלוציע, פרייהייט אין רוסלאַנד — נאַרישקייטען. האָבען געוואָלט רוסלאַנד פריי מאַכען און אַליין זיינען זיי געווען פאַרשקלאַפט. דו מאַך דיך צוערשט פריי, זאָרג פאַר זיך, מאַך דיר באַקוועם און לעב און גענים וויפיעל דו קענסט. דאָס אַלעס.

— און איהר וואָלט געוואָלט אַנדערש לעבען?

— געוויס וואָלט איך געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ טעם אין לעבען. זיין פאַר וואָס צו לעבען, צו האָבען עפּעס אַן אידעאַל. זיי איז בעסער געווען, די פון נײַנצעהן־פינף, האָבען כאָטש געמיינט, אַז זיי טהוען עפּעס. און עס איז לייכטער געווען צו לעבען.

— פאַר וואָס פּרואווט איהר ניט צו לעבען ווי זיי? איך קען אַזעלכע, וואָס לעבען ווי זיי — פון נײַנצעהן־פינף.

— דערצעהלט, דינישקע.

— עס איז גאָר ניטאָ צו דערצעהלען. די, וועלכע לעבען איצט אַזוי, זיינען שווייגענדיג און באַשיידען. קיינער ווייסט ניט פון זיי, און עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו דערצעהלען פון זיי. נאָר טיילמאָל שיינט אַ גוטער שמייכעל אויף זייערע ליפּען און אַ שטראַהל אין זייערע אויגען, וואָס שטראַהלט אויף די געזיכטער פון מענשען וועלכע זיינען גליקליך.

יאַש האָט שטיל געשוויגען. ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און דינישקע האָט געגומען זינגען אַ ליעד. די רוהיגע וועלען, וואָס האָבען זיך געגאָסען שפּיעלענדיג, האָבען געהאַלטען אין איין צערטלען דאָס שיפעל. און זיי ביידען, וויגענדיג זיך אין שיפעל, האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווערען געצערטעלט פון וואַסער בכיון. אַרום איז שטיל געוועז...

דאָס וואַסער האָט זיך פאַרהאַלטען אין די טונקעלקייט פון די בושעס אויפ'ן ברעג. פון דער ווייטען האָט זיך געלויכטען אַ היימישעס לעמפּעל פון אַ הייזעל אַרוים, וואָס האָט איינגעלאַדען זיי צו זיך. און די ווייטע וועלען האָבען געטראָגען דינישקע'ס סטראָפען און זיי ווייט פאַרטריעבען אין די טיעפע פאַרבאָרגענהייט פון וואַסער און סודות, וואָס ליעגט באַהאַלטען אין די בושעס.

...איך האָב דיך געפרעגט אין די שטילע נאַכט:
וואָס איז נאַכט? און וואָס איז טויט?
און געוואָלט נאָך מעהר וויסען,
וואָס וועט זיין נאָך אונז?
נאָך דער נאַכט? און נאָך דעם טויט?
און דו האָסט געקושט מיינע ליפּען
מיט שטילער פרייד
און געענטפערט:
נאָך אונז,
און נאָך דער נאַכט, און נאָך דעם טויט,
געליעבטסטע, וועט זיין די ליעבע".

דינישקע האָט אָפּגעהאַקט דאָס זינגען און יאַש האָט אַראָפּ־געלאָזען די וויעסלעס און געלאָזט דאָס שיפעל זיך וויעגען איבער די כוואַליעס פון וואַסער און ביידע האָבען זיך צוגעהערט צום עכאָ פון געזאַנג, וואָס עס האָט זיך געדאַכט געהט אויס און זינגט נאָך אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל ערגעץ אין די בושעס.

— און זיי האָבען נישט קיין מורא פאַר'ן טויט? — רופט זיך פּלוצים אָן יאַש.

— ווער?

די, אייערע פריינד, וועגען וועלכע איהר דערצעהלט — האָט יאַש געזאָגט אַלץ איינטונקענדיג זיין בליק אין דעם שימער פון וואַסער.

— און איהר האָט מורא פאַר'ן טויט? — האָט דינישקע צוריק געפרעגט.

— מורא? ניין. כ'האָב וועגען דעם נעקלערט. דאַכט זיך, איך וואָלט זיך ניט געוועז געשראָקען, נאָר נייגעריג געוועז צו וויסען וואָס וועט זיין אַ טאָג שפּעטער, דערנאָך. אָ, די נייגעריגקייט וואָלט מיך ניט געלאָזט שטאַרבען.

— מיינע פריינד זיינען ניט קיין נייגעריגע, זיי באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס זיי ווייסען דעם היינט און גלויבען אין מאָרגען, — האָט דינישקע אָפּגעענטפערט.

יאַש האָט אַ מינוט נאָכגעקלערט איהרע ווערטער. דאַן האָט ער זיך אָנגערופען, אויפהויבענדיג זיינע קינדישע אויגען און קוקענדיג גלייך איהר אין פּנים אריין, ווי פאַרשעהמט:

— איך פערשטעה אייך, וואָס איהר מיינט. יאָ, אַזוי דאַרף זיין. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט נישט געקענט... איך האָב אַזוי ליעב דאָס לעבען און עס איז אַזוי טשיקאַווע צו וויסען וואָס עס וועט זיין מאָרגען. ניין, איך וואָלט ניט געקענט. זיי, אייערע פריינד, מוזען זיין עפּעס אַנדערע מענשען, אַ העכערער סאָרט מענשען. איך וואָלט נישט געקענט — האָט זיך יאַש ווי געבעטען ביי איהר מיט זיינע נאַאיווע אויגען.

— אוי, זיינט איהר אַ נאַאיווער אינגעל! — האָט דינישקע געלאַכט. יאַש'ס נאַאיוויטעט האָט זי גערייצט. זי האָט איהם אונ־ווילינ ארומגענומען, ווי מען נעהמט ארום אַ אינגעל, און געזאָגט — איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, איך געה אייך ניט שיקען שטאַרבען.

יאַש איז פאַרשעהמט געוואָרען.

— איהר לאַכט פון מיר! — האָט ער געזאָגט פאַרשעהמט.

— ניין, ניין, נאָר עס איז אַזוי לעכערליך. עס איז אַזוי. איהר האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ מורא פאַר'ן טויט און מיט אַזאַ חשק צום לעבען. אָ, איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסען, — האָט דינישקע געלאַכט.

יאַש איז פאַרשעהמט געוואָרען.

— איך האָב געזאָגט דעם אמת, וואָס איך האָב געטראַכט. זייט מוחל פאַר אויפריכטיגקייט — האָט יאַש געזאָגט בעליידיגענדיג זיך.

— פארקעהרט, פארקעהרט. ווירקליך איך האָב ניט געמיינט צו אָבלאָכבען פון אייך — האָט אַלץ דינישקע זיך ניט געקענט איינ־האַלטען — איהר האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ נאַאיוויטעט און מיט אַזאַ שטאַרקע לעבענס־לוסטיגקייט. עס איז געווען אַ פארגענינגען צו הערען. איך האָב עס ליעב. אנדערע דיענען מיט איער טויט, און אַנדערע — מיט זייער לעבען.

יאַש האָט זיך ווידער פערטראַכט, נאָכקעלהערענדיג איהרע ווערטער.

— יאָ, איך פערשטעה אייך און איהר מיינט, אַז איך וואָלט אפשר געקענט טהאָן מיט מיין לעבען ווי אנדערע מיט זייער טויט?

— געוויס, פיעלייכט נאָך מעהר. מיר האָבען צופיעל אַזעלכע, וואָס קענען נאָר עפּעס אויפטהאָן מיט זייער טויט, און זעהר ווענינ אַזעלכע, וואָס קענען עפּעס אויפטהאָן מיט זייער לעבען.

יאַש איז געוואָרען אויפגעריכט פון די ווערטער. זיין פּנים איז בעלויכטען געוואָרען מיט אַ פרייד, ווי ער וואָלט אויסגעהיילט געוואָרען פון אַ "יוועריער קראַנקהייט, און געקוקט דינישקע'ן מיט דאַנקבאַרקייט אין די אויגען אריין. ער האָט אָנגענומען דינישקע'ס האַנד און גע־זאָגט:

— איך דאַנק אייך פאַר דעם גוטען וואָרט, נאָר איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן. איהר לערענט מיר וואָס צו טהאָן, איהר ווייסט אַלעס. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס צו טהאָן, — האָט ער זיך געבעטען ביי איהר.

— דערווייל האָט איהר מיך אהיים צו ברענגען. דאָס איז די ערשטע זאַך, וואָס איהר האָט צו טהאָן. עס ווערט שפּעט און אונזערע אין דער היים וועלען זיך באאונרוהיגען.

יאַש האָט געכאַפּט די וויאָסלעס און מיט ענערגיע און קראַפט, וואָס דינישקע'ס ווערטער האָבען אויפגעלעבט אין איהם, האָט ער זיך גענומען צו טרייבען דאָס שיפעל איבער די לייכטענדע וועלען. נאָר זיינע וויאָסלעס זיינען געבליבען שטעקען אין אַ גרין געמויזעכץ און ער האָט זיי גאָר ניט געקענט ארויסציהען פון וואַסער.

— וואָס איז דאָס? — האָט דינישקע געפרעגט.

— מיר זיינען אריין אין אַ ליליען־פעלד, און איך האָב מורא, אַז מיר וועלען ניט קענען ארויסקריכען. דאָס גרינס אונטער'ן וואַסער

איז הויך, און ווען מיר האבען גערעדט האט אונזער שיפעל פערטראָ־
גען אונז אין געמויזעכץ אריין.

— וואס וועלען מיר טהאן?

— איך מוז אויסטהאן די שיך און ארײנקריכען אין וואסער
ארויסשלעפען דאס שיפעל — זאגט יאש.

— איך וועל אייך ניט לאזען, איהר קענט זיך נאך דערטרינקען.

— וועלען מיר דא זיצען א גאנצע נאכט.

דינישקע האט געלאכט.

— איך וואלט עס געוואלט, ווען איך וואלט ניט מורא געהאט,
אז די אלטע אין דער היים זאלען זיך ניט בעאונרוהיגען.

— איז ניטא קיין אנדער עצה — האט יאש געזאגט אויס־
טהוענדיג זיך דאס רעקעל.

— ווארט א ווײלע, פרובט שטופען, איך וועל אייך העלפען, —
זאגט דינישקע העלפענדיג ציהען די וויאסלעס.

דערווייל האט זיי דאס שיפעל נאך ווייטער פערשלעפט אין
געמויזעכץ. ארום דעם שיפעל האבען זיך אנגעהויבען צו קלייבען
וואסער־ליליען. דינישקע האט פארגעסען אן די עלטערען און די
שפעטקייט פון אוונד און האט מיט פרייד געפליקט די וואסער־
ליליען, געצויגען די פייכטע ליליען בלעטער און געפלאכטען זיך פון
זיי א קראנץ, אנגעטהאן זיך דעם קראנץ אויפ'ן קאפ און געזאגט:

— נו יעצט, אז מיר זיינען געבליבען שטעהן צווישען בלעטער
און וואסער־ליליען, וויל איך זיין א וואסער־נימפע. זעהט, יאש.

אין לייכטען שימער פון דער לבנה ליכט, באקליידעט דעם קאפ
מיט וואסער־ליליען, אין שטילען גרינעם פארפאלענעם ליליען־פעלד,
וואו עס האט זיך געהערט צווישען די טיעפע גרעזער א שטיל הארץ־
רייסענדעס ברומען, ווי פארפאלענע נשמות וואלטען געלעגען צווישען
די גרעזער און פון דארט ארויסגעוויינט, האט דינישקע אויסגעזעהן
ווי א וואסער ערשיינונג.

יאש אבער האט געווארפען פון זיך די שיך, דאס רעקעל, אלעס
וואס ער האט געקענט ווארפען און ער זאל אליין בלייבען אנגעטהאן,
איז ארײנגעשפרונגען אין וואסער און געפרופט דאס שיפעל אפ־
שטופען.

צי ער האט עס ווירקליך ניט געקענט, צי ער האט עס ניט גע־

וואַלט, דאָס שיפעל האָט זיך אַלץ מעהר געגליטשט אין געמויזעכץ.
און יאש האָט געזאָגט מיט שרעק:

— דינישקע, איך האָב מורא, אַז מיר וועלען מוזען דאָ וואַרטען ביז מען וועט אונז קומען זוכען. דאָס שיפעל באַוועגט זיך ניט, עס איז געבליבען שטעקען.

דינישקע האָט געלאַכט.

— וואָס לאַכט איהר?

— דערפאַר וואָס איהר האָט אַזוי מורא. גיט די האַנד, יאַש, און קומט צוריק אַריין אין שיפעל, דאָס וואַסער איז קאַלט.

— און איהר ווילט דאָ בלייבען אַ גאַנצע נאַכט, דינישקע?

— איך האָב ליעב צו קוקען אין די שטערען אַריין. עס זיינען שעהן די שטערען אין הימעל ביינאַכט איבער'ן וואַסער, — האָט דינישקע געזאָגט אויסציהענדיג זיך אין שיפעל און קוקענדיג אין הימעל אַריין.

— יאש, איהר קענט אויסטראָנאָמיע? — פרעגט דינישקע.

— אביסעל געלערענט.

— ווייסט איהר ניט, אַז אויף די שטערען וואָהנען אויך אַזעלכע באַשעפענישען ווי מיר?

— אַזוי זאָגען געלעהרטע. איבערהויפט אויף אונזער שכן מאַרס.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען, וועלכער שטערען עס איז דער מאַרס?

— מיט אַן אמת געזאָגט, איך ווייס ניט. אַזוי פיעל שטערען זיינען ביינאַכט. שווער צו וויסען, —פאַרפלאָנטערט זיך יאַש.

— וואָס איז דער חילוק? לאָז זיין אָט דער שטערען מאַרס, — ווייזט דינישקע אויף אַ שטערען.

— יאָ, דער שטערען איז דער מאַרס, — שטימט איין יאַש.

— יאַש, אויפ'ן מאַרס זיינען אויך דאָ גימנאַזיסטען, וואָס פאָרען אַרום מיט מיידלעך איבער די טייכען אין די באַשטערענטע נעכט?

— עס קען זיין.

— און אָט פאָהרט אויף יענעם ווינקעל שטערען אַזאַ פּאָאַר, און קוקען אַרויף אין הימעל אַריין און זוכען דעם שטערען „ערד". וואָס, יאַש?

— עס קען זיין.

— און אפשר זוכען זיי גאר ניט דעם שטערען „ערד"?

— דינישקע!

— וואס?

— איך האב אייך ליעב.

— דאס האט איהר מיר שוין געזאגט.

— און איך וויל אייך זאגען, אז איך האב אייך ליעב; איך וויל אייך זאגען, אז איך ליעב אייך ערנסט, אויף א רעכטען אמת. ניט אזוי ווי איהר מיינט, קינדיש. איך ליעב אייך אנדערש ווי איהר מיינט, גאנץ אנדערש.

— ווי אזוי?

— איך ליעב אייך ווי א מאן.

— אזוי? — האט דינישקע געלאכט.

— איך ליעב אייך שטארק און ערנסט, דינישקע. איך ליעב אייך. — און דער אינגעל האט זי פלוצים ארומגענומען מיט זיינע צוויי שטארקע הענד און זי געקושט.

— יאש, וואס איז מיט אייך?

— זייט מוחל, זייט מוחל, דינישקע. איך בין געמיין, איך בין זעהר געמיין. זייט מוחל, — האט יאש געזאגט בעטענדיג.

— לאזט אפ. קומט צוריק אריין אין שיפעל. איהר וועט זיך צוקיהלען.

— ניין, דינישקע. איך וויל אפשטופען דאס שיפעל.

— מען דארף ניט. קומט אריין. איהר וועט עס שפעטער אפ־שטופען.

יאש האט געפאלגט און האט אנגעטהאן אויף זיך דאס רעקעל. ער האט געציטערט פאר קעלט.

— עס איז אייך קאלט, יאש?

— ניין, מיר איז ניט קאלט. — האט דער אינגעל געזאגט ציטערענדיג און אוועקגעזעצט זיך אין א ווינקעל פון שיפעל.

א לאנגע ווייל האבען זיי ביידע געשוויגען. דינישקע האט גע־קוקט אויף די שטערען און יאש איז געווען פארטראכט.

— וועגען וואס טראכט איהר, יאש? — האט דינישקע איי־בערגעריסען די שטילקייט.

— איך ווייס ניט. דאַכט זיך, אַז איך קען דאָס אַלעס דאָ. דאָס וואַסער, די ברעגעס, די בושעס און עס איז מיט אַמאָל אַזוי אַנ־דערש געוואָרען. איך מיין, אַז מיר זיינען גאָר אין אַנאַנדער לאַנד, פיליכט אין אַנאַנדער וועלט. קוקט זיך אַרום, דינישקע, זעהט דאָס אַלעס ניט אויס אַנדערש?

— און איך האָב געטראַכט, יאַש, וועגען מאַרס. ווייסט איהר פאַר וואָס, יאַש? די אויבען אויפ׳ן מאַרס זוכען ניט דעם שטערען „ערד".

— פאַר וואָס?

— ווייל דער בחור אויפ׳ן מאַרס רעדט אַזעלכע נאַרישקייטען ווי איהר און לאָזט ניט קוקען אין די שטערען אריין.

שטילשווייגען.

— וואָס ציטעו'ט איהר, יאַש? עס איז אייך קאַלט?

— ניין, דינישקע, מיר איז ניט קאַלט.

— אייך איז קאַלט, יאַש. קומט דאָ אַהער, דאָ איז טרוקענער. יאַש איז צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר.

— אייך איז קאַלט, יאַש, — האָט זי געזאָגט און גענומען דאָס טוך מיט וועלכען זי איז געווען צוגעדעקט און מיט אַ העלפט דער־פון פאַרדעקט יאַש׳ן.

דורך זיינע קאַלטע גליעדער איז אַ ציטער דורכגעגאַנגען, אַ היי־ליגער ציטער. און ער האָט דערפיהלט ווי אַ קיינמאָל ניט געפיהלטע איידעלקייט האָט איהם אַרומגענומען. דורך זיינע נאַסע קליידער האָט ער דערפיהלט איהרע ווארימע קניע און אַ ציטערקייט האָט איהם אַרומגענומען.

יאַש האָט פאַרבאָרגען זיין געזיכט אין איהר טוך און האָט אָנ־געהויבען צו וויינען.

— וואָס איז אייך, יאַש?

— איך ווייס ניט, דינישקע. איך ווייס ניט. איך וויל שטאַרבען.

— אָ, איהר אינגעל, איהר קליינינטשקער אינגעל, — האָט די־נישקע דורכגעפיהרט איהרע קאַלטע פינגער צווישען זיינע פייכטע האָאָר...

באַלד האָט זיך געהערט שטימען רופען איבער'ן טייך:
— האַ, האָ! דינישקע! יאַש!
— מען רופט אונז! — האָט זיך דינישקע אויפגעכאַפּט.
— האַ, האָ! — האָבען זיי אָפּגעענטפערט פון שיפעל.
יאַש איז אריינגעשפרונגען אין וואַסער ארויסשטופען דאָס שיפעל פון געמויזעכץ.
און באַלד האָט זיך באַוויזען אַ שאָטען אויפ'ן וואַסער, אַ שיפעל האָט זיך דערנעהנטערט.
— דער פאָטער איז זעהר אומרוהיג, דינישקע. — האָט זיך אָנגערופען דער סקלאַד אַפּטעמשניק, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן שיפעל.
דעם חזן'ס זוהן האָט גאָר ניט געערדט. ער האָט טרויעריג געשוויגען. און אַז ער האָט דערזעהן דעם ליליען־קראַנץ אויף דינישקע'ס קאָפּ און יאַש'ן באַלויכטען מיט שטערן־ליכט צווישען בלעטער און ליליען שטעהענדיג ביי דינישקע'ן, האָט ער טיעף אָפּגעקרעכצט.
ער האָט דערנאָך זיין לייד אויסגעגאָסען אין אַ נייע עלעגיע, וואָס ער האָט קאָמפּאָנירט. און ווען ער האָט די עלעגיע צום ערשטען מאָל געשפּיעלט אויף זיין פידעלע ביי קאַלמאַנאָוויטש'ען אין גרינגערטענדעל האָט ער מיט איהר צובראָכען דאָס האַרץ פון דער אַקערשערקע און זי האָט דערנאָך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט אין איהר קישען...

---

.4

דער זומער איז אדורכגעלאָפען ווי אַ שעהנער חלום. דאָס וואַסער איבער'ן סטאַוו האָט זיך אָנגעהויבען צו רונצלען, די בלעטער — צו פאַלען, און איבער'ן שטעדטעל האָט געבלאָזען דער ערענסטער אלול־ווינד, וואָס, דאַכט זיך, די אידען האָבען איהם פון שופר אין שוהל־בעל ארויסגעבלאָזען צו ערציטערען דאָס שטעדטעל.
מען האָט געקלעהרט וועגען צוריקפאָהרען. דינישקע האָט זיך געקליבען צוריק אין די גרויסע שטאָדט צו די קורסען און יאַש — אַהיים.

דעם חזן'ס זוהן האָט אויסגעשפּיעלט אין לעצטען שבת־צו־נאַכט זיין נייעסטע קאָמפּאָזיציע, וואָס ער האָט געווידמעט דינישקע'ן, און וואָס האָט אויסגעדריקט זיין איבערזוכט אויף יאָש'ן, וועלכער האָט אין די אַנדערע געשיפּט זיך אויפ'ן סטאַוו, און דער סקלאַד־אַפּאָטעטשניק איז אויך אין דעם אָווענד געווען ערנסט געשטימט, און אָנשטאָט „שלום עליכם", וואָס ער האָט אַלעמאָל דעקלאַמירט פאַר דינישקע'ען, האָט ער ביי דיעזען אב'שיעדס־אָווענד דעקלאַמירט פאַר דינישקע'ן רייזען'ס ליעבע־ליעדער און אויסגעזונגען מיט אַ וויינענדיגען טאָן „מאי קא משמע לן?" די אַקושערקע האָט געקרעכצט, און די האַלטאַנקע אין קאַלטאַנאָוויטש'עס גרין גערטענדעל האָט אין דעם אָווענד פיעל פילאָזאָפירט.

זיינען אַלע געווען דעם אָווענד ערנסט געשטימט און מעהר פון אַלע — יאָש רובינשטיין.

אין דינישקען איז ער געווען פארליעבט צום שטארבען. און אויסגעדאַכט האָט זיך איהם, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ער האָט התונה מיט איהר און וואַרפט אוועק דאָס שטודירען און נעהמט זיך צו עפּעס. דינישקע האָט איהם אַ פּאָר מאָל שוין אויסגעלאַכט דעריבער און קוים איהם צוריקגעהאַלטען, אַז ער זאָל נישט מאַכען דעם פאָרשלאַג איהר פאָטער און בעטען פון איהם איהר האַנד, וואָס יאָש האָט זיך געקליבען צו טהאָן אין גרויס ערנסט. יאָש האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס זי איז דאַגעגען. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַן ערוואַקסענעם מענשען שוין, און דאָס איז איהם אויסגעקומען אַלס דער איינציגער אויסוועג פון זיין לאַגע.

אוועקגעפאָהרען זיינען זיי בײדע מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי וועלען זיך בײדע באַלד ווידער טרעפען. זי האָט איינגערעדט יאָש'ן צו קומען אין דער גרויסער שטאָדט אריין, וואו זי לערענט זיך, און דאָרט וועלען זיי שוין זעהן, און ביז דאַן זאָלען זיי זיך אדורכשרייבען כאָטש איין מאָל אין טאָג.

אויפגענומען האָט מען יאָש'ען אין דער היים מיט ערנסטע, פאַרזאָרגטע פּנים'ער, אזוי ווי מען נעהמט אויף אַ זעהר ערנסטען קראַנקען. און כאָטש די מאַמע האָט ווי וויט מעגליך זיך אויסבאַהאַלטען צו געבען איהם דאָס צו פיהלען, — דאָך האָט דער איינגעל, גלייך אזוי ווי ער איז נאָר אין שטוב אריינגעקומען, באַלד דער־

פיהלט זיין לאגע, אַן אויסגעשלאָסענער פון גימנאַזיום — אַן אונ־טערגעהאַקטער בוים, אָהן אַ צוקונפט.

יאַש האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען באַדויערט איהם אַזוי. ער, פאַרקעהרט, האָט זיך געפיהלט גאַנץ גוט. פאַרליעבט איז ער געוועזן און גליקליך איבער זיין ליעבע, און ארומגעטראָגען זיך מיט פלענער פון חתונה האָבען.

— דו זעהסט אָהן עין הרע אויס גאַנץ גוט, מיין קינד, — האָט די מוטער געזאָגט צו איהם. אין איהרע ווערטער האָט יאַש געפיהלט וויא באַדויערען, אַזוי ווי זיין געזונד אָהן דער גימנאַזיום וואָלט געוועזן אַן איבעריגע זאַך.

אין אַ פּאָר טעג ארום, אַז יאַש האָט זיך ארומגעדרעהט אין דער היים, האָט דער פאָטער מיט איהם געמאַכט אַ שמועס מכח זיין צוקונפט אין דער געגענוואַרט פון דער מוטער, ביים טיש, נאָכ׳ן אָנבייסען.

— וואָס האָסטו באַשטימט צו טהאָן? האָסט וועגען עפּעס גע־קלערט, מיין זוהן? — האָט דער פאָטער געזאָגט אַ באַזאָרגטער ביים טיש.

— איך... איך האָב באַשטימט חתונה צו האָבען, פּאַפּאַ — האָט יאַש פּלוצלינג ארויסגעבראַכט.

— וואָס? — האָבען די עלטערן געפרעגט איבערראַשט, אָנ־קוקענדיג איינער דעם אַנדערען.

— איך האָב זיך באַקענט מיט אַ מיידעל, דאָרט וואו איך בין געוועזן ביים זיידען, דינישקע, דינאַ ארקאַדיעוונאַ, קאַלמאַנאָוויטש׳עס טאָכטער. מיר האָבען זיך ביידע פאַרליעבט, זעהר פאַרליעבט, און איך טראַכט, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געוועזן, אַז איך זאָל חתונה האָבען.

— און וואָס וועסטו געבען עסען דיין דינישקע, דינאַ ארקאַדיעוו־נאַ? ווי אַזוי וועסטו פאַרדיענען אויף ברויט פאַר איהר?

— פּאַפּאַ, איך האָב וועגען דעם ניט געקלערט, נאָר איך וועל אַלצדינג טהאָן אויסצוהאַלטען מיין ווייב. מיר וועלען ביידע לעקציעס געבען, ביז איך וועל זיך אויסלערנען אַ אינטעליגענטע ארבייט, אַ דענטיסט אָדער אַ שטעלע אין אַ באַנק. ווי אַזוי דאַכט זיך דיר, פּאַפּאַ?

— דאָס איז קינדיש. דו באַדאַרפסט דיך לערנען — האָט דער פאָטער איבערגעהאַקט אין מיטען. — דו ביזט נאָך צו יונג חתונה צו האָבען, און דיין דינישקע, רינא אַרקאַדיעוונא, וועט וואַרטען מיט דער חתונה, ביז דו וועסט איהר צוערשט קענען אַ שטיקעל ברויט געבען — האָט דער פאָטער אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך, פאַרלאָזענדיג דעם טיש און אויפגערעגטער.

יאַש האָט פאַרביסען די ליפּען און איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער.

— יאַשענקא טייערער — האָט איהם די מוטער אַרומגענומען.

— דער פּאַפּא האָט רעכט. דו ביזט דאָך נאָך אַ יונג קינד. אַזוי קען מען דאָך ניט. דו מוזט ענדיגען דאָס גימנאַזיום. אָהן דעם איז דאָך דיין גאַנץ לעבען צובראָכען.

— אָבער ווי אַזוי? זיי האָבען דאָך מיך אַרויסגעוואָרפען.

— מיר האָבען האָפנונגען, גוטע האָפנונגען. באַרוהיג דיך, מיין קינד.

אין די נעקסטע פּאָר טעג האָט יאַש געזעהן, ווי זיין מוטער איז זעהר פאַרנומען. זי איז גאַנצע טעג אַרומגעפאָהרען איבער'ן שטאָדט, וויזיטען געמאַכט, אָפּטמאָל גע'סוד'עט זיך מיט'ן טאַטען אין קאַבינעט. יאַש האָט געוואוסט, אַז דאָס לויפט זי אַרום שאַפען פּראָטעקציע, אַז מען זאָל איהם צוריק אָננעהמען אין גימנאַזיום. ער האָט זיין מוטער באַדויערט, רחמנות געהאַט אויף איהר, און חרטה געהאַט איבער דעם גאַנצען פּעררדוס, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט די עלטערען.

די שולען אין שטאָדט האָבען זיך צוריק אויפגעמאַכט, די שטאָדט איז געוואָרען באַלעבט פון די צוריקגעקומענע קינדער פון די פאַרשיעדענע זומער־וואָהנונגען. די קינדער האָבען אויסגעזעהן געזינטער, שטאַרקער, זיינען אָפּגעברענט געוואָרען פון דער זון און האָבען מיט זייער יוגענד באַלעבט די שטאָדטישע גאַסען, די גערטנער און די שפּאַציר־גענג. אַלע זיינען געווען פאַרנומען מיט פאַרבערייטען זיך פאַר'ן לעהר־סעזאָן. איבעראַל האָט מען געזעהן קינדער אין נייע יוניפאָרמען. אַלע זיינען געווען פאַרנומען מיט ביכער איינקויפען. מיט די שניידערס און שוסטערס. אַלעס האָט זיך פאַרבערייטעט צום קומענדיגען ווינטער. נאָר יאַש איז געזעסען אין דער היים.

ער האט זיך געשעהמט ארויסצוגעהן אין זיין יוניפארם מיט די אפ־געריסענע צייכענס, אלע האבען געוואוסט, אז ער איז פון גימנאזיום אויסגעשלאסען, און ציווילע קליידער האט ער נאך ניט געהאט. די מאמע האט זיך ניט געאיילט איהם לאזען באשטעלען אנדערע קליידער, איז ער געזעסען אין דער היים, געלעזען, געלאנגווייליגט זיך, און גאר ניט געהאט וואס צו טהאן מיט זיך. און טאטע־מאמע האבען איהם ניט געקענט זעהן אהן קרעכצען, אהן פארזארגטע גע־זיכטער.

חברים, וועלכע האבען געענדיגט, זיינען געקומען זיך געזעגענען. טייל האבען געהאט דאס גליק צו ווערען אנגענומען אין אוניווערזי־טעט, זיינען זיי שוין געגאנגען אין די בלויע אוניפארמס פון סטו־דענטען. געקליבען זיך אין די גרויסע שטאדט. אנדערע זיינען געפאהרען אין אויסלאנד. די מאמע האט געזעהן די חברים אין אוניפארם, האט זי זיך צעוויינט אויפ'ן קול.

איינמאל איז די מאמע אהיים געקומען שפעט אין אוונד. זי איז געווען אויסגעפוצט אין איהרע שעהנסטע קליידער, אזוי ווי אין טהעאטער צו געהן. אבער זי איז געווען זעהר אויפגערעגט און דערשראקען. זי איז צוגעפאלען צו יאש'ען, ווי ער איז געלעגען האלב אויפ'ן טיש און געלעזען, און געקושט זיין קאפ, זאגענדיג:

— יאשענקע, וועסט מארגען צום דירעקטאר געהן אין קאנ־צעלאריע, ער וויל דיך זעהן.

נאר אנשטאט זיך צו פרעהען, האט ער באמערקט ווי דער מאמע'ס שטימע האט עפעס געציטערט, און זי האט אויסגעמיעדען זיין בליק.

באלד האט ער דערפיהלט דער מוטער'ס ווארימע טרעהרען פאלען אויף זיין קאפ, און זי האט איהם פלוצים ארומגענומען, קר־שעפדיג איהם מיט א וויינענדע שטימע:

— יאשענקע, דאס איז אלעס פאר דיר. — און זי האט איהם איבערגעלאזט און איז אוועק צו זיך אין שלאף־צימער.

יאש איז געבליבען זיצען א פארשטיינערטער. ער האט ניט גערעדט דעם גאנצען אוונד.

שפעטער אין אוונד האט איהם דער פאטער אריינגערופען צו זיך אין קאבינעט און פארשלאסען די טהיר הינטער זיך.

— דו מוזט ענדיגען דאָס גימנאַזיום. אָהן גימנאַזיום, אָהן אוניווערזיטעט איז אַ איד גאָר ניט אין רוסלאַנד. דו וועסט זיך ניט קענען קעהרען און ווענדען, ניט אין פּעטערבורג, ניט אין מאָסקווא און ניט אין קיין אַנדער שטאָדט אין רוסלאַנד. דיין גאַנץ לעבען וועט זיין צובראָכען. און נאָך דערצו, עס האָט שוין אַזוי פיעל געקאָסט — און ביזט שוין אַזוי נאָהענט צום ענדיגען. דו מוזט ענדיגען.

יאַש האָט געשוויגען.

— איך וויל דיר נאָך אַמאָל דערמאָנען אָן דעם געשפּרעך, וואָס מיר האָבען געהאַט. דו ביזט אַ איד. אַ איד מוז קענען אַלעס איבערטראָגען אין רוסלאַנד, ניט פאַר זיי, נאָר פאַר זיך. דו הערסט, פאַר זיך. פיליכט וועט אַמאָל אַנדערש זיין — יעצט איז ניט אַזוי. מיר מוזען קענען אַלעס איבערטראָגען. דיין פאָטער טראָגט אויך איבער, פיליכט נאָך ערגערעס, און אַנדערע אויך.

יאַש האָט געשוויגען.

— גיב מיר דיין האַנד, אַז דו וועסט אַלעס איבערטראָגען ווי אַ מענש, ווי אַ מאַן. מען דאַרף דאָס טהאָן. עס אי פאַר דיין טובה וועגען.

יאַש האָט דעם פאָטער מעכאַניש געגעבען די האַנד.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט יאַש געענטפערט אין דער שטיל און האָט פאַרלאָזען דעם פאָטער'ס צימער.

צו מאָרגענס אין דער פריה, ווען יאַש איז אריינגעקומען אין קאַנצעלאַריע פון גימנאַזיום, האָט איהם עמפּפאַנגען סילקין, דער דירעקטאָר וועלכער איז געזעסען ביי זיין טיש, אַ פרישער און אַ גלאַנצענדיגער. פון דער ווייטענס האָט זיך דערהערט דער געשמאַק פון פּאַרפום, מיט וועלכען דער דירעקטאָר האָט פּאַרפומירט יעדען פריהמאָרגען זיין בלאָנדען באָרד, וואָס איז געווען געשוירען אַ־לאַ נאַפּאָלעאָן. דער דירעקטאָר איז געווען אונערוואַרטעט ליעבענסווירדיג צו איהם. ער האָט איהם נעאירצט:

— נו, וואָס מאַכט איהר יאַש מאָיסעיעוויטש? — האָט איהם דער דירעקטאָר געפרעגט מיט אַ ליעבען שמייכעל.

— איך דאנק אייך פאר'ן נאכפרעגען, — האט איהם יאש געענטפערט.

— נו, זייט איהר ווידער בערייט אנצוקומען אין אונזער אינסטיטוט?

— מאמעשקע — האט יאש אנגעהויבען צו שטאמלען — האט געזאגט —

— יא, יא, אייער מאמעשקע איז געוועזן ביי מיר בעטען פאר אייך. זעהר אן אנגענעהמע פרוי, זעהר אנגענעהם געוועזן זיך צו באקענען, — האט דער דירעקטאר געזאגט.

יאש'ן האט זיך געדאכט, אז עפעס א גיט־פארשטענדליך שמייכעלע שוועבט אויפ'ן דירעקטאר'ס בלאנדע וואנסעלעך, פון וועלכען עס האט יאש'ן געגעבען א שטאך אין הארצען. און דער אינגעל איז בלייך געווארען.

— איך בין געקומען אייך בעטען מוחל צו זיין פאר דער באליידיגונג, — האט יאש געשטאמעלט בלייך ווערענדיג.

— א, דאס מיינט איהר. יא, יא, איהר האט מיך באליידיגט פאר די לעהרער און פאר די שילער. נאר איך האב באשלאסען צו געבען אייך נאך אמאל א געלעגענהייט, א דאנק אייער מאמעשקע. מאדאם רובינשטיין איז זעהר אן אנגענעהמע פרוי, זעהר אנגענעהם געוועזן זיך צו באקענען — האט ווידער דער דירעקטאר געזאגט — און דאס שמייכעלע האט ווידער געשפיעלט אויפ'ן דירעקטאר'ס וואנסעלעך.

— איך דאנק אייך, — האט יאש געזאגט מעכאניש.

— און יעצט וועט איהר זיין אזוי פריינדליך און אריינגעהן אין „עקזעקוטיוו קאבינעט", דארטווארט מען אויף אייך.

דער אינגעל איז געבליבען א פארשטיינערטער, ער האט געוואוסט, וואס דאס מיינט. נאר אינוועניג טיעף אין הארץ איז געקומען א באפרייאונג פון א שרעקליך געפיהל, וועלכעס עס האט זיך אנגעהויבען אריינ'גנב'ענען אין זיין הארץ, זינט ער האט באמערקט דאס שמייכעלע אויפ'ן דירעקטאר'ס וואנסעס. ער איז געווען ווי דאנקבאר דעם דירעקטאר פאר די גרויסע הילף, וואס ער האט איהם געגעבען מיט דעם לעצטען ווארט.

אז יאַש האָט גענומען אַרויסגעהן פון קאַנצעלאַריע, האָט איהם דער דירעקטאָר נאָכגערופען:

— אויף ווידערזעהן, יאַש מאַיסעיעוויטש. איהר קומט מיך זעהן דערנאָך. דורכאוים, דורכאוים, — האָט דער דירעקטאָר אויפגעהויבען זיך, באַגלייטענדיג איהם.

אז יאַש איז אַריינגעקומען אין „עקזעקוטיוו קאַבינעט", האָט ער געזעהן די צוויי גימנאַזיום־סטראַזשניקעס שטעהן ביי דער טהיר, אין מיטען שטוב איז געשטאַנען אַ הילצערנע באַנק, אויף איהר אַ שיסעל מיט אַ פליסיגקייט, און וועלכער צוויי ריטער האָבען זיך געוויקט.

פון יענעם טיעפען פיינדליכען געפיהל, וואָס האָט זיך געהאַט אַריינגע׳גנב׳עט אין זיין הארץ, איז ער שוין געווען אין גאַנצען באַפרייט. איבערגעבליבען איז נאָר אַ שרעק ניט פאַר די וועהטאָג, נאָר פאַר די פאַרשעהמטהייט, וואָס שטעהט איהם איצט פאָר.

—אויסטהאָן זיך!—האָט איינער פון די סטראַזשניקעס באַפוילען.

— אויסטהאָן ? — האָט יאַש געפרעגט מיט אַ בלייכען שמייכעל, ניט פאַרשטעהענדיג.

— אזוי האָבען זיי געהייסען.

---

נאָך דעם שמייסען איז יאַש, אזוי ווי מען האָט איהם געזאָגט, אַ בלייכער נאָר אַ רוהיגער אַריינגעקומען צוריק צום דירעקטאָר אין קאַנצעלאַריע. דער דירעקטאָר האָט איהם ווידער אויפגענומען פריינדליך און דזשענטעלמעניש:

— אָה, איהר זייט געקומען.

— איהר האָט געהייסען, — האָט יאַש איהם אָפגעענטפערט, שוין יעצט קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען אַריין. און קיין שפור פון וועהטאָג, שעהמעוודיגקייט אָדער פּראָטעסט איז ניט געווען צו דערקענען אין דעם איינגעל׳ס פּנים, נאָר בלייך און ערנסט איז זיין פּנים געווען.

— יאָ, האָט זיך ווידער דער דירעקטאָר דערמאָנט — איך האָב באַשטימט אייך צו געבען נאָך אַמאָל אַ געלעגענהייט, כאָטש

איהר האָט מיך באַליידיגט פאַר די לעהרער און פאַר די שילער. איך וועל דאָס טהאָן פאַר אייער מוטער, מאַדאַם רובינשטיין, מיט וועל־כער עס איז געווען זעהר אַנגענעהם זיך צו באַקענען. איהר וועט זיך צוריקזעצען אויף אייער אָרט, אין די זעלבע קלאַס, וואָס איהר זיינט געווען דאָס לעצטע יאָהר.

— איך דאַנק אייך זעהר, מיכאַאיל איוואַנאָוויטש, — האָט יאַש געזאָגט, וויערער קוקענדיג איהם אין די אויגען אַן ערנסטער און אַ רוהיגער.

— איהר קענט געהן.

יאַש איז אַרויסגעגאַנגען מיט ענערגישע שטאַרקע טריט.

— פאַרשאָלטיינער איד, — האָט דער דירעקטאָר געקריצט מיט די צייהן, ווען יאַש איז אַרויסגעגאַנגען, זייענדיג עפּעס ניט צופריע־דען, אליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס.

יאַש איז אַריינגעגאַנגען אין קלאַס, ווי מען האָט איהם געזאָגט, און אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין אָרט. די שילער האָבען געקוקט אויף איהם מיט ערנסטע און דערשראָקענע פּנים׳ער. אַלע האָבען געוואוסט, אַז יאַש קומט צוריק פון שמייסען. נאָר זיי האָבען גאָר ניט געקענט באמערקען אויף יאַש׳ס פּנים.

דער אינגעל איז אויסגעזעסען די לעקציע. אונטער די האַרטע באַנק האָט זיין הויט געברענט פון געשווילעכטס און צורייצטקייט, אָבער עס איז ניט געווען צו באמערקען ניט אויף זיין געזיכט און ניט אין זיינע באַוועגונגען.

אַז ער איז אַהיים געקומען, האָט ער אַלעמען אויסגעמיעדען, אַריין צו זיך אין צימער. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטהאָן, איז געווען אַ בריעף, וואָס ער האָט געשריבען צו דינישקע׳ן.

— איך בעט אייך אָפּצושניידען מיט מיר יעדע באַציהונג. איהר זאָלט מיר ניט שרייבען. איך וועל אייך ניט ענטפערען. איך בין אַ מענש, פון וועלכען מען האָט צוגענומען די עהרע, — האָט ער פאַר־ענדיגט זיין בריעף.

.5

צוויי טעג איז יאַש געלעגן אין זיין צימער און ניט אַריינגעלאָזט די עלטערען צו זיך. ניט ער איז בייז געווען אויף זיי, ניט ער האָט זיך געשעהמט פאַר זיי, נאָר מורא געהאַט צו קוקען זיי אין די אויגען, אַז זיי זאָלען זיך ניט שעהמען. דאָס קען קיין קינד ניט אַריבער טראָגען. אין דער ערשטער מינוט האָט ער געקלערט וועגען נקמה נעהמען. זיין גאַנצער געדאַנק איז געווען אָנגעווענדעט אויף דעם פונקט, צורעכט מאַכענדיג זיך אַ פּלאַן, ווי אַזוי אויסצופיהרען זיין נקמה אויפ׳ן דירעקטאָר, געקלערט וועגען שיסען איהם — דאָס איינ־פּאַכסטע, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען, איז איינשאַפען אַ רעוואָלווער און שיסען איהם. די פּלאַנען דערפון פאַר איהם האָט ער אין דעם ער־שטען אויגענבליק ניט געזעהן, ניט געוואָלט זעהן — דער עיקר דער נקמה־אַקט זאָל זיך איינגעבען. נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצורוקען ווי פון אַ באַהאַלטענעם ווינקעל דער אייגענער איך — דער דירעקטאָר איז געוואָרען צוריקגערוקט אָן אַ זייט, און ער האָט שוין אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אַזאַ נקמה־אַקט פאַר זיך. טויט, פאַרניכטונג, אַ צובלוטיגטען קערפּער, זיין האַלז אין אַ שנור, ראַטען איבער׳ן לייב אין אַ פינסטערען קערקער. און צי דערפאַר, ווייל יאַש איז גאָר קיין העלד פון דער נאַטור ניט געווען, אָדער דערפאַר וואָס דער חשק צו לעבען איז אַזוי שטאַרק געווען, נאָר ביסלעכווייז האָט זיך דער נקמה־געפיהל פאַררוקט, איז פאַרטונקעלט געוואָרען און זיין אייגענער איך איז אַרויסגעטראָטען און האָט זיך געשטעלט אין צענ־טער פון זיין געדאַנק.

צו די עלטערען האָט ער פאַרלאָרען דעם בלינדען קינדישען גלוי־בען. ער האָט זיך געזעהן אוועקגעשטעלט אליין, איינער אליין פאַר זיך. ער האָט קיינעם ניט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזען, און ער מוז זאָרגען פון יעצט אָן אליין פאַר זיך.

די ערשטע באַגעגעניש מיט די עלטערען איז געווען אַ פיינדליכע. דער מוטער האָט ער ניט געקענט קוקען אין די אויגען, און זי איהם אויך ניט. די מאַמע האָט געוויינט, שטיל און האַרציג געוויינט. ער האָט זי געלאָזט אויסוויינען. קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. זי אויך ניט. נאָר די מוטער האָט שוין געמוזט דערפיהלען, אַז יאַש האָט

פארלאָרען יענע קינדישע וואכענדע צערטליכקייט, וואָס ער האָט געהאַט צו זיין מוטער, איבערהויפּט ווען ער האָט זי געזעהן ליידען. עס איז פארשוואונדען פון זיינע אויגען יענע אונמיטעלבארע אָפּפער־ווילינגקייט, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון זיין בליק, ווען ער האָט נעקוקט אויף דער מוטער. ער האָט שוין ניט געכאַפּט איהר האַנד צו זיינע הייסע ליפּען און באַדעקט זי מיט קושען און געבעטען זיך מיט טרעהרען אין דער שטימע: „מאַמע, הער אויף, הער אויף!“ ווי ער פלעגט עס טהאָן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזעהן די מוטער וויינען אָדער צער האָבען.

יאַש איז געשטאַנען קאַלט, מיטליידענד, אָבער פארשטיינערט. און געשוויגען.

די מוטער האָט עס דערפיהלט, און אַ גרויסער וועהטאָג האָט איהר האַרץ געשטאָכען פאַר דעם פארלוסט. איהרע טרעהרען האָבען זיך נעגאָסען אויף איהרע באַקען, און אויף זיין קאָפּ, און זי האָט נעקייעט די ווערטער:

— עס איז מיין שולד, קינד, אַלעס מיין שולד.

יאַש האָט נאָר קאַלט אָפּגעענטפערט:

— ניט וואהר, מאַמע, — און צוגעצויגען איהר האַנד צו זיינע ליפּען. נאָר זיינע ליפּען זיינען געווען קאַלט און פארשטיינערט.

דאַן איז דער פאָטער געקומען. דער פאָטער איז געווען מעהר דרייסט און פראַקטישער:

— דאָס ערגסטע אריבערגעקומען, — האָט ער געזאָגט, ארויפּ־לעגענדיג די האַנד אויף זיין אַקסעל — יעצט דאַרפסטו זעהן צו ציהען דערפון די בעסטע רעזולטאַטען פאַר דיר.

יאַש האָט געשוויגען.

— מיינסט דאָך ניט צו פארליערען דיין לעבענס־קאַריער?

יאַש האָט געשוויגען.

— יעצט, נאָכדעם ווען אַלעס איז פאָראיבער, און דו האָסט אַ געלעגענהייט ווידער —

— פּאַפּאַ, איך וועל מעהר אין נימנאַזיום ניט געהן. מיין לעהר־קאַריערע האָט זיך געענדיגט, — האָט פּלוצים יאַש זיך אָפּגערופען מיט אַ באַשטימטען טאָן, קוקענדיג דעם פאָטער גלייך אין די אויגען

אריין, צו וואָס די עלטערן זיינען ביז איצט גאָר ניט געוועהנט געווען.

— אָבער ווי הייסט, יעצט...

— טייערער, איך בעט דיך, הער אויף יעצט, הער אויף, אַן אַנדערש מאָל — האָט די מוטער געבעטען דעם פאָטער.

נאָר יאָש איז ניט געגאַנגען אין גימנאַזיום ניט מאָרגען און ניט אַן אַנדערש מאָל. יאָש איז אוועק צום פאָטער'ס שניידער און באַשטעלט אַ ציווילנעם קאָסטיום. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז יאָש שוין געווען אָנגעטהאָן און אויסגעזעהן ווי אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַריינגעטרעטען אין לעבען אריין. פאַר אַזעלכען האָט ער זיך אַליין און אַנדערע איהם באַטראַכט.

---

מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם פאַקט, וואָס יאָש איז שוין אַן ערוואַקסענער יונגערמאַן, און מען האָט איהם געמוזט פאַר אַזעלכען באַהאַנדלען. דער פאָטער האָט איהם פאַר מענשען מיטגענומען אין קאַנטאָר אריין, באַשעפטיגט איהם ביי עפּעס און באַשטימט איהם אַ געוויסע סומע געלד געהאַלט. יאָש האָט זיך באַקענט מיט נייע חברים, יונגע לייט פון געשעפטען, טאַטענ'ס קינדער, וועלכע גיבען אויס געלד און לעבען אַ גוטען טאָג. ער האָט זיך מיט גאָר ניט אינטערעסירט, אַלעס איז איהם געווען גלייך — און געזוכט ווי ער קען לעבען אַ גוטען טאָג. דאָס לערנען האָט ער אַוועקגעלעגט און אָנגעהויבען לעזען ביכער, וועלכע גיבען פאַרגניגען: אַרציבאַשעוו און ווערביצקאַיאַ. געווען אַן אָפטער באַזוכער אין שטאָדטישען טהעאַטער, וואו זיינער אַ חבר האָט איהם פאַרשפּראָכען צו באַקענען איהם מיט אַן אַקטריסע, און ער האַלט ביז יעצט ניט קיין וואָרט.

יאָש האָט געטהאָן אַלצדינג, געלעבט אַזוי ווי הונדערטער פון זיין גלייכען, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען.

נאָר ביי דיעזען לעבען האָט יאָש געפיהלט אַ פּוסטקייט. ער האָט צייטענווייז געבענקט נאָך עפּעס אַנדערש. אָפטמאָל איז איהם געקומען אויפ'ן זין דינישקע, און דאָס קליינע שטערטעל ביים טייך, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט איהר, און ער האָט געבענקט נאָך יענע טעג. ביינאַכט האָט ער געזעהן שלעכטע חלומות, און עס האָט איהם עפּעס געפּייניגט געוויסענסביסע פאַר אונבאַגאַנגענע זינד. ער האָט אָפט געוויינט ביינאַכט פון שלאָף, געפּייניגט פון עמיצען. און די

מאַמע פֿלעגט אַפּט, דערהערענדיק זיין געוויין אין מיטען נאַכט, בלאָנדזשען אין די טונקעלע צימערען און קומען איהם אויפוועקען.
— וואָס איז דיר, אינגעל?
— מאַמע, — האָט יאַש בייז אָפּגעענטפערט, פאַר וואָס דער מוטער באַהאַנדעלט איהם אַלץ פאַר אַ אינגעל — מיר איז גאָר נים.
— דו האָסט אַזוי שרעקליך געוויינט.
— עס האָט זיך דיר נאָר אויסגעדוכט אַזוי. ווער האָט געוויינט?
די מוטער איז האָן ווערטער אריין צו זיך אין שלאָף־צימער.
דענסטמאָל האָט זיך יאַש באַקענט מיט אַ נייע און אַן אונהיימליך געפיהל.

פריינד, וועלכע האָבען איהם איינגערעדט, אַז ער איז שוין נים קיין גימנאַזיסט, נאָר אַ מאַן, האָבען איהם מיטגענומען אין אָוועגד אין דעם איינציגען קאַפע־שאַנטאַן, וואָס איז געווען אין שטעדטעל. דאָרט האָבען פארקעהרט די יונגע לייט פון שטאָדט, וועלכע האָבען געהאַט אַ נאָמען פאַר לעבע־יונגען, אָפיצירען און טשינאָווניקעס. יאַש האָט מיט נייגיעריגע קינדישע אויגען זיך צוגעקוקט צו אַלצדינג, וואָס געהט פאָר. מיט אַ רויט פון בלוט פאַרלאָפען פנים האָט ער זיך צוגעקוקט צו אַ יעטווידען מיידעל, וועלכע איז ארויף אויף דער ביהנע אָפּזינגען איהר קאָקעטיש אויסגעלאַסען ליעד. און איינמאָל האָבען חברים איהם אָפּגעטהאָן אַ שפּיצעל, צוגערופען אַ מיידעל צו זייער טישעל און איהר אַוועקגעזעצט דוקא נעבען יאַש׳ען. יאַש האָט זיך געררויטעלט ווי אַ קינד, און ווען דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעריהרט מיט דער האַנד, איז ער געוואָרען נערוועז און אויפגערעגט. ער האָט עס ניט געקענט באַהאַלטען, צום געלעכטער פון זיינע פריינד.

יאַש האָט אין קאַפע־שאַנטאַן אויפגעפיהרט זיך ווי אַ אינגעל און זיינע חברים, וועלכע זיינען געווען די זעלבע אינגלעך וואָס ער, האָבען זיך דערפון געפונען באַליידיגט, באַצאָהלט און אַהיים געגאַנגען, כדי דערנאָך אַליין צוריקצוקומען אָהן יאַש׳ן.

יאַש האָט אָבער די נאַכט נים געקענט שלאָפען. עס האָבען איהם געפייניגט בילדער פון די רויטע קורצע קליידלעך און ווייבערשע נאַקעטע הענד און רוקענס. צומישט האָט ער געפּרואווט צו פאַרטרייבען די גראָבע באַליידיגענדע געפיהלען מיט איידעלע אילך־

זיעס. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די אויסגעשטערענטע נאַכט, צווישען וואסער־ליליען, אויפ'ן טייך מיט דינישקע'ן. נאָר דאָס אַלעס איז געווען אזוי לאנג, אז עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז עס איז פאָרגע־קומען אין אַן אנדער לעבען, אויף אַן אנדער וועלט. ער האָט געדענקט אָן זיין מוטער. ער האָט געהאַלטען די מוטער פאַר די שעהנסטע און איידעלסטע פרוי אין דער וועלט. דער געדאַנק אָן איהר פלעגט איהם שטענדיג אריינברענגען אין אַ איידעלקייט, און פלעגט איהם אָפט אָפּהאַלטען פון טהאָן שלעכטס אָדער אונגערעכטיגקייטען. דער מאמע'ס פנים פלעגט איהם ברענגען אויף איידעלע געדאנקען און אויף גוטסקייט. יעצט האָט דער געדאַנק וועגען דער מאמען ארויס־גערופען עפּעס טרויעריגע און אונאנגענעהמע ערינערונגען, וועגען וועלכע מען וויל פארגעסען. וועגען די רויטע קורצע קליידלעך און די קורץ־געשאָרענע האָר אויף די נאַקעטע העלזער און רוקענס און נאַקעטע הענד איז געווען אנגענעהם צו קלערען. און ער האָט זיך איבערגעגעבען צו דעם געדאַנק מיט דער גאַנצער קינדישער פאַנ־טאַזיע — און יאַש האָט פארבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, און אויפ־געשטאַנען אין דער פריה אַ פאַרשעהמטער און מיט אַ חרטה־געפיהל.

אין אַ פּאָר טעג האָט ער זיך ווידער געפונען אין האָפּע שאַנ־טאַן. דעם מאָל איז ער געקומען אַליין, אָהן די חברים. מען האָט איהם אוועקגעזעצט ביי אַ טיש אין אַ ווינקעל, און די קעלנערס און די בעלי־בתים האָבען געקוקט אויף איהם מיט אויפגעצויגענע אקסלען און געשמייכעלט. יאַש האָט זיך געפיהלט אונהיימיש, מורא געהאַט פאַר'ן קעלנער, און כדי ער זאָל זיך ביי איהם איינקויפען, האָט ער איהם געאירצט און אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש אַ רובעל, שעמענדיג זיך צו געבען עס איהם אין האַנד. דער קעלנער האָט אָבער פאַרשטאַ־נען, האָט צוגענומען דעם רובעל און געפרעגט וואָס דער יונגער „גאָס־פּאָדין" וויל, און ניט וואַרטענדיג אויף אַ באַשטעלונג, האָט ער איהם אַליין געבראַכט אַ האַלבע פלאַש וויין.

אויף בענק ביי די נאָך ניט פארנומענע טישלעך זיינען געזעסען די קאַבאַרעט־מיידלעך און געקוקט אויף די געסט, אַז זיי זאָלען זיי איינלאַדען צום עסען. יאַש האָט דאָרט אָהין געקוקט מיט אַן אויג, שעהמענדיג זיך אַליין און רויט ווערענדיג. צווישען די מיידלעך האָט

ער באמערקט א ניעדעריג דין מיידעל, וואס איז געגאנגען אנגעטהאן מעהר אנשטענדיג ווי די אנדערע, אין א מיידליש גימנאזיסטיש ברוין קליידעל, פארמאכט דעם האלז מיט א געהאפטען קעלנערעל, אין א שווארץ פארטוכעל און מיט צוויי שווארצע לאנגע צעפ. איהר אנ־שטענדיג אויסזעהן און צוריקגעהאלטענקייט איז יאש׳ן מעהר געפע־לען, ווי די אנדערע מיידלעך, און ער האט זי געוואלט איינלאדען צו זיין טישעל, נאר ער האט ניט געוואוסט ווי אזוי דאס צו טהאן. דאס מיידעל, זעהט אויס, האט פארשטאנען, איז אליין צוגעקומען צום טי־שעל, געפרעגט איהם, אויב ער האט זי גערופען. יאש האט פאר־שעהמט זיך אויפגעכאפט פון זיין זיץ און געענטפערט, אז ער „האט ניט געוואגט", נאר ווען זי וויל איהם „אנטהאן דעם כבוד און זעצען זיך", האט ער געזאגט אלץ שטעהענדיג און פארשעהמט. דאס מיידעל, וועמעס אנציהענדע קראפט איז באשטאנען אין איהר „אנשטענדיג־קייט", האט זיך אויך פארשעהמט פאר דעם כבוד וואס יאש גיט איהר און מיט א דאנק האט זי זיך אוועקגעזעצט נעבען טישעל. א לאנגע צייט זיינען זיי ביידע געזעסען, און יאש האט ניט געוואוסט וואס צו רעדען. ער האט פארגעסען צו פרעגען זי, אויב זי וועט טרינקען. ער אליין האט אויך פארגעסען צו טרינקען, נאר געזעסען דערשראקען און פארשעהמט. מיט׳ן טרינקען און עסען האט געהאלפען דער קעלנער, וועלכער האט באלד דערלאנגט די שפייז־קארט און צוגע־שטעלט א גלאז פאר דעם מיידעל. דאס מיידעל האט זיך אפגעזאגט פון עסען, און געקוקט אויף יאש׳ן מיט א רחמנות־בעטענדען בליק, וואס האט ארויסגעקוקט פון אונטער איהרע האלב־פארמאכטע אויגען. יאש, ווי ווייט ער האט געקענט, האט איהר צוגערעדט צום עסען. דאס מיידעל האט געהאלטען אין איין אפזאגען, פארענטפערענדיג זיך, אז זי איז ניט הונגעריג, און באשטעלט אזא אווענד־ברויט, אז יאש האט געהאלטען אין איין טאפען די צעהן רובעל, וואס ער האט גענאמען מיט זיך, אז זיי זאלען איהם פלוצלינג ניט אנטרינען פון זיינע הענד. נאכ׳ן באשטעלען דעם אווענד־ברויט איז יאש געוווא־רען א ביסעל דרייסטער און געפרעגט זי, אויב זי געהט אין גימנאזיום, וואס זי טראגט גימנאזיסטישע קליידער. דאס מיידעל האט זיך א ביסעל פארשעהמט און געענטפערט, אז זי איז געגאנגען, נאר איבער א געוויסע אורזאכע האט זי געמוזט פארלאזען דאס גימנאזיום, און

דערביי געקרעכצט און פארגלאָצט די אויגען. יאש איז שטיל געוואָרען און געפיהלט זיך נאָהענט צום מיידעל, און געטראַכט זיך, אַז זי איז זיין שוועסטער. אַן אינערליכע צניעות האָט איהם צוריקגעהאַלטען צו דערצעהלען וועגען זיך. כאָטש ער האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף איהר דערצעהלען, ווייל ער האָט זיך דערפיהלט ווי פערבונדען מיט איהר דורך איין שיקזאַל. דאָס מיידעל איז באַלד געוואָרען רעדעוודיג. זי האָט איהם דערצעהלט, אַז צום ערשטען מאָל געפינט זי זיך דאָ. אָדער „כמעט" צום ערשטען מאָל. און ווייס ניט ווי זיך צו פיהרען, און טרייבען טרייבט זי צו דעם וואָס זי וויל זיך לערנען מוזיק. זי האָט שרעקליך ליעב מוזיק, און שטאַרבט אַוועק פאַר שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ. נאָר זי האָט ניט קיין געלד זיך צו לערנען. איהר פאָטער איז געשטאָרבען, און איהר מוטער איז אַלט, און כאָטש זי האָט אַ רייכע שוועסטער אין מאָסקוואַ, וויל זי ניט הערען און געדענקען פון איהר, צוליעב אַ מעשה וואָס זי קען נאָך ניט דערצעהלען. יאש האָט אַזוי טיעף און ערנסט געגלויבט אין אַלסדינג וואָס דאָס מיידעל האָט דערצעהלט, אַז ער האָט געקלערט ווי אַזוי איהר צו העלפען, און געמאַכט פּלענער ביי זיך, אויב ער וועט איהר ניט קענען העלפען מיט זיין געהאַלט וואָס ער קריגט פון פאָטער, ווען דאָס מיידעל זאָגט דענסמאָל אַז זי וויל ניט אַנדערש נאָר חתונה האָבען מיט איהם, געהט ער און האָט חתונה מיט איהר. ער איז געוועזען גערירט פון איהר דערצעהלען. ער האָט מיט אַמאָל פאַרלוירען יעדען חשק פון גראָבען געננוס. אַ הויכער און איידעלער געפיהל האָט געקעמפפט געגען יענעם גראָבען געפיהל און איז איהם לייכט בייגעקומען. ער האָט זיך אונטערגענומען איהר צו העלפען פון דער נעץ, און געוואָלט רעדען מיט איהר וועגען דעם, נאָר ניט געוואוסט ווי אָנצוהויבען. ער איז געוואָרען צו איהר מעהר דרייסטער און גערעדט מיט איהר איינפאַך און לייכט, וועגען זיך, וועגען זיין מוטער, זיינע שוועסטער, ווי מען רעדט מיט אַ בעקאַנטע מיידעל זיין גלייכען. ער האָט זיך באַלד אין גאַנצען פאַרגעסען וואו ער געפינט זיך, און ווער זי איז. ער האָט איהר געהאַלטען פאַר זיין גלייכען. אַז דער קעלנער האָט דערלאַנגט דאָס עסען, האָט ער זי בעדיענט און געבעטען זי צו עסען, וואָס דאָס מיידעל האָט פון זיך אַליין געטהאָן. נאָכ'ן עסען און טרינקען איז דאָס מיידעל געוואָרען נאָך מעהר דרייסטער צו

איהם. זי האָט איהם געפרעגט, אויב ער וויל זי ניט אַהיים באַגלייטען, וועלכעס יאַש האָט אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדליך.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע און אַן אַנגענעהמע אָנהויב ווינטער, אין די קליינע רוסישע שטאָדט. דער ערשטער שנעע האָט באַשיט די גאַסען מיט אַ לייכטען פּוכאָווען צודעק, וועלכער איז צו־רונען געוואָרען אונטער די פיס און רעדער. אויף דער דראָשקע, אין וועלכער יאַש האָט אָפּגעפיהרט דאָס מיידעל, האָט דאָס מיידעל איהם ארומגענומען, געלעגט איהר האַנד אין זיינער, און באַמיהט זיך אָנצוריהרען אָן איהם. יאַש האָט אָבער שוין געהאַט אין גאַנצען פאַר־געסען ווער דאָס מיידעל איז, קיין אויסערגעוועהנליכעס האָט ער ניט געזעהן אין איהר באַריהרונג, עס האָט קיין באַזונדער געפיהל ניט ערוועקט אין איהם. ער איז געווען פאַרנומען מיט פּלענער ווי אַזוי צו העלפען איהר, אַז זי זאָל זיך לערנען פיערדעל־שפּיעלען און זי זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו איהר שענדליכער פּראָפעסיע. נאָר ביים אריינקומען איז הויז פון איהר וואָהנונג, ווען יאַש האָט זיך מיט איהר זעהר העפליך געזעגענט, און האָט פאַרשפּראָכען צו קומען און זעהן זי, האָט זיך דאָס מיידעל פּלוצים איינגענורעט אין איהם ווי אַ קליין קעצעל, און ארומנעהמענדיג איהם האָט זי געזאָגט מיט אַ קאַפּריזנע קינדישע שטימע:

— איך וויל ניט אַליין ארויפגעהן אין מיין צימער, עס איז אַזוי טרויעריג אַליין, קומט מיט ארויף.

יאַש איז ווי אויפגעוועקט געוואָרען פון אַ שלאָף, איז פּלוצים שטיל געוואָרען און געדרעהט זיך אויף זיין אָפּסאַץ.

— האָט ניט קיין מורא, איך וועל פון אייך קיין שטיקעל ניט אָפּבייסען, איך וויל אייך נאָר צייגען מיין קליינטשיק, קליינטשיק פידעלע, — האָט זי זיך אָנגעבויגען זעהר נאָהענט צו יאַש׳ן און איינ־געריימט איהם אין אויער די ווערטער, און אַ וואַרימער הויך פון איהר מויל, אָן אויסגעהענדער געשמאַק פון נעגעליך פּאַרפום, אינ־איינעם מיט אַ זיסליך־זויערען געשמאַק פון קערפּער־שווייס האָט גע־געבען אַ הויך אויף דעם אינגעל און האָט געגעבען צוריק אַ צינד אָן די לאַנג אויסגעלאָשענע געפיהלען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט אין דעם הויז וואו ער האָט זיך באַקענט מיט דעם מיידעל.

יאַש איז נאָך אַ מינוט געשטאַנען אונבעהאָלפען און פאַר־

שעהמט, און ווען דאָס מיידעל האָט איהם געגעבען אַ נעהם אָן ביים ארבעל, און אַ וואונק פון איהרע שווארצע קאַרשען־אויגען האָט געלויכטען אין די בלוּיליכקייט פון דער נאַכט, און זי האָט מיט אַ הייזעריג־פארשטיקטע, ווארימע, צווײדייטיגע שטימע געזאָגט: קומט! — איז ער ווי אָנגעצונדען אין אַ שכרות נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיידעל אין פינסטערען הויז אריין.

.6

**„איהר געדענקט, דינישקע, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, שר־** פענדיג זיך מיט מיר אין דעם טייך צווישען די ליליען? — איהר געדענקט אייערע ווערטער? איך געדענק זיי, און זיי יאָגען מיר נאָך, ווי פייערדיגע ריטער אין אַ טונקעלע נאַכט. מיר רוסען קענען נאָך שטאַרבען שעהן, אָבער האָבען ניט קיין כח צו לעבען. מיר קענען נאָר שטאַרבען — האָט איהר געזאָגט — שטאַרבען פאַר אַן אידעאַל, פאַר אַ שעהנערע און אַן איידעלערע וועלט, אָבער לעבען פאַר דער וועלט האָבען מיר קיין כח ניט. איהר ווייסט ניט, דינישקע, וויפיעל אמת עס איז דאָ אין די ווערטער. איהר האָט פון מיר געלאַכט, ווען איך האָב אייך נאאיוו געזאָגט, אַז איך וויל ניט שטאַרבען, אַז איך האָב מורא פאַר דעם טויט, אַז איך בין נייגעריג צו וויסען וואָס מאָרגען וועט זיין. איהר האָט געלאַכט און געזאָגט: „ווי נאאיוו איהר זיינט, יאַש!“ איהר האָט אָנגענומען מיין האַנד, און געקוקט מיר אין די אויגען אריין און געשמייכעלט, ווי אַן אייגענע, ווי אַ טייערע אייגענע, און האָט געזאָגט די ווערטער, וועלכע שטעהען יעצט פאַר מיינע אויגען אין די שעה פון מיין טויט. מיט פייער־דיגע אותיות שוועבען זיי פאַר מיינע אויגען:

„מיר רוסען, קענען נאָר שטאַרבען שעהן, אָבער האָבען ניט קיין כח צו לעבען.“ דינישקע, איך האָב ניט קיין כח צו לעבען. איך בין נאָך אַזוי נייגעריג, ווי איך בין געווען דענסמאָל, ווען כ'האָב זיך מיט אייך איבער'ן טייך געשיפט, און נאָך מעהר נייגעריג, ווייל איך האָב אייך געזעהן. איך פיהל נאָך דעם ציטער פון אייער האַנד

אויף מיין האנד און דאָס מאַכט מיך זויבער, דאָס רייניגט מיך פון אַלע מיינע שמוץ און שאַנד...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ נייער בלוט רויטער פלעק האָט ארויסגעשלאָגען אויף זיינע יונגע באַקען, ווי ער וואָלט פאַרשעהמט געוואָרען פאַר די ווערטער. ער האָט זיך ארומגעקוקט, אויב קיינער הערט ניט זיינע געדאַנקען. די שטיבעל איז שטיל געווען, פאַרהוילען אין שאָטען. נאָר דער טיש, אויף וועלכען עס זיינען נאָך געווען אָנגעוואָרפען זיינע לעהר־ביכער, זיין שרייב־געצייג, איז געווען באַלויכטען. עס איז געווען אין די שווערע נאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז קיינער וועט ניט לעזען וואָס ער שרייבט, אַז ער וועט עס פאַרניכטען — און ער האָט געפונען מעהר מוטה אַלצדינג ארויסצושרייבען.

„איך בין שמוציג, דינישקע, איך האָב פיינט מיין לייב, וואָס האָט זיך אָנגעריהרט אָן אַ פרעמדען שמוציגען קערפּער. איך בין באַליידיגט, געשמיסען און פאַרשעהמט. און דאָך ווייס איך, ווען איך וואָלט צו אייך יעצט געקומען, דינישקע, אין אייער צימעריל אריין און וואָלט אייך געזאָגט, דינישקע, איך בין קראַנק מיט אַ געפעהרליכע אַנשטעקענדע קראַנקהייט, איך בין שמוציג, איך ביז פאַרשעהמט, איך בין אַ געשמיסענער און אַ פאַרשעהמטער, וואָלט איהר מיך אויפגעהויבען פון דער ערד, פון פאַר אייערע קניע. איהר וואָלט מיט אייערע קאַלטע פינגער אָנגעריהרט מיין שטערען. איהר וואָלט מיך געקושט אויף מיינע ליפּען, אפילו ווען מיינע ליפּען וואָלטען געווען אויסגעזעצט מיט קרעץ און וואונדען. איהר וואָלט אייער פריינד, אייער חתן, אייער מאַן פאַרלאָזט, איהר וואָלט צו מיר געקומען דערפאַר, ווייל איך בין קראַנק און באַליידיגט. איך קען דאָך אייך. איהר זיינט דאָך אונזערע שוועסטער, די אידיש־רוסישע שוועסטער, נישט איינע אליין, נאָר אַ מין. אַ, ווי גוט איז דאָס צו וויסען, אַז עס איז דאָ אידיש־רוסישע שוועסטער, וויפיעל האָפנונג און כח דאָס גיט, וויפיעל לוסט צו לעבען און צו קעמפּפען, וויפיעל מוטה, דינישקע, וויפיעל מוטה איהר גיט — און דאָך מוז איך שטאַרבען. ניין, נישט איך מוז, נאָר איך וויל, דינישקע, איך האָב ניט קיין כח צו לעבען.

„דינישקע, איך ווייס, איך וואָלט אפשר געקענט מיט מיין טויט אַ נוצען ברייננגען. אפשר איז אַ זינד ארויסצוזוואַרפען אַזוי גלאַט

דאָס לעבען אָהן יעדע נוצען. איך וואָלט אפשר געקענט באפרייען רוסלאַנד פון איינעם פון די טויזענדע קליינע טיראַנען, וואָס דריקען זי. איך ווייס, אז מען דאַרף דאָס. נאָר איך וויל נישט, דינישקע. ניט דערפאַר, ווייל איך האָב קיין מוטה נישט. איך האָב מוטה יעצט אויף אַלצדינג, אפילו די וועלט אונטערצוצינדען. וואָס געהט זי מיך אָן,·ווען איך בין ניטאָ מעהר? — נאָר דערפאַר וואָס מיר האָבען קיין אַנדער קראַפט ניט ווי נאָר צו שטאַרבען, אָט דערפאַר וויל איך מיט מיין טויט קיינעם קיין נוצען ניט ברייינגען. איך וויל ניט ווי די טויזענדער, וואָס האָבען נאָר כח צו שטאַרבען. דינישקע, איך וויל מיין טויט פאַר מיר אליין. קיינער זאָל דערפון גאָר נישט האָבען. איך וויל עס צוברעכען ווי אַ שפּיעלכעל, אז גאָר נישט זאָל מיך פאַרבינדען מיט דער וועלט און מיט דעם לעבען. איך וויל אַוועקגעהן פון דער וועלט אין גאַנצען, גאָר ניט איבערלאָזענדיג נאָך מיר, זיך ניט פאַרבינדען מיט קיינע פאַקטען, איך וויל אין גאַנצען שטאַרבען, דינישקע, אין גאַנצען איבערגעהן צו די אייביגקייט, צום גאָר נישט.

„דינישקע, איך פאַרשטעה דעם טויט. איך פאַרשטעה די אייביגקייט. איך פאַרשטעה יעצט וואָס עס הייסט אייביגקייט. וואָס נעהענטער איך פיהל זיך צום טויט, אַלץ בעסער פאַרשטעה איך די אייביגקייט. זי איז מיט אונז, די אייביגקייט. און ווי אַ גרויסע מאַמע וואַכט זי איבער אונזערע קעפּ דורך די צייט פון אונזער קליינער הפסקה, פון אונזער לעבען. דינישקע, מיר לעבען נישט דאַמאָלס, ווען מיר לעבען. מיר האָבען נישט געננוג כּחות צו לעבען דאָס לעבען. מיר לעבען דאַמאָלס, ווען מיר לעבען נישט — ווען מיר טראַכטען דערפון. מיר לעבען אין בענקשאַפט נאָכ'ן לעבען. מיר לעבען אין די עראינערונג פון לעבען, אָבער ניט אין לעבען.

„דינישקע, איהר געדענקט ביינאַכט אויפ'ן טייך, אין שיפעל, ווען איהר האָט באַקראַנצט אייער קאָפּ מיט אַ קראַנץ פון ליליען און וואַסער־בלעטער. איהר האָט אויסגעזעהן ווי אַ באַשעפעניש ניט פון דער וועלט, נאָר ווי אַ געשטאַלט וואָס וואָלט ארויסגעקומען פון וואַסער, פון נאַכט און ליליען — די נאַכט האָט געזונגען דאַמאָלס, דינישקע. איך האָב זיך אומגעקוקט, און האָב ניט דערקענט די וועלט. איך האָב געמיינט אז מיר זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען

אין אַן אַנדער וועלט — און אַזוי זעה איך אייך, דינישקע. איך זעה אייך נישט, די דינישקע פון יעדען טאָג, פון לעבען, נאָר איך זעה אייך אַלס אַ ניט־ערדיש באַשעפעניש, וואָס זיצט אין די שטילע נעכט פון וואַסער און פון גרינס אַרום. און דעם געשטאַלט נעהם איך מיט מיר אין מיין לאַנגען וועג — און איך וועל אייך אייביג אַזוי זעהן. אַזוי זייט איהר, אַזוי איז די אייביגקייט. אין די שעהנע מאָמענטען אין אונזער לעבען זעהן מיר נישט די ווירקליכקייט, נאָר דעם אמת, דעם אייביגען אמת. דער אמת — דאָס איז די אייביגקייט. דאָס מאַכט מיך אַזוי גליקליך און אַזוי זיכער אין דעם מאָמענט. איך געה מיט פרייד דאָרט אַהין. ניין, דינישקע, דאָרט איז נים פינסטער און נישט טויט, און נישט אייביגע נישטיגקייט. ניין, דינישקע, דאָרט איז דער אמת, דער גרויסער ליכטיגער אמת, וואָס מיר דערזעהן זיינע שטראַהלען אין די שעהנסטע און די גרעסטע מאָמענטען פון אונזער לעבען. און איך האָב איהם דערזעהן, ווען איך האָב אין אייך דערקענט די דינישקע, די אמת'ע, די אייביגע דינישקע אין אַ קראַנץ פון ליליען און וואַסער־בלעטער, שיפענדיג זיך אין באַפּערלטען שטערען־ליכט, אין דעם סוד פון דער נאַכט.

„איך געה יעצט דאָרטען אַהין אין דעם אמת אריין, וואו איך וועל אייך טרעפען, דינישקע, אויפ'ן שיפעל, באַקראַנצט דעם קאָפּ. אָה, איך קום צו אייך, דינישקע, אַ שמוציגער און אַ באַליידיגטער. איך בין אונריין, דינישקע. מיין לייב האָט זיך אָנגעריהרט אָן אַ פרעמדען קערפּער. מיינע ליפּען זיינען קרעציג. אָ, רייניג מיך, שוועסטער, מיט דיינע קאַלטע פינגער. רייניג מיך, שוועסטער, שוועסטער, שוועסטער — — —".

דער אינגעל איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען פון טיש, געכאַפּט די באַשריבענע בויגענס פּאַפּיר, צוריסען, צוריבען און פאַרברענט זיי אין פייער פון אויוון.

אַ פּאָר מינוט האָט ער נאָך אַרומגעבלאָנקעט אין שטוב, ווי אַ שכור'ער, און געברומט פאַר זיך: „כח, כח, דינישקע, גיב מיר כח צו שטאַרבען, העלף מיר, העלף מיר..."

פּלוצלינג האָט זיך די לאָמפּ אויסגעלאָשען און אַלצדינג איז פאַרטריבען געוואָרען אין דעם אייביגען ים פון דער נאַכט...

אַלעס האָט געשוויגען.

# זיין האָב און גוטס

### א צייט בילד

אַז עס האָט זיך אויפגעעפענט די פאַבריק אין דעם דאָרף, האָט זיך דאָרט פלוצלונג דער איד בעוויזען.

ווען די ארבייטער, וואָס זיינען מעהרסטענס געווען אוים דער פרעמד, פון פוילען, זיינען אהיים געגאַנגען פאַרנאַכט פון דער ארביים, האָבען זיי אומגעריכט בעגעגענט אויפ'ן וועג א אידיש קרעמעל — אויסגעלעגט אויף אַ טישעל פערשיעדענע צוקער־ווארג, אַ באַלאָן סאָדאַ־וואסער און שטיקלאך שנים־קראם סחורה. דערביי איז געשטאַנען א אידעל, א הויכער און א מאגערער, מיט א שיטער בערדעל, גע־האַלטען אויף דער האנד אַ קינד און פריינדליך אנטקעגען געשמייכעלט די פוילישע ארבייטער אויף אַ צובראָכענעם פוילישען שפּראַך, אויס־געמישט מיט רוסישע ווערטער:

— פּראָשע, פּאַניע, רוזשנע טאָוואר!

אַז די גוים האָבען דערזעהן דאָס קרעמעל און דערהערט זייער שפּראַך, האָבען זיי זיך גאָר דערפרעהט און ארומגערינגעלט דאָס טישעל.

— פון וואנען האָסטו זיך גענומען? ווי קומסטו אהער? אפשר פון אונזערע געגענדען?

— איך וואהן דאָ אין דאָרף פון אויביג אָן, — האָט דער אידעל געגעבען אַנצוהערען אויף זיין רעכט — נאָך בעפאָר די פאַבריק האָט זיך געעפענט. דאָרט זעהסטו די „כאַלופּע“ — דאָרט האָבען מיינע על־

טערען געוואָהנט, אַז אַזוי געקלעפּיעט בידיי. אז עס איז ניט געווען פּאָר ווען מען האָט מען זיך ניט געוויזען. היינט, אז מענשען זיינען דאָ, ווייזט מען זיך אויך אויף דער ליכטיגער שיין. „לעבען און לעבען לאָזען“ — ווי דער דייטש זאָגט — לאַכט דער אידעל פריינדליך צו די קונים.

די גוים האָבען זיך אַפּילו אביסעל געוואונדערט — איידער די פאַבריק איז דאָ געעפענט געוואָרען איז דאָ געווען אַ מדבר. וואָס האָט דער איד געטהאָן אליין? נור עס איז זיי אַלץ איינס געווען. זיי האָבען זיך זעהר דערפרעהט אי מיט דעם אידען, אי מיט זיין קרעמעל, וואָס האָט פרעהליכער געמאַכט זייער אומעטיג דאָרפיש לעבען. האָבען אויסגעקויפט דאָס קרעמעל און געוואָרען בעשטענדיגע אָבנעהמער פון דעם אידעל.

אוןביידע צדדים זיינען צופריעדען געווען.

נור מיט דעם טאָג וואָס דער אידעל האָט זיך בעוויזען אויף דער ליכטיגער שיין פון דאָרף, האָט זיך אין די פּאָליציייאישע קאַנצעלאַריעס וואָס זיינען געווען פערשפּרייט אין די שטעדט ארום דעם דאָרף ביז צו דער גובערניע, אָנגעהויבען אַ גרויסע בעוועגונג. עס זיינען געפלויגען פּאַפּירען פון איין קאַנצעלאַריע צו דער צווייטער, אז אין דעם און אין דעם דאָרף האָט זיך אַ איד בעוויזען. און עס זיינען ווידער געגאַנגען פּאַפּירען פון גובערנאַטאָר צום אויעזדנעם נאַטשאַלניק, פון נאַטשאַלניק צום נאַדזיראַטעל, פון נאַדזיראַטעל צום סטראַזשניק, אז מען זאָל געהן אין דאָרף אריין און חוקר ודורש זיין אויב עס געפינט זיך טאַקע דאָרט דער איד, און מיט וואָס פאַר אַ רעכט געפינט ער זיך דאָרט.

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אז דער אידעל האָט זיך גוט צוגעגרייט צו די אַלע חקירות ודרישות. ער האָט געוויזען פּאַפּירען פון אַלטע קיסרים'ס צייטען, אז זיינע אָבות האָבען געוואָהנט דאָ אין דעם דאָרף, און ער זיצט שוין דאָ אין די מקומות צייט ער איז געבאָרען געוואָרען.

— אז עס איז דאָך גאָר צום ערשט קיין דאָרף ניט געווען, דאָס האָט דאָך ערשט דער פאַבריקאַנט געלאָזט אויסטריקענען אַ שטיק נאַס פעלד אין וואַלד און אויפגעשטעלט די הוטע — וואָס האָסטו געטהאָן אין אַ וויסטען וואַלד אריין? — פרעגט מען איהם.

— „באָגו מאָלילסיאַ“ — ענטפערט דער אידעל.

— און פון וואנען האָסטו געלעבט?

— דער רבותו של עולם פערלאָזט נישט — ענטפערט דער אידעל.

קיין ריכטיגער תירוץ איז עס נישט געווען, נור מיט אַ דריי־ רר־ בעלדיגען איז עס געווען אַ תירוץ אָבצושלעפּען זיך אַ שטיקעל צייט ביז די פּאַפּירען וועלען צוריקקומען פון דער גובערניע.

דערווייל איז אוים דעם טישעל סחורה געוואָרען אַ קרעמעל סחורה. די גוים האָבען בעדאַרפט דאָס קרעמעל, האָט זיך שוין געפונען איינער, וועמען דער אידעל האָט איבערגעגעבען צו האלטען דאָס קרעמעל אויף זיין נאָמען, און שוין נישט קיין קרעמעל אליין, נור אויך אַ שענקעל, וואו מען האָט זונטאָג געקראָגען אַ פלאַש ביער צו קויפען. ווארים צווי־ שען די גוים מיט דעם אידען האָט זיך פערבונדען אַן ענגע בעציהונג, ווי צווישען אַ קונה מיט אַ סוחר — זיי האָט פערבונדען איין געהיים „פערברעכען“ געגען דער רעגיערונג.

די ארביימער, וועלכע זיינען מעהרסטענס געווען פּוילישע קאַטאָלי־ קעס, האָט מען נישט ערלויבט אויף ליטווישע ערד אָבצוריכטען גאָטעס־ דיענסט לויט זייער נוסח, און אויף אַן אַנדערען נוסח האָבען זיי נייטיק געוואָלט. און וויפיעל זיי האָבען זיך נישט געסטאַרעט צו בעקומען ערלויבניש צו האָבען אַן אייגענע „קאַפּליצע“, איז דערפון גאָר נישט ארויסגעקומען. זיי האָבען זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון בעטען. נור איין מאָל אין אַ זונטאָג, ווען דער קאַטוילישער גלח איז אראָבגעקו־ מען פון דער נאָהנטער שטאָדט און אין געהיים, ביי אַ פּויער, זיי גע־ האלטען אַ מוסר־דרשה, האָבען זיך די פּויערים צוזאַמען און געזוכט מיטלען, ווי איינצואָרדנען זייער זונטאָג־געבעט. אַ טיכטיגען, ערנ־ סטען פּויער, וועלכער האָט נוט געלעבט מיט שמואל'ן, איז געקומען אויפ'ן זינען איינצואָרדנען זייער געבעט־הויז גאָר אין איד'ס קראָם. ערשטענס, וועט מען דעם איד נישט חושד זיין אין אַזעלכע זאַכען און עס וועט קיינעם נישט איינפאַלען ביי דעם אידען אין קראָם צו זוכען די קאַטוילישע „מאַטקאַ באָזקאַ“.

דער איד האָט לכתחילה דערויף נישט געוואָלט בעשטעהן, אָבער וואָס טהוט מען נית צוליעב קונים — האָט ער זיך געדונגען אַ בעזונ־ דערע שטוב צום וואָהנען. פאַר זיין גאָט איז ער געווען אין אָרדנונג — די קראָם איז דאָך אויף אַ גוי'ס נאָמען. און ווען דער איד איז דורכ־ געגאַנגען אין אַ וואָכען־טאָג אין זיין קראָם פאַר דעם קעסטעל, וואָס

עס איז געווען בעהאלטען דאס הייליגע בילד, און האט זיך דער־מאנט, אז ביי איהם אין דער קראם געפינט זיך דאס בילד, האט עס איהם געקרענקט, איז ער געווען אונרוהיג, געפיהלט זיך זינדיג און ניט געלאזט זיין קינד אין דער קראם קיין ברכה מאכען.

אזוי האט די קראם א גאנצע וואך געהאנדעלט און גע'שיכור'ט. אז עס איז געקומען זונטאג אין דער פריה, זיינען די גוים זיך צוזאמענגע־קומען אין דער קראם „שיכור'ן". די פאדלאגע האט מען אויסגעקעהרט. די פלעשלאך מיט בראנפען האט מען פערשטעלט, בעהאלטען אין שענ־קעל אריין, און אויף דעם ארט, וואו עס איז א גאנצע וואך די „קווארט" געהאנגען, האט מען דאס הייליגע בילד אויפגעהאנגען, א ליכטעל אנגעצונדען, און אן אלטער, פרומער גוי האט פאר גאט זייער געבעט אבגעריכט.

דער אידעל האט זיך פאר דער טהיר געשטעלט אבוואַרטען דעם איספראווניק. האט ער איהם פון דערווייטענס פאהרען געזעהן (ער איז תמיד געקומען אין דארף אריין זונטאג), איז ער אין דער קראם אריין און אנגעזאגט אז מען פאהרט, האט מען באלד דאס הייליגע בילד בעהאלטען אין שענקעל אריין, די פלעשער מיט די גלעזער ארויסגע־נומען און זיך אוועקגעזעצט, נאך מיט דעם ערנסט פון דאווענען, — „שיכור'ן".

פאר דעם, אז דער איספראווניק איז געקומען מאכען א רעוויזיע ביים אידעל, האבען די גוים בעהאלטען זיין „האב און גוטס" צווישען זיך און עס פערהוילען פון דעם איספראווניק'ס אויגען. זיין „האב און גוטס" איז בעשטאנען פון זיין קינד, א מיידעלע פון דריי יאהר, מיט א ציגע.

---

דער אידישער קרעמער, — איך וויים נישט אויב עס איז וואהר, וואס ער זאגט אז זיינע אבות־אבות האבען געלעבט אויפ'ן דארף, איידער דאס דארף איז נאך געווען דארף — נור דער אידישער קרע־מער האט דאך זעהר ליעב געהאט דאס שטיק פעלד, וואס איז געווען הינטער זיין קראם, און האט זיך זעהר צוגעבונדען צו דער ערד.

קיין ווייב האט ער נישט געהאט. אפשר האט ער געהאט אין דער שטאדט ערגעץ וואו — מיט קינדער, נור דא, אויפ'ן דארף, האט

ער געוואוינט מיט זיינס אַ קליין קינד, אַ מיידעל פון אַ יאָהר דריי, רחל'ע מיט איהר ציגע, וואָס איז געווען די גאַנצע שפּייזעריין פון דעם אידען מיט זיין קינד. קיין פלייש האָט ער ניט געגעסען וואָכען לאַנג, אַ הויז אַמאָל, וואָס ער איז געווען אין שטאָדט און געבראַכט זיך כשר פלייש אויף אַ שבת. האָט די ציגע געמוזט איהם בעזאָרגען מיט מילך און דאָס גערטענדעל פאַר דער מהיר — מיט קאַרטאָפּעל און רעטעכער.

און איז ער אַרום פאַר דער מהיר און דערזעהן זיין רחל'ען, ווי זי שפּיעלט זיך מיט דער ציגע אויף דעם גרויסען שטיק לאַנקע הינטער'ן קרעמעל, האָט איהם דאָס האַרץ געקוואָלען פאַר נחת: זייט, זיין קינד און זיין ציגע האָבען אַזאַ שטיק פעלד און קענען זיך וואַלגערען און שפּיעלען זיך אויפ'ן פרייען פעלד וויפיעל זייער האַרץ געלוסט.

פריהלינג האָט ער געלאָזט זיין שטיקעל גאָרטען בעאַרבייטען מיט אַלע פּו'ערים צוגלייך, געגאַנגען יעדען פריה-מאָרגען זעהן אויב עס וואַקסט שוין, און אַז אין די ערשטע פאַר וואָכען האָט זיך נישט אַרויסגעוויזען פון דער ערד קיין גרינס, האָט ער געפרעגט יעדען פּויער, וואָס איז אַריינגעקומען צו איהם:

— פאַר וואָס וואַקסט נאָך נישט מיין גאָרטען?

— נאָך נישט צייט — ענטפערט דער פּויער.

— מען זעהט דאָך נאָך גאָרנישט אָן — וואונדערט זיך דער איד.

— אַז עס וועט קומען די צייט, וועסטו אָנזעהן.

און אַז עס איז טאַקע געקומען די צייט, און דער גאָרטען האָט אַרויסגעגעבען זיינע רעטעכער און דער איד איז יעדען טאָג מיט אַ מעסער געגאַנגען שניידען אין גאָרטען דאָס גרינס, האָט איהם טאַקע דאָס האַרץ געוואַקסען פאַר נחת. „טאַקע אַ גאַנץ אַנדערע זאַך — מענה'ט ער אַמאָל אין שטאָדט — ווען דו זעהסט די רעטעכער ליגען אין אַ הויפען אין מאַרק און דו קויפסט דיר פון דער קופּע, אדער דו געהסט אַליין אין דיין גאָרטען אַריין מיט אַ מעסער אין דער האַנד און שניידסט דיך דיין רעטעכער אָב. היינט שניידסטו, מאַרגען וואַקסט דיר אַ פרישער". אַ, האָט ער געפיהלט דעם טעם פון די ווערטער: איש תחת גפנו ותחת תאנתו — אונטער זיין ווייגשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים....

און אַלע מאָל, אַז ער האָט זיך דערמאָנט זומער די שטאָדט, וואו אידען וואהנען אין די הויפען צו אַ פּאָר משפּחות אין אַ קעלער און אַלע קינדערלאַך פון אַלע משפּחות אין איין לאָך, — און זיין רחל'ע איז דאָ מיט דער ציעג אויפ'ן פעלד, האָט ער גאָט געדאַנקט פון גאַנצען הארצען פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטהאָן מיט איהם.

---

דעם איד'ס פּאַפּירען האָבען ווייט אָנגעריכט, אַז קיין פּעטער־בורג, נור דער איד האָט נישט געשוויגען. אין פּעטערבורג האָט ער אויך זיין צד געהאָט.

עס האָט זיך געראָכט, ווי דער איד וואָלט זיך אָנגעכאַפּט מיט די פּויסטען אין דעם גערטענדעל, אין דער שטיק לאָנקע און וויל בשום אופן דערפון נישט אַראָב.

אַז ער האָט געהערט: פּעטערבורג — פּוילט זיך נישט דער איד, לאָזט איבער די קראַם ביי אַ בעקאַנטען גוי, קינד און ציעג ביי אַ בע־קאַנטע גוי'ע, און דער איד „האָט זיין לעבען איינגעשטעלט". געלאָזט זיך נאָך פּעטערבורג.

צום ערשט איז ער אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. פון דאָרט האָט מען איהם געוויזען דעם וועג, דערציעהלט וועגען אונזערע דערפּו־טאַטען, וואָס מיר האָבען אין פּעטערבורג, נור עס האָט זיך אַרויסגעווי־זען, אַז דער איד האָט גאָר אַ משפּחה אין פּעטערבורג, עפּעס אַ איד, וואָס איז גאָר אַ גאַנצער „קרוב למלכות" — ביים טהעאַטער דאָרט.

דער איד „האָט זיך דאָס לעבען איינגעשטעלט". דאָס גערטענ־דעל און דאָס קינד מיט דער ציעג אויף דעם שטיק לאָנקע איז איהם פאַר די אויגען געשטאַנען, און דאָס האָט איהם געגעבען מוטה צו גע־פינען דעם וועג קיין פּעטערבורג. אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען האָט איהם זיין קרוב, וואָס איז געווען אַ טהעאַטער־רעצענזענט אין אַ רו־סישער צייטונג, געפונען פאַר זיין טהיר האָפּערען זיך מיט'ן שוויי־צאַר, וואָס האָט איהם נישט געוואָלט אַריינלאָזען.

דער טהעאַטער־רעצענזענט האָט געהאַט אַ בעקאַנטע שוישפּיעלע־רין, די שוישפּיעלערין האָט געהאַט אַ געליעבטען, דער געליעבטער פון דער שוישפּיעלערין האָט געהאַט אַ פריינד, אַ טשינאָווניק, וועם האָט

נעארבייט אין מיניסטעריום, וואו דעם איד'ס פאפירען האבען זיין־ געפונען.

און דאס אידעל האט אלעם דורכגעזעצט. ער האט געבעטען דעם רעצענזענט, זיין קרוב, דער רעצענזענט האט געבעטען די שויש־ פיעלערין, די שוישפיעלערין — איהר געליעבטען, דער געליעבטער — זיין פריינד, און דער פריינד — זיין נאטשאלסטווא, — און דאס אידעל האט ארויסגעקראגען א גוטען אנטווארט און געקענט רוהיג אהיים פאהרען און דערצעהלט די גוים מיט דעם פריסטאוו פון פעטערבורג.

און פון פעטערבורג איז טאקע אנגעקומען אן ענטפער, אז דעם אידען ערלויבט מען צו בלייבען אין דארף, נור זיין „האב און גוטס" טאר ער נישט האבען אויפ'ן דארף.

מען האט אנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, וואס איז דעם איד'ס "האב און גוטס". דאס געוועלב מיט די סחורה זיינען געווען פער־ שריבען אויף א גוי'ס נאמען; עס איז נור איבערגעבליבען דאס קינד און די ציעג, וואס מוזען דעם דארף פערלאזען.

דער איד איז ערשטוינט געבליבען: ווי הייסט, וואו וועלען זיי זיך אהינטהאן?

א געוויסע צייט האבען נאך די גוים זיי בעהאלטען צווישען זיך. אמאל, אין א זומער פאר־נאכט, איז אנגעקומען דער פריסטאוו מיט סטראזשניקעס רייניגען דעם דארף. די פאפירען זיינען אנגעקומען פון פעטערבורג, און דער גובערנאטאר האט צוגעשיקט דורכאויס אויס־ צופיהרען דעם אוקאז. דאס קינד מיט דער ציעג זיינען פונקט נים געווען אין דער היים — דעם איד'ס קינד האט זיך געשפיעלט מיט אנדערע קינדער פון דארף, און דעם איד'ס ציעג האט זיך געפאשעט מיט אנדערע ציעגען אין דארף. די סטראזשניקעס האבען אויסגעזוכט צווישען די קינדער דעם איד'ס קינד, זיי האבען עס באלד דערקענט אן די שווארצע הערעלאך מיט די שווארצע אויגען צווישען די בלאנדע קינדער, און די ציעג האבען זיי דערקענט, ווארים זי איז אליין נאכגע־ לאפען דעם אידישען קינד.

עס איז שוין געווען שפעטליך, פארנאכט, די זון האט זיך שוין געזעצט רויט הינטער דעם גרינעם טונקעלען וואלד — אבער לאזען איבערנעכטיגען דאס „האב און גוטס" פון אידען אין דארף האבען זיי נישט געקענט, ווייל אין דעם פריקאז איז געווען „דורך צוויי שטונדען".

און די צוויי שטונדען האבען זיך שוין לאנג געענדיגט. האבען זיי־ז'עם קינד געגעבען א צווייגעל אין האנד אריין, אז זי זאל געהן אויס דעם דארף און ארויסטרייבען די ציעג.

די גוים זיינען ארוים פון די הייזער מיט די ווייבער און קינדער, געקוקט אויף דאס בילד, ווי א פריסטאוו מיט פיער סטראזשניקעס טרייבען א קינד מיט א ציעג אויס דעם דארף, געבראכען זיך די הענד און נישט פערשטאנען פאר וואס. צי זיינען דאס כשוף־מאכערם, מכשפים? — האט איין פרוי געפרעגט די צווייטע.

און די זון האט זיך געזעצט רויט הינטער דעם טונקעלען וואלד. און דער איספראווניק, וואס איז געווען א געזונטער מענש, איז נאכ־געגאנגען די ארויסגעטריבענע און אליין געזעגנט צו זיך:

— קאקאיאי עטא טשעפוכא!

---

דער איד האט אבער זיין דעם דארף אהן זיין „האב און גוטס" נישט געקענט בלייבען. וואס קומט איהם ארוים פון שטיק לאנקע הינ־טער דער קראם, פון דעם ליכטיגען הימעל, אז זיין רחל'ע שפיעלט זיך נישט, און זיין ציעג פאשעט זיך נישט. דער גארטען פאר דער טהיר איז איהם אויך שוין מעהר נישט גע_עלען, און עס איז איהם שוין נישט געווען קיין אונטערשיעד: א רעטעך וואס מען שניידט זיך אליין אב פון גארטען, אדער וואס מען קויפט אין מארק, פון הויפען... ער האט באלד דאס קרעמעל פערמאכט און איז אין שטאדט אריין.

אין שטאדט האט ער אבער זומער שוין נישט געקענט זיין. דאס שטיק פעלד הינטער דער קראם און דאס גערטענדעל פאר דער טהיר האט איהם פער'סמ'ט. און זעהענדיג ווי זיין רחל'ע שפיעלט זיך צווי־שען די קינדער אין דעם שמוציגען הויף, ביים מיסט־קאסטען, איז איהם דאס הארץ צוגאסען געווארען. ער איז באלד פון שטאדט פערשוואונ־דען מיט דער מיידעלע, וואוהין - - ווייס איך נישט.

די ציעג האט זיך נאך א שטיק צייט אין דער שטאדט ארומגע־דרעהט, צום שפאט פון ד' גאסען־יונגען, און ניט געוואוסט פאר וואס מען האט זי פון דער לאנקע פערטריבען.

---

און דער זונטאגדינגער גאָטעס־דיענסט ?

ניין, פון דענסטמאָל אָן, צייט מען האָט דעם אידען פון דארף ארויסגעטריבען, זיינען די פויערים אנשטענדיגע מענשען געוואָרען. זיי טהוען קיין פערברעכען געגען דער רעגיערונג נישט. און זונטאג בעטען זיי שוין נישט מעהר צו זייער קאטוילישען גאט, נור שיכור'ן א גאנצען טאָג.

# מגילת מאָסקווער שוהל

(אַ בלעטעל אידישע געשיכטע פון רוסלאַנד)

עס איז געווען אין די צייטען פון אלעקסאַנדער דעם צווייטען. האָבען די מאָסקווער אידען אונטערגענומען צו בויען אַ גרויסע שוהל. מאָסקווע האָט ביז דאַן ניט געהאַט קיין שוהל. עס זיינען געווען פאַרשיעדענע קליינע חברות, חסידים־שטיבלעך, שוהלכעלעך, אָבער אַ גרויסע שטאָדט־שוהל איז אין מאָסקווע ניט געווען, ווייל די צאַרען האָבען ניט געגעבען קיין ערלויבנים. איך וויים ניט, אויב די אידען האָבען ווען געהאַט ערלויבנים צו בויען אַ שוהל, נור אַזוי ווי די צייטען פון אלעקסאַנדער דעם צווייטען זיינען געווען פאַר אידען גרינגערע און מ׳האָט זיי אַזוי פיעל ניט געפייניגט און די אידישע קהלה אין מאָסקווע איז ברחבה געוואַקסען, האָבען די אידען גע׳פועל׳ט ביי דער ממשלה און זיי האָבען געקראָגען ערלויבנים צו בויען די שוהל. אייניגע יאָהר האָבען זיי געבויט די שוהל. זיי האָבען אַראָפּגעבראַכט גרויסע מייסטער און אויפגעבויט אַ גרויס און שעהן אידיש בנין אין מאָרישען סטיל, מיט אַ סך פּראַכט און גלאַנץ אינוועניג און אויסווענינ. די מאָסקווער אידען זיינען געווען זעהר רייך, האָבען זיי געגעבען אויף דער שוהל מיט אַ ברייטער האַנד, ווייל זיי האָבען געוואָלט אַז זייער שוהל, די מאָסקווער אידישע שוהל, וואָס זיי האָבען די זכיה געהאַט די ערשטע צו בויען, זאָל קלינגען מיט איהר רייכקייט איבער׳ן גאַנצען ווייטען לאַנד.

דערווייל איז געשטאָרבען צאַר אלעקסאַנדער דער צווייטער, דער גוטער, און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער צאַר, אלעקסאַנדער דער דריטער, דער שלעכטער. האָט ער באַשטימט אַ שר איבער מאָסקווע זיין ברודער סערגעי, וואָס איז געווען אַ גרויסער רשע, ווי ער, און נאָך אַ פיעל גרעסערער. סערגעי האָט פיינט געהאַט די אידען און איז

געווען זייער ביטערסטער שונא. און עס איז געווען, ווען דער שר־סערגעי, דעם צאַר׳ס ברודער איז געקומען קיין מאָסקווע הערשען איבער איהר, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בײַ די טויערען פון מאָסק־ווע, און האָט געזאָגט: „מיין פוס וועט ניט אַריבערטרעטען די שוועל פון מאָסקווע כל זמן עס וועט זיך געפינען אין איהר פון די זרע היהודים״.

אזוי האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל און מען האָט אַלע אידען אַרויסגעטריבען פון מאָסקווע אין פערלויף פון דריי מעת־לעת. זיי, זייערע ווייבער און קינדער מיט דעם גאַנצען פאַרמעגען, וואָס זיי האָבען געהאַט. דאָס, וואָס די אידען האָבען געקענט מיטנעהמען מיט זיך, האָבען זיי מיטגענומען און דאָס איבעריגע, מעבעל און הויז־ליכע זאַכען, האָבען זיי אַליין מיט זייערע אייגענע הענד צושטערט. זיי האָבען עס ניט געוואָלט פערקויפען די גוים, כדי זייער פאַרמעגען זאָל ניט אָנקומען פאַר גראָשענס אין גוי׳אישע הענד, וואָרום די גוים האָבען געוואוסט, אַז די אידען מוזען פאַרלאָזען די שטאָדט, האָבען זיי פאַר אידיש גוטס אָנגעבאָטען שפּאָטיגע פרייזען. און די גאַנצע גרויסע מאָסקווער קהלה איז צושטערט געוואָרען און עס זיינען נור איבערגעבליבען אין שטאָדט די פון די אידען, וואָס זיינען געווען זעהר רייך און גרויסע סוחרים, וואָס אָהן זיי וואָלט די מדינה געווען געליטען, און די, וועלכע האָבען אַמאָל געדיענט ביי ניקאָלאַי דעם ערשטען פינף און צוואַנציג יאָהר.

די איבערגעבליבענע אידען אין מאָסקווע האָבען אָבער ווייטער אויפגעהאַלטען די מאָסקווער שוהל. דער גרויס־פירסט סערגעי האָט זיי גאָר נישט געזאָגט. ער האָט זיי געלאָזט בויען די שוהל און גע־מאַכט זיך ווי ער זעהט גאָר ניט און ווייסט ניט דערפון.

עס איז געקומען די צייט, אַז די שוהל איז פאַרטיג געוואָרען, האָ־בען זי די אידען מחנך געווען מיט זעהר פיעל פרייד אויסגעמישט מיט אַ סך טרעהרען. זיי האָבען געוויינט אויף זייערע ברידער, וואָס זיי האָבען זיי געהאָלפען בויען די שוהל. זיי זיינען געווען ביי׳ם לייגען דעם שטיין פון דער שוהל און זיינען ניטאָ מעהר ביי דעם חנוך פון דער שוהל. איז האָבען זיך געפרעהט וואָס גאָט האָט זיי דאָך מזכה געווען צו בויען אַ שוהל אין פיין און לייד אין די אויגען פון זייערע שונאים. און ווי עס איז דער מנהג פון אידען ביי מחנך זיי אַ

שוהל פון פּאַרצייטענס אָן, אַזוי האָט מען געשטעלט אַ חופּה און אַרונ־טערגעפיהרט אונטער די חופה אַ חתן מיט אַ כלה, וואָס האָבען דעם טאָג חתונה געהאַט. און עס איז געווען בעת דער חתן מיט דער כלה זיינען געשטאַנען אונטער דער חופה אויפ׳ן בעלעמער פון דער שוהל, אַזוי האָבען זעהר פיעל חיל אַרומגערינגעלט די שוהל, און פּאָליציי איז אַריינגעקומען און האָט געפּרעגט אויף אָן ערלויבנים אויף דער שוהל. אַזוי האָט דער אַלטער רב אַרויסגענומען דאָס כתב, וואָס ער האָט געהאַט פון פריהערדיגען שר פון מאָסקווע אויף בויען אַ שוהל און דאָס געוויזען דעם עלטסטען. אַזוי איז דער לעצטער געגאַנגען און גענומען און האָט צוריסען און אַזוי געזאָגט:

„דער געוועזענער שר האָט עס אייך ערלויבט, דער היינטיגער שר פאַרווערט עס אייך״, און אַרויסגעטריבען די אידען פון דער שוהל, און דעם חתן מיט דער כלה האָבען זיי פאַרטריבען פון אונטער דער חופה בעפאָר די קדושין, און עס האָט ניט מעהר מקדש געווען דער חתן די כלה און זיי זיינען געבליבען אונפערהייראַט אַ לאַנגע צייט, ביז זיי זיינען געוואָרען אַלטע לייט. די שוהל האָט מען פאַרמאַכט און פאַר׳חתמ׳עט פאַר אידען אויף אייביג.

איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט און די שוהל איז געשטאַנען לעער. קיינער האָט אין איהר ניט געדאַווענט, און די ספרי תורות פון ארון קודש האָט קיינער ניט אַרויסגעגעבען צו לייענען. אַזוי האָט עס די אידען זעהר וועה געטהאָן, וואָס גאָט׳ס הויז שטעהט פאַרלאָזען און די פויגעל פון דער גאַס האָבען געמאַכט זייערע נעסטען אין די באַלקענס פון דער שוהל. אַזוי האָבען די אידען געקלערט עצות, און געטראַכט זיך, אַז זיי וועלען מאַכען פון דער שוהל אַ בית־המדרש פאַר קינדער, וואו זיי זאָלען לערנען די קינדער גאָט בעטען און בעלי מלאכות ווערען. אַזוי וועלען כאָטש די ווענט הערען דעם א״ב פון דעם מויל פון די קליינע קינדער, און אפשר וועט מען קענען אַמאָל אין איינעם מיט די קינדער ראש השנה און יום כפור דאַווענען און די ספרי תורה, וואָס שטעהן פאַרשעהמט אין ארון קודש, אַרויסנעה־מען און לייענען.

אַזוי האָבען זיך די רייכע אידען אין מאָסקווע צונויפגענומען, האַרץ געמאַכט זיך און זיי זיינען אַוועק מיט דעם אַלטען מאָסקווער רב אָן דער שפּיץ צום גענעראַל־גובערנאַטאָר סערגעי, בעטען פון

איהם ער זאָל געבען די ערלויבנים צו פארוואנדלען די שוהל אין א חדר, און די כתבים מיט די פלענער ווי צו פארענדערען דעם בנין פון דער שוהל האָבען זיי געהאלטען אין זייערע הענט, און זיי האָבען זיך געשטעלט פאר דעם שר.

און עס איז געווען, ווען דער רשע סערגעי איז געזעסען אויף זיין שטוהל און האָט אויסגעהערט די אידענס בקשה, אזוי האָט ער זיך געהייסען געבען די פאפירען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנ־געצייכענט די פלענער, וואָס די בויערס האָבען אויסגעריסעוועט צו פארענדערען די שוהל אין א קינדער־בית־המדרש. און ער האָט גע־פרעגט דעם אלטען רב: „אויף וועלכען אָרט שטעהט דער ארון קודש, אין וועלכען איהר האָט שטעהן די ספרים?“ אזוי האָט איהם דער רב געוויזען דאָס אָרט פון אָרון קודש אויפ׳ן פאפיר.

אזוי האָט דער רשע מיט זיינע הענט אויסגעמעקט דאָס ארון הקודש און ער האָט אויף דעם פלאץ אָנגעצייכענט א פלאץ, וואו דער מענש טהוט באפרידיגען זיינע נאטירליכע באדערפענישען, און ער האָט דאָס פאפיער מיט׳ן פלאן צוריקגעגעבען דעם רב און גע־זאָגט: „דאָ אויף דעם אָרט פון ארון קודש זאָלט איהר אוועקשטעלען אָט דאָס“ — און ער האָט זיי צוריקגעגעבען דאָס פאפיער, מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעצייכענט.

אז דער אלטער רב און די אידען פון מאָסקווע האָבען געזעהן, ווי דער רשע באליידיגט אזוי חוצפה׳דיג זייער הייליגקייט, אזוי זיי־נען זיי זעהר בלייך געוואָרען און האָבען פאר וועהטאָג קיין וואָרט ניט געקענט אויסרעדען.

„נור מיט דעם תנאי וועל איך ערלויבען צו עפענען די שוה־ פאר א קינדער־חדר. באשטעהט איהר דארויף?“ — האָט דער רשע געפרעגט די אידען. און די אידען האָבען איהם גאָר ניט אָבגעענט־פערט, ווייל זייערע ליפען זיינען געווען פערשלאָסען מיט וועהטאָג און מיט שאנד.

„אויב איהר ווילט ניט אזוי, פערקויפט מיר בעסער די שוהל“— האָט דער שר געזאָגט צו זיי.

„וואָס וועסטו טהאָן מיט דער שוהל?“ — האָט דער רב גע־פרעגט דעם שר.

„איך וועל מאכען אוים אייער שוהל אן אמת׳ע גאָט׳ס הויז,

ניט ווי אייערס. איך וועל זי פּאַרוואַנדלען אין אַ צערקווע פאַר אונ־זער היילינגען פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען".

„היילינגע זאַכען מעגען מיר ערהויבען, אָבער ניט ערנידעריי־נען" — האָט דער רב אָפּגעענטפערט דעם רשע.

ווי סערגעי האָט דערהערט דעם רב'ס ווערטער, אזוי האָט זיך אין איהם זיין רציחה צוברענט, ווי אַ שלעכט פייער און ער האָט געזאָגט: „אַזוי, האַלטסטו אונזער צערקווע נידעריגער פאַר דיין שוהל?" און ער האָט אויפגעהויבען זיין האַנט און געשלאָגען דעם אַל־טען רב און פאַרטריבען די אידען פון זיין פּנים.

איז אַ שלעכטע צייט אָנגעקומען אויף די אידען אין מאָסקווע. דער רשע האָט געענגט די אידען זעהר שטאַרק, און זיי האָבען גע־שריען צו גאָט אונטער די פייערדיגע צוואַנג, מיט וועלכע ער האָט זיי געדריקט. ער האָט אַרויסגעשיקט פּאָליציי און זיי האָבען פאַר־מאַכט אַלע חברות און חסידים־שטיבלעך און אַלע ערטער, וואו אידען זיינען זיך צונויפגעקומען שבת און יום טוב גאָט בעטען. און עס זיינען נאָר איבערגעבליבען צוויי קליינע חברות, וואָס זיי האָבען געהאַט אַ רשות נאָט צו בעטען פון אַלטע צייטען. און דער רשע האָט זיי ניט געקענט פערמאַכען. אזוי האָט ער געהייסען זיי אויסמעסטען אין דער לענג און אין דער ברייט און באַפוילען נאָר אזוי פיעל און אזוי פיעל איילען מעג דער פּלאַץ פאַרנעהמען פון דער חברה־שטיבעל, אין וועלכען זיי מעגען גאָט בעטען. „מעהר טאָרט איהר ניט פאַר־נעהמען".

אָבער די אידען אין מאָסקווע האָבען זיך ניט געקענט צונויפ־קומען אין די צוויי קליינע חברה'לעך. עס איז געקומען אַ שבת, אַ יום טוב, אַזוי זיינען די שטיבלעך זעהר ענג געווען, ווייל די קהלה פון מאָסקווע איז געווען נאָך דעם אפילו ווי מען האָט אידען אַרויס־געטריבען אַ גרויסע, און אידען האָבען ניט געהאַט וואו זיך צוזאַמענ־צוקומען און גאָט צו בעטען. און אַז עס זיינען געקומען ראש השנה און יום כפור, אזוי איז די פּאָליציי אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ מאָס־קווע און געזוכט די ערטער וואו אידען בעטען גאָט, און פאַרטריבען זיי פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען מיט די ספרי תורות אין די הענד. אין די חברות, וואו אידען האָבען יאָ געהאַט רשות צו דאַוונען, זיי־נען די סטראַזשניקעס געקומען אין יום כפור, ווען דער חזן איז גע־

שטאַנען פאַר׳ן עמוד און אָבגעמאָסטען דעם אָרט אונטער זייערע פיס אויב ער האַלט ריכטיג די מאָס איילען אין דער ברייט און אין דער לענג, וויפיעל זיי האָבען רשות. און אז די סטראַזשניקעס האָבען גע־פונען, אז דאָס אָרט פון דער חברה איז ברייטער מיט איין אייל אָדער צוויי, וואָס דער גערדענג פון די אידען האָט די דינע ווענטלעך אריינגערוקט, אזוי האָבען זיי געהייסען נעהמען ברעטער און פאַר־קלאַפּען דעם רוים פון דעם איבעריגען אייל אָדער צוויי, כדי די חברה זאָל פּונקט פארנעהמען נאָר די מאָס פון די איילען, אויף וויפיעל זי האָט רשות. אזוי איז געצעהלט געוואָרען די טריט פון זייערע פיס, און דער רוים איבער זייער קאָפּ איז געמאָסטען געוואָרען און עס איז געוואויגען געוואָרען די לופט, מיט וועלכע זיי לעבען.

און דער שר סערגעי הרשע האָט געשיקט שלוחים צו די אידען:
„פארקויפט די שוהל און איך וועל אייך געלד געבען און איך וועל פארבערייטערען די ערטער, וואו איהר זאָלט קענען אייער גאָט בעטען". און זייער איינציגער אנטוואָרט איז שטענדיג געווען:
„היילינע זאַכען מעגען מיר ערהויבען, אָבער ניט ערנידריגען!"
אזוי האָט דער סערגעי הרשע געפייניגט די אידען אין מאָסקווע פינף און צוואנציג יאָהר. ער האָט געמאָסטען דעם רוים פון אונטער זייערע פיס, אזוי ווייט און אזוי ווייט מעגט איהר געהן. ער האָט געצעהלט די קעפּ פון זייערע קינדער, און געזאָגט: „אזוי פיעל און אזוי פיעל מעגט איהר נאָר האָבען מיט זיך — די איבריגע זאָלט איהר ארויסשיקען".

אָבער די שוהל, די מאָסקווער שוהל איז געשטאַנען. ער האָט זי ניט געקענט קריגען פון די אידען, באין אופן ניט.

און גאָט האָט נקמה געטהאָן אָן דעם רשע סערגעי. מיט דעם מארך פון זיינע געהירן זיינען בעשפּריצט געוואָרען די ווענט פון קרעמעל, און די הינט האָבען געלעקט זיין בלוט פון די שטיינער פון די מאָסקווער גאַסען. אזוי האָבען די אידען געקלעהרט וועגען דער מאָסקווער שוהל און זיך געטראַכט: „יעצט, אז גאָט האָט פארטיליגט דעם רשע, אז עס איז קיין שריד ופליט ניט געבליבען פון איהם, איז גע־קומען די צייט, אז גאָט׳ס הויז זאָל צוריק אויפגעעפענט ווערען, און די פארשעהמטע ספרי תורות וואָס רוהען פארחתמ׳עט אין ארון קודש. זאָלען ארויסגענומען און געלייענט ווערען".

אזוי האָט דער קלוגער דר. מאַזעה, דער מאָסקווער רב, געטראַכט אַן עצה און איז אוועק צום עלטסטען פון דער פּאָליציי, צו דעם צורר היהודים דורנאָוואָ, וואָס איז געווען אַ שרעק פאַר אַלע וואָס האָבען געהערט פון איהם, און איז מושוה געוואָרען מיט איהם פאַר אַ גרויסע סומע געלד, אַז ער זאָל אונטערלייגען אַ פּאַפּיר פאַר'ן צאַר ניקאָליי דעם צווייטען מיט אַנדערע פּאַפּירען אונטערצושרייבען, אויף וועלכען עס זאָל שטעהן אָנגעשריבען דער רשות פאַר אידען צוריק צו עפענען די מאָסקווער שוהל. און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ביי דורנאָוואָ קען ער אַלץ פועל'ען פאַר געלד, אַזוי האָט ער ניט מורא געהאַט איהם די זאַך פאַרצולייגען.

דורנאָוואָ האָט געטהאָן ווי דער רב איז מיט איהם מושוה געוואָרען און צווישען די פּאַפּירען וואָס ער האָט פאָרגעלייגט דעם צאַר אונטערצושרייבען, צווישען די טויט אורטהיילען איז אויך געווען אַ פּאַפּיר צוריק אויפצועפענען די מאָסקווער שוהל — אפשר דער איינ־ציגער גערעכטער באַפעהל, וואָס צאַר ניקאָליי האָט אונטער געשריבען אין זיין גאַנצען לעבען, און דאָס איז באַוואוסט, אַז דורנאָוואָ'ס פּאַפּירען האָט קיין מיניסטער פריהער ניט איבערגעקוקט און דער צאַר האָט זיך פאַרלאָזט אויף איהם און ער האָט אונטערגעשריבען זיינע פּאַפּירען ניט געלעזענערהייט.

אַז דעם צאַר'ס בעפעהל איז בעקאַנט געוואָרען אין מאָסקווע, און די אידען האָבען זיך גענומען צוריק אויפצועפענען די שוהל מיט גרויס פרייד און נצחון, איז דערפון געוואָהר געוואָרען סערגעי'ס וויב, איז זי אוועק קיין מאָסקווע צו דעם צאַר'ס מוטער וואָס איז איהר שוועסטער, און זיי זיינען ביידע געגאַנגען צום צאַר און האָבען אָנ־געהויבען צו וויינען און צו שרייען אויף איהם, איבערהויפּט זיין מו־מער, די אַלטע צאַרין, און זי האָט איהם געזאָגט: „אַ בעפעהל וואָס דיין פאָטער, דער געשטאָרבענער צאַר, האָט ארויסגעגעבען און דיין פעטער האָט איהם אָפּגעהיט, האָסטו געהייסען צוריקרופען? וואָס האָבען דיר די אידען בעצאָהלט דערפאַר?"

אזוי איז דער צאַר זעהר דערשראָקען געוואָרען און ער האָט געשיקט זיינע שרים און מיניסטאָרען, אַז זיי זאָלען רעדען מיט די אידען, אַז זיי זאָלען צוריק ארויסגעבען דאָס פּאַפּיר פון צאַר, דער־פאַר וועט זיי דער צאַר טובות טהאָן. אָבער די אידען האָבען ניט

געוואָלט הערען דערפון. זיי האָבען געענטפּערט, אז איינמאָל איז דעם צאר'ס בעפעהל אונטערגעשריבען מיט זיין אייגענער האנד, קען מען עס מעהר ניט צוריקרופען. און עס איז ניט דער מנהג פון אידען, אז זיי זאָלען פארטווישען א שוהל אויף טובות, ווייל „היילינע זאכען מעג מען ערהויבען, אָבער ניט ערנידריגען"...

און די שרים מיט די מיניסטאָרען האָבען גאָר ניט געקענט מאַ־כען, ווייל דער צאר האָט אונטערגעשריבען מיט זיין אייגענער האנד און דער בעפעהל איז שוין בעקאַנט געוואָרען איבער'ן גאנצען לאַנד און עס האָט ניט געפּאַסט צוריקצורופען.

אַזוי האָבען די אידען בענייעט די שוהל מיט גרויס שמחה. און עס איז געווען אין אָבענד פון דער חנוכת הבית, ווען די לייכטער האָבען געברענט און דער ארון הקודש איז אָפען געווען און מען איז נעגאַנגען הקפות מיט גרויס געזאַנג און פרייד, אַזוי זיינען אריינגע־קומען אַן אַלטע פּאָר פאָלק, א מאַן מיט א ווייב,ביידע זיינען געווען גרויע, און זיינען געווען איינגעבויגען פון אַלטקייט — און זיי האָבען געזאָגט: „שטעלט א חופה אויפ'ן בעלעמער און זייט אונז מקדש כדת משה וישראל". האָט מען זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען? האָבען זיי געזאָגט: „מיר זיינען די חתן־כלה, וואָס מען האָט אונז פארטריבען פון אונטער דער חופה, ווען די שונאים האָבען די שוהל פארמאַכט. מיר האָבען ניט חתונה געהאַט, מיר האָבען געוואַרט אַזאַ לאַנגע צייט אויף אונזער חופה אין דער שוהל". אַזוי האָבען זיי די אַלטע לייט דערקענט, און עס איז געוואָרען דאָרט א גרויס געוויין פאַר גליק, און זיי האָבען דאָרט א חופה געשטעלט אויפ'ן בעלעמער און דעם חתן מיט דער כלה אונטער דער חופה ארונטערגעפיהרט, און די אַלטע לייט האָבען די חופה שטאַנגען געהאַלטען, און אַן אַלטער איד האָט זיי מסדר קדושין געווען, און זיי זיינען געוואָרען מאַן און ווייב נאָך פינף און צוואַנציג יאָהר.

# אינהאַלט:

## דאָס בוך פון צער


זייט

דער אידישער סאלדאט — 5

יעדער איינער מיט וואס ער קען — 51

א הינטישע נשמה — 68

דער פויער און די ערד — 75


## חורבן פוילען


1) קינדער מאכען פיף פאף — 83

2) דאס לעצטע דאוונען — 90

3) דער ווייסער רב — 97

4) שבת אין פעלד — 102

5) ער קומט — 107

6) ווארשוי — 116

7) אידען דענקען — 123

8) שטילע העלדען — 129

9) די מוטער פון מיליאנערען — 134

10) א בריעף קיין אמעריקא — 139

11) צוריסענע משפחות — 146

12) דאס געזאנג פון הונגער — 158


## צער בלעטלעך


אין א קארנאוואל נאכט — 166

אין דער פרעמד — 178

א הלל — 186

א צואה — 192

אין שלעכטע צייטען — 196

קאנסטיטוציע — 202

א פרעמדער קלימאט — 204

דער ציוניסט — 224

די אקאדעמיע — 232

אין דער אלטער היים — 238

זיין האב און גוטס — 285

מגילת מאסקווער שוהל — 294